STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10334

# SHTERN FARTOG

Zalman Shazar

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זלמן שור

# שטערן פֿאַרטאָג

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

# 88

רעדאקטאָר:

**מארק טורקאָוו**

פארלאגס-לייטער:

**אברהם מיטלבערג**

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

זלמן שזר

# שטערן פֿאַרטאָג

## זכרונות-דערצײלונגען

אויטאָריזירטע איבערזעצונג פֿון העברעיש:
מרדכי שטריגלער

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס-איירעס, 1952 — תשי״ג

נאָמען אין אָריגינאַל:

„כוכבי בקר"

דאָס דאָזיקע בוך איז געדרוקט געוואָרן אין חודש דעצעמבער 1952, אין דער
דרוקערײַ פון ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס

# אינהאַלט


*** . . . . . . . . . . . . . . . . . 7
מיין טאַטנס ספרים־אַלמער . . . . . . . . 9
אַ פאַרקילונג . . . . . . . . . . . 21
שבתי־צבי אין מיין קינדהייט . . . . . . . . 32
דער קוידאַנאָווער פרוש . . . . . . . . . 47
דאָס „שטיבל" האָט זיך געשפּאַלטן... . . . . . . . . . 63
יעקב שלום קאַצענעלנבויגן (י. ש. ק.) — מיין ערשטער דיכטער 77
אין אַ „מקום תורה" . . . . . . . . . . 97
אַ מעשה מיט אַ מחלוקת . . . . . . . . . 107
מיין שטעטעלע שטויבץ . . . . . . . . . . 123
ווירע יאַקאָוולעוונאַ . . . . . . . . . . 140
די באַשיצער פון דער שטאָט . . . . . . . . . 152
מיין ערשטע קאָנפערענץ . . . . . . . . . . 163
דאָס מיניסטעריום פאַר גלות־וואַנדערונג . . . . . . . . 178
די נקמה פון דער תוכחה... . . . . . . . . . 208
אַ מלחמה דער מלחמה . . . . . . . . . . 233
מיין זיידנס מתנה . . . . . . . . . . 244
דאָס ליכט וואָס זי האָט פאַרזייט . . . . . . . . . 255



CHAVER SIMON JAFFE
MEMORIAL LIBRARY
29 NISAN 5755

***

זייט עס האָט מיך אָנגעיאָגט די פינצטערע ידיעה, אַז מיין יידיש שטעטל איז פאַרשווונדן פון דער וועלט און איז מער גאָר נישטאָ, קען מיין האַרץ נישט אויפהערן צו טראַכטן וועגן איר. און הגם זי האָט שוין יאָרן לאַנג אַזוי ווי פאַרגעסן צו באַשעפטיקן מיין זכרון, האָט זי זיך איצט פלוצלינג פונאַנדערגעבליט אין מיר צו אַ נייעם פרילינג. און יעדעס מאָל, ווען דער גורל שענקט מיר אָדער צווינגט אויף מיר אַרויף אַ שעה פון רו, וואַקסן אויס פאַר מיינע גייסטיקע אויגן די אויסגעלאָשענע געשטאַלטן פון מיין נעכטיקער יוגנט און זיי צעלייכטן זיך פון דאָסניי מיט אַ גליִענדיקן שיין.

און זייט עס איז וואַך געוואָרן די גרויסע האָפענונג אויף דעם נייעם צונויפקום פון אונדזערע פונאַנדערגעוואָרפענע פאָלקס־טיילן אין דער פריי־ער היים אויף דער אַלטער ערד, און יעדעס מאָל, ווען עס רוקן זיך אָן בייזע ווינטן צו פאַרשפרייטן פלאָנטערס און זייען האַס, וואַקסן אויס פאַר מיינע גייסטיקע אויגן די געשטאַלטן פון מיין פאַרשווונדענעם נעכטן, וואַקסן אויס צו דערהייבן און צו טרייסטן און צו ווייזן אַ וועג.

אַזוי האָב איך, דאַכט זיך, ייִנגלוויז געזען דעם אַלטן אברהם אבינו שטייענדיק אַן איבערגעבויגענער איבערן פאָרענטש פונעם שמאָלן בריקל, וואָס פירט אים מיט שרהן אַריבער איבערן טייך אַ דערשיטערטער און דערהויבענער פון דער הערלעכער פראַכט, וואָס האָט פלוצלינג אַרויסגע־שיינט פאַר זיינע אויגן פון דער טיפקייט פונעם וואַסער. אַ לעבן לאַנג האָט ער אָפּגעלעבט מיט זיין שרהן און פאַר איר, און ערשט איצט, פירנדיק זי איבערן פרעמדן טייך, צו די סכנות, וואָס לויערן אויף איר אינעם מלכס הויז, האָט ער זי פלוצלינג, ווי צום ערשטן מאָל, רעכט דערזען אין דער בלויער טיפקייט פונעם דורכגעגאַנגענעם אָפּגרונט.

פונקט אַזוי פּלעג איך קליינערהייט ליב האָבן אַרויסצוגנבענען זיך ביינאַכט צום אַלטן ברונעם, וואָס איז געווען אויסגעגראָבן אויפן שול־הויף, און אָנשפּאַרנדיק זיך אָן זיינע שוואַרצע נידעריקע ווענטלעך טיף אַריינקוקן אין די שיינענדיקע הימלישע שטערן, וואָס טונקען זיך אין זיינע באַהעלטענישן.

לאָמיר טיפער אַריינקוקן אינעם שיין פון די בלאַס־ווערנדיקע שטערן, וואָס טונקען זיך אין די טיפענישן פון אונדזער זכרון, ווייל דער ברונעם איז שוין נישטאָ מער.

ביילינסאָן־שפּיטאָל, כסליו, תש״י.

# מיין טאַטנס ספרים-אַלמער

ווען האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אין מיין האַרץ יענע באַזונדערע באַ־צ͏יִונג צום ספר און צו אַ ביבליאָטעק? זינט עס איז מיר דערלויבט געוואָרן צו העלפן דעם טאַטן צו „לופטערן" זיינע ספרים ערב פסח און אויסרייניקן זיי פון יעדן חשש פון חמץ.

איך האָב געלייענט די שיינע און באַלערנדיקע עסיי פון הערמאַן העסע*) וועגן דער ערשטער ביבליאָטעק וואָס ער האָט אין זיינע קינדער־יאָרן געזען ביי זיין זיידן אין הויז, וואָס פון איר האָט זיך אָנגעהויבן זיין ליבשאַפט צו ביכער. ביים לייענען איז פאַר מיר ווידער אויפגעשטאַנען, ווי לעבעדיק, דעם טאַטנס ספרים־אַלמער — וואָס איז געווען דער יסוד פון מיין באַציִונג צום יידישן ספר. ווו איז זי איצט, די דאָזיקע ביבליאָטעק? ווו געפינט זיך היינט אַזאַ הויז, אין וועלכן מען געפינט אַזאַ ביבליאָ־טעק?

און מיין פאָטער איז קיין שרייבער נישט געווען. אויך נישט קיין רב. ער איז געווען אַ סוחר — און טיילמאָל, זייער אַ פאַרנומענער סוחר. און דעם טאַטנס ספרים־אַלמער איז ווייט נישט געווען די גרעסטע צווישן די שטאָטישע ביבליאָטעק. דער שטאָט־רב האָט געהאַט אַ גרעסערן ספרים־אוצר ווי ער. ביים דיין זענען געווען אַ סך מער הלכה־ספרים און חידושי תורה. ביים נגידס איידעם זענען געווען אַ סך מער השכלה־ספרים. דעם טאַטנס ביבליאָטעק איז גאָר געווען אַ געוויינטלעכע, ווי פון אַ לומדישן בעל הבית. אָבער זיינע ספרים זענען נישט געווען ביי אים

---

*) שווייצער פאָעט און עסייאיסט; נאָבלפּרייז־טרעגער.

צופעליק און נישט פון שיינקייט־ווענן. זיי זענען געווען זיינס אַ נויטיק שטיק לעבן. יעדער ספר האָט זיך געהאַט זיין צייט און זיין באַזונדערן ווערט.

פאַרוואָס האָט דער טאַטע מיר דערלויבט אים צו העלפן לופ־טערן די ספרים? צוליב וואָס האָט ער זיך דערביי נישט געוואָלט באַהעלפן מיט מיינע עלטערע שוועסטער? ווייל די גאַנצע קונץ איז דער עיקר באַ־שטאַנען צו וויסן, וווהין זיי שפּעטער אַריינצושטעלן. יעדער ספר דאַרף צוריק שטיין אויף זיין אָרט און מען טאָר נישט צעמישן די יוצרות. ווי אַזוי זשע זאָלן דאָס וויסן מיינע שוועסטער?

בעתן אַרויסנעמען די ספרים פון די שרענק האָבן, אמת, אויך זיי צוגע־האָלפן. איבער דער גאַנצער לענג פון הויף האָט מען אַוועקגעלייגט ברע־טער, וואָס זענען אָנגעשפּאַרט געוואָרן אָן שטולן און בענקלעך. אויף די ברעטער האָט מען צעעפנט די ספרים, גרויסע ווי קליינע — און דער ווינט האָט שעהן־לאַנג זיי געבלעטערט ווי אַ שאַרפער למדן, אַהין און אַהער. די מאַמע האָט דערווייל גערייניקט זיי מיט אַ גענדזענעם פליגל, אָפּגע־שטויבט די ספרים־טאָוולען און די רוקנס, צוליבן חשש אַז אַ שטויבעלע חמץ האָט זיך געקענט אין זיי אָנקלעפּן. נאָר אַז דער טאָג האָט זיך גענוי־מען אַראָפּלאָזן נידעריקער און מען האָט געדאַרפט צונויפנעמען די ספרים און זיי אַריינשטעלן אין די אַלמערס — ווי אַזוי האָט זיך דען דער טאַטע געקענט פאַרלאָזן אויף די שוועסטער, אַז יעדער ספר זאָל צוריק אַריינ־געשטעלט ווערן אויפן ריכטיקן אָרט?

געדענק איך נאָך היינט דעם סדר, ווי אַזוי די ספרים זענען געשטאַ־נען. זייער אינהאַלט האָב איך נאָך דאַן נישט ריכטיק פאַרשטאַנען, אָבער דעם סוד ווי אַזוי זיי אויסצושטעלן האָב איך געכאַפּט פון טאַטנס מויל און אָפּגעהיטן ביי זיך. קיין געשריבענעם קאַטאַלאָג האָט דער טאַטע נישט געהאַט. עס איז אָבער געווען אַזאַ מין נאַטירלעכקייט, אַוועקצושטעלן יעדן ספר אויף זיין באַשטימט אָרט. האָט דער קאַטאַלאָג עקזיסטירט אַזוי ווי פון זיך אַליין. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז דעם „תניא״*) — הגם ער איז געווען דין און קליין — דאַרף מען שטעלן נעבן דעם „תורה

*) פון ר׳ שניאור זלמן מלאַדי, גערופן קורץ „הרב מלאַדי״, אָדער „דער רב״.

אור״, הגם ער איז געווען גרויס־פאַרמאַטיק און שיין איינגעבונדן אין שוואַרצער לייוונט. נעבן אים איז געשטאַנען דער „ליקוטי תורה״ — די זעלבע גרייס און דער זעלבער איינבאַנד — און דער „צמח צדק״*). זיי בשכנות האָט מען געשטעלט דעם „נועם אלימלך״ (פון ר׳ אלימלך ליזשענסקער), דעם „קדושת לוי״ (פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער) און דעם „אוהב ישראל״ (פון ר׳ אברהם יהושע העשל אַפּטער).

איך האָב שוין דאַן געוווסט אַז דער „רב״ — דער אַלטער רבי, וואָס האָט מחבר געווען דעם חסידישן „שולחן ערוך״ — איז אויך דער מחבר פון „תניא״. דאָך האָב איך געוווסט, אַז דעם „רבס שולחן ערוך״ שטעלט מען נישט נעבן „תניא״. זיין אָרט איז געווען אויף דער צווייטער פּאָליצע, ביי דער זייט פון „טור יורה דעה״ מיטן „מגן אברהם״ און „חיי אדם״; נעבן די פאַרשידענע אויסגאַבן פון „חושן משפט״ און „אבן העזר״. דעם גרויסן „רבס סידור״, אַ פערטלדיקער, אין צוויי בענדער (וואָס איז פול געווען מיט וויין־פלעקן, אויפן אָרט ווו די פּסחדיקע הגדה איז געשטאַנען און מיט טרערנדיקע שפּורן אויפן אָרט פון דער ראש־השנהדיקער שמונה עשרה) האָט מען נישט אַוועקגעשטעלט מיט אַנדערע סידורים, וואָס זענען טאָג־טעגלעך באַנוצט געוואָרן. מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן די ביבליאָ־טעק און ער איז געשטאַנען בראש פון דער אויבערשטער פּאָליצע. נעבן אים איז געשטאַנען די פּסחדיקע הגדה מיט אַ סך פירושים, פון וועלכער אַרויס דער טאַטע האָט אָפּגעריכט דעם סדר. ווייטער איז געשטאַנען דער „קיצור של״ה״, הגם ער איז געווען קלענער אין פאָרמאַט. יעדעס מאָל ווען דער זיידע איז געקומען פון זיין שטעטל צו אונדז האָט ער מיך גע־בעטן איך זאָל אַרויפקלעטערן אַהין און אַראָפּנעמען פאַר אים דעם דאָזיקן ספר. ער פלעגט אים אַריינלייגן אין טלית־זעקל, צוזאַמען מיטן „חוק לישראל״, וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט פון דער היים. און באַוואָפנט מיט זייביידע — האָט ער זיך געלאָזן גיין אין שטיבל אַריין, באַלד אין דער פרי, דאַווענען שחרית. ביי דער זייט פונעם „קיצור של״ה״ האָט זיך אויפגעהויבן דאָס דינע און וווּנדערלעכע ספר, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה צוליב דער מעכטיקער פאַרגלויבטקייט אין זיין ניסימדיקער קראַפט —

*) אַלע ספרים פון חב״דער רביים.

ספר רזיאל המלאך. עס איז געווען אַנגענומען — הגם נישט פעסטגע־שטעלט מיט דער גאַנצער זיכערקייט — אַז דער ספר קען אָפּראַטעווען פון אַ שׂרפה. אמת, ביי אונדז אין שטעטל זענען די שׂרפות נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג — הגם דער ספר רזיאל האָט עס געהיטן — אָבער דער גלויבן אין זיין ווירקזאַמקייט איז דערפון נישט געמינערט געוואָרן (די מאַמע פלעגט זיך אפילו לייכט ווייצלען טיילמאָל: זעסט דאָך, אַז דאָס ספר איז פאָרט געראַטעוועט געוואָרן!...). אַז דער אָפענער ספר רזיאל המלאך פלעגט ליגן אויף די ברעטער, דער ווינט האָט געמישט די פּאַרגעלטע און פאַרצירטע בלעטער און די ווונדערלעכע געמעלן האָבן פון זיי אַרויסגעשוועבט — האָט עס אויסגעזען, אַזוי ווי זיי קומען דאָ באַהיטן און באַשירעמען מיט זייער סגולהדיקן כוח דעם גאַנצן הויף.

קיין גאַנצן ש״ס האָט דער טאַטע אין זיין ספרים־אַלמער נישט גע־האַט. דער גרויסער ווילנער ש״ס, וואָס די אלמנה והאחים ראָם האָבן אַרויסגעגעבן, איז געשטאַנען אין „שטיבל״. דער טאַטע פלעגט פון דאָרט אַהיימנעמען יעדעס מאָל די מסכת וואָס ער האָט גראָד געלערנט. איך געדענק נאָך גוט דעם טאָג, ווען מען האָט אַריינגעבראַכט דעם ווילנער ש״ס אין שטיבל אַריין. מען האָט יענעם טאָג געמאַכט אַ יום־טוב, פּונקט אַזאַ ווי בעת מען גיט איין אַ ספר תורה. מען האָט געטרונקען בראָנפן און געגעסן לעקעך. יעדער איינער פון די שטיבל־מתפללים האָט געטראָגן אַ גמרא אין האַנט, אַזוי ווי מען טראָגט אַ פאָן. אויך אונדז, חדר־יינגלעך, האָט מען דערלויבט זיך צו באַטייליקן אין דער שמחה און אָפּגיין עטלעכע טריט מיט אַ גמרא אין דער האַנט. אוי, ווי דאָס האַרץ האָט געציטערט בעת איך האָב הויך אויפגעהויבן די שווערע און בכבודיקע מסכת איבערן גאַנצן שול־הויף!

אָבער ביי מיין טאַטן אין ביבליאָטעק זענען געווען אַ סך איינצלנע מסכתות — אַזעלכע וואָס מען לערנט אין חדר און די קלענערע גמרות פון ש״סן. איך דערמאָן זיך נאָך אַ פאַרצייטישע אויסגאַבע פון דער גמרא „גיטין״, וואָס מיר האָבן פון איר געלערנט „אמר ר׳ יוחנן״ אין תשעה באב. איך געדענק אויך אַ גמרא „נדרים״ מיטן ר״ן און די מסכת „שבת״ אין פאַרשידענע אויסגאַבעס. די דאָזיקע גמרות זענען געשטאַנען נעבן

די זאַצן משניות, וואָס זענען אויסגעשטעלט געווען לויטן סדר און זענען באַצייכנט געווען מיט ליכטיקע אותיות אויפן רוקן. דערנאָך זענען געשטאַנען די בענדער עין יעקב, מדרש רבא, מדרש תנחומא, תנא דבי אליהו און דער ילקוט שמעוני. דאָס זענען געווען שטאַרק־באַנוצטע ספרים, ווייל מען האָט אין זיי געלערנט יעדן שבת. אַ ביסל ווינציקער אָפּגענוצט זענען געווען די „זוהרס״ און אַ טייל דרוש־ספרים, ווי דער „יערות דבש״, „כלי יקר״ און „ערבי נחל״.

אונטער זיי — בכדי אויך די קינדער זאָלן קענען צו זיי דערלאַנגען — זענען געשטאַנען די חומשים „מקראות גדולות״ מיט די ל״ב פירושים, וואָס דער פאַרלאַג ראָם האָט אַרויסגעגעבן, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג. פון זיי האָבן מיר געשעפּט אַ סך פאַרגעניגן. זיי האָבן אונדז אָנגעזאָגט — פון „תרגום שני״ אַרויס — די בשורה וועגן די גרויסע פּלאים פון שלמה המלכס מלוכה־טראָן, וואָס מיר האָבן אין קיין אַנדער אָרט נישט באַגעגנט. ביי זייער זייט האָט זיך געפונען דער תנ״ך מיטן „ביאור״, עפּעס אַ תנ״ך וואָס איז גאָר אַלט געווען מיט דיקע, בלוילעכע בלעטער און מיט אַ יידיש־טייטשן פּירוש. דאָרט האָבן זיך אויך געפונען איינצלנע תנ״כן מיטן „מצודת דוד״, „מצודת ציון״ און „אבן עזרא״. עס פאַרשטייט זיך אַליין, אַז דאָרט איז אויך געשטאַנען דאָס קליינע תנ״כל אין איין באַנד — אַ מתנה פונעם זיידן. שבת אין דער פרי, ווען אַלע בני בית זענען נאָך געשלאָפן און איך אין בעט האָב זיך אויך געמאַכט שלאָפנדיק — איז דער טאַטע אויפגעשטאַנען. אָנגעטאָן אין שלאָפראָק, אָפּגעזאָגט קריאת שמע ביחידות בכדי ער זאָל קענען פאַרשפּעטיקן צום דאַווענען, אַרויסגענומען אַ גמרא פון שראַנק און גענומען לערנען זיין שיעור, פאַרן גיין דאַווענען אין שטיבל אַריין. דאָס האָט ער געלערנט אין דער גרויסער גמרא פון דער חברה ש״ס, וואָס האָט ליכטיק געמאַכט די אויגן און אַריינגעבראַכט הרחבת הדעת. נאָכן מיטאָג־שלאָף, ווען דער טאַטע האָט מיך גענומען נעבן זיך און געלערנט מיט מיר — איז עס געווען אַ פּרק „תורה אור״, אָדער „ליקוטי תורה״ פון דער אויבערשטער פּאָליצע. טיילמאָל איז עס אויך געווען אַ פּרשה מדרש — פון דער צווייטער פּאָליצע. פון צייט צו צייט, אין ווינטערדיקע שבתים, האָט ער אפילו אַרויסגענומען דעם מתנגדישן

„חפץ חיים", וועלכער האָט אויך געפונען אַן אָרט צווישן די חסידישע ספרים און ער האָט צוזאַמען מיט מיר פון דאָרט אַרויסגעלערנט.

פון די האַנט־ספרים וואָס זענען שטאַרק גענוצט געוואָרן ביים טאַטן אין ביבליאָטעק דערמאָן איך זיך דעם „ערוך השלם", „משפט האורים", „מלין דרבנן" — אין וועלכן עס זענען איינגעזאַמלט געוואָרן גמרא־ווערטלעך לויטן אלף־בית, „זכר רב" — אין וועלכן עס זענען צונויפגעזאַמלט די שרשים פון תנ"ך לויטן אלף־בית, עפּעס אַ מליצהדיקער בריוונשטעלער מיטן נאָמען „ניב שפתים", אַ ספר „אספקלריה המאירה" וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ תלמודישע ענציקלאָפּעדיע — און פאַרשטענדלעך אַז אויך דער „סדר הדורות". צו אָט דעם ספר האָט דער טאַטע אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער ליבשאַפט, ווייל דער מחבר פון סדר הדורות, ר' יחיאל האַלפּערן, איז געווען רב — מיט יאָרן צוריק — אין דעם נאָענטן מינסק. עס איז אויך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָרט זענען געווען די ספרים פון ר' ליפּעלע מירער, וואָס איז געווען מיין סנדק.

בדרך כלל, איז באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע האַלבע פּאָליצע פאַר די ספרים פון היימישע מחברים, וואָס די באַציִונג צו זיי איז געווען אַ מער־פּערזענלעכע. דאָ איז געווען דער פּירוש צום ספר בראשית פון ר' אהרן קאַצענעלסאָן, דער אינטימער פריינט פון מיין זיידן. דאָס איז געווען אַ שיין־געשטאַלטיקער סגי נהור און דער ערשטער מחבר וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן. האָב איך אויף אים געקוקט ווי אויף אַ וווּנדער: אָט איז אַ מענטש, וואָס זיינס אַ ספר שטייט שוין אין דער ספרים־שראַנק און דאָך גייט ער אַרום אין גאַס פּונקט ווי אַלע מענטשן! ער איז געווען פון די מאָסקווער אַרויסגעטריבענע, דאָך האָט ער נישט געפינען קיין צווייטן מענטש, וועמען צו ווידמען זיין חיבור, נאָר... דעם צאַר ניקאָליי דעם צווייטן. דאָ האָבן זיך שטאָלץ אַרויסגעהויבן די ספרים פון ר' ליפּעלען; דאָ זענען געשטאַנען די חיבורים פון די רבנים אין דער אַרומיקער געגנט, וועלכע פלעגן ברענגען זייערע חיבורים איינגעהילט אין אַ פּאַטשיילע; דאָ איז געשטאַנען דער יהיד־במינו׳דיקער סידור וואָס עס האָט צונויפגעשטעלט ר' יעקב מאיר מינסקער. ער איז געווען אַ מין מתנגדישער „גוטער ייִד", וואָס האָט געוואָלט פאַרהיטן דעם כבוד פון די הייליקע שמות, וועלכע

וואַלגערן זיך איבער די הייזער. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן אָפּצו־דרוקן אַ סידור צום דאַוונען, אין וועלכן די הייליקע שמות זאָלן זיין צעשפּרייט און געדרוקט באַלכסונדיק. ער האָט דערמיט פאַרזאָרגט, אַז טאָמער חלילה ווערט אַרויסגעריסן אַ בלעטל פון סידור און עס וועט זיך וואַלגערן אויף דער פאָדלאָגע, זאָלן די הייליקע שמות נישט פאַרשעמט ווערן. איך געדענק נאָך ווי אַזוי ר׳ יעקב מאיר איז געקומען צו אונדז אין שטעטל אַריין זאַמלען אַבאָנענטן אויף זיין סידור. מיין רבי, ר׳ באַניע דער מלמד, האָט אונדז פאַרזיכערט אַז דער דאָזיקער סידור וועט ראַטעווען די וועלט פון יענעם מוראדיקן חטא וואָס האַלט אויף די גאולה. צוליב דעם האָט ער אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן ר׳ יעקב מאירן אַרומפירן אין אַלע נגידישע הייזער פון שטעטל, לויט דער רשימה וואָס מען האָט צוזאַמענגעשטעלט אין בית המדרש. ר׳ יעקב מאיר, אַ הוי־כער און דאַרער זקן, אָנגעטאָן אין אַ קאַשקעט פון שוואַרצן סאַמעט און אין אַ לאַנגער זשופּיצע ביז צו די שיך־שפּיצן, איז דאַן מיט מיר גע־גאַנגען און געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע. מיט זיין געלער, מאָגערער האַנט האָט ער דערביי געמאַכט אַ דעכעלע איבער די אויגן, כדי ער זאָל נישט דאַרפן קוקן אויף קיין ווייבער.

אויף דער זעלבער פאָליצע איז דערנאָך געשטאַנען דער פּירוש צום „מורה נבוכים” וואָס מיין לערער, ר׳ ירחמיאל גרינבערג האָט מחבר געווען. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט גרויסע פעיִקייטן און אַן אומגע־ווינטלעכער אויטאָדידאַקט. ווען ער האָט געוווינט אין אַ דאָרף, צווישן יערעמיטש און טורעץ — האָט ער מחבר געווען אַ העברעיִש־אַראַבישן ווערטערבוך. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געחלומט אים אָפּצודרוקן און נישט באַוויזן. ער האָט געשריבן אַ גרויסן פּירוש אויפן רמב״ם און בלויז אָפּגעדרוקט איין העפט פון אים. אויף דעם קליידער־שראַנק פון זיין צימער זענען געבליבן אָפּגעהיטן די מאַטריצן די גאַנצע צייט. ער האָט נישט זוכה געווען אָפּצודרוקן זיין ספר, אָבער ער האָט זוכה געווען אומ־צוקומען אויף קידוש השם, אין די טעג פון גזירת היטלער, צוזאַמען מיט אַלע קדושים פון זיין שטעטל גאַראָדזשעי... הי״ד!

זענען אין דער ביבליאָטעק אויך געווען השכלה־ספרים? יאָ, איינצל־נע און צופעליקע. אָבער — ווי שטאַרק זיי האָבן פאַרכשופט דאָס האַרץ!

איך דערמאָן זיך גוט דאָס זאַמלבוך „לוית חן" וואָס יעבץ האָט אַרויס־געגעבן ווי אַ ביילאַגע צו איינער פון זיינע העברעיִשע צייטונגען. ווי שיין זענען דאָרטן געווען די עמודים, וועלכע זענען באַצירט געווען מיט רעמלעך! און ווי זיס זענען עס געווען די ווונדערלעכע דערציילונגען איבער „די גייסטער וואָס שמועסן זיך אַדורך איבער די קברים" און אַנ־דערע אגדה־זאַכן! דער ערשטער ליטעראַרישער זאַמלבוך, וואָס איז אַריינגעקומען צו אונדז אין שטוב אַריין איז געווען דער „ספר השנה" פון נחום סאָקאָלאָוו (פון יאָר תר"ס). איך האָב אין אים געבלעטערט אומאויפהערלעך און דאָרט געפונען וואָס מיין האַרץ האָט נאָר געוואָלט. אים האָט מען אָפּגעגעבן אַ בכבודיקן פּלאַץ נעבן דעם רוסיש־העברעיִשן ווערטערבוך פון יהושע שטיינבערג. נעבן זיי האָט מען געשטעלט דאָס האַרציקע לידער־ביכעלע „כנור ציון" (ציונס פידל) וואָס איז ביי מיר געווען טייערער פונעם טייערסטן. די מערהייט פון זיינע לידער האָב איך גע־קענט אויסנווייניק. איינמאָל איז צו אונדז, אין חדר אַריין, געקומען דער בחור פון מאַלאַסטאָיקע און אונדז געלערנט שרייבן מיט קליינע אותיות דעם „הנותן תשועה" (דאָס האָט מען געוואָלט נאָכמאַכן יענעם יינגל וואָס האָט אָנגעשריבן אויף אַן אַרבעס דעם הימן „גאָט היט דעם צאַר" און ער האָט געשיקט דעם קיסר אַ מתנה...). איך בין נאָכדעם אַוועק אַהיים און אַרויסגעשריבן פונעם „כנור ציון" דאָס ליד „אבה תאבו דעת" אין דער פאָרם פון אַ קליינינקן מגן דוד. דאָס האָב איך אַוועקגעשיקט אַ מתנה מיין ציוניסטישן פעטער, וועמען איך האָב שטאַרק ליב געהאַט. בשכנות פון „כנור" איז געשטאַנען און געגלעט די נשמה דער קליינער, דיקער באַנד „ספר אגורה" פון בן אביגדורן. אין אים האָבן זיך מיט קליינע אותיותלעך צונויפגעדריקט די קליינע דערציילונגען וואָס האָבן געשילדערט גאַנצע וועלטן, ווי „לאה די פיש־פאַרקויפערין" און „דער אויפגעקלערטער סטאָלער". איך האָב די דאָזיקע פּשוטע און האַרציקע דערציילונגען געלייענט ביז צום פאַרשכורט ווערן.

פון דאָרט אָן און ווייטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן אָפּצוצייכענען מיין אייגענער ווינקל: דער „גן שעשועים" פון אהרן ראָזנפעלד, „מגבורי האומה" פון בערמאַן, „הריסות ביתר" פון קלמן שולמאַן, „תולדות ישראל" פון אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש, „מורה הלשון" פון חיים

צבי לערנער, מיט די טאַבעלעס פון די „פעלים" און „בנינים" וואָס זענען געווען איינגעוויקלט אין דעם לערן־בוך. טאַקע פון זיי האָב איך דאָס ערשטע מאָל זיך איינגעחזרט צווישן וואַלד־ביימער די שווערע כללים פון דקדוק. אַהין האָט מען אַריינגעשטעלט דעם „מבחר הספרות" פון טאַביובן. אַ צייט לאַנג איז דאָרט אויך געשטאַנען דער ספר „דור דור ודורשיו" פון ר' אייזיק הירש ווייס, וואָס דער טאַטע האָט מיר אַמאָל גע־בראַכט אַ מתנה צום געבורטס־טאָג, פון ר' מאיר האַלפּערנס בוך־געשעפט אין מינסק. איז אָבער דער זיידע געקומען, דערזען עס און שווער אַ זיפץ געטאָן. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען דאָס ספר פון אַלמער און עס אויפגערומט.

קיין פּלפּול־ספרים זענען ביים טאַטן אין ביבליאָטעק נישט געווען, אַ סימן אַז ער האָט נישט געקויפט קיין ספרים וואָס ער פערזענלעך האָט זיי נישט געברויכט. איך געדענק אַז בעת עס איז געקומען מיין צייט צוצוגרייטן די בר־מצווה־דרשה און אונדזערס אַ קרוב, דער סלאָבאָדקער פּרוש ר' אליהו טומאַרקין, האָט „פאַרוואָרפן זיין נעץ" אין „שאגת אריה" (סימן ל"ו) און צום „עמודי אור" האָב איך די דאָזיקע ספרים נישט געקענט באַקומען, נישט ביים טאַטן און נישט אין קיין אַנדערער ביבליאָטעק פון שטאָט. איך האָב זיי געמוזט ברענגען פון דעם זיידנס גרויסער ביבליאָטעק אין דער נאָענטער שטאָט מיר.

אַ באַזונדער ווינקל אין אַלמער פאַר אירע ספרים האָט געהאַט די מאַמע. זי האָט זיך אויך באַנוצט מיט העברעיִשע ספרים און אפילו גע־לייענט פרעמד־שפּראַכיקע ביכער. אָבער די ספרי קודש אירע זענען גע־ווען אין עברי־טייטש. דאָרט איז געשטאַנען דער „ראשית חכמה" און אַ „צאינה וראינה" וואָס איז געדרוקט געווען מיט יענעם באַזונדערן עברי־טייטש־כתב וואָס האָט דערמאָנט אין רש"י־אותיות, הגם דאָס כתב איז געווען גאַנץ אַנדערש. די דאָזיקע „צאינה וראינה" איז געווען באַצירט מיט אומגעוויינטלעך־מאָדנע אילוסטראַציעס וואָס האָבן געפּאַנגען דאָס האַרץ. דאָרט איז אויך געווען דער „נופת צופים", דער „קב הישר" און דער „מנורת המאור". אין דער לעצטער צייט זענען אַהין צוגעקומען די יִדישע העפטן „מעשה אַלפס" פונעם באַרימטן ווילנער מגיד ר' בן ציון אַלפס — און הגם דאָס זענען געווען ניי־צייטיקע העפטן האָבן זיי געפונען

זייער אָרט אין דער פּאַליצע צווישן די אַלטע און אָנערקענטע מוסר־ספרים. תיכף נאָך זיי זענען געשטאַנען די ספרים, וואָס מען האָט ממש רעגולער באַנוצט: סידורים און חומשים, תהילימלעך און פּרקי אבות, תיקוני קריאה — פאַר לערנען זיך לייענען אין דער ספר תורה, — תיקון חצותן און תיקונס פאַר דער שבועות־נאַכט, תיקונס פאַר הושענא רבא, קינות אויף תשעה באב, סליחות און אילוסטרירטע הגדות של פּסח פאַר אַלע שטוב־מענטשן, מגילות אויף פּורים און אַ גורל־וואַרפערל, אַ בריוונשטעלער, אַ לוחל, אַ בענטשערל אא״וו. ערשט דערנאָך האָבן זיך אויסגעשטעלט די פרעמד־שפּראַכיקע ביכער. דאָרט זענען געווען קאָמפּלעטן פונעם רוסיש־ייִדישן זשורנאַל „וואָסכאָד״, אַן אילוסטרירטער באַנד פון „אָסט און וועסט״, אַ ראָמאַן פון שפּילהאַגענען, עפּעס אַ גרויסער באַנד פון „הויזפריינט״. אויסער דעם האָבן אַהער פאַרוואָגלט אַלערליי צופעליקע ביכער, וואָס האָבן געשטאַמט פון מיין פעטערס ביבליאָטעק, אָדער פון די ביכער־זאַמלונגען וואָס די שוועסטער האָבן געהאַט ביי זיך אין צווייטן צימער. פון די דאָזיקע פרעמדשפּראַכיקע ביכער איז מיר אין זכרון נישט געבליבן נישט די נעמען און אויך נישט די אָרדענונג, לויט וועלכער זיי זענען אויסגעשטעלט געוואָרן.

עטוואָס העכער, איבער דער שראַנק, זענען אויפגעהיטן געוואָרן אין אַ באַזונדער בינטל די נישט־איינגעבונדענע העפטן פון „דברי אלקים חיים״. דאָס זענען געווען אָפּשריפטן פון חסידישע שמועסן — געמאַכט דורך ספּעציעלע איבערשרייבער — וואָס דער זיידע פלעגט ברענגען ווען ער איז צוריקגעקומען פון רבין אָדער דער „חוזר״ פלעגט זיי ברענגען יעדעס יאָר בעת זיין קומען אויף זיינע טראַדיציאָנעלע באַזוכן. דער זיידע פלעגט זיך נוהג זיין צו לערנען פון זיי מיטן טאַטן, בעת איך פלעג דערביי זיצן און צוהערן. זענען מיר אין האַרץ שטאַרק איינגעקריצט געוואָרן די געפּערלטע אותיותלעך, וואָס זענען לויכטענדיק געלאָפן איבער די האַלב־קיילעכדיקע שורות ווי די בויגנס: אתם נצבים היום כולכם... היום אם בקולי תשמעון. — —

און אין אַ באַזונדער ווינקל, ביים צווייטן עק פון דער אויבערשטער פּאַליצע זענען ספּעציעל אויפגעהיט געוואָרן די זאַכן וואָס האָבן אַ שייכות מיט ארץ ישראל. דאָרט איז געשטאַנען עפּעס אַ קליין ספרל, וואָס האָט

געהאַט אַ צוגעקלעפּט „הערצל" פון פראַנט און דערין איז געווען אַ העב־ברעישע מאַפּע, וואָס האָט געשילדערט דאָס וואַנדערן פון די ייִדן קיין ארץ ישראל פון מצרים דורך דער מדבר. דאָרט זענען געווען אויס־געמאָלן די פאָנען פון די שבטים ביי יעדער מחנה. דאָרט איז אויך גע־שטאַנען דאָס דינע, אָבער צוציִענדיקע, ספרל „ארץ ישראל" פון יהודה גראַזאָווסקי; אַ ספרל „ארץ חמדה", און סלוצקיס אַ חבורל וועגן חיבת ציון. עס זענען דאָרט אויך געוואָרן אויפגעהיט אַלע בריוו וואָס זענען פאַר יעדן יום־טוב געקומען פון טבריה, צפת אָדער חברון ווי אויך די „קבלות" וואָס זענען דערהאַלטן געוואָרן פון ירושלים מיט די געמעלן פון כותל מערבי און רחלס קבר מיט איילבירטן־ביימער פון ביידע זייטן קבר...

ביים סוף פון דער דאָזיקער אויבערשטער פּאָליצע, נאָענט צו דער וואַנט, האָט אַ גאַנץ יאָר געפונען זיין אָרט אַ טייערער חפץ וואָס איז לגמרי קיין ספר נישט געווען, נאָר צוליב זיין דיקער שייד האָט ער געהאַט דעם אָנבליק פון אַ ספר. טאַקע צוליב זיין הייליקייט און חשיבות האָט מען אים צוגעטיילט זיין אָרט, אַזוי ווי פאַר אַ ספר. דאָס איז געווען דער חנוכה־לאָמפּ, אַ מתנה פון דער באָבעס טאַטן צו מיינע עלטערנס חתונה. די דאָזיקע זילבערנע מנורה איז געווען אויסגעפּלאָכטן פון דיניטש־קע פעדעם, מיט אַכט קליינע בוימל־קריגלעך וואָס זענען צוגעשרויפט גע־ווען מיט אַ ווענטל פון קנאָספּן, קנעפּ און בלומען. אין דער שפּיץ איז געווען אַ כתר תורה — און צוויי דינע רערלעך, מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער, זענען געווען צוגעפליגלט פון ביידע זייטן ווענטל צום שמש. אַ גאַנץ יאָר איז די מנורה געשטאַנען אין איר דיקער שייד, וואָס איז פאַרקניפּט געווען מיט אַ שלייף אין דער הויך און זי האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ טייער ספר וואָס איז באַהאַלטן אינעם ספרים־אוצר. אין דער דאָזיקער צוגעשלאָסענער שייד האָט דער טאַטע אויך אָפּגעהיטן זיין ציור־ניסטישן שקל פון יענעם קאָנגרעס־יאָר.

פאַר מיר איז דער דאָזיקער ספרים־אַלמער געווען דאָס גלוסטיקסטע פון אַלץ וואָס עס האָט זיך געפינען ביים טאַטן אין שטוב... און אויב אפילו איך האָב נאָך דאַן נישט געוווּסט דעם תוכן פון די ספרים, האָב איך אָבער גוט געפילט זייער טעם און זייער ריח האָב איך אָפּגעהיט און

דאָס ריכטיקע אָרט פון יעדן ספר אויסגעשפּירט אין דער טונקל, סיי אין ביבליאָטעק און סיי אין מיין האַרץ.

און דערפאַר — ווען מען האָט מיך גערופן צו העלפן דעם טאַטן „אויסלופטערן" דעם ספרים־אוצר ערב פסח, איין ספר נאָכן אַנדערן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז מען רופט מיך צו אַ כהונהדיקער, הייליקער עבודה. פונקט ווי אַ פלייסיקער מייסטער, וואָס צענעמט צייטווייליק עפּעס אַ גרויסע מאַשין וואָס באַשטייט פון אַ סך קליינע, פאַרשידענע שרייפלעך און דערנאָך שטעלט ער זי ווידער צוזאַמען אַלס איין גרויסע און גאַנצע מאַשין — אַזוי האָב איך אַרויסגעצויגן פון די פּאָליצעס איין ספר נאָכן צווייטן, כדי זיי דערנאָך צוריקצושטעלן יעדן באַזונדער אויף זיין אָרט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי ווי איך וואָלט ווידער־פאַרייניקט לעבעדיקע אברים צו איין גאַנצער נשמה, וואָס אָטעמט און לעבט און איז מיר אַזוי טייער....

# א פארקילונג

ווען איז דאָס געווען? גאָר ביים סאַמע אָנהייב. איך בין נאָך דאַן געווען אַ תלמיד פון מיין צווייטן „חדר". אָנדערהאַלבן יאָר נאָך דעם ווי איך בין אַרויס פון מיין ערשטן דרדקי־מלמד.

ביי מיין נייעם רבין איז נאָך דער עיקר געווען דער לימוד פון תנ"ך, און גמרא האָבן מיר בלויז געלערנט נאָך מיטאָג. מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט געענדיקט דאָס לערנען אויסנווייניק גאַנץ „משלי". און מיר זענען אַריינגענומען אינעם תוך פון ישעיהוס לאַבירינטישע אַנטיקן. גמרא האָבן מיר אין דעם ערשטן, ווינטערדיקן „זמן" געלערנט „המניח את הכד" — און אינעם זומערדיקן „זמן" האָבן מיר געלערנט „המפקיד". דערנאָך איז ווידער געקומען דער ווינטער. מיר זענען געשטאַנען פאַר די טויערן פון „בבא מציעא", ביים פרק „שנים אוחזין" — און פלוצלינג האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן דער הוסט; אַ כאַפּ געטאָן — און נישט אָפּגעלאָזן.

אַלע תחבולות פון דער מאַמען, וועלכע איז געווען באַהאַוונט אין קינדער־קראַנקייטן און געוווּסט ווי אַזוי מען דאַרף היילן, האָבן נישט געהאָלפן. מיין קליין, דאַר גופל האָט געצאַפּלט אין די הוסט־מאַטערנישן און איך האָב נישט געוווּסט פון קיין רו. ביז דער ליבער, האַרציקער ד"ר לעווי־טאַן האָט געפסקנט: בייטן דעם קלימאַט. אמת, אַזאַ זאַך האָט אויסגעזען משונהדיק־פרעמד און כמעט־אומנאַרמאַל. ווי אַזוי רייסט מען עס איבער דאָס לערנען אין מיטן ווינטער, ביים סאַמע ברען פונעם „זמן"? אויך פון מיין פאַרזאָרגטער מאַמען איז צופיל פאַרלאַנגט געוואָרן: אַוועקצושיקן אַ קינד, וואָס איז אַזוי פאַרקילט אין מיטן אַזאַ סמאַליעדיקן ווינטער? אָבער דער צוטרוי צום דאָקטאָר איז זייער שטאַרק געווען. קיין אַנדער רפואה האָט

מען אויך נישט געקענט. האָט די מאַמע זיך געמוזט אונטערגעבן. היות ווי מיין פאָטער איז גראָד אַרויסגעפאָרן אויף זיינע וואַלד־נסיעות, איז באַשלאָסן געוואָרן אַז ער זאָל מיך מיטנעמען אין וואַלד אַריין. איז דאָס געוואָרן מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דער ווינטער־לאַנדשאַפט אויסער אונדזער שטעטל. קיין שום „געשעעניש וואָס איז ווערט צום געדענקען" האָט זיך אויף יענער נסיעה פון שטוב אין וואַלד אַריין נישט געטראָפן. קיין שום „שפּאַנענדיקע געשיכטעס" איז נישטאָ וועגן איר צו דערציילן... און דאָך הערט די שניי־לויטערקייט פון מיין ערשטער רייזע צו דער ווינטערדיקער ממשלה, נישט אויף צו האַלטן געשפּאַנט דאָס אויג פון מיין זכרון — עס האַלט מיך מער ווי יעדע געשעעניש און דערציילונג, וואָס וואָלט געדאַרפט דערציילט ווערן.

מיר זענען אַרויסגעפאָרן אין מיטן אַ זוניקן טאָג, ווען דער ווינטער האָט זיך צעפלאַקערט מיט זיין גאַנצער קראַפט. דער טאַטע האָט זיך אַרומגעוויקלט מיט איין פוטערנעם פּעלץ איבער דעם צווייטן. דערנאָך האָט ער ערשט אָנגעטאָן אַ וועג־מאַנטל איבער אַלע פוטערס. ער האָט זיך דערביי אַרומגענומען מיט שאַלן פון רויטער וואָל אַרום דעם טונקעלן מאַנטל, אַרום דעם האַלדז און אַרום די שענקלען. דעם היטל, געלן פוטער־נעם קאַלנער האָט ער אַזוי אויפגעשטעלט — אַז ער האָט אים צוגעדעקט דאָס גאַנצע פּנים און דאָס הויכע, שוואַרצע קאַראַקול־היטל אויפן קאָפּ. פון דעם אַלעם איז דער טאַטע געוואָרן גרויס און ברייט, ביז ער האָט פאַרנומען אַ העלפט פונעם פאַדערשטן געזעס אין דעם ווינטער־וואָגן. אויך איך בין אין גאַנצן פאַרלוירן געוואָרן אין דעם באַרג מאַנטלען און כאַלאַטן — נישט אויף מיין מאָס, נאָר לאַנגע און ברייטע — מיט וועלכע מען האָט מיך אַרומגעהילט און אויסבאַהאַלטן פאַר אַלץ אין דער וועלט.

די פּעלצענע וואַליקלעך האָבן געהאַלטן אין געפּאַנגענשאַפט מיינע פיס ביז איבער די קניען און דער געלער באַשליק מיט די באַגילדעטע זוימען האָט צוגעדעקט מיין גאַנץ פּנים, אַז מען האָט קוים די אויגן אַרויס־געזען. אָבער די צוויי אויגן מיינע האָבן זיך דערביי ברייט־ברייט אויפ־געריסן און אַריינגעצויגן אין זיך די העלע ווייסקייט פון דער נייער וועלט וואָס האָט זיך פאַר מיר אויסגעשפּרייט מיטן גאַנצן גלי פון איר מאַכט. זי האָט געבלענדעט מיט איר פאַרפראָרענעם גלאַנץ און מיר אַנטקעגן־

## שטערן פאַרטאָג

געזונגען דאָס ליד פון אַ קראַפט וואָס איך האָב נאָך ביז דאַן קיינמאָל נישט באַוויזן צו קענען.

פונעם שטעטל זענען מיר אַרויסגעקומען צו יענעם ברייטן אָרט, ווו דער טייך ניעמאַן האָט מיט וואָכן צוריק אַריבערגעפּליצט זיינע ברעגן. אַצינד איז דער טייך פאַרשוווּנדן. נישטאָ! נעלם געוואָרן אי ער, אי דער ברום פון זיינע כוואַליעס. ער האָט זיך איצט איינגעטוליעט אונטער אַ דיקער שיכט פון איינגעשוויגענעם אייז. און אויך דאָס אייז האָט זיך איינגעהילט אין אַ ווייסן מאַנטל פון בליצנדיקן שניי. אַזוי ווי ער — אַזוי אויך מיין טאַטע... און אַזוי — איך... און אַזוי — דער בעל עגלה און אַזוי אויך דער גאַנצער וואָגן. דער גאַנצער באַשאַף אַרום אונדז האָט זיך איינגעהילט אין דער ווייסער ליכט, אַזוי ווי אין אַ קלייד.

אָבער דאָ, אויפן אָרט ווו מיט געציילטע וואָכן צוריק האָט דער ניעמאַן געפּליצט, מוז מען זיך באַציִען מיט גרויס פאָרזיכטיקייט צום זויבערן איבערצוג, וואָס גלאַנצט אַזוי רויִק און פאַרפירעריש. דאָ, אונטער דעם גראָבן שפּענצער פון אייז, ווילדעווען נאָך די כוואַליעס. זיי געוואָרנט, אָנטרייבער! עס קען טרעפן — און די ריזן אונטער דער דיקער טיפעניש וועלן זיך צעשטורעמען! דאַן וועט די גאַנצע ליגנערישע מאַסקע פון כשופדיקער זיכערקייט זיך צערייסן... דער גאַנצער באָדן דאָ, וואָס זעט אויס אַזוי פעסט־אויסגעגאָסן אונטער די פערדישע טריט, וועט פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ שלאַכט־פעלד פון קעמפנדיקע קריעס, אויסגעהעמער־טע און צעקריגטע, וואָס קריכן איינע אויף דער צווייטער און דערטריג־קען איינס דאָס צווייטע — און זיי וועלן שליידערן אין די אָפּגרונטן אַלץ וואָס געפינט זיך אויף זייער רוקן... היט זיך, בן אדם איינער!

און דאָ... דאָ זיי טאָפּלט פאָרזיכטיק! דאָ איז פאַרבייגעגאַנגען מיט עטלעכע נעכט צוריק אַ „הייליקע פּראָצעסיע”, מיט קרייצן אין דער שפּיץ און מיט קלויסטער־בילדער באַצירט. דער פּראַוואָסלאַוונער גלח האָט דאָ געשפּריצט הייליק וואַסער און דער קינדער־כאָר פון קלויסטער האָט דאָ געזונגען זיינע קלויסטער־לידער... און פּויערים, באַוואָפנט מיט העק און אייזערנע פּיקעס, האָבן דאָ ביי האַלבער נאַכט אויסגעהאַקט פונעם אייז אַ גיגאַנטישן צלם, ביי דער שיין פון אויפגעהויבענע לאַמ־טערנעס און ברענענדיק־פּעכיקע שטורקאַצן. אָט שטייט ער, דער פורכטי־

קער קרייץ — אויסגעהאַקט פון דעם שווייגנדיקן אייז ווי אַ וואָרענונג איבער דער שטאָט.

אוי, ווי האָט מען אונדז חדר־קינדער אָנגעזאָגט און צום וויפלטן מאָל געוואָרנט, אַז מיר זאָלן זיך נישט דערוועגן צו באַווייזן אין דרויסן בעת דער הייליקער פּראָצעסיע, וואָס האָט סיי ווי אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַן אימה! מען האָט געשמועסט, אַז דאָס בלויזע באַווייזן זיך פון אַ ייִדיש קינד איז עלול אויפצורייצן די זייער מסוכנע געמיטער פון די מאַסן פּויערים, וואָס זענען אויפגעהעצט געוואָרן אין דער נאַכט פון דער קריסט־לעכער חגא. מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס זענען מיר געזעסן פאַרבאָרגן אין די שטובן און נאָר דורך די לאָדן־שטאָרן, וואָס זענען אַראָפּ־געלאָזט געווען, האָבן מיר זיך איינגעקוקט אין די גלחים. זיי האָבן גע־שפּרייזט אין זייערע פּרעכטיקע מלבושים און מיט די הייליקע בילדער, וואָס זענען געווען ווונדערלעך געמאָלן, באַגלייט פון די כאָר־מיידלעך מיט די פאַרביקע שלייפן. זיי האָבן פול געמאַכט די ייִדישע געסלעך — און אויך דאָס געסל פון דער אַלטער שול — מיט קלאַנגען פון פרעמדע לידער, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן הילכיק, מאָנאָטאָן און אָנגעוואָרפן אַ שרעק. ס׳איז געווען אַ שעה פון שטיל־געשוויגענער איינגעשלאָסנקייט, אַ לאַנגע און אָפּגעפרעמדטע; און אומרויִק איז די דאָזיקע שעה געווען, ביז די קולות זייערע זענען אָפּגעהאַקט געוואָרן און די קריסטלעכע דינסט אונ־דזערע האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב, אין גאַנצן אַדורכגעפלאַמט פון פראָסט און צעשטראַלט פון תענוג. טאַקע זי האָט האָפערדיק דערציילט, אַז עס איז דאָרט געווען ווונדערלעך שיין... אַז דער צלם אין טייך איז שוין אויסגעהאַקט און ער שטעקט דאָרט אין אייז מיט זיין גאַנצער היי־ליקער פּראַכט... מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט און דער טאַטע האָט לאַנגזאַם אויפגעעפנט די לאָדן...

נון, שטייט ער דאָרט איצט, דער ריזיקער קרייץ, וואָס גלאַנצט מיט זיין קעלט און וואַרפט אַן אַ פּחד אויפן גאַנצן שטעטל אונדזערן! און ערגעץ דאָרט, נאָענט צום גלאַנציקן קרייץ, איז באַהאַלטן אין די פאַרבאָרגענישן אַ גרוב וואָס לאָקערט. דאָס איז דער הייליקער גרוב, אויסגעהאַקט אין דער לענג און אין דער ברייט, וואָס פון אים האָט מען עס אַרויסגעראָבן דעם

אייזיקן צלם אין דער פּחדימדיקער נאַכט. ער איז איצט לגמרי אָפן צום אויפגעפּראַלטן אָפּגרונט... זיי געהיטן, בעל־העגלה!

און פון געבונדענעם שטומען טייך האָט זיך איצט דער באַשנייטער וואָגן אַוועקגעגליטשט גלייך צום שיניאַווער וועלדל. ניין, איצט איז עס נישט מער יענץ גרינע, חנעוודיקע וועלדל, וווהין מיר האָבן אַזוי ליב געהאַט צו גיין שפּאַצירן אין זומערדיקע פאַרנאַכטן און וואָס אַלע חלושים פון שטעטל האָבן דאָרט געוואָלט זיך מחיה זיין אויפן גרינעם גראָז. אַצינד האָבן די וואַלדיקע שטעגלעך אַן אַנדער פּנים. מען דערקענט גאָרנישט אין די ביימער, אַז זיי זענען אַמאָל גרין געווען און אַז אַזוי פיל פייגל האָבן זיך געהאַלטן אין זייערע צווייגן. אַצינד זענען די פייגל ערגעץ ווו אַוועקגעפלויגן און זענען נישטאָ. די ביימער אַליין זענען בלוילעך־נאַקעט, מיט אומציילִיק־אויסגעשטרעקטע אָרעמס איינגעהילטע אין בלענדנדער ווייסקייט ווי אייביקע מתים אין לויטערע תכריכים. בלויז דאָס געוואַלדיקע ליכט, וואָס איז צעגאָסן איבער אַלץ און וואָס גלאַנצט אַראָפּ פון אַלעמען, טרייסט און דערמוטיקט. און דאָס שנייאיקע געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון אונטער די פערדישע טריט איבער די לאַנגע פּאַסן, וואָס דער ווינטער־וואָגן לאָזט נאָך זיך, זאָגט בשורהדיק אָן מיט פייערלעכער לוסטיקייט די לויטערקייט פון אייביקן פרילינג אין רעכטן מיטן פאַרגליווערטער ווייסקייט פון פראָסט.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז נעמט מיין אָטעם אַרויסברענגען פון זיך אַ שטויביקע פאַרע. דעם טאַטנס וואָנסעס ווערן געשטייפט בעתן רעדן, אָבער די ווייסע פריילעכקייט גיסט זיך פון אַלע זייטן. מיין האַרץ יובלט אין מיר, אונטער אַלע מאַנטלען און איינהילענישן — פּונקט ווי עס יובלען אונטן די כוואַליעס, וואָס ברויזן אונטער זייער אייזיקן צודעק, צעפלאַטערט און צעזונגען פון פרילינגדיקן געבליץ, אין רעכטן מיטן גלאַנציקן פראָסט וואָס איז שטאַרק און שיינענדיק און וועלכער הערט נישט אויף צו פאַרפלייצן מיט לעבנס־קראַפט דעם גאַנצן אַרום.

מיר האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אַנופּראָווע. דאָס איז געווען אַ וואַלד צווישן די שטעטלעך מאָהילנע און אוזדע. דעם דאָזיקן וואַלד האָט דעמאָלט „געהאַקט" אַ רייכער, יידישער סוחר פון ווילנע. מיין פאָטער איז דעמאָלט געווען זיינס אַ נאמן און אַ שטיקל שותף.

אָנופּראָווע איז געווען אַ געדיכטער וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן אויף לאַנגע שעהן גאַנג. די דייטשע „אָפּשאַצער" זענען אַרומגעגאַנגען אין קורצע קורטקעס און „נביאות געזאָגט" מיט פּינקטלעכער זיכערקייט וויפל קראָקוועס און ברעטער און שוועלן און שפּאַלן און קלעצער מען קען מאַכן פון יעדן בוים. זיי האָבן פאָרויסגעזאָגט און די ייִדישע סעקרעטאַרן האָבן עס פאַרצייכנט. דערנאָך האָט זיך מיין פאָטער אַוועקגעזעצט און געמאַכט דעם חשבון. ר׳ שלמה, דער „באַצייכענער", אָנגעטאָן אין אַ פוטער פון שעפּסן־פעל, ווען ס׳ האָר עס זענען געווען פון דרויסן, איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן, קיילעכדיקן ווינטער־טאָג מיט אַ האַמער אין האַנט, און אין האַמער איז געווען איינגעקריצט דער שטעמפּל פון די וואַלד־בעלי־בתים. ער פלעגט אַריינשלאָגן דעם שטעמפּל, וואָס האָט געהאַט די איניציאַלן פון די אייגנטימער, אויף די שפּיצן פון די אָפּגעשניטענע קלעצער; אוי, האָב איך דעמאָלט געהאַט אַ תאווה אַרויסצוכאַפּן דעם האַמער פון זיינע הענט און אַליין „אָפּדרוקן" די אותיות פּונקט ווי ער! אָבער ווי ביטער האָב איך זיך אַנטוישטביים איבערצייגן זיך, אַז הגם איך האָב געקלאַפּט דעם האַמער מיט מיין גאַנצן ייִנגלשן כוח — האָבן זיך די אותיות נישט געוואָלט איינקריצן אינעם האָלץ. האָב איך שוין דאַן זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין, אַז מען דאַרף האָבן אַ סך קראַפט און געשיק, כדי די אותיות זאָלן זיך וועלן איינקריצן ווי עס געהערט צו זיין! און וואַסילי, דער הויף־וועכטער וואָס איז געווען ממונה אויפן שטאַל — וויפל נייעסן און וואונדערלעכע זאַכן דער דאָזיקער שייגעץ האָט עס געהאַט מיר צו אַנטפּלעקן אין די באַהעלטענישן פונעם וואַלד!

אָבער אין דער דאָזיקער אָנופּראָווע אַליין איז נאָר געטאָן געוואָרן די טעגלעכע אַרבעט. די אכסניה האָט זיך דאָרט נישט געפונען און די וואַלד־אָנגעשטעלטע האָבן אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך גענעכטיקט אין דעם שטעטעלע מאָהילנע און אַ פּאָר טעג אין וואָך איינגעשטאַנען אין אַ גאַסט־הויז אויף יענער זייט טייך, אין דעם שטעטל אוזדע. אויף שבת זענען זיי אַהיימגעפאָרן צו זיך. אַזוי פלעגן זיי זיך פירן במשך פון גאַנצן סעזאָן וואָס מען האָט געהאַקט דעם וואַלד און אַזוי האָבן מיר אויך געטאָן.

מאָהילנע איז געווען אַ פּיצינקע שטעטעלע, אפילו לויט די באַגריפן

פון אונדזערע קליינע שטעטלעך. דער גאַנצער כוח פון מאָהילנע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז נאָענט געווען צו פעסאָטשנע — פון וואַנען דער ניעמאַן הייבט אָן אַרויסצופליסן. נעבן פעסאָטשנע האָט געוווינט דער פריץ יאַטקאָ, וואָס איז באַקאַנט געווען איבער דער גאַנצער סביבה מיט זיין גרויס עשירות און מיט זיינע נאָך גרעסערע משוגעתן. דער ניעמאַן־אַרבל איז נאָך אין פעסאָטשנע געווען זייער אַ שמאָלער און עס איז נישט מעגלעך געווען דאָרט אַרויסצולאָזן די ברייטע, הילצערנע פליטן. דערפאַר האָבן די סוחרים געמוזט אַרויסשיקן דאָס געהילץ איבערן ניעמאַן פון מאָהילנע. צוליב דעם האָט זיך אַרום דער אכסניה פון די געהילץ־סוחרים קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע שטעטעלע.

ווען איך בין געקומען אין דעם גאַסט־הויז, האָט מיר דער העברעיִשער לערער, וואָס איך האָב דאָרט אָנגעטראָפן, דערציילט, אַז דער בעל־הבית איז אַ גרויסער יחסן און במילא ווערט שוין מיט אים מיוחס דאָס גאַנצע שטעטעלע. דער נאָמען פון בעל האכסניה איז געווען ר׳ שמואל מאָהילנער, אָבער די דייטשע „אָפּשאַצער״ האָבן אים גערופן „הער גאָלדבערג״. טאַקע פון יענעם בחור, וואָס איז דאָרט געווען העברעיִשער לערער, האָב איך זיך דערוווסט אַז דער דאָזיקער ר׳ שמואל גאָלדבערג פון מאָהילנע איז אַ ברודער פונעם באַוווסטן העברעיִשן דערציילער אין מינסק וואָס איז באַקאַנט געווען אונטער זיין ליטעראַרישן פסיידאָנים „יכנהז״. דאָס האָט ער זיך אַזוי אַ נאָמען געגעבן, ווייל די ראשי תיבות האָבן געמיינט: ישעיהו כהן ניסן הר זהב — וואָס איז די העברעיִשע איבערזעצונג פון גאָלדבערג. איז דאָס ביי מיר געווען אַ טאָפּלטער ווונדער; איינמאָל דערפאַר וואָס דער שאַרפזיניקער העברעיִשער שרייבער האָט פאַרשטאַנען צו נעמען אַזאַ געוויינטלעכן נאָמען ווי „גאָלדבערג״ און אים איבערדרייען אויף אַזאַ זעלטענעם נאָמען ווי הר־זהב... צווייטנס האָט ער גענומען דאָס באַקאַנטע ראשי־תיבות וואָרט פון סידור „יקנהז״ און געמאַכט מיט אַ קליינער ענדערונג אַ ליטעראַרישן נאָמען: יכנהז. און נאָך מער האָב איך זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן פונעם חדוש וואָס איך זע מיט מיינע אייגענע אויגן אַ לעבעדיקן ברודער פון אַ באַוווסטן העברעיִשן שריפטשטעלער, וואָס גייט דאָ אַרום און באַ־

דינט די וואַלד־מעקלערס, וועלכע אַרבעטן צוזאַמען מיט אונדז אין אַנופּראָווע.

קיין אונדזע זענען מיר נאָר געקומען אויף איין טאָג. דאָס שטעטל איז געווען גרעסער פאַר מאָהילנע און די אכסניה ווו מיר זענען איינגע־שטאַנען האָט אויסגעזען צו זיין אַ גאַנצער האָטעל. איך דערמאָן זיך נאָך די הויכע געביידע מיט גאַנאַק אַרום, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל פון דער לאַנגער, משופּעדיקער גאַס. איך געדענק אויך די שפּע מיט עסנוואַרג וואָס מען האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט פאַר די וואַלד־מעקלער. דאָס עסן איז דאָרט אַנדערש געווען, נישט נאָר פון די מאכלים פון מאָהילנער גאַסט־הויז, נאָר אויך פונעם עסן וואָס מען האָט דערלאַנגט ביי אונדז אין דער היים. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי ביי אַ סעודה, וואָס די מיטה־טרעגער ביי דער „חברא קדישא" האָבן געמאַכט יעדן ט"ו כסליו ביי אונדז אין שטעטל. אויך דאָס מגושמדיקע פּנים פון דעם אכסניה־אייגנטימער — וואָס האָט דיריזשירט מיט דער דאָזי־קער שטאָפּ־מלאכה — האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון. דאָס איז געווען אַ פּנים פון אַ מענטש וואָס האָט באַדינט זיינע קליענטן מיט אַלע רמ"ח אברים. ער האָט זיך אַזוי איינגעשפּאַנט אין דער מלאכה פון שנעל רייך ווערן, אַז ער האָט זיך דערביי געיאָגט צו דעראָבערן אפילו דאָס האַרץ פון דעם קינד וואָס איז מיטגעקומען. דאָס איז אָבער געווען אומ־זיסט. ביי מיר האָט ער נישט נושא חן געווען.

אין צייטן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז דאָס דאָזיקע אונדזע האָט אונדזער דיכטערין דבורה באַראָן געשילדערט ווי איר „זשוזשוקאָוו־קע" און זי האָט באַוויזן וווּנדערלעך אויפצולעבן אויך ביי מיר דאָס דאָזיקע שטעטל, די הייזער, די גאַסן און די מענטשן אירע — סיי די רשעים און סיי די צדיקים. איך האָב ליב געהאַט אַריינצוזעצן אירע העלדן און העלדינס אין דער לאַנגער, קרומער גאַס וואָס האָט זיך אויס־געשפּרייט אין מיין געדעכעניש דורכן גאַנעק פון דער אכסניה אויף יענער הוסט־נסיעה מיינער, פון וועלכער די שפּורן זענען מיר געבליבן אין זכרון עד היום.

ערשט ביים ענדיקן די נסיעה, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט סוף וואָך אַהיים מיטן ווינטערוואָגן, האָט פּאַסירט יענע שרעקלעכע זאַך צוליב

װעלכער — אפנים — די גאַנצע רײזע איז מיר אַזױ אײַנגעקריצט אין האַרץ.

ביזן שטעטל סוויערזשנע, נעבן אונדזער היים, זענען מיר נאָך גע־פֿאָרן מיט יענער זיגגעװדיקער פרײלעכקײט, װאָס האָט אַרויסגעשטראָמט פֿון דער גאַנצער פײערלעכער װינטער־פּראַכט. נאָר אין סוויערזשנע האָבן מיר אָנגעטראָפֿן אויף ייִדן, װאָס האָבן זיך אומגעקערט פֿון מײַן שטעטל שטויבץ און אויף זײערע פּנימער איז געלעגן אַ פּאַראומערטקײט פֿון שװאַרצער אבלות. עס האָט זיך אַרויסגעװיזן אַז נעכטן איז דאָ פֿאַר־בײַגעפֿאָרן אַ בעל־עגלה מיט אַ פֿולן װאָגן פּאַסאַזשירן פֿון פֿאַרשידענע שטעט. דער בעל־עגלה האָט פֿאַרבלאָנדזשעט און אַרײַנגעפֿאָרן מיטן װאָגן גלײַך אין דעם אָפֿענעם מויל פֿון יענעם הײליקן גרוב, װאָס איז צע־פּראַלט געװען אין דער פֿאָרם פֿון אַ שתי וערב נעבן דעם אויפֿגעשטעלטן, אײַזיקן קרײַץ... עס זענען דערנאָך געקומען צו לויפֿן די פֿײַערלעשער און אַרויסגעשלעפּט די מערהײט פֿאַרשװינען פֿונעם װאַסער. אַצינד זע־נען זײ טאַקע אין שפּיטאָל. בלויז דער בעל־עגלה און אַ ייִד פֿון סוויער־זשנע זענען דערטרונקען געװאָרן אין דער שטורעמדיקער טיפֿעניש. די פֿײַערלעשער האָבן שוין אַרויסגעשלעפּט זײערע טויטע קערפּערס. און די סוויערזשנער ייִדן, װאָס מיר האָבן אָנגעטראָפֿן, זענען עס טאַקע איצט צוריקגעפֿאָרן פֿון דער לװיה, אין װעלכער אַלע ייִדן פֿון מײַן שטעטל האָבן זיך באַטײליקט. האָבן זײ עס אונדז דערצײלט מיט אַן אבלדיק קול און אײַנגעבויגענע, װען מיר האָבן זײ געטראָפֿן נעבן זײער שטאָט. די ייִדן האָבן אונדז דערבײַ אָנגעזאָגט, פֿאַרן געזעגענען, אַז מיר זאָלן זיך זײער היטן אויפֿן װעג, װײַל עס איז הײַנט סוף חודש און די נעכט זענען זײער פֿינצטערע, הגם עס איז אָנגעפֿאַלן אַ גרויסער שנײ — װײַל דער גרוב איז נאָך אַלץ אָפֿן...

די דאָזיקע בשורה האָט אונדז נידערגעשלאָגן. אונדזער בעל העגלה, װאָס איז געװען אַ גוטער ברודער מיטן דערטרונקענעם בעל עגלה, איז שטאַרק צערודערט געװאָרן. האָט ער דערפֿאַר אַ שמיץ געטאָן דאָס פֿערד מיט דער גאַנצער שװערקײט פֿון זײַן זיפֿצנדיק געמיט — און מיר זע־נען געפֿאָרן װײַטער.

פֿון סוויערזשנע קײן שטויבץ פֿאָרט מען געװײנטלעך, אויב דער װעג

איז אין אָרדענונג, צוואַנציק מינוט. אָבער דאָ האָבן מיר געזען אַז מיר פאָרן שוין אַ האַלבע שעה, דריי פערטל שעה און מען זעט נאָך גאָרנישט... קיין סימן נישט פון דעם אייזערנעם בריק נעבן אונדזער שטעטל און אויך נישט פון די קלויסטער־שפּיצן, וואָס הייבן זיך אַרויס פון שטעטלשן באַרג צו באַווייזן זיך פאַר די ווייטקייטן... איז שוין דער בעל העגלה אַראָפּ פון וואָגן, געטאַפּט אין דער פינצטער אויף אַלע זייטן און אונדז צו וויסן געטאָן אַז... מיר בלאָנדזשען.

איך ווייס נישט ווי לאַנג מיר האָבן זיך נאָך געדרייט צווישן די ווינטער־קוסטן און שניי־טייכן, נישט וויסנדיק דעם וועג און די ריכטונג צו וועלכער מיר פאָרן. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי מיר דרייען זיך דאָ שוין אַרום אַ גאַנצע אייביקייט. דער פייכטער שניי איז געוואָרן שטעכיק. די טרויעריקייט פון דער בשורה און די פינצטערקייט פון דער נאַכט האָבן אים צוגענומען די גאַנצע שטראַליקייט. האָט ער געשמיסן אָן רחמנות און צעמישט אַלע וועגן און שטעגן. דער דערפאַרענער בעל העגלה איז אינגאַנצן צערודערט געוואָרן און האָט מער נישט געוווּסט פון זיינע הענט און פיס. וווּהין איז נעלם געוואָרן דאָס באַקאַנטע וועלדל? און ווו איז דער אייזערנער בריק, דורך וועלכן די באַן לויפט אַריבער דעם טייך? און פאַרוואָס זעט מען נישט דעם שפּיץ פון קלויסטער, כאָטש דער גאַנ־צער קלויסטער שטייט אויפן בערגל אין מיטן שטעטל? דער שניי האָט צוגעדעקט די קלאָרסטע סימנים, דאָס חשכות האָט אויסגעמישט אַלע גרע־נעצן און די שלעכטע בשורה האָט צעמישט די געדאַנקען. דער בעל עגלה האָט נישט אויפגעהערט צו שמייסן דאָס פערד און דער שניי האָט נישט אויפגעהערט צו שמייסן די פּנימער — און די זיכערע געפאַר האָט נישט אויפגעהערט צו לויערן... זי איז נישט ווייט, די סכנה. איר נעסט שטעקט ערגעץ דאָ אין דער נאָענט, אין דער צעמישעניש. זי טייעט אַרויס פון דעם אויסגעהאַקטן, הייליקן גרוב — וואָס פירט שתי־וערבדיק גלייך אין תהום אַריין... ערשט נישט לאַנג האָט זי איינגעשלונגען אירע קרבנות און איר פאַרבאָרגן מויל איז נאָך אַלץ צעעפנט אונדז צופוסנס. האָט דאָס האַרץ נישט אויפגעהערט צו דריקן, איינגעהילט אין טרויער און אין יונגן ציטער... ביז ס׳האָט פּלוצלינג נאָענט אַ פּייף געטאָן. דאָס האָט די ביינאַכ־

טיקע באַן אַ לויכט געטאָן און אַריבערגעפלויגן אין געאייל די שינעס, ממש נעבן אונדז.

— טפו! האָט דער מיט שוויס־באַגאָסענער בעל עגלה אַ שפּיי געטאָן — צו אַלדע רוחות! אָט זענען מיר דאָך הינטער שיניאַווע!

ער האָט מיט איין מאָל אויסגעקערעוועט דאָס פערד מיטן גאַנצן כוח און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך דער וואָגן שוין געטראָגן איבער דעם באַקאַנטן און ליבן געסל פון אונדזער שטאָט. אָט זעט מען שוין דעם גאַנעק פון אונדזער הויז, אויף וועלכן מיין מוטער שטייט און קוקט זיך אויס די אויגן, וואַרטנדיק אויף אונדז.

מיט ציטערדיקע הענט האָט די מאַמע אַראָפּגענומען פון מיר דעם גאַרטל פון מאַנטל און דעם מאַנטל פון פוטער און דעם פוטער פון ראָק און דעם ראָק פון די אַנדערע בגדים, ביז זי האָט מיך באַפרייט פונעם גאַנצן באַרג מלבושים. דערנאָך האָט זי אַרויפגעלייגט איר גוטע האַנט אויף מיין שטערן און דערשפירט, אַז ער ברענט ווי פייער... און אַז מיין גאַנצער קערפער איז באַשלאָגן מיט קאַלטע אַנגסטן. האָט מען מיך אויסגעטאָן, געגעבן צו טרינקען הייסע טיי מיט מאַלינע־זאַפט און מען האָט געשיקט מיין שוועסטער, זי זאָל וואָס שנעלער ברענגען דעם דאָקטאָר לעוויטאַן.

# שבתי צבי אין מײַן קינדהײט

זינט איך האָב אָנגעהויבן נאָכצושפּירן דעם סוד פון דער שבתי צבי באַוועגונג און אירע טריט־עכאָס אין דער ייִדישער געשיכטע — האָב איך נישט איינמאָל זיך אַליין געוואָלט דערמאָנען: ווי אַזוי האָט זיך אין מײַן שטעטל, נאָך אײדער איך האָב אָנגעהויבן לייענען ביכער, צו מיר זיך דערטראָגן דער נאָמען פון שבתי צבי? ווען איז דאָס פאָרגעקומען און בײַ וועלכע אומשטענדן? איך האָב נישט געקענט געפינען קיין ענטפער. די לאַסט פון די אײַנדרוקן, וואָס איך האָב דערנאָך געהאַט פון די גע־לייענטע ספרים, האָט באַשוועדט און טאַקע צוגעדעקט די ערשטע שיכט־אײַנדרוקן פון קינדישע יאָרן. ביז איינמאָל, אין אַ רויִקער מינוט, איז יענע ערשטע שעה פון דאָסניי אויפגעשווימען אין מײַן זכרון און איך האָב זיך דערמאָנט ווי אַזוי דאָס איז געווען.

ווילט זיך מיר נעמען און זי פעסטהאַלטן בכתב.

בײַ אונדז איז געווען אַן אַלטער ייִד, אַ רײַכער און אַ פרומער, וואָס איז געווען זייער אָנגעזען אין שטעטל. ער האָט געהייסן מענדל ליפשיץ. ער איז געווען נישט קיין אָרטיקער. ער האָט, זעט אויס, געשטאַמט פון אונדזער שטעטל און האָט אויך פאַרמאָגט אַן אייגענע דירה בײַ איינעם פון די שטאָט־נגידים אין מיטן מאַרק. אָבער די גרעסטע טייל פון זײַן צײַט האָט ער אפּנים פאַרבראַכט אין דער פרעמד, אין די גרויסע שטעט און אפילו אין קעניגסבערג און אַנדערע שטעט אין אויסלאַנד. אין שטעטל אַרײַן איז ער געקומען מיט אַ קורצער צײַט צוריק. מיט די עסקים האָט ער זיך שוין מער נישט אָפּגעגעבן. די קינדער זענען שוין געווען אויס־

געגעבן און צעשפּרייט איוף דער גרויסער וועלט. ער האָט זיך געלעבט רויק און בריות צוזאַמען מיט זיין אַלטער און קרענקלעכער פרוי.

ווען זיין ווייב איז אים געשטאָרבן האָט מענדל ליפשיץ פאַרטראַכט אַ פּלאַן, וואָס פאַרן שטעטל איז עס געווען אַ חידוש: ער האָט אָנגעהויבן בויען אַ גרויס געמויערט הויז אויפן שול־הויף פאַר אַ תלמוד־תורה, אויף זיינע הוצאות. מיט דעם האָט ער געוואָלט פאַראייביקן דעם נאָמען פון זיין פאַרשטאָרבן ווייב. לאַנגע יאָרן האָט דאָס בויען געדויערט. די ווענט, פון רויטע ציגל, האָבן זיך אַלעמאָל אַ הייב געטאָן אַ ביסל און זיך אָפּגעשטעלט. דערנאָך האָבן זיי ווידער אַ וואַקס געטאָן אַ ביסל און זענען אויפסניי שטיין געבליבן. נישט איינמאָל האָט מען געזען דעם אַלטן אַרומ־קריכן אויף די רושטאָוואַניעס צוזאַמען מיט עפּעס אַ גלות. ער האָט געהאַלטן אין איין אויסמעסטן און ציילן... און דערנאָך האָט ער ווידער אויסגעמאָסטן. מען האָט געשמועסט אין שטאָט, אַז דער בנין האָט שוין „אויפגעגעסן" אַ צוויי טויזנט רובל און ער וועט נאָך אויפעסן אַ טויזנטער ביז ער וועט פאַרטיק ווערן. האָב איך דאָן נישט פאַרשטאַנען געגוי, ווי אַזוי אַ געביידע קען „אויפעסן" געלט. נאָך מער איז מיר נישט געווען פאַרשטענדלעך דאָס וואָס מען האָט דערציילט, אַז מענדל ליפשיץ וויל מען זאָל אין זיין תלמוד־תורה אויך לערנען אַ מלאכה. ס'איז ביי מיר געווען אַ פּלא: ווי אַזוי לערנט מען שמידעריי פון אַ ספר אַרויס? און וואָס געהער זיך אָן אַ מלאכה מיט אברהם דעם תלמוד־תורה־מלמד?

מענדל ליפשיץ איז געווען פון די חשובי העיר. ער איז אָבער נישט געווען קיין פאַנאַטיקער, הגם ער האָט גאָר שטרענג אָפּגעהיטן אַלע דינים, גרויסע זאַכן ווי קלייניקייטן. ער איז געווען אַ מתנגדישער ייִד וואָס האָט געדאַוונט אויף דער מזרח־וואַנט פון דער אַלטער שול, אַ געלאַסענער אין גאַנג, ריין אָנגעטאָן, געהיטן מיט אַ וואָרט, געהאַט אַן אָפענע האַנט פאַר צדקה, זיך דערווייטערט פון יעדער מחלוקת און ער האָט קיין שום חלק נישט געהאַט אין די שטעטלדיקע גבאותן.

ער איז אָבער געווען פונעם רבס מענטשן — און דער רב איז געווען אַן עקשנותדיקער אַנטי־ציוניסט און אַ פאַנאַטישער קעמפער. בעת די ערשטע ציוניסטן אין שטאָט האָבן געעפנט אַ העברעיִשע ביבליאָטעק — איז דער רב אין כעס געוואָרן און אַריינגעשיקט אַ „חרם" צום בעל־

הבית פון הויז ווי די ביבליאָטעק איז געווען. און דאָס האָט געווירקט. אין מיטן דער נאַכט האָט מען די ביכער אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. און אַז מען האָט געמאַכט אַ חנוכה־אָוונט, האָט דער רב געהייסן דעם שמש אויסרופן „בפקודת הרב והגבאים״, אַז דאָס קומען אויפן אָוונט איז האַרב פאַרבאָטן בתכלית האיסור. פון זיינס אַ דרשה אום שבת תשובה בין איך דאָס ערשטע מאָל געוויר געוואָרן אַז עס עקזיסטירט איינער מיטן נאָמען „אחד העם״. דער רב האָט שטאַרק געצאָרנט פון באַלעמער אַראָפּ און געטרייסלט מיט זיין רויטער פאַטשיילע אין דער צונויפגעדריקטער האַנט: „ליליענבלום און אחד העם, ימח שמם וזכרם!...״ און צוליב דעם דאַזיקן האַרבן גראַם, זענען די רייד אַריינגעפאַלן אינעם קינדישן האַרץ און דאָרט איינגעקריצט געוואָרן.

איז אויך מענדל ליפשיץ צוגערעכנט געוואָרן צו די ציוניסטישע קעגנער. דער ציוניזם האָט זיך נאָר וואָס געהאַט באַוויזן אין שטעטל און האָט שוין געהאַט איינגענומען די הערצער פון די אינטעליגענטערע אין אונדזער משפחה.

און הגם מיין פאָטער האָט אויך געהאַט אַ נייגונג צום ציוניזם און האָט זיך באַצויגן צום קנאותדיקן רב אַנדערש ווי מענדל, און האָט אויך נישט געדאַוונט אין מתנגדישן בית המדרש צוזאַמען מיט מענדלען, איז ער פונדעסטוועגן געווען אַ חסיד און געדאַוונט אין שטיבל. אויסער דעם איז צווישן זייביידע געווען אַ גרויסער אונטערשיד אין יאָרן. מיין טאַטע איז געווען ערשט אַרום די פערציק און מענדל ליפשיץ איז שוין געווען אַ בן שבעים. פונדעסטוועגן האָבן זיי געהאַט אַ מנהג אַרויסצוגיין שפּאַצירן צוזאַמען, אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן, אויסער דער שטאָט. איך, דאָס קינד, האָב אויך מיטשפּאַצירט. ווייל איך זיך מודה זיין: קיין גרויסער אָנהענגער פון די דאָזיקע בשותפותע שפּאַצירן בין איך נישט געווען. עפּעס פלעגן זיי זיך צו לאַנג פאַרהאַלטן אין מיטן וועג בעתן שפּאַציר. מענדל ליפשיץ איז זיך געגאַנגען געלאַסן, אויסגעמאָסטן. יעדעס מאָל ווען ער האָט עפּעס געוואָלט אונטערשטרייכן באַזונדערס אין זיינע רייד אָדער ער האָט געוואָלט אויפכאַפּן דעם טאַטנס אַ באַמערקונג, האָט ער איבערגע־האַקט דעם גאַנג און זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג. אַ קורצזוויקסיקער

מיט אַ ברייטער באָרד, דעם גראָבן פינגער אַריינגעשטעקט אין גאַרטל... איז ער אַזוי געשטאַנען אַ פאַרטיפטער אין שמועס.

איך אָבער האָב ליב געהאַט צו מאַרשירן שנעל, בפרט נאָך ווען מען איז אַרויס אויסן דער שטאָט. דאָרט זענען געלעגן די באַן־רעלסן און דער וועג צווישן זיי איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט שוועלן, וואָס זענען געווען אָפּגערוקט איינס פון צווייטן. איז דער הויפּט־פאַרגעניגן געווען אַריבערצושפּרינגען פון איין שוועל אויף דער צווייטער און נישט אָנרירן דערביי די ערד. דער טאַטע האָט מיך אָבער נישט געלאָזט אויסן אויג און איך האָב זיך פון אים נישט געקענט צו ווייט דערווייטערן. האָב איך געמוזט אַריינכאַפּן אויף דער שנעל די שפּרינגערייען און צוריק־קומען, כל זמן זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי זייערע שמועסן. דערפאַר זענען אָבער זייערע רייד צווישן איין אָפּשטעל און דעם צווייטן געווען מיר זייער ליב. דערמאָן איך זיך טאַקע איינעם פון זייערע שמועסן:

דער טאַטע האָט זיך דאַן נאָר וואָס אָנגעשלאָסן צו די ציונים, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין זיין קעגנער, מענדלען, דאָס דערהויבענע און גלייכצייטיק אויך דאָס קאָמישע וואָס שטעקט אין דער פּרעקטיקער באַ־וועגונג. די דערהויבנקייט — דאָס איז דאָך דער ציוניזם גופא... און די קאָמישקייט: דער פאַרגלייך צווישן דער קלייזלדיקייט פון דעם איצטיקן ציוניזם און דער קלייזלדיקייט פון די אַמאָליקע חסידים אין דער צייט פון זיין יוגנט. דער עיקר איז קאָמיש דאָס וואָס זיי, די ציוניסטישע משכילים, ווייסן גאָר נישט וועגן דער דאָזיקער ענלעכקייט און זיי זענען גאָרנישט חושד אַז עס עקזיסטירט אַזעלכעס...

— גלייבט מיר, ר׳ מענדל, אַז ווען איך הער ווי מיכאל שימי הורוויץ — וואָס האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון באַזעלער קאָנ־גרעס — דערציילט וועגן ד״ר הערצלען, מיין איך אַז איך הער אונדזער מורה־הוראה פון דובראָוונע, בעת ער קומט צוריק פון ליובאַוויטש נאָך די ימים נוראים און ער נעמט דערציילן וועגן רבין, ר׳ שמואלן...

—און איך זאָג אייך, ר׳ לייב — האָט זיך מענדל פאַרהאַלטן אין גאַנג, אויפגעהויבן די האַנט און אַ וואָרן געטאָן פילדייטיק מיטן פינ־גער — איבער אַזעלכע זאַכן משפט מען ערשט לויטן אויסלאָז. ס׳איז אַ האַרבער ענין. הלוואי זאָל איך נישט זינדיקן מיט מיינע רייד. אָבער

דער סוף פונעם ד״ר הערצל קען נאָך חלילה אַמאָל זיין דער זעלבער, וואָס שבתי צביס...

איז דער טאַטע בלייך געוואָרן ווי דערשראָקן. ווי מיין פאָטער איז ווייט געווען פון דיספוטירן און פון זוכן נצחונות אין וויכוחים — האָט ער זיך דאָך אַ טרייסל געטאָן, געבליבן הינטערווייליעכץ, און זיך באַשיצט מיט בײדע הענט:

— וואָס רעדט איר, ר׳ מענדל? וואָס רעדט איר?! צי הערט איר כאָטש וואָס איר האָט געזאָגט?!

— אַזוי האָב איך מורא, ר׳ לייב. ארץ ישראל וועט מען איצט נישט באַקומען פונקט ווי מען האָט עס דעמאָלט נישט געקראָגן — און אויך דער סוף וועט חלילה זיין דער זעלבער, ביטערער סוף...

פון גרויס ווייטיק און פאַרשעמטקייט האָט דער טאַטע מער נישט דיסקוטירט. ער האָט זיך נאָר אַ קער געטאָן און זיי זענען בײדע צוריק־געגאַנגען. נאָך איצט געדענק איך גוט סיי די וואָרענונג מיטן פינגער וואָס מענדל ליפשיץ האָט געגעבן און סיי דעם טאַטנס פאַרשעמטע בלייכ־קייט, צוזאַמען מיט זיין פלוצלינגדיקן קער אויף צוריק — כדי מען זאָל אָפּקירצן דעם שפּאַציר...

ביים סוף פון יענעם שפּאַציר, ווען מיר זענען שוין געווען אין מיטן שטאָט, האָט מענדל געוואָלט איבערבעטן דעם טאַטן פאַר זיין באַציִונג צו ד״ר הערצל און גלייכצייטיק האָט ער אים פאָרט געוואָלט מסביר זיין זיין קעגנערשאַפט. האָט ער אים דערפאַר געבראַכט אַזאַ מין משל, וואָס זאָל אים איבערצייגן:

— ר׳ לייב, איר קענט דאָך אונדזער דאָקטאָר לעוויטאַן? קיינער קען נישט מסופק זיין אין לעוויטאַנס ערלעכער איבערגעגעבנקייט צום קראַנקן. האָט געטראָפן אַז ער האָט געהיילט אַ קראַנק קינד. גאַנצע נעכט איז ער געזעסן ביים קינדס בעטל, געזאָרגט פאַר רעצעפּטן, גע־בראַכט געלט פון זיין טאַש און זיך אָן אַ שיעור מוסר נפש געווען פאַרן קינד. די גאַנצע שטאָט האָט דאַן גערעדט און דערציילט מעשהס וועגן דעם דאָקטאָרס איבערגעגעבנקייט און זיינע אָנשטרענגונגען. שטעלט אייך אָבער פאָר, ווען נאָך די אַלע אָנשטרענגונגען וואָלט געווען פּאַסירט דאָס פאַרקערטע. די אַלע אָנשטרענגונגען זאָלן נישט געווען העלפן און דאָס

## שטערן פּאַרטאָג

קינד זאָל חלילה געווען שטאַרבן... צי וואָלט זיך דעמאָלט געפונען כאָטש איין משוגענער אין שטאָט, וואָס זאָל אויך דאַן נעמען דערציילן ווי געטריי דער דאָקטאָר האָט באַהאַנדלט דאָס קינד און וויפל ער האָט זיך דערביי מטריח געווען? אָט דאָס טאַקע, ר׳ לייב האָב איך געזאָגט: ביי אַזעלכע זאַכן קען מען גאָרנישט זאָגן, נאָר לויטן סוף — און פאַרן דאָזיקן סוף האָב איך זייער מורא, ר׳ לייב... כ׳האָב זייער, זייער מורא...

און ער האָט זיך געלאַסענערהייט ווידער אָפּגעשטעלט מיט גרויס געוואָרנטקייט און מיט אַ האַרבער באַזאָרגטקייט...

# דער מינסקער מגיד

יענע באַרימטע מגידים, וואָס אַלע ליטוויש־ייִדישע שטעטלעך זענען פול געווען מיט זייער לויב, האָב איך שוין נישט באַוויזן צו קענען.

אויך די וואָס האָבן נאָך געלעבט אין מיין דור זענען צו אונדז אין שטעטל נישט געקומען. וועגן דעם קעלמער מגיד האָב איך נאָר געהערט פלאַימדיקע מעשהס וואָס די זקנים פון בית המדרש האָבן דערציילט. אין חסידישן שטיבל האָט מען זיך נישט באַצויגן מיט צופיל דרך ארץ צו די מגידישע דרשות און אין אַלטן, מתנגדישן בית המדרש זענען נאָר געקומען די אומבאַקאַנטע מגידים. מיין רבי, דער קוידענאָווער פרוש, איז אַליין געווען דער פאָטער פון דעם באַרימטן בריסקער שטאָט־מגיד, ר׳ אליקים געצל. ער פלעגט מיר נישט איינמאָל דערציילן וועגן זיין גערויטענעם זון. אָבער זיינע רייד וועגן אים זענען געווען דורכגעזאַפּט מיט טרויער דערויף, וואָס ר׳ אליקים געצל האָט פאַרלאָזן דעם לומדישן וועג און האָט זיך אַריינגעלאָזן אין דרשנות. מיט זיין דערציילן מיר וועגן זון האָט ער טאַקע געהאַט אַן אָפענע כוונה: מיך צו ראַטעווען פון דער דאָזיקער סכנה.

די גרויסע רעדנער, באַהערשער פונעם באַלעמער, וואָס פלעגן קו־מען פון צייט צו צייט, אויפשטורעמען די געמיטער און איבערלאָזן אין קינדישן האַרץ שפורן וואָס קענען זיך נישט אָפּווישן — האָבן שוין געהערט צום נייעם שניט. זיי האָבן זיך געהייסן רופן „מטיפים" און איבער זייערע דרשות פלעגן זיך פירן מחלוקתן צווישן די ציונים און דעם שטאָט־רב. דער נאַציאָנאַלער מטיף אַבראַמזאָן האָט זיך שוין דער־לויבט „אָפּצוהאַלטן" זיין „פאָרטראַג" נישט נאָר אין שול נאָר אויך אינעם

פּריוואַט־הויז פֿון שטעטלדיקן דאָקטאָר; דער יינגער יהלל (יהודה לייב לעווין) פֿון ווילנע האָט שוין געטראָגן עפּעס אַ ספק יאַ־באָרד ספק נישט־באָרד, איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ גאָלדענער פּענסנע און געפֿירט זיך אַנדערש ווי עס איז ביז איצט געווען אָנגענומען: ער האָט געדרשנט אין נייעם בית המדרש גאָר פּרייטיק צו נאַכטס נאָך דעם עסן... אָבער זיי ביידע זענען גיכער געווען די ערשטע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, איידער די לעצטע פֿונעם דור אָנערקענטע מגידים.

פֿון די טראַדיציאָנעלע מגידים, די ממשיכים פֿון דער ליטווישער מגידות, זענען אין מיין האַרץ אויפֿגעהיט געוואָרן גאָר געציילטע. אַזוי למשל קען איך נישט פֿאַרגעסן דעם בלינדן מגיד, וואָס פֿלעגט קומען אין שטעטל אין די סליחות־טעג און דרשענען אין דער אַלטער שול פֿאַרטאָג. געוואַלד, וואָס איך פֿלעג זיך אויסבעטן ביים טאַטן, אַז ער זאָל מיך אויפֿוועקן באַגינען און מיטנעמען צו דער דרשה! אַ הויכער, אַ דאַרער — איז דער דאָזיקער שוואַרצער יונגערמאַן געשטאַנען מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, זיין קול איז געווען ליריש, אָנגעזאַפּט מיט אייביקן צער און אַזוי איז ער געשטאַנען און ביז צום פֿרימאָרגן זיך אויסגעטענהט מיטן טאַטן אין הימל. איך דערמאָן זיך אויך אין אַ מגיד מיט אַ געדיכטער באָרד וואָס האָט געהאַט אַ פֿאַמיליע־נאָמען „העכט". זיין עיקר טעמע איז טאַקע באַשטאַנען אין אַ מעשה מיט אַ פֿיש. מיט אַ באַזונדער אויספֿירלעכקייט האָט ער געשילדערט דעם צער פֿון אַ פֿיש, וואָס צאַפּלט זיך ערב שבת ביי דער בעל־הביתטע אין האַנט — און זי ווייסט נישט פֿון קיין רחמים... אַפֿילו די גרעסטע צדקניות שניידט דעם פֿיש מיט גרויס הנאה ווען ער לעבט נאָך. ער האָט דערביי איבערגעגעבן אַ לאַנגן און דראַמאַטישן דיאַלאָג צווישן דעם פֿיש און דער בעל־הביתטע. דער דאָזיקער דיאַלאָג איז געווען אַדורכגענומען מיט אגדה־ציטאַטן און שטראָף־רייד. די גאַנצע דרשה איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען נאָר אַ משל צו דער כנסת ישראל, וואָס אַפֿילו די בעסטע צווישן די אומות העולם מאַכן האַרט זייערע הערצער ביים אָנבליק פֿון אונדזערע צרות. שפּעטער, ווען איך האָב געלייענט די „קליאַטשע" פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים איז מיר אויפֿגעפֿאַלן די ענלעכקייט מיט העכטס מגידישן פֿאַרגלייך. אין זכרון איז מיר אויך אויפֿגעהיט געוואָרן די געשטאַלט פֿון אַ מגיד, וואָס כ'האָב

נישט געוווסט זיין נאָמען, פון וועמען איך האָב באַקומען די ערשטע לעקציע אין דער יידישער געשיכטע: אַן אויספּירלעכע שילדערונג פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. דאָס אַלץ וואָס איך האָב שפּעטער געליי־ענט אין מיין קינדהייט איבער דער יידישער מאַרטירערשאַפט — ווי „עמק הארזים" פון א. ש. פרידבערג, „בימים ההם" פון יהודה שטיינ־בערג, און „צווישן האַמער און קאָוואַדלע" פון מאָרדאָווצעוון — איז נאָר געווען אַ המשך פון יענער איפּשווידערנדיקער שילדערונג וואָס ס'האָט געגעבן יענער ווונדערלעכער מגיד. דאָס האָט ער אָנגעהויבן דער ער־שטער צו עפענען דאָס קינדישע האַרץ פאַר די פּיינען פון יידישן פאָלק אין גלות.

און אוודאי געדענק איך דעם פאָלקס־מגיד, מיין בן עיר, ר' איטשע תנחומס, מיט זיין האַרציקן ניגון און זיינע זיסע משלים. ער איז געווען אַ תנ"ך־מלמד פון די משכילישע קינדער אין שטאָט. אויסער דעם האָט ער געדרשנט „עין יעקב" אין דער בעל־מלאכהשער קלויז און „געזאָגט" קאַפּיטלעך איוב אין די הייזער פון אבלים. ר' איטשע תנחומס פלעגט מיך אַלעמאָל אַריינברענגען אין אומבאַשרייבלעכער שטוינונג, ביים דער־זען זיין ווונדערבאַרע פאַרוואַנדלונג מיטן מאָמענט ווען ער איז אַרויפ־געגאַנגען אויפן באַלעמער. דאָס פּנים האָט ביי אים גענומען לויכטן, די אויגן האָבן געפלאַקערט און דאָס קול האָט געזונגען אַזוי ווי פון זיך אַליין. איז טאַקע נישט געווען צו גלייבן אַז דאָס איז דער זעלבער איטשע תנחומס, וואָס מיר אַלע האָבן גוט געקענט, אויף וועמען די פרומע לייט פון שטאָט האָבן נישט ווייניק אונטערגעברומט... אָבער ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט דרשענען פאַרן עולם — האָבן זיי אַלצדינג פאַר־געסן. זיי זענען געשטאַנען צוגעשמידטע צו די ערטער און דורשטיק געטרונקען די געפערלטע רייד פון זיין מויל.

צווישן די דאָזיקע געציילטע און באַגאַבטע, די מייסטערס פון שפּראַך און ריזן פון געפיל און פאַנטאַזיע — וועלכע האָבן געשטאַלטיקט דאָס גייסטיקע וועזן פון זייערע צוהערער און וואָס יעדע דערשיינונג זייערע איז געוואָרן אַן אומפאַרגעסלעכע פּאַסירונג אין שטעטל — איז אויך ער געווען: דער שטאָט־מגיד פון מינסק. די פּרטים פון יענער צייט באַווייזן זיך איצט צו מיר אַזוי ווי דורך אַ נעפּל. אָבער דער ניגון פון זיינע רייד

לעבט נאָך אין מיין האַרץ, גלייך ווי אינעם טאָג ווען ער איז אויסגע־זונגען געוואָרן. ווען איך קלער פון אים, גייט ער אויף אין מיר, ברומט, ציטערט און באַלעבט אין מיר אַ גאַנצע וועלט...

איך בין נאָך געווען אַ קינד. ס׳איז דאַן נפטר געוואָרן איינער פון די גאר־גרויסע רבנים. ס׳האָט געמוזט זיין ר׳ יצחק אלחנן ספעקטאָר פון קאָוונע אָדער ר׳ יהושע לייב דיסקין פון ירושלים. על כל פנים עס האָט גע־הערשט גרויס טרויער אין דער אַלטער שול צוליב דער אבדה. עס האָט מספיד געווען אונדזער שטאָט־רב און אויך דער רב פון אַ דערבייִיקן שטעטל. אָבער קהל האָט זיך מיט דעם נישט צופרידנגעשטעלט, ביז מען האָט אַראָפּגעבראַכט דעם מינסקער מגיד, אַז ער זאָל מספיד זיין דעם גרויסן נפטר.

די שול איז געווען פול איבער די ברעגן. אויפן באַלעמער איז גע־שטאַנען אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק, באַקרוינט מיט אַ טונקעלער באָרד און אַרומגעהילט מיטן טלית. זיין קול איז געווען ווי פון אַ לייב און זיינע אויגן — ווי טייכן... ער האָט אָנגעהויבן זיך פאַרגיין אויפן קול: „מו — רי ורבו־תיי!״ — און שוין האָט ער אָנגעוואָרפן אַן אבלות אויפן עולם. איין סיפור האָט זיך געקייטלט אין צווייטן און איין משל אינעם אַנדערן. זיין שפּראַך איז געווען אַ פאָלקסטימלעכע און אַ בילדערישע, אַדורכגעווירצט מיט רוסישע ווערטלעך און שפּריכווערטער. ער האָט זיך באַנוצט מיט פּאָלעמישע אויסדריקן וואָס האָבן זיך באַלד איינגע־קלאַמערט אין לעבן אַריין און די שטאָט־לייט האָבן זיי נישט אויפגע־הערט איבערצוחזרן אַ סך יאָרן. דער לייט־פּאָדעם פון זיין דרשה איז געווען וועגן דעם נפטרס גרויסע נשמה וואָס איז געקומען צו גאַסט צו דער דאָזיקער עדה אין איר טרויער ביים הספד. דאָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט דעם מאמר חז״ל „אחים לי בהספדא דהתם קאימנא״ וואָס באַווייזט אַז דער נפטר שטייט דערביי, ווען מען איז אים מספיד. מיט אַן איבערציייגנדיקער דראַמאַטישקייט האָט ער געפירט, פאַר קהלס אויגן, דעם שטורמישן דיאַלאָג צווישן דעם גייסטיקן פירער פון דער עדה און דער פאַרטרויערטער עדה גופא. מיט פּאָטערלעכער תקיפות האָט דער מגיד זיך געבעטן ביי דער עדה, אין נאָמען פון נפטרס נשמה, אַז זי זאָל מתקן זיין אירע מעשים און רייניקן אירע מחשבות. דערפאַר

וועט די נשמה פונעם נפטר קענען מתפלל זיין פאַרן קהל ביים כסא הכבוד. און ווי אַ פאַרשולדיקט קינד האָט ער זיך מתחנן געווען ביי דער הייליקער נשמה, אין נאָמען פון דער גאַנצער טרויערנדיקער עדה, און האָט פאַר איר אויסדערציילט די צרות פון דור, די פגעים פון דער צייט און די תחבולות וואָס דער יצר הרע ווענדט אָן צו פאַנגען הערצער. און פאַר־לאַנגט האָט ער פון דער הייליקער נשמה, אַז זי זאָל זיך דערשלאָגן ביז צו די טויערן פון רחמים, פאַלן דעם פאָטער פון הימל צו די פיס, זיך אויסשפרייטן פאַר אים און נישט אָפּלאָזן, ביז ער וועט זיך דער־באַרעמען אויף יידן און שיקן דעם גואל צדק...

אין מיטן פון דעם דאָזיקן אויפטרייסלענדיקן וויכוח איז געקומען אַ ווונדערלעכע שילדערונג וועגן דעם גרויסן ווערט פון דעם ענין ווייַנען בציבור; וועגן דעם גרויסן כוח צו לייטערן הערצער וואָס טרערן פאַר־מאָגן און איבער דעם גרויסן חסד וואָס ליגט אין רחמנות. אַ שרעקלעכע מעשה האָט ער דערביי דערציילט וועגן אַ געהויבענעם אורח וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אויפן וועג אין אַ שנייִיקער נאַכט, אין מיטן אַ ווינטער־דיקער זאַווייע. ביז ער איז געקומען צו אַן אָרעמען יידס שטוב און יענער האָט נישט געהאַט מיט וואָס אים צו דערקוויקן און מכבד זיין. האָט ער אים אויפגעשטעלט דעם הייסן סאַמאָוואַר און געראַטעוועט פון קעלט... דער נמשל? אָט איז צו אונדז געקומען צו גאַסט אַזאַ גדול בישראל פון יענער וועלט — און מיר האָבן גאָרנישט ביי זיך. נישט קיין תורה און נישט קיין מעשים טובים. די בייזע ווינטן ווילדעווען און אַרום איז דער שטורעם, די מגפה פון שמד בושעוועט... זוכט די גרויסע נשמה ביי אונדז אַן אחיזה, זי זאָל האָבן מיט וואָס מגין צו זיין אויפן כלל ישראל. האָבן מיר נישט מיט וואָס מכבד צו זיין די נשמה, סיידן מיר זאָלן אויפזידן „דעם סאַמאָוואַר" און אים דערלאַנגען אונדזערע הייסע טרערן...

„איך וועל געבן פייער און איר גיט וואַסער!" האָט ער דאַן אויס־געשריען, דער מינסקער מגיד, און לאָמיר דערמיט דערקוויקן אונדזער הייליקן אורח!... ער האָט טאַקע באַלד אַ שפרונג געטאָן פון אָרט, אויפ־געריסן די טירלעך פונעם ארון קודש, אַריינגעוואָרפן זיין קאָפּ צווישן די ספרי תורהס און געגומען שרייען מיט אַ ביטער קול: רבונו של עולם, עד מתי תסתיר פניך ממני... אתה תקום תרחם ציון... כי עת לחננה...

כּי בא מועד...״ און דער גאַנצער עולם אין שול, גרויס ווי קליין, סיי די ווייבער־שול און סיי די מאַנסלייט, האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אַז דער בית מדרש האָט אַזש געציטערט.

...אַ סך יאָרן זענען זינט דאַן אַוועק. ווייניק קינדישע געפילן זענען געבליבן אומפאַרענדערט, נאָך אַלע איבערקערענישן פון דער צייט. נאָר יענער געוויין איז געבליבן ציטערן אין אויער אויף שטענדיק. און אַזוי איז אויך געבליבן אויף אייביק אין האַרץ די שותפות צום דאָזיקן געוויין.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב געהערט חנה ראָווינאַ ווייגען ביי דער וואַנט אין דער נאַכט פון חורבן — האָט פון איר קלאָג־ליד אַרויסגעשיינט עטוואָס פון יענעם טרערן־קוואַל, וואָס האָט פאַר מיר געשטראָמט — אינעם געוויין פון יענער נאַכט. און בשעת איך האָב געלייענט ביי ביאַליקן „ולבבי סף דמעה״ — איז מיין ערשטע אַסאָציאַציע געווען: דער מינסקער מגיד...

געדענק איך ווי קהל האָט זיך געבעטן ביים מינסקער מגיד, ער זאָל בלייבן אין שטעטל נאָך אַ טאָג. האָט ער מסכים געווען און געדרשנט נאָך אַמאָל, נאָך שחרית. דאַן האָט ער באַוויזן מיט אותות ומופתים, מיט דער זעלביקער בילדלעכקייט און דראַמאַטישקייט, דורך שכל און לאָגיק, אַז די תורה איז מסיני, אַז ייִדן זענען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק און אַז דער גואל צדק מוז קומען בקרוב... זענען זיינע רייד געווען קלאָר און זיכער און האָבן געטרייסט און געבראַכט רו אין יעדנס האַרץ.

מער האָב איך דעם מינסקער מגיד נישט געזען און מער גאָרנישט געהערט וועגן זיינע דרשות. זייער ווייט זענען זיך די וועגן פונאַנדערגעגאַנגען... ערשט נאָך צענדליקער יאָרן האָט צו מיר דערגרייכט אַ ידיעה, דורך אַ שילדערונג פונעם לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אַז דער מינסקער מגיד האָט געהאַט אויסצושטיין פון זיינע ייִדישע קעגנער ביטערע יסורים. מען האָט מיר אויך דערציילט, אַז מען האָט אים אַרעסטירט און געצוווּנגען חתמענען אַ פּאַפּיר אין סאַמע יום־כּפּור. דורך אַלע ווייטקייטן איז זיין ווייטיק אויך מיין ווייטיק געוואָרן...

מיט אַ צייט צוריק האָב איך זיך אָנגעטראָפן אין אַ צייטונגס־כראָניק אויף אַ ידיעה, אַז דער מינסקער מגיד דרשנט אויף דער וואָכן־

סדרה אין דער גרויסער שול פון תל אביב יעדן שבת. איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער לעבט דאָ צוזאַמען מיט אונדז און אַז עס איז נאָך מעגלעך אים צו הערן. נישט איין מאָל האָב איך אָפּגעמאַכט ביי זיך צו גיין אים זען, עס איז אָבער גאָרנישט געוווען פון מיין פּלאַן: פּלוצלינג האָט מיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס פון תל-אביב אַ מודעה אין אַ שוואַרצער ראַם: דער מינסקער מגיד איז געשטאָרבן... אין דעם און אין דעם טאָג און אין דער שול וועלן אים מספּיד זיין די און די רבנים — —

מיינע פיס האָבן ווייטער נישט געקענט גיין.

יענער טאָג איז גראָד געווען אַ טאָג פון לויטער זיצונגען. די חברים האָבן לאַנג גערעדט וועגן די פּלאָגן פון דער צייט. אָבער אַז עס איז געקומען די שעה, ווען דער הספד האָט געדאַרפט געהאַלטן ווערן, האָב איך זיך מער נישט געקענט באַהערשן. איך בין אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען הערן די מספּידים. אויפן וועג האָב איך זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, פאַרוואָס איך האָב קיינמאָל נישט גענומען קיין צייט זיך צו דערוויסן: ווי אַזוי האָט זיך דער זקן באַצויגן צו אונדז? וואָס האָט ער געטראַכט וועגן אונדזערע טעטיקייטן און וועגן אַלץ, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען אין אונדזער לאַנד, בשעת ער איז אַהער געקומען צום סוף פון זיינע טעג? האָט ער זיך געלאָזט איבערבעטן? האָט ער געבענטשט? אָדער איז ער אַלץ געווען ברוגז און האָט געשאָלטן? איינס האָב איך אָבער געוווּסט אויף זיכער: ער האָט געוויס אַ חלק אין די דערגרייכונגען — סיי ווען ער האָט דאָס יאָ געוווּסט און סיי נישט. אויב עס וועט אַמאָל קומען אַ געטרייער זעער און אויסרעכענען אַלע מקורות, פון וועלכע עס האָבן געשעפּט זייער גייסטיקע גבורה און איבערמענטשלעכן ווילן די באַשאַפער פון דאָזיקן וווּנדער — וועט ער אויך געפינען דעם „וואָס זיין האַרץ איז אַ געפּעס פאַר טרערן" געווען און האָט גאַנצע פופציק יאָר אָן אויפהער זיך געטראָגן פון איין באַלעמער צום צווייטן איבער אַלע ליטווישע און רוסישע שטעט און שטעטלעך. נישט ווייניק זענען זיי געווען, די קינדער פון מינסק און פון גאַנץ מינסקער גובערניע און פון אַלע שטעטלעך אין תחום המושב, וואָס האָבן אין זיך איינגעזאַפּט זיינע רייד פול מיט ליבשאַפט צו ייִדן — אינעם באַגינען פון זייער לעבן, זיין געוויין אויף ייִדישע צרות און זיין גלויבן אין ייִדישע האָפענונגען

האָבן זיך אַריינגעגראָבן אין די טיפענישן פון זייערע הערצער ביז זיי האָבן זיך דערנאָך באַנייט און אומגעדיכטעטע זיך פאַרוואַנדלט אין שעפע־רישע צעלן פון אונדזער גרויסן געביי...

צי איז טאַקע די דאָזיקע פעיִקייט אַזוי צו ווירקן דעמאָלט אָפּגעשטאָרבן צוזאַמען מיט אים און זיינס גלייכן? איז היינט נאָך פאַראַן ביי אונדז ערגעץ ווו אַזאַ מגיד, וואָס זאָל קענען אָנצינדן הערצער מיטן פייער פון זיין וואָרט, וואָס גליט אויף זיינע ליפּן — אַזוי אַז אפילו אַ קינד זאָל די דאָזיקע צעפּייערטקייט מער נישט קענען פאַרגעסן?

איך בין צוגעקומען ביז צו די טויערן פון דער שול, וואָס איז אָנ־געגעבן געוואָרן אויפן טרויער־פּלאַקאַט. כ׳בין זיך מודה: איך האָב גאָר נישט געוווּסט, אַז אויך אין די זייטיקע געסלעך פון תל־אביב האָט מען אויפגעשטעלט אַזעלכע פּרעכטיקע בנינים צום לערנען און דאַווענען. ס׳איז דאָרט געווען איבערגעפולט. דער בית־מדרש איז געווען געפּאַקט מיט ייִדן אין דער מענער־שול און ס׳איז פול געווען די ווייבערישע שול. יאָ, די מענער... איך באַגעגן אויך זיי אויף די גאַסן פון שטאָט, אָבער אין גאַס ווערן זיי אַזוי ווי בטל צווישן דער מערהייט יונגנטלעכע און צווישן ייִדן פון נייעם טיפּ. אָבער דאָ, ווען זיי זענען אַלע צוזאַמען און קיין שום אַנדערער איז מיט זיי נישטאָ, און אַלע זענען זיי באַוואַקסן מיט בערד. אַ סך פון זיי טראָגן פאות און לאַנגע קאַפּאָטעס, פּלוצלינג פאַרגעסטו כמעט, אַז דו געפינסט זיך אין תל־אביב. דער גרויסער דלות, די קאָל־טענעוואַטע האָר, דאָס געקנייטשטע פּנים און דאָס ייִדישע לשון אין זייער מויל — דאָס אַלץ זאָגט דיר קלאָר: ליטע! אַ ליטוויש שטעטעלע... טאַקע מיין שטעטל גופא...

און אויפן באַלעמער — אַ מגיד... מען דערציילט מיר: פון דער משפחה פון וואָלאָזשינער ראש ישיבה, פונעם באַרימטן נצי״ב. און דער ניגון? יענער ניגון... אויף יעדן פאַל — פון יענער ניגונים־פאַמיליע. אַ געקרייזלטער ניגון, וואָס שלענגלט זיך אַדורך זיין וועג ביז צום תהום פון דער נשמה, א בעטנדיקער און שטראָפנדיקער, אַ התנצלותדיקער און גלייכצייטיק אַזאַ, וואָס באַהערשט דאָס האַרץ... און די ווערטער? די זעל־בע ווערטער: „אחים לי בהספדא דהתם קאימנא״... און ווידער דער זעל־בער דראַמאַטישער דיאַלאָג צווישן דעם פאָלק, וואָס טרינקט זיך אין זיינע

צרות — און די צרות זענען היינט נייע, לעבעדיקע און שוידערנדיקע. און דער באַליבטער שליח נאמן, וואָס ווערט איצט געשיקט צום כסא הכבוד בעטןביים פאָטער אין הימל פאַר ייִדנס וועגן, איז דאָס מאָל שוין ר׳ בנימין, דער מינסקער מגיד... און פלוצים: דער מגיד, וואָס איז מספיד שפּרינגט אויף פון זיין אָרט, רייסט אויף די טירלעך פון ארון־קודש, וואַרפט אַריין דעם קאָפּ צווישן די ספרי־תורהס און שרייט מיט אַ ביטער קול: רבונו של עולם, עד אנה, עד מתי תשכח את צאן מרעיתך?... אתה תקום... תרחם ציון —״ און דאָס גאַנצע בית המדרש, אויבן און אין דער נידער און פון אַלע זייטן — ברעכט אויס אין אַ געוויין —

דאָס זעלבע געוויין — — —

איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען:

נעבן מיר, נאָענט ביי דער באַנק, שטייט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט־ניין. אויפגערעגט און צעפלאַמט... און זיינע צוויי גרויסע, אָנגעצונדענע אויגן זענען אַזוי ווי צוגעקלעפּט צום מגידס ליפּן. — —

# דער קוידאנאָווער פּרוש

איך האָב ווידער געלייענט אַ היסטאָרישן ראָמאַן אין אַ פרעמדער שפּראַך. דאָס איז אַ געזאַנג וועגן אַ גייסטיקן מענטש, וואָס האָט אינ־גאַנצן געלעבט אויף די פאַרצייטיקע ביכער און אויף די באַגריפן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין יענע ספרים. איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַן אָפּקלאַנג פון מיינע יוגנט־תהומות. איך האָב דערזען יענע געשטאַלט — און עס איז פאָרט געווען אַנדערש. דאָס געשטאַלט, אין וועלכן איך האָב זיך דערמאָנט איז געווען אַזוי ענלעך — און דאָך אַזוי אייגנטימלעך. מיין געשטאַלט איז געווען ייִדיש, סיי אין די פאָרמען פון זיין אויסערלעך לעבן און סיי אין די אינערלעכע וואָרצלען פון זיין נשמה. איך האָב אָנ־געשפּירט דעם באַריר פון זיינע פינגער, וואָס האָבן געפאָרעמט מיינע יוגנט־איבערלעבונגען און איך האָב ווידער פאַרזוכט די שאַרפקייט פון מיין געראַנגל מיט אים, סיי אין יענע יאָרן און סיי שפּעטער. עס האָט ביי מיר גובר געווען דער חשק לאָזן אים אַן אָנדענק.

דאָס איז געווען מיין רבי — דער קוידאַנאָווער פּרוש.

פון מיין יוגנט דערמאָן איך זיך אַ סך „פּרושים", וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין בית המדרש. זיי האָבן דאָרטן געלערנט ווי די אַנדערע ישיבה־בחורים, אָבער אין קעגנזאַץ צו יענע האָבן די פּרושים נישט געגעסן קיין „טעג" ביי בעל־הבתישע טישן. פאַר זיי האָבן די עסקנים אין בית־מדרש צוזאַמענגענומען געלט יעדן ראש־חודש אויף צו דער־נערן זיך און אַהיימצושיקן אויף פּרנסה פאַר ווייב און קינדער, וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט אין ווייטע שטעטלעך. עס זענען געווען פּרושים, וואָס זענען נאָר געקומען צו אונדז אין שטעטל אַריין זיך מתבודד זיין אין

לערנען ביז זיי וועלן באַקומען סמיכה אויף רבנות. דערנאָך וועלן זיי אַוועקגענומען ווערן מיט כבוד אין איינעם פון די שטעטלעך און דאָרט ווערן די מנהיגים פון דער עדה. עס זענען אויך געווען אַזעלכע פּרושים, וואָס האָבן זיך ביי אונדז נאָר אויפגעהאַלטן אַ שטיקל צייט און דערנאָך זענען זיי נעלם געוואָרן אויפן זעלבן אופן ווי זיי זענען געקומען. איך געדענק איינעם אַזעלכן, וואָס איז געווען אַ געוואַלטיקער שוויַיגער במשך פון אַ לאַנגן ווינטער. געלערנט האָט ער אָן אַ ניגון און ער האָט זיך נישט געגעבן צו דערקענען דעם עולם — סיידן דורך זיין טיף קול, בעת ער האָט געמאַכט די ברכות מיט פאַרצויגענער דביקות ביים אויפרופן צום ספר־תורה.

נאָר אין אונדזער „שטיבל" האָבן זיך באַזעצט בקביעות צוויי פּרושים.איינער איז געווען גאָר אַ יונגער און מ'האָט אים גערופן „דער שוואַרצער פּרוש". ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען שחיטה ביי אונדז אין שטעטל און איז געווען משונהדיק פרום. ער האָט אויך ליב געהאַט מעיין צו זיין אין דרוש־ספרים און אין חקירה־ספרים, אַ ביסל צוליב הנאה־וועגן און אַ ביסל טאַקע צוליבן שפּעטערדיקן נוצן. ער האָט זיך נוהג געווען צו לערנען „חיי אדם" מיט די פּשוטע לייט ביים הינקענדיקן טיש, רעכטס פון דער אַריינגאַנג־טיר. אָבער דער הויפּט־טיש, וואָס נעבן אויוון, לינקס פון אַריינגאַנג, איז געווען באַשטימט אויף יעדן בין מנחה למעריב פאַר דעם „אַלטן פּרוש". ער איז געווען דער עיקרדיקער אין שטיבל, ווייל ער האָט געזאָגט דעם שיעור גמרא פאַר דער חברה ש"ס. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ חריף און אַ חכם אַ פּקח. אמת, ער האָט קיין שום אַנדער וועלט ווי די תורה נישט געהאַט — אָבער אַלע פאַרהוילנקייטן פון דער וועלט זענען אים באַקאַנט געווען. ס'איז נישטאָ פאַר אים קיין שום ענין אין דער וועלט, וואָס ווערט נישט באַלויכטן דורך דער גמרא — און די גמרא איז שטענדיק פאַר אים אָפן געווען, יעדן טאָג און יעדע שעה. ער האָט געקענט אַלע אירע איינגענג און אויסגענג — האָט ער אין זיי געוואַנדערט אַהין און צוריק, פּרימאָרגנס און אין די פאַרנאַכטן. ער איז דאָס מיין רבי געווען.

דאָס הייסט, לכתחילה האָט ער בכלל נישט געטראַכט וועגן לערנען מיט קינדער. ער איז געזעסן גאַנצע טעג און געלערנט פאַר זיך און האָט

בשום אופן נישט געוואָלט מבטל זיין פון לערנען. האָט מען אָבער דער־ציילט, אַז ער קען מער נישט אויסהאַלטן פון די ביטערע בריוו,וואָס זיין ווייב האָט אים געשריבן פון זאַסלאַוו. זי האָט פאַרלאַנגט אירע מזונות צו וועלכע ער איז מחויב מדין תורה. איך בין דאַן געווען אַ גמרא־יינגל, פאַר וועלכן ס'האָט זיך מער קיין מלמד אין שטעטל נישט געפונען. דאָס זעלבע איז געווען מיט מאָטלען, דעם שוחטס זון. האָבן אונדזערע עלטערן באַשלאָסן צו מאַכן פאַרן פרוש אַ „מעמד" פאַר אונדזביידן. דער סדר איז דערביי געווען אַזוי: איין האַלב יאָר האָט דער רבי געגעסן ביי אונדז און דאָס צווייטע האלבע יאָר — ביי מאָטלס פאָטער, ר' אליה שוחט. אויסער דעם עסן האָט ער אויך באַקומען 25 רובל אַ „זמן" פון יעדן איינעם. דאָס האָט ער געהאַט אַהיימצושיקן דער ווייב. בכדי מטיב צו זיין נאָך מער מיט דער ווייב, האָט ער נאָך געגעבן אַ שיעור — איין שעה אין טאָג, מיטאָג־צייט — איינעם פון די גבירישע קינדער אין גמרא.

אויסער דער דאָזיקער שעה האָט דער פרוש נאָר מפסיק געווען אין לערנען מיט אונדז אין דער צייט צווישן מנחה ומעריב, ווען ער האָט געלערנט מיט דער חברה ש"ס. אויך דאַן האָט ער מקפיד געווען, אַז מיר זאָלן זיין צווישן די צוהערער. די אַנדערע שעהען, בייטאָג און פאַר־נאַכט, זענען לגמרי באַשטימט געוואָרן פאַר אונדזער לערנען. ער אַליין האָט גענעכטיקט אין שטיבל, אויף אַ באַנק. פאַרטאָג איז ער אויפגע־שטאַנען און אַליין אויפגעשטעלט דאָס קליינע סאַמאָוואַרל. ער האָט דער־ביי אַראָפּגעשלעפּט זיינס אַ שוך און מיט אים אויפגעבלאָזן די קוילן. האָט שנעל אָפּגעזאָגט קריאת־שמע, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן די צייט פון דאַווענען, און זיך געזעצט לערנען מיט אַ קול „ווי אַ גלאָק", ביז די חסידים זענען געקומען צום מנין. דאַן האָט ער מפסיק געווען דאָס לערנען אויף אַ ווײַלע, בכדי שנעל אָפּצודאַווענען. די תפילה אַליין איז ביי אים צוגעגאנגען אָן לאַנגע שהיות („ווער עס טוט אָפּ זיין אויער פון הערן תורה, איז אויך זיין תפילה אַן אומווירדיקייט"), דערנאָך איז ער געקומען עסן אָנבייסן צו אונדז אָדער צו ר' אליה שוחט אין שטוב אַריין. דער לערן־טאָג פאַר אונדזביידע האָט זיך אָנגעהויבן אַכט אין דער פרי און זיך געצויגן אָן איבעררייס ביז איינס. איינס אַזייגער איז געקומען

דאָס גבירישע זונדל און מיר זענען פּטור געוואָרן אַ גאַנצע שעה פון לערנען. צוויי אזייגער איז דער רבי געגאַנגען עסן מיטאָג און דריי זע־נען מיר שוין ווידער געזעסן ביי די גמרות, מיר ביידע און דער רבי, ביז מנחה. נאָך מעריב, ווען ער האָט געענדיקט דעם שיעור מיט דער חברה ש״ס, האָט ער ווידער אַראָפּגעשלעפּט דעם שוך, נאָכאַמאָל אַוועק־געשטעלט דאָס סאַמאָוואַרל אויפן טיש און ווידער געעפנט די גמרא. אַזוי האָט ער געלערנט ווי אַ גלאָק שטייענדיק, מיט באַוועגונגען און אויפן קול, ביז ער האָט אויסגעטרונקען דעם לעצטן טראָפּן פון סאַמאָ־וואַר. מען האָט געשמועסט, אַז דער רבי טרינקט אויס 25 גלעזער טיי אַ טאָג. אינעם יאָר, וואָס מיר האָבן ביי אים געלערנט, האָט ער גראָד מסיים געווען ש״ס צום צענטן מאָל... און א פּלא: הגם ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון, האָט יעדע טיפע סוגיה אַלע מאָל אויסגעזען ביי אים ווי ניי און ער האָט פון איר גרויס הנאה געהאַט, גלייך ווי ער וואָלט זי ערשט איצט „איינגעביסן״.

ער פלעגט אונדז שטענדיק זאָגן: דער עיקר שכל איז, אַז „בתורת השם חפצו״, מען זאָל וועלן לערנען. טאָמער איז אָבער דער ווילן נישט שטאַרק — איז גאָרנישט ווערט, אפילו ווען מען איז מקיים די פרומע רייד פון פּסוק: ובתורתו יהגה יומם ולילה״. ביי אים איז אָבער דער חשק צו לערנען געווען בשלימותדיק. ער פלעגט זאָגן: פאַראַן נאַ־ראָנים, וואָס רעדן כסדר וועגן תענוגים פון עולם הזה. ווען זיי וואָלטן אָבער געהאַט אַן אמתן געלעגנק צו פאַרשטיין דעם טעם פון עכטן תענוג, וואָלטן זיי אַריינגעשוווומען גלייך מיט מיר אין דעם קלוגן ים פון מהרש״א — און זיי וואָלטן געוווסט, וואָס עס איז אַזוינס אמתע הנאה... און פּונקט ווי ער האָט זיך צוליב תורה דערווייטערט פון אַלע נאַרישע תענוגי עולם הזה, אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען נישט מבטל צו זיין פון דעם אמתן „תענוג של תורה״ אפילו ביים לערנען גופא. מיר האָבן דאַן געלערנט מיט אים מסכת שבת. ווען מיר זענען שוין מיד געוואָרן פון די ערשטע 29 דפים, וואָס זענען לויטער הלכה — און עס איז אין זיי כמעט קיין אגדה נישטאָ — זענען מיר צוגעקומען צום דף למ״ד און מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף דער וווּנדערלעכער דערציילונג וועגן טויט פון דוד המלך. אָדער ווען מיר זענען מיטאַמאָל אַרויס פון דער פאַרפּלאָנטער־

טער סוגיה „ערוגה" (דף פ"ד) און מיר זענען אַריין אין דעם גאָרטן פון דערציילונגען וועגן משהן, וואָס איז אַרויף אין הימל אַריין נעמען די תורה (דף פ"ח) — האָבן מיר זיך ממש מחיה געווען. אָבער דער רבי האָט איבערגעהיפּערט די דאָזיקע בלעטער פון גמרא־מעשיות, ווייל ער האָט געדאַרפט האָבן די צייט פאַר די ווייטערדיקע אמתע סוגיהס. איך מיט מאָטלען זענען צוליב דעם געווען געצוווּנגען צו זיצן ביינאַכט און לערנען „פאַר זיך" די אַלע אגדתות, וואָס דער רבי האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק פון זיי, אָדער איבערגעפלויגן איבער זיי אויבערפלעכלעך.

איך געדענק נאָר איין מאָל, ווען ער האָט זיך מבטל געווען פון לערנען צוליב זיין אייגענער שולד. צו מיין שוועסטער איז געקומען אַ באַקאַנטער סטודענט, אַ שאַרפזיניקער מאַטעמאַטיקער, וואָס האָט געפונען אַן אינטערעס זיך צוצושעפּען צום רבין. האָט ער אים אַ פרעג געטאָן עטלעכע האַרבע, מאַטעמאַטישע אויפגאַבן. האָט זיך שוין אויך מיין שוועסטער אַריינגעמישט, ווייל אויך זי האָט שטודירט מאַטעמאַטיק, און זי האָט אויך געפרעגט עטלעכע האַרבע שאלות. היות ווי דעם רבין איז געווען שווער תיכף אָפּצוענטפערן, האָט ער שוין נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם אַ גאַנצן טאָג. ווען איך בין געקומען אין חדר אַריין, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן:

— דער שנעק אייערער האָט אַ שאַרפן מוח... ער האָט מיך מבלבל געווען פון לערנען!

מיר האָבן טאַקע געזען בחוש, אַז דער גאַנצער טאָג איז שוין ביי אים אַ צעדרייטער. ערשט צומאָרגנס, ווען מיר זענען געקומען צום לערנען, איז ער אונדז אַנטקעגנגעגאַנגען אַ צעשטראַלטער פון פאַרגעניגן און זיך געריבן די הענט פאַר הנאה:

— נו, געלויבט איז גאָט, וואָס איך בין שוין פטור געוואָרן פון דער אַנשיקעניש...

דאָס האָט געהייסן, אַז ער האָט שוין געפונען אַ לייזונג פאַר די מאַטעמאַטישע אויפגאַבן, וואָס דער גאַסט האָט אים אַריינגעפּלאָנטערט אין זיי. איצט קען ער זיך שוין אומקערן צו די „פאַרגעניגנס פון דער תורה" אָן שטערונגען.

מען האָט אים גערופן „קוידאַנאָווער פּרוש" אויפן נאָמען פון קוי־דאַנאָווער רבינס הויז, ווו ער איז געווען לאַנגע יאָרן גמרא־מלמד. ער האָט געלערנט גמרא מיטן רבינס קינדער און צווישן זיי מיטן יונגן ר' יוסף, וואָס איז שפּעטער אַליין געוואָרן רבי. טאַקע ווען זיין תלמיד איז געקרוינט געוואָרן אַלס רבי, האָט ער מער נישט געקענט בלייבן אין קוידאַנאָוו און ער האָט פאַרלאָזן דעם רבינס הויז.

פון דאָרט האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ ביטול־באַציונג צום גאַנצן ענין רבישאַפט און צו אַלע אויסערלעכקייטן פון חסידות. „וואָס איז דען אַ רבי?" פלעגט ער אונדז פרעגן... און געענטפערט האָט ער מיט זיין אייגנטימלעכער בילדערישקייט, פון וועלכער מיר איז נישט גוט געוואָרן הערנדיק, וואָס ער טראַכט וועגן רביים: „אַ רבי איז אַ פּודעלע, אַ שאַכטל פון קאָרטן, וואָס האָט אַ צורה און אַ פאַרנעם — און אויך אַ גלאַנץ האָט עס — נאָר דער תוך איז אַ ליידיקער"... (אין מיין קינ־דישקייט האָב איך אויך דאָ געפונען אַ טרייסט, אַז דאָס מיינט ער נאָר דעם „קוידאַנאָווער" — וואָרום וועגן די ליובאַוויטשער רביים קען אַזאַ משל גאָר נישט געמיינט ווערן, ווייל זיי, האָב איך געוווּסט, זענען אַלע גרויסע למדנים סיי אין נגלה און סיי אין נסתר...).

ער פלעגט אין מיר אויך כסדר אַריינטענהן — און הערנדיק האָב איך געזען בחוש דעם תהום, וואָס צעעפנט זיך צווישן אונדז — וועגן דעם: „פרומקייט־שמומקייט, אַבי קען נאָר אַ בלאַט גמרא!" דאָס האָט געהייסן, אַז קענען לערנען שטייט ביי אים העכער ווי פרום זיין.

אָבער דער עיקר סכסוך צווישן אונדז, וואָס איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומאיבערבריקבאַרן אָפּגרונט, איז אויסגע־בראָכן צוליב מגידות. וועגן דעם דאָזיקן גרויסן און וואָגיקן ענין האָבן מירביידע גראָד געהאַט אַ יסוד פאַר קעגנזעצלעכע אויסבליקן און פאַר אַן עקשנותדיקער שטעלונג איינער קעגן צווייטן.

ער, דער רבי, איז געווען דער פאָטער פונעם באַרימטן מגיד — דער פירער פון די אַנטי־ציוניסטישע פאַנאַטיקער אין רוסלאַנד: ר' אליי־קים געצל, שטאָט־מגיד פון גראָדנע, ביאַליסטאָק און דערנאָך פון בריסק. אין זיין יוגנט איז דער זון געווען אַ גדול בתורה און מען האָט אים פאָראויסגעזאָגט, אַז ער וועט ווערן אַ גאון בישראל. איז ער געוואָרן די

גרויסע האָפענונג פון זיין טאַטן. אָבער נאָך אין זיין יוגנט איז דאָס האַרץ זיינס געפאַנגען געוואָרן פון דרשנות און דער פאָטער האָט געציטערט, אַז דאָס זאָל אים נישט שטערן צום לערנען. האָט ער זיך באַוואָרנט און גענומען ביי אים אַ תקיעת־כף, אַז ער וועט נישט ווערן קיין מגיד. זייענדיק בטוח, אַז ער האָלט אים געבונדן מיט דער שבועה, האָט ער אים דערלויבט צו פאָרן לערנען אין דער פרעמד. אָבער די שטאָט־רבנים, פונעם אָרט, ווו ער איז געקומען לערנען, האָבן דערשפירט דעם באַהאָלטענעם כוח פון דרשנות, וואָס שטעקט אין דעם יונגנמאַן און זיי האָבן אים געבעטן ער זאָל אויספירן זיין שליחות און אַרויפגיין אויפן באַלעמער. ר׳ אליקים געצל איז דאַן אַוועק צום באַרימטן צדיק ר׳ נחומקע גראָדנער און אים דערציילט וועגן דער שבועה, וואָס ער האָט געגעבן דעם פאָטער. היות ווי ר׳ נחומקע האָט געזען ,אַז דער דור האַלט אין איין ירידה און יידן נייטיקן זיך אין אַזאַ מוכיח ווי ר׳ אליקים געצל, האָט ער צונויפגערופן די דיינים — און ביי אַ בית־דין פון דריי האָט מען ר׳ אליקים געצלען מתיר געמאַכט זיין נדר. ער איז באַלד געוואָרן גראָדנער שטאָט־מגיד. שפּעטער איז ער באַרימט געוואָרן מיט זיינע פייערדיקע דרשות קעגן ציוניזם און קעגן העברעיִשע שולן. די דרשות זיינע האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די ציוניסטן אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך און אויך די העברעיִשע פרעסע איז פול געווען מיט זייערע אָפּקלאַנגען. דאַן האָט אים ביאַליסטאָק איינגעלאַדן צו זיך און שפּעטער — בריסק. די קעמפערישע אָרטאָדאָקסיע אין גאַנץ רוסלאַנד האָט אין אים געזען איר הויפט־קאָמאַנדיר און ער איז געוואָרן אַזוי ווי דער אָפיציעלער לאַנד־מגיד, וואָס האָט מיט זיינע דרשות אויפגערודערט איין שטאָט נאָך דער צווייטער...

ווען די לויב־רייד איבער אים האָבן דערגרייכט ביז צו זיין פאָטערס אויערן, האָט ער ביטער אַ זיפץ געטאָן: לערנען וועט ער שוין נישט קענען!...

אין שעהען פון באַזונדערער אָפּנהאַרציקייט האָט ער נישט אויפגעהערט זיך מתרעם צו זיין אויף דער גרויסער זינד, וואָס ר׳ נחומקע איז באַגאַנגען קעגן אים, קעגן זיין זון און קעגן דער גאַנצער תורה:

— מיין זון אליקים געצל איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ צווייטער ר׳ עקיבא אייגער — און זיי האָבן פון אים געמאַכט אַ „פּיעכאָטנע״ מגיד...

פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַ דם־שונא פון אַלערליי דרשנים. ער האָט אין זיי געזען די גרויסע סכנה, וואָס לאָקערט אויף אַלע באַ־גאַבטע ייִנגלעך... און איך, מעשה שטן, בין נאָך קינדווייז פאַרכאַפּט גע־וואָרן פון דער דאָזיקער לויערנדיקער געפאַר.

קיין ספּעציעלן שטאָט מגיד האָט אונדזער שטעטל נישט פאַרמאָגט. פון צייט צו צייט זענען אָבער געקומען מגידים, הספד־מאַכערס — און צווישן זיי אויך באַרימטע מגידים מיט גרויס כוח הדיבור, וועמענס דרשות ס׳האָבן פאַרכאַפּט די הערצער פון דער ייִנגער חברה אין שטאָט. אויך איך האָב „מיט דורשט געטרונקען זייערע רייד״. דערנאָך האָב איך התלהבותדיק נאָכגעזאָגט זייערע דרשות, מיטן זעלבן ניגון און מיט די זעלבע האַנטבאַוועגונגען, פאַרן טאַטן ביים עסן. און אין אַ זייער פרי׳ען עלטער האָב איך שוין אָנגעהויבן אַליין „דרשנען״. איך האָב זיך אַרומגע־הילט מיט אַ ליילעך אַזוי ווי מיט אַ טלית, אַוועקגעשטעלט איין בענקל אויף דעם צווייטן, כלומרשט אַ שטענדער, אַוועקגעזעצט אַלע משפחה־לייט אַרום טיש און „געדרשנט״. בעיקר האָב איך אָפּערירט מיט פּסוקים פון ישעיה און משלי, וואָס איך בין אין זיי קלאָר געווען אויסנווייניק. דער־ביי האָב איך זיי צונויפגעפלאָכטן מיט אגדה־שטעלן, וואָס מיר האָבן געלערנט אין חדר, פון די דריי „בבאס״ האָב איך געפרעגט קשיות, פאַר־ענטפערט מיט סברות און באַצירט מיט משלים.

אָבער זינט דער ציוניזם האָט דערגרייכט אונדזער שטאָט און די נייע „מטיפים״ זענען אונדז געקומען באַזוכן, איז מיין נייגונג צו מגידים פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ פאַרליבטקייט. יעדער באַזוך אַזעל־כער איז פאַר אונדז געוואָרן אַ גאַנצע סדרה פון עפנטלעכן גערוּנגל, פון דעראָבערן נייע הערצער און פון גייסטיקן תענוג אויף אַ סך וואָכן דער־נאָך... ווי אַזוי קען מען פאַרגעסן דעם באַזוך פון טשעריקאָווער רב ביי אונדז? אייגנטלעך איז ער נאָר געקומען פריוואַט, ווי אַ גאַסט פון זיין ברודער, דעם בעקער יאָשקע קושניר. נאָר די שטאָטישע ציונים האָבן שוין געוווּסט פון זיין גרויסן רעדנער־טאַלאַנט און ער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו דרשענען אין דער גרויסער שול. מיין פעטער, דער פאָרזיצער

פון דער ציוניסטישער אגודה, האָט דורך מיר געשיקט אים אַ מתנה ערב שבת — אַ פלאַש ווײַן. זײַן דרשה איז באַשטימט געוואָרן אויף שבת נאָך מנחה. די מיטגלידער פון דער אגודה „בני ציון", צוזאַמען מיט די קינדער וואָס זענען געווען מיט מיר אין דער גרופּע „ציון ושפתה", האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שול. דאָס האָבן מיר געדאַרפט השגחה האָבן, אַז די קעגנער זאָלן נישט שטערן דעם רעדנער. און טאַקע, ווי נאָר דער גאַסט איז אַרויף צום באַלעמער און אָנגעהויבן זײַן הקדמה צו דער דרשה, האָט זיך אונדזער שטאָט־רב גענומען אַרומקוקן אין אַלע זײַטן... ער, דער קנאַישער קעמפער קעגן ציוניזם האָט זיך געוווּנדערט וואָס מען האָט ביי אים נישט געבעטן קיין רשות. ער האָט דערפאַר אַראָפּגענו־מען זײַן שטריימל, וואָס האָט געהאָנגען אויף אַ האָק, אײַנגעטוליעט זיך אינעם פוטער און אַרויס פון שול. אָבער קיין איין מענטש איז אים נישט נאָכגעגאַנגען. ווייל דער רבנישער גאַסט האָט שוין געהאַט באַוויזן צו פאַרכאַפּן דאָס האַרץ פון די צוהערער מיט זײַן זיסן קול און מיט דער האַרבער קשיא וואָס ער האָט געפרעגט. גרויס איז געווען מײַן פרייד פון זײַנע פאַלעמישע אויפבליצן. ווי נאָר דער רב איז אַרויס, האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צום אַדורכגענומענעם קהל מיט אַ געשליפענער פראַ־גע, וואָס איז באַגלייט געווען פון אַ באַגייסטערטן ניגון און מיט אַ באַל־דיקן ענטפער, וואָס האָט געטראָפן פונקט אין פינטל אַרײַן:

— מורי ורבותי, צי ווייסט איר פאַרוואָס אין „פרק" שטייט וועגן אַ מחלוקת וואָס איז לשם שמים אַז דאָס איז „מחלוקת בית הלל ובית שמאי — און וועגן אַ מחלוקת וואָס איז נישט לשם שמים, אַז דאָס איז „מחלוקת קורח וכל עדתו"? האָט מען דאָך נאָר געדאַרפט דערמאָנען אויך דאָ, פונקט ווי ביי הלל ושמאי, די פירער פון ביידע צדדים, משהן און קורחן? פאַר וואָס שטייט עפּעס קורח וכל עדתו? נאָר דאָס גופא איז דער סימן צו דער־קענען, אויב אַ מחלוקת איז לשם שמים אָדער נישט לשם שמים. ביי אַ מחלוקת לשם שמים — איז דער רבנישער רעדנער זיך פאַרגאַנגען טיף אין זײַן ניגון, וואָס האָט געשפּאָלטן דעם רעיון אין צווייען אַז מען האָט בחוש געזען דעם תהום וואָס איז צווישן ביידע העלפטן, — שטייט שמאי אויף דעם באַלעמער און הלל — אויפן צווייטן; הלל זאָגט זײַן מיינונג עפנטלעך, ווען שמאי הערט — און אויך שמאי ענטפערט אים

בשעת הלל הערט. אַזוי אַרום קען מען קלאָר מאַכן דעם אמת, וואָס שווימט תיכף אַרויף אין דער הויך. ווי איז אָבער ביי אַ מחלוקת וואָס איז נישט לשם שמים? דאַן קומט משה פאַרלייגן זיינע טענות. טוט זיך קורח דעמאָלט אָן דאָס שטריימל, הילט זיך אַרום מיטן פוטער און אַנט־לויפט פון שול...

דעם רבס אָנהענגער האָט זייער נישט געשמעקט דאָס אָנצוהער־רעניש. זיי זענען אָבער געבליבן שטיין, און ווייטער געהערט. און מיר, ציוניסטן האָבן זיך געפרעגלט פון שמחה.

היינט, ווי שטאַרק האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ ווען דער ציוניסטי־שער מטיף אַבראַמזאָן האָט געדרשנט! ער האָט גערעדט ביים דאָקטאָר אין הויז — און אָן אַ טלית. דאָס איז געווען אַ מין פאַרזאַמלונג פון די ציוניסטישע אגודה־חברים, מאַנסבילן און ווייבער אין איין צימער. אָבער זיין עיקר פאָרטראַג איז געווען אַ דרשה, געגנוי ווי פון שול־באַלעמער אַראָפּ. ווען ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע צוויי שיינע הענט איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע ציוניסטן, האָט זיין אומעטיק קול געזונגען:

— בראו־תי, כל עיר ועיר על תלה בנוי־יה, ועיר אלה־ים מושפלת עד שאול תח־תי־יה! — מיט זיין געשמאַקער שפּראַך האָט ער דערביי געשילדערט זיין באַזוך אין דער הויפּטשטאָט פּעטערבורג, אין דעם מלוכהשן מוזיי, דעם אַרמיטאַזש מיט זיין גאַנצער פּראַכט און די הערלעכע זאַכן וואָס זענען דאָרט אויסגעשטעלט... היינט, דער קראַנשטאַטער פּלאַץ, די „אַדמיראַליטייסטוואָ״ אויפן ברעג פון דער ניעוואַ און די שיינקייט פון צאַרס ווינטער־פּאַלאַץ; און די פּראַכט פון אַ מיליטערישן מאַרש, בעת דער צאַר פאָרט פון זיין פּאַלאַץ צום קלויסטער מיט זיינע בישאָפן און מיניס־טאָרן!... מיטאַמאָל האָט ער געענדערט זיין שטים און זיין ניגון, פאַרגיי־ענדיק זיך אין אַ יאָמער:

„ועיר אלהים מושפלת עד שאול תחתיה!״... מורי ורבותי, מיר האָבן נישט קיין כהן און נישט קיין נביא, נישט קיין האַרן און נישט קיין פּליכטן, נישט קיין קעניג און נישט קיין הויפּטשטאָט, נישט קיין פּלאַץ און נישט קיין אַרמיי, נישט קיין רעכט און נישט קיין ערע, נישט קיין לייב און נישט קיין לעבן... און מיט אַ צעריסן, קאַכעדיק קול האָט ער אָנגעהויבן צו שילדערן אונדזער שפּלן מצב צווישן די פעלקער, די גזירות

רעות וואָס קומען אויף ייִדן, די שנאה וואָס כוואַליעט אויף אונדז דווקא פון דער שיינער פּעטערבורג און אונדזער שטעלונג פון אַ הילפלאָז שעפּסעלע צווישן אַ סטאַדע וועלף... דאָס האַרץ האָט אַזש ביי יעדן אַ פּלאַטער געטאָן! און אָט קעגן אַזאַ דערהויבענעם פאַרגעניגן האָט עס מיין רבי אַרויסגעטראָגן זיין פאַרבאָט! ער האָט מלחמה געהאַלטן קעגן דעם מיט גוטן און מיט בייזן, אָפן און פאַרבאָרגן. ווען ער איז געווען אין אַ מילדער שטימונג — נאָך דעם ווי מיר האָבן צוגעטראָפן אַ קשיא פון תוספות — האָט ער ביים טרינקען די טיי, צווישן איין זופּ און דעם צווייטן, אונדז געלאָזן מסביר געווען דאָס גרויסע שלעכטס וואָס ליגט באַהאַלטן אין מגידות. ער האָט אונדז אויפגעוויזן די זינד פון אָפּטייטשן אַ פּסוק נישט לויט זיין אמתן פּשט און ווי מוראדיק ס'איז דער שאָדן פון פאַרלירן צייט און ביטול תורה פאַר יעדן ייִד. ווער שמועסט נאָך אַז דאָס טרעפט לומדים און דערצו — אַזעלכע קינדער אין אונדזער עלטער...

ווען ער האָט געזען אַז לאָגישע רייד העלפן נישט, האָט ער גענומען צו הילף דעם רימען. ער האָט אים אַראָפּגענומען פון די מכנסים און אַוועקגעלייגט געלאַסן און מיט אַ סך מייסטערשאַפט אויף דער אָפענער גמרא... דאָס איז געשען גראָד אין זעלבן מאָמענט ווען דער לאַנג־אויסגעקוקטער מגיד איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַלעמער...

צו די שול־גבאים פלעגט ער טאַקע טענהן, ווייסנדיק אַז זיי האַלטן מיטן רב, אויף זיין שטייגער: איר ווילט פּטור ווערן פון ציוניזם? טאָ לאָזט נישט אַרויפגיין צו דער בימה די דאָזיקע „אויסגעפּוצטע קבצנים"! איר וועט זען ווי דער ציוניזם וועט פון זיך אַליין בטל ווערן... און מיינע עלטערן האָט ער געדראָט: זעט, איך האָב אייך געוואָרנט! אייער קינד וועט בלייבן אַן עם־הארץ און אַ גראָבער יונג... אַ „דוכס", אַ באָד־גוי — אויב ער וועט ווייטער נאָכלויפן די מגידים... און איינמאָל האָט ער אפילו פאַרטראַכט אַ מוראדיקן פּלאַן: דער זיידע איז פאַרבייגעפאָרן דאָס שטעטל, אויף צוריקוועגס פון ליאַדי, האָט ער מיך פאַרהערט צוזאַמען מיטן רבין און איך בין אַרויס בשלום. האָט אָבער דער רבי דערביי אַ זאָג געטאָן צום זיידן: וואָס קומט מיר אַרויס פון דעם גאַנצן גוטס, אַז ער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו די מגידים און צום מגידות... ווי נאָר עס קומט אַ מגיד אין שטאָט אַריין, לאָזט ער איבער דאָס לערנען און

לויפט אין שול אַריין, ווייסט עמעצער מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן?...
דער זיידע איז געווען אַ חסיד — און חסידים האַלטן סיי ווי נישט פון
קיין מגידים. האָט דער רבי פאַרגעלייגט דעם זיידן, ער זאָל ביי מיר
נעמען אַ תקיעת־כף, אַז איך וועל אויפהערן גיין הערן די מגידים. בין איך
געלאָפן צום טאַטן און אים דערציילט וועגן דער סכנה וואָס דערנענטערט
זיך צו מיר. האָט זיך מיין גוטער טאַטע אַריינגעמישט אין עסק אַריין
און ער האָט עס טאַקע אָפּגעהאַלטן דעם זיידן, ער זאָל נישט אויספירן
דעם רבינס שלעכטע מחשבה.

זענען טאַקע די באַציִונגען צווישן דעם רבין און אונדז, זיינע צוויי
תלמידים, געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגעצויגן ביז עס איז געקומען
דער אויסברוך:

אין שטעטל איז געקומען דער „גרויסער ציוניסטישער מטיף״ יהודה
לייב לעווין וואָס האָט זיך אויף די פּלאַקאַטן באַצייכנט אַלס „יהלל פון
ווילנע״. ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַנטשיק; אָנגעטאָן אין אַ גאָל־
דענער פּענסנע, אַ קליינער און אַ מאָגערער האָט ער זיך כמעט נישט
אַרויסגעזען. אָבער זיינע ווערטער זענען געווען פלאַם־פייער. זיינע שיל־
דערונגען — לעבנס־בילדער וואָס האָבן געמאַכט אויפציטערן. ער האָט
זיי געשעפּט סיי פון די נביאים און סיי פון דער אַקטועלער ווירקלעכ־
קייט. האָט ער טאַקע פאַרכאַפּט דאָס האַרץ מיט דער נשמה, בעת ער האָט
אָוועקגעשטעלט אַזאַ האַרבע פראַגע מיט זיין זינגעוודיקן קול:

„...קול ברמה נשמע, נהי בכי תמרורים... אַ קול איז געהערט געוואָרן
אין די הויכן, אַ ברומען און אַ ביטער געוויין... רחל, די מוטער רחל,
מבכה על בניה... די דאָזיקע רייד זענען נישט צום פאַרשטיין: ווער
עס קען די כללים פון דקדוק ווייסט אַז עס האָט געדאַרפט שטיין גע־
שריבן: רחל בוכה על בניה, די מאַמע רחל וויינט אויף אירע קינדער —
טאָ פאַרוואָס האָט דער נביא זיך אויסגעדריקט מבכה, וואָס דאַרף באַ־
דייטן אַז זי מאַכט גאָר וויינען אַנדערע?...״

און בכדי צו פאַרענטפערן די דאָזיקע האַרבע קשיא, האָט ער אָנ־
געהויבן דערציילן אַן אויספירלעכע און שרעקלעכע געשיכטע, וואָס האָט
אויפגערודערט די הערצער אין שול — סיי ביי די מענער און סיי אין
דער ווייבער־גאַלעריע. אַ מעשה נורא וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן:

„איז געווען אַמאָל אַן עלנטע אלמנה, וואָס צוליב איר אָרעמקייט האָט זי געוווינט אין אַ פאַרוואָרפענע, גוייִשע געסל. זי האָט געלעבט אין גרויס נויט, ווייל זי האָט קיין דערוואַקסענעם מאַנסביל נישט געהאַט אין שטוב און זי האָט נישט געהאַט קיין קרוב און נישט קיין גואל. אינעם ווינקל פון איר קליינעם שטיבעלע איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אין זיין וויגל איר קליין, צאַרט קינד — דער בן יחיד אירער. דאָס קינד האָט געפלאַמט פון גרויס היץ, ווייל עס איז געפערלעך קראַנק געווען. גאַנצע טעג האָט דאָס קינד זיך געקראַמפּט אין די יסורים ביז... עס איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן — — — און דאָס מוטערלעך־אלמנהדיקע האַרץ איז אין איר צעבראָכן געוואָרן פון גרויס אימה, וואָס די סכנה האָט אויף איר אָנגעיאָגט. כל זמן דאָס קינד האָט נאָך געיאָמערט, האָט די מוטער געוווּסט אַז איר איינציק קינד לעבט נאָך — און אַז די נשמה איז נאָך פאַראַן, קען זי נאָך האָפן אַז דאָס קינד וועט צוריק געזונט ווערן... אָבער אַז עס האָט אויפגעהערט צו לאָזן הערן אַ קול פון זיך, און עס שוויגט — ווער ווייסט, ווער ווייסט אויב די נשמה האַלט זיך נאָך אין אים? און ווער קען זאָגן אויב אַלע האָפענונגען זענען חלילה נישט פאַרלוירן?

„...און אויפן גאַס ווייעט אַ בייזער שטורעם־ווינט... די שעה איז געווען שפּעט ביינאַכט, די אַפּטייק איז שוין צוגעשלאָסן, דער רופא וווינט ווייט, די הינט בילן פון אַלע זייטן, דער ווינט קלאַפּט ביי די פענצטער, אין שטוב איז גאָרנישטאָ — און זי האָט נישט אויף וועמענס הענט איבער־צולאָזן איר קראַנק עופהלע... וואָס זשע קען טאָן אַזאַ אומגליקלעכע מו־טער? איז זי אַרויפגעפאַלן אויפן וויגל פון צעווייטיקטן קינד, וואָס איז איינגעשוויגן געוואָרן... זי האָט געשריגן מיט די לעצטע כוחות, געריסן דאָס קינד, געשליידערט עס, געשלאָגן איבערן קליינעם קערפּערל: אפשר וועט עס דערפון אויפוואַכן? אפשר וועט עס זיך צעווייגען צוליב די ווייטיקן וואָס זי טוט עס אָן — און די אומגליקלעכע מאַמע וועט צוליב דעם וויסן, אַז עס לעבט נאָך דאָס קינד... עס לעבט — — —

„און דערפאַר — האָט דער מטיף געביטן ראַפּטום זיין קול — טאַקע באַנוצט זיך דער הייליקער נביא מיטן לשון: רחל מבכה, זי מאַכט וויינען, על בניה איבער אירע קינדער — ווייל אין געוויין וויל זי דערהערן סימנים

פון אירע האָפענונגען...״ און דאָ האָט ער צוגעגעבן זיין נמשל, וואָס איז געוואָרן מער פּרטימדיקער און דערפאַר נאָך מער אויפגערודערט:

„...דאָס איז געגליכן, ווי מען פאַרשטייט שוין אַליין, צום פאָלק ישראל. ווער איז דען דאָס קינד, אויב נישט דאָס יידישע פאָלק איבער וועלכן דער פסוק זאָגט „הבן יקיר לי אפרים, אם ילד שעשועים...״ און דאָס קינד איז איין געפאַנגענשאַפט! די שונאים זענען אַזוי פיל, די הינט בילן, דער שטורעם יאָמערט, קיין העלפער זענען נישטאָ, די קראַנקייט איז אַ געפערלעכע — און דאָס קינד שווייגט שוין... מען הערט נישט מער זיין הילכיק געוויין: נישטאָ קיין תורה און נישטאָ קיין געבעט... מען הערט נישט זיין פּראָטעסט און מען זעט נישט זיין אויפרודערונג — ישראליק שלאָפט — — —

„פאַלט די מוטער אַרויף אויפן וויגל זיינעם, שיקט זי אויף אים אַן פּאָגראָמען מיט גזירות רעות... קומען די קישענעווער פּאָגראָמען, קומט דער כוליגאַן קרושעוואַן, קומט דער מיניסטער פלעווע, קומט די רשעות־באַנדעס פון דער „נאָוואָיע וורעמיאַ״ און זיי שפּאָטן, און קלאַפּן, און העצן און רויבן: אפשר וועט זיך פאָרט ישראל אויפכאַפּן? אפשר וועט ער זיך צעוויינען? און אפשר וועט ער אַרויסלאָזן פון זיך אַ קול?... אוי־אוי, מו־רי ור־בותי! לאָמיר אויפהערן צו שווייגן! לאָמיר זיך באַוואָפענען מיט „שקלים״, לאָמיר זיך פאַרזאַמלען אויף קאָנגרעסן, לאָמיר שרייען הויך, אויפן קול אַז אַלע זאָלן הערן — און זאָל די מאַמע לכל הפחות וויסן אַז איר קינד לעבט נאָך...״

איז די קינדישע נשמה ממש אויסגעגאַנגען, צוהערנדיק אַזעלכע רייד. וואָס קען מען דען נאָך זאָגן, וואָס איז נאָך אַלץ נישט דערזאָגט געוואָרן אין אַזאַ איבערציינגנדיק בילד? ווו איז דען פאַראַן אַ האַרץ וואָס זאָל נישט אויפציטערן? נישט אָפּרופן זיך?...

און ער, דער טייערער מטיף, זאָגט נאָך צו. די מודעות האָבן אָנגעזאָגט אַז ער וועט נאָך רעדן אַ צווייט מאָל, אין נייעם בית המדרש. אויך די שעה פון דרשענען איז אַ נישט־געווינטלעכע: פּרייטיק צו נאַכטס, נאָך דער וועטשערע... איז אונדז טאָפּלט פריילעך געווען: איינמאָל, צוליב דעם וואָס מיר וועלן אים קענען ווידער הערן און צווייטנס, דער־פאַר וואָס די דאָזיקע צייט איז דאָך זיכער אונדזערע — און דער רבי

האָט איבער אונדז אין יענער שעה קיין שום שליטה נישט... פרייטיק, שפּעטלעך פאַרנאַכט, ענדיקן מיר דאָס לערנען און דער רבי גייט אין מרחץ אַריין זיך צוגרייטן אויף שבת. דאַן הערט אויף זיין שליטה איבער אונדז און מיר זענען פריי ביז זונטיק אין דער פרי. האָבן מיר זיך ביידע געגרייט, מאָטל און איך, צו גיין נאָכן עסן אין דער נייער שול און הנאה האָבן פון יהללס ליכטיקע רייד.

דער רבי האָט אָבער אַנדערש פאַרטראַכט. ווי נאָר מיר האָבן געענדיקט דאָס עסן האָט ער אונדז מודיע געווען אַז דאָס מאָל האָבן מיר נישט באַוויזן פאַרנאַכט אָפּצולערנען ביז סוף די סוגיה אין מסכת חולין. דערפאַר פאָדערט ער אַז מיר זאָלן מיט אים איצט גיין אין חדר אַריין און פאַרענדיקן דאָס וואָס מיר האָבן פאַרפעלט... צעטומלטע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, זענען מיר געזעסן ביי די גמרות און די איינציקע האָפענונג אונדזערע איז געווען אַז דאָס מוז זיין אַ קורץ שטיקל און מיר וועלן נאָך באַוויזן צו קומען צו דער צייט. דער רבי האָט אָבער פאַרקאַשערט די אַרבל, צוגערוקט דאָס גלעזל טיי נענטער צו זיך — אַזוי ווי ער וואָלט זיך דאָ געגרייט אַ שטאַרקן שווים צו טאָן אינעם ים פון לערנען און אונדז מיטצוציִען...

מיר האָבן פאַרצווייפלט אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן און אָן איין וואָרט האָבן מיר ביידע באַשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן מיט אַלע כוחות, כדי צונישט צו מאַכן דעם רבינס ביטערן פּלאַן. מיר האָבן אים קלאָר געזאָגט אַז מיר האָבן בדעה איבערצורייסן דאָס לערנען און גיין הערן דעם מטיף. דער רבי האָט אָבער דערקלערט מיט פאַרביסענער אַנטשלאָסנקייט: „און איך זאָג אייך אַז איר וועט נישט גיין!" דערביי האָט ער אַראָפּגענומען דעם רימען פון די מכנסים, אָנגעהויבן מיט אים צו דראָען און פאָכן אויף רעכטס און אויף לינקס.

דערמאָן איך זיך נאָך, ווי אַזוי מאָטל האָט אַ שפּרונג געגעבן פון טיש, באַהאַלטן זיך אונטער דער קאַנאַפּע און ערשט דאָרט האָט ער אַוועקגענומען אַלע צוימען פון צונג. און מיטן גאַנצן כוח האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— יעקב דוד (אָן צוצוגעבן דאָס וואָרט „רבי" צו זיין נאָמען...) מיר האָבן מער פאַר אייך קיין מורא נישט!...

דער רבי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף אים מיטן רימען ווי אַ שטו־רעם — בין איך דערווייל אַ שפרונג געטאָן פון טיש, אויפגעריסן דאָס פענצטער און ויברח. מאָטל נאָך מיר — און שוין. נישטאָ אונדז.

מיט די לעצטע כוחות זענען מיר געלאָפן צום בית המדרש, וואָס איז שוין פול געווען איבער די ברעגעס. אָן אָטעם זענען מיר געקומען גראָד דאַן, ווען דער מטיף איז זיך מיט געלאַסענע טריט אַרויפגעשטיגן אויף די טרעפּלעך פון באַלעמער אָנצוהייבן די דרשה...

פון דאַן אָן האָב איך מער נישט געזען מיין רבין, דעם קוידאַנאָווער פרוש. דאָס בינטל איז זיך צעפאַלן און ער האָט נאָך יענעם סוף ווינטער פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

# דאָס „שטיבל“ האָט זיך געשפּאָלטן...

...איצטער זעט מיר די גאַנצע זאַך אויס כמעט געשפּענסטיק, עס איז אָבער אַן אמתע מעשה: די ערשטע, געזעלשאַפטלעכע פּאַסירונג וואָס איך געדענק אַרום זיך איז געווען אַ שפּאַלטערישע. איך אַליין, נאָך אַ יינגל, בין געווען אַ דירעקטער שותּף דערצו און נאָך אַ שטיקל גורם אויך. די שפּאַלטונג, נאַטירלעך, איז נישט געווען אויף קיין פּאָליטישן באָדן. קיין פּאָליטישע פּאַרטייען זענען נאָך דוכט זיך בכלל אין מיין שטעטל דעמאָלט נישט געווען. אַלנפאַלס האָב איך נאָך דאַן מיט זיי קיין שייכות נישט געהאַט. איך בין נאָך געווען אַ קינד וואָס האָט פרום גע הערט צום חסידישן „שטיבל“. די שפּאַלטונג איז אָבער אויסגעבראָכן אי־נעם שטיבל גופא, צווישן די קוידאַנאָווער חסידים און די ליובאַוויטשער.

דעם אמת געזאָגט, איז אונדזער שטעטל שטויבץ געווען אַ שטעטל פון הוילע מתנגדים. דאָס גאַנצע אויפשטעלן ביי אונדז אַ חסידיש שטיבל איז אין שטויבץ געווען מעשה נסים. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַ קוי־דאַנאָווער חסיד וואָס האָט געוווינט אין לידע. זיינע קינדער האָבן זיך מיט דער צייט אַריבערגעצויגן קיין שטויבץ, אַרענדירט די אַרומיקע וועלדער און דאָרט אויפגעשטעלט פעד־ברענערייען. דאָס געהילץ האָבן זיי, אין פליטן, געשיקט דורכן ניעמאַן צו די דייטשע פּאָרטן — און דערפון זענען זיי נתעשר געוואָרן. זייער אַלטער פאָטער איז די גאַנצע צייט געזעסן אין קעניגסבערג און פאַרמיטלט צווישן די דייטשע קונים און זיינע סוחרישע קינדער. אין קעניגסבערג האָט ער געדאַוונט אין אַ חסידים־שטיבל. מיט דער צייט איז דער אַלטער געוואָרן אָפּגעשוואַכט און טויב. איז זיינס אַ זון אים געפאָרן פאַרטרעטן זיין אָרט אין קעניגס־

בערג און ער איז געקומען אין שטעטל אַריין, כדי אויסצולעבן זיין ביסל יאָרן צוזאַמען מיט זיינע רייכע קינדער. וועלנדיק מהנה זיין דעם אַלטן טאַטן, האָבן זיינע קינדער אים אויפגעשטעלט אַ קוידאַנאָווער שטיבל, ביים עק שול־הויף, נעבן דער יאַטקע — אויפן פּלאַץ וואָס איז ביז דעמאָלט געשטאַנען ליידיק. און היות ווי ביי חסידים פאַרשפעטיקט מען מיטן דאַווענען — און אויך דערפאַר ווייל די דאָזיקע גבירים האָבן געהאַט אַרום זיך אַ סך שאַפּאַרעס, מעקלער, געהילפן און משרתים — האָט זיך אַנגעקליבן אַ היפּשער מנין. אַזוי אַרום איז אויפגעקומען אַ „קוידאַ־נאָווער" עדה אין שטעטל. היות ווי קוידאַנאָוו איז געווען זייער נאָענט פון אונדז און דער אַלטער איז געווען פון דעם רבינס רייכע מקורבים — האָבן אָנגעהויבן קומען אַלערליי משולחים און אויפמאָנער פון קוידאַ־נאָווער הויף. איך געדענק אפילו אַז איינמאָל איז דער רבי אַליין אַראָפּ־געקומען אויף אַ שבת.

אונדזער משפחה איז געווען אַ פאַמיליע פון ליובאַוויטשער חסידים, וואָס האָט פריִער געוווינט אינעם נאָענטן שטעטל מיר. אַזוי ווי מיר (אָדער ווי מען האָט עס גערופן „דערמיר") איז געוואָרן אָפּגעברענט און די משפחה איז זיך צעפאָרן, זענען דריי קינדער אירע: מיין טאַטע און צוויי פעטערס — וואָס זענען אויך געווען וואַלד־סוחרים ווי דער טאַטע — געקומען וווינען קיין שטויבץ. קיין אייגן חב"ד־שטיבל איז אין שטעטל נישט געווען און אין דער מתנגדישער שול האָט זיך זיי נישט געגלוסט צו גיין דאַווענען, איז געווען נאַטירלעך, אַז אונדזער משפחה האָט אָנגע־הויבן דאַווענען ביי די „קוידאַנאָווער".

איך דערמאָן זיך אַז די שטיבל־תושבים האָבן די נייע משפחה אויפגענומען גאָר פריינטלעך. דער רייכער זקן מיט זיינע פיר זין האָבן געדאַוונט אויף דער מזרח־וואַנט, צו דער רעכטער זייט פון ארון קודש. האָבן זיי געמאַכט אַן אָרט פאַר מיינע צוויי פעטערס ביי דער מזרח־זייט, לינקס פון ארון קודש. מיין טאַטע, וואָס איז געווען דער עלטסטער פון זיי און דער חב"דישסטער פון זיי, האָט זיך נוהג געווען צו שטיין במשך דעם גאַנצן דאַווענען. אים האָט מען דערפאַר אָפּגעגעבן דאָס אָרט ביים ארון גופא. פון אונטער דעם ארון ווו די ספרי־תורהס זענען גע־שטאַנען האָט זיך אַרויסגעצויגן אַזאַ מין ברעטל און אויפן דאָזיקן ברעטל

האָט דער טאַטע אַוועקגעשטעלט דעם „רבס סידור", איינגעהילט זיך אין טלית און געדאַווענט. איך דערמאָן זיך נאָך יענע יאָרן ווען איך האָב „שפּאַצירט" אונטערן ברעטל און געחלומט פון דער צייט, ווען איך וועל אַריבערוואַקסן דאָס ברעטל און קענען אַריינקוקן צוזאַמען מיטן טאַטן און דעם צעעפנטן, חב"דישן סידור.

אין לויף פון די יאָרן האָט זיך אפילו איינגעבירגערט אין שטיבל אַ חברישע און טאָלעראַנטע באַציִונג צווישןביידע גרופּן. בשעת עס פלעגט קומען אַ קוידאַנאָווער משולח איינמאָנען „מעמדות־געלט" פאַרן רבין, האָבן אויך די ליובאַוויטשער צושטייער געגעבן זייער חלק... און אַז עס פלעגט קומען דער ליובאַוויטשער „חוזר" — פלעגן די חשובערע קוידאַנאָווער קומען הערן פון אים די חב"דער „דברי אלהים חיים". איך בין דערביי שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו אַלע שטיבל־דאַווענער מיטן גאַנצן האַרץ, כמעט אַזוי ווי צו מיינע משפּחה־לייט. ווען איך בין אפילו געגאַנגען שפּאַצירן, האָב איך אין גאַס דערקענט ווער עס איז אַ שטיבל־מענטש און ווער — אַ דאַווענער פונעם גרויסן בית המדרש.

בדרך כלל האָב איך אַ ביסל נישט געקענט תופס זיין ווי אַזוי אַ מענטש קען עס הנאה האָבן פונעם דאַווענען אינעם אַלגעמיינעם, גרויסן בית המדרש, וואָס איז קאַלט און פול מיט פרעמדע מענטשן. דאָרטן איז נאָר גוט צו הערן דעם רב ווען ער זאָגט זיין שבת־תשובה דרשה; אָדער דעם חזן מיטן כאָר אין יום־טוב טעג, ווען אין שטיבל האָט מען שוין אָפּגעדאַווענט און ער האַלט ערשט ביי סוף מוסף. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך ליב געהאַט אַריינצופאַלן אין בית המדרש און לערנען דאָרט מיט איינעם פון די לומדישע מתמידים. אַהער האָב איך זיך אויך „אַריינגעכאַפּט" אין אַ מיטן־טאָג אָדער אין אַ משמר־נאַכט צו אַ בלעטל גמרא; נישט דווקא לויט מיינע לימודים, נאָר סתם אַזוי ווייל דער למדן האָט גראָד דאָרט געהאַלטן. אין מיין קינדהייט האָב איך נישט געקענט קיין גרעסערן פאַרגעניגן פון פרייקייט און זעלבסטשטענדיקייט, ווי בעת דעם דאָזיקן צופעליקן לערנען, אָן אַ פּלאַן און אָן אַ ציל, אין די ברייט־קייטן פון דער גרויסער שול מיט עפּעס אַ פרעמדן ייִד — סתם פון הנאה וועגן...

אָבער האָבן הנאה פון תפילה, נישט סתם פון הערן אַן אומבאַקאַנטן

חזן נאָר פון אייגענעם דאַווענען — ווו איז דען דאָס מעגלעך, אויב נישט אין קליינעם, וואַרעם־האַרציקן שטיבל, אין וועלכן עס געפינען זיך בלויז אנשי שלומינו? עס זענען געווען אין שטיבל אַזעלכע טייערע מי־נוטן, אויף וועלכע די שכחה וואָגט גאָרנישט אַרויפצולייגן איר שליטה. אַזעלכע זענען, למשל, געווען די מינוטן פון שלש סעודות סוף שבת. די דאָזיקע סעודה האָט זיך נאָך אָנגעהויבן מיט דער פאַרנאַכטיקער דעמערונג אין שטוב, אָבער זי האָט דערגרייכט איר העכסטע דערהויבנקייט אין דער צעזונגענער חשכות פון שטיבל. אין דער היים האָט די מאַמע אַרויפגע־בראַכט פון קעלער דעם קאַלטן שטשאַוו. דערנאָך האָט זי פאַר אַלעמען אין די אויגן אַראָפּגענומען די טיפע סמעטענע־שיכט פונעם קריגל זויער־מילך, אויסגעמישט דערמיט דעם טעלער מיט גרינעם שטשאַוו און ער איז פּלוצלינג געוואָרן ווייסלעך. דערנאָך האָט זי אַרויפגעשניטן איבער דער זילבערדיקער שיסל קליינע רעדעלעך פון פרישע אוגערקעלעך אָדער ראָזלעך־זאַפטיקע רעטעכלעך. דער טאַטע, שטיל און רויק, איז שוין גע־זעסן ביים טיש און געברומט זיך נחתדיק „אתקינו סעודתא״. דערנאָך איז ער אַריבער צום זינגען מיט מער לעבעדיקייט דעם נייעם ניגון פון „ברוך אל עליון״ וואָס ער האָט געבראַכט פון קאָווגע. און אַלע שוועסטער, הגם איך האָב געוווסט אַז זיי זענען שוין דערוויטערט פון דעם אַלעם, האָבן זיך צוגעזעצט צום כאָר און מיטגעהאָלפן אויפן קול. דערנאָך איז מען צוגעקומען צו „בני היכלא״, וואָס די מאַמע האָט געזונגען, נאָכמאַכנדיק אויסגעצייכנט די ליובאַוויטשער זקנים פון איר געבורטס־שטעטל... ביז זי האָט אַרויפגעבראַכט אויסניי דאָס „שענסטע פון שענ־סטן״, דאָס הייסט יענעם באַזונדערן טאָרט, וואָס איז געווען פלאַטשיק און באַשאָטן מיט אַ בולט־גלאַנציקן צוקער־שיכט. זי האָט זיך גענומען אים צו שניידן אויף גלייכע חלקים פאַר אַלעמען, בעת מיר זענען שוין מיטגעריסן געוואָרן מיטן אויפשאַלנדיקן ניגון פון „בנאות דשא ירביצני, על מי מנוחות ינהלני״. ערשט דאַן האָב איך גוט פאַרשטאַנען דעם לע־בעדיקן באַדייט פון דעם ווייטערן אויסדרוק, וואָס אין חדר איז ער מיר געווען אומפאַרשטענדלעך: נפשי ישובב*).

*) ער וועט דערקוויקן מיין נפש — תהילים כ״ג.

נאָר די גאַנצע, האַרציקע סעודה אין שטוב איז מער נישט געווען ווי אַן איינלייטונג צו דעם וואָס עס האָט אונדז דערוואַרט אין שטיבל. דאָרט האָבן דערווייל די שאָטנס איבערגענומען די ממשלה. מען האָט געדאַרפט גוט אָנשטרענגען דעם בליק, כדי צו דערקענען די ווייסע באָרד פון רייכן זקן וואָס איז געזעסן בראש פונעם טיש הינטערן אויוון, ביי אַן עק פון אַ הערינג. אַרום אים זענען געזעסן זקנים און יונגעלייט. טייל פון זיי זענען געווען פון די שטאָטישע אָרעמעלייט און פון די לעצטע אין שטיבל. איצט אָבער איז דאָ נישט געווען קיין אונטערשיד. אַלע האָבן זיך איצט צונויפגעפלאָכטן אין איין הייליקער חבריא וואָס ווייסט נישט פון קיין מידיקייט; ווי נאָר איינער ענדיקט אַ ניגון, הייבט דער צווייטער אָן איינצוזינגען מיטן כאָר אַ צווייטן ניגון — און פון דעם גאַנצן שטיבל, פונעם באַלעמער ביז צו די אָפּגעשטויסנסטע ווינקע־לעך, האָט זיך געריסן דאָס געזאַנג...

איינמאָל איז צו אונדז אין שטעטל אַראָפּגעקומען אַ בלינדער קוי־דאַנאָווער „יושב״, אַ מענטש אין די מיטל־יאָרן. ער איז געווען אַ גע־וואַלטיקער מנגן. איך געדענק ווי שטיל ס׳איז געוואָרן אין גאַנצן שטיבל, בעת ער האָט אַ הייב געטאָן זיין באָרד און דערנאָך — דאָס קול. ער האָט געעפנט צוויי אַרויסשטייענדיקע שטומע אויגן און אָנגעהויבן פייער־לעך צו קרייזלען דעם „אתה אחד״. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דעמאָלט געהערט „אתה אחד״ זינגען מיט אָט דעם ניגון — וואָס איצט גייט דער ניגון נישט אַראָפּ פון טיש ביי אַלע אונדזערע מסיבות, סיי אין לאַנד און סיי אין די גלות־לענדער.

דער זיידע, אַז ער פלעגט קומען צו אונדז, בעת זיין נסיעה צום ליאַדיער רבין און אויף צוריקוועגס — האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַוונט אין שטיבל. ער האָט חלילה קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט קיין קרום וואָרט אויף די קוידאַנאָווער חסידים. עס איז אָבער גענוג געווען ער זאָל רעדן מיט זיינע מקורבים אויף אַ ברייטלעכן אופן ביי אונדז אין שטוב וועגן דער פּראַכט און יחוסדיקייט וואָס איז אויסגעגאָסן אויף זיין רבינס די־רות. ער האָט נאָר דערציילט וועגן דער מלכותדיקייט פון דאָרט, ווי פּרעכטיק עס זעט אויס ווען די חסידים גייען נאָך דעם אַלטן רבין ראש השנה צום „תשליך״. ער האָט אויך פאַרצויגן דעם נייעם תשליך־

ניגון, וועלכן מיר האָבן זיך דערנאָך געחזרט אַ גאַנץ יאָר ביז ער האָט געבראַכט אַ נייעם. איז נאָר געגנוג געווען צו הערן זיינע שמועסן, די ניגונים און די תורהס — אַז דאָס האַרץ זאָל שוין מער נישט מיטגעצויגן ווערן מיט די קוידאַנאָווער פירעכצן.

חנוכה־צייט פלעגט צו אונדז קומען דער חב״דישער „חוזר". יאָר־יערלעך פלעגט ער י״ט כסליו זיין ביים זיידן אין ד׳מיר — און חנוכה פלעגט ער שוין זיין ביי אונדז. ער איז געווען אַ קליינוווקסיקער, מיט אַ ברייטער באָרד און אַ בכבודיקן גאַנג. אפילו די שוועסטער האָבן מפסיק געווען זייער שטודיום און זיך מטפל געווען מיטן גאַסט, וואָס פלעגט עסן און נעכטיקן ביי אונדז אַ גאַנצע וואָך. איך פלעג אים די גאַנצע צייט באַגלייטן צום קוידאַנאָווער שטיבל, פילנדיק באַשיימפערלעך די גייסטי־קע העכערקייט פון געלייטערטער חב״דישקייט. דאָס דאַווענען אין יענע טעג האָט באַקומען אַ באַזונדערן טעם. נאָכן דאַווענען האָט ער געזאָגט, מיושבדיק און געלאַסן, עפּעס אַ חסידישע תורה. דאָס האָט ער אָבער געטאָן אַזוי ווי צופעליק, נישט פון באַלעמער אַראָפּ און נישט פון נעבן „שולחן" — נאָר סתם אַזוי, שטייענדיק אויפן אָרט ווו ער האָט געדאַוונט. ער האָט קוים באַוויזן דערביי אַראָפּצונעמען דעם טלית און ס׳האָט אויס־געזען אַז ער גרייט זיך נאָר צו מאַכן „לחיים", פון דעם וואָס דער טאַטע האָט צוגעגרייט.

אין די אָוונטן פון אַזעלכע טעג זענען צו אונדז אין שטוב געקומען אַלע שטעטלדיקע חסידים, חב״דער ווי קוידאַנאָווער, צו הערן דעם „חוזר" בעַנטשנדיק די חנוכה־ליכט. מיט וואָס פאַראַ פייערלעכקייט ער האָט זיי אָנגעצונדן! די חסידים זענען געווען פאַרזאַמלט אין דער עס־שטוב און די מאַמע האָט אַכטונג געגעבן, מען זאָל די טיי נישט דערלאַנגען פאַרן צינדן די חנוכה־ליכט. דער „חוזר" איז דערווייל אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק איבערן גרויסן זאַל, אַרומגענומען מיטן ברייטן גאַרטל און זיך געגרייט צום מעריב. דער חידוש אין זיין דאַווענען איז געווען, וואָס ער האָט זיך נוהג געווען צו זאָגן הלל פאַרן בענטשן חנוכה־ליכט. אַזעלכעס האָט מען נאָך אין שטעטל נישט געזען און נישט געהערט. די קוידאַ־נאָווער חסידים האָבן נישט מעיז געווען אים צו שטערן דערין, אָבער זייער האַרץ איז דערביי נישט געווען. מיין טאַטע האָט מיר מסביר געווען

אַז אַזוי פירן זיך די ותיקים פון חב״ד אין זייערע מקומות. איך מוז אָבער מודה זיין, אַז דער דאָזיקער נישט־געוויינטלעכער הלל אין מיטן חנוכה־אָוונט ביי אונדז אין זאַל האָט אויך אויף מיר געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. זיין תפילה איז געווען זייער פייערלעך, באַגלייט מיט אַ היל־כיקן פינגער־קנאַקן, די לינקע האַנט אַריינגעשטעקט אין גאַרטל און מיט אַ שטים וואָס האָט זיך אַלץ העכער און זינגענדיקער אויפגעהויבן:

מקימי מעפר דל, מאשפות ירים אביון
להושיבי עם נדיבים, עם נדיבי עמו
מושיבי עקרת הבית, אם הבנים שמחה הללויה.

און נאָכן הלל איז דער חוזר צוגעגאַנגען צום חנוכה־לאָמפּ. דאָס איז טאַקע געווען די זילבערנע מנורה מיט אירע רערלעך, לייבעלעך, געדריי־טע פלעכטעכצער און די קליינע בוימל־קריגעלעך אויפן באָדן אירן. אַ גאַנץ יאָר איז זי געווען באַהאַלטן אין דער שייד צווישן די ספרים, נאָר איצט האָט מען זי אויפגעהאָנגען אויפן ביישטידל פון דער טיר, צווישן עס־צימער און דעם זאַל. דער טאַטע האָט נאָך בייטאָג אַרויפגעזעצט די בוימל־קנייטלעך און איך בין געשטאַנען מיטן שוועבעלע אין דער האַנט, גרייט צו באַדינען דעם טייערן חוזר. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויפגעשטעלט, צוזאַמען מיט די בני בית און די טעכטער, גלייך ווי דער זאַל אונדזערער וואָלט פלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היכל... גלייך דער וואָס שטייט דאָ איז גאָר אַ כהן ביי דער עבודה און איך, דאָס קינד, בין איינער פון די פּרחי כהונה...

איך האָב אַ בליק געטאָן אויף די קוידאַנאָווער חסידים און געזען אויף זייערע פּנימער אַ מין באַהאַלטענעם פאַרדרוס דערויף, וואָס דער „חוזר״ דערלויבט זיך אַזאַ אָפּנייגן פונעם מנהג. איך האָב געוווּסט אַז זיי האָבן אפשר דאָס רעכט צו טראַכטן זייערע מחשבותן — אָבער איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי זיי באַגרייפן נישט די פּראַכט פון דער גאַנצער הדלקה. אין דער מינוט האָבן זיי ביי מיר אויסגעזען כמעט ווי מתנגדים...

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז פאָרגעקומען נאָך איידער דער ציוניזם האָט גענומען פאַרוואַנדלען חנוכה אין אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב

אויף זיין שטייגער. מען האָט נאָך דאַן די חנוכה־אָוונטן נישט אַרויסגע־הויבן מיט קיין ספּעציעלע „נשפים“, אין וועלכע מען האָט דעקלאַמירט פּרוגס לידער און באַצירט די שטובן מיט לעבעדיקע בילדער, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די זייערס און די שניטערס פון ארץ ישראל. עס זענען נאָך אַוועק עטלעכע יאָר ביז די דאָזיקע תקופה האָט דערגרייכט מיין שטעטל.

צו דער סאַמע הויך פון באַליבטקייט האָט אָבער דאָס „שטיבל“ דערגרייכט אין דער נאַכט פון שמיני עצרת. ווי באַקאַנט, פּראַוועט מען אין די מתנגדישע שולן בלויז צוויי מאָל הקפות; אין דער נאַכט פון שמחת תורה און אין דער פרי. די חסידים אָבער זענען מוסיף נאָך אַן הקפה און זיי ריכטן אָפּ די הקפות אויך אין דער נאַכט פון שמיני עצרת. ביי די חב״דער זענען דווקא די דאָזיקע הקפות די עיקרדיקע. איז יענע נאַכט געוואָרן „די נאַכט פון חב״ד“. אין אונדזער שטעטל. אין שטוב האָט זיך די שמחת־תורה שטימונג אָנגעהויבן נאָך אין דער נאַכט פון הושענא רבא. אונדזער שטוב איז דאַן געווען אין עק פון שטאָט און דער וועג צום שטיבל האָט געפירט דורך דער מינסקער גאַס — און האָט זיך געצויגן איבער דעם גאַנצן מאַרק ביז צום שול־הויף. מיין טאַטע — שטענדיק אַ געלאַסענער, אַ מיושבדיקער און בכבודיקער — האָט פּלוצלינג געביטן זיין גאַנצן אויסזען. ער האָט געהאַלטן צוויי פלעשער קאָניאַק איןביידע אויפגעהויבענע הענט און אַזוי מאַרשירט אין דער שפּיץ פון דער גרופּע ליובאַוויטשער. ער האָט געהאַלטן אין איין טאַנצן אויף צוריק איבער דער גאַנצער לענג פון וועג; געטאַנצט הינטערטריטלדיק און געזונגען. דערביי האָט ער קאָמאַנדירט מיט דער גאַנצער עדה באַגלייטער, וועל־כע האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן איבערן וועג. ווען דער דאָזיקער כאָר איז צוגעקומען צום שטיבל — איז עס שוין פול געווען ביז איבער דער שוועל אַריבער. דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען זען, ווי אַזוי די חסידים ריכטן אָפּ הקפות שמיני עצרת ביינאַכט.

ווען די טירן פון ארון קודש האָבן זיך צעעפנט, האָט מען אָנגע־הויבן איבערגעבן די ספרי תורהס פון איין טאַנצנדיק קרענצל צום צווייטן. דער טאַטע האָט מיטגעטאַנצט מיט אַלע הקפות און דערביי אויסגע־זוכט אַ נייעם ניגון פאַר יעדער הקפה באַזונדער. דער עולם איז גיך

געוואָרן שטאַרק בגילופין און אַלע גרענעצן זענען אָפּגעווישט געוואָרן. יעקב מאיר דער מלמד האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו „דוצן" דעם טאַטן און אים רופן פּראָסט און פּשוט „לייבע"... און יאָסל דער רימער, אַ פלינקער טענצער און גרינג ווי אַ פעדערל, האָט אויסגעטווישט זיין היטל מיטן טאַטנס האַרטן הוט און אים אָנטקעגנגעטאַנצט עפּעס אַ „קאָזאַקל". דער טאַטע, וואָס איז געווען אַלעמאָל אַ שוואַכער מענטש, האָט דאָס מאָל גאָר־נישט געוווּסט וואָס מען מיינט מיד ווערן. אדרבה, ער האָט גאָר מיד געמאַכט דאָס גאַנצע קהל מיט זיינע ניגונים און זיינע טענץ. אויך נאָכ־דעם, ווען דער גאַנצער עולם איז שוין אַוועק אַהיים און די הקפות האָבן זיך שוין לאַנג געענדיקט — איז נאָך דער האַרציקער טאַטע וואָס איז געווען „שכור און נישט פון וויין" — האָט ער זיך געלאָזט טאַנצן ביחידות; בלויז מיט זיין אייגענעם, צעפייערטן האַרץ...

פון דעמאָלט אָן ביז שמחת תורה האָט זיך געענדיקט איז די גאַנ־צע גייסטיקע פירונג איבערן שטעטל געלעגן אין חסידישן שטיבל. אָפּיציעל האָט עס געהייסן אַז דאָס גאַנצע שטיבל ריכט אָפּ די שמחות, אַלע דאַוונערס פון שטיבל האָבן אָבער גוט געוווּסט אַז די גאַנצע השראה פון דער שמחה קומט פונעם חב"דישן קרייזל. האָבן זיך טאַקע די אָנהענגער פון די ליובאַוויטשער געמערט אין שטיבל פון איין שמיני עצרת צום צווייטן, ביז זיי זענען כמעט געוואָרן אַ העלפט פון אַלע שטיבל־דאַוונער.

אין יענעם ווינטער איז צו אונדז אין שטעטל צופעליק אַראָפּגעקומען אַן אָרעמער חב"דער זקן פון רייסן. ער איז געווען מלא וגדוש מיט חסי־דישער תורה ווי אַ מילגרוים — און אַ בלינדער. אין די ווינטערדיקע פאַרנאַכטן איז ער געזעסן אין שטיבל ביים אויוון. ער האָט געלערנט אויסנווייניק „תניא" מיט אַ קהל צוהערער, וואָס ער האָט זייער פּנים נישט געזען און נישט געוווּסט זייער צאָל. ער האָט געלערנט און מסביר געווען מיט טיפער עמקות. מיט גרויס שוועריקייט האָב איך געקענט תופס זיין דעם גאַנצן בנין פון דער לאַנגער „תורה" וואָס איז געווען צוזאַמענ־געשטעלט מיט אַ סך ווונדערלעכע באַגריפן. איך האָב אָבער געוווּסט: זי איז דערהויבן, זיין „תורה"... און העל־זעענדיק (סגי־נהור) איז דער דאָ־זיקער ווונדערלעכער זקן, אויב אין זיין אַלטן — פון ליכט־באַרויבטן — קאָפּ איז איינגעזאַמלט אַזאַ מין געלייטערטע ליכטיקייט. מיין פאַרווונדע־

רונג איז נאָך גרעסער געוואָרן, זעענדיק אַז דער אַלטיטשקער האָט נישט דערציילט אפילו קיין איין חסידישע מעשה. אפילו אַ ניגון האָט ער נאָר שטילערהייט אונטערגעברומט, ווען אַנדערע האָבן אים געזונגען. ער האָט בלויז „געזאָגט חסידות". אויף יעדער מסיבה האָט ער נישט צוגעמאַכט דאָס מויל פון לערנען, סיי אין שטיבל און סיי ביי אונדז אין הויז, אַלץ בעל פה — און נאָר חב"דער תורה. אין יענע וואָכן איז נאָך מער פאַרטיפט געוואָרן דער דרך ארץ צו די ליובאַוויטשער חסידים אין די הערצער פון זייערע אָנהענגער, די אַלטע ווי די נייע. איך אַליין בין איבערראַשט געווען צו זען מיט וועלכן ציטער מיין טאַטע, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך געווען זייער באַשעפטיקט, האָט זיך צוגעהערט צום זקנס תורה. ער האָט אים אָפּ־געגעבן גרויס כבוד און פאַרנאַכט האָט ער, צוליבן כבוד פונעם רייסישן אורח, אים אַליין באַגלייט צום שטיבל. ווען איך בין איינמאָל צוריק־געגאַנגען מיטן טאַטן, נאָכן באַגלייטן דעם אַלטיטשקן אין שטיבל אַריין, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: זינט די אַלטע חסידים פון מהר"שס צייטן האָב איך נאָך נישט אָנגעטראָפן אַזאַ חב"דישן מעמיק... איך האָב דאַן ערשט דערשפירט, וואָס די בענקשאַפט נאָך חב"דער ירושה האָט באַדייט פאַר מיין רייסישן טאַטן אין גלות ליטע.

דערווייל האָט זיך אין שטיבל אָנגערוקט דער ריס פון אַזאַ מין זייט אויף וועלכער איך האָב זיך עס גאַרנישט געריכט. אָבער ער האָט אַלץ מער און מער געגומען אונטערגראָבן די מעגלעכקייט פון אחדות אין שטיבל. דער אַלטער גביר און קוידאַנאָווער חסיד האָט געהאַט אייניקלעך, וואָס זענען אונטערגעוואַקסן. אויך זיי האָבן אָנגעהויבן קומען אין שטיבל אַריין דאַווע־נען צוזאַמען מיט זייערע רייכע עלטערן, וואָס האָבן געהאַט זייערע ער־טער אויף דער רעכטער זייט פון ארון קודש. די אייניקלעך זענען אַלע גע־ווען שילער פון דער „קאָמערטשעסקאָיע אוטשילישטשע" (האַנדלס־שול) און דער רוסישער גימנאַזיע. ביים אָנהייב פון שול־יאָר זענען זיי געפאָרן אין דער גובערניע־שטאָט. נאָר ווען עס איז געקומען יום־טוב, האָבן זיי זיך באַוויזן אין שטיבל; אָנגעטאָן זייערע מונדירן מיט די גלאַנציק־גאָל־דענע קנעפּ און אין דער „גוישער" קאָקאַרדע איבער די שוואַרצע און גוישע ברילקעס. אין שטיבל איז ממש נישט מעגלעך געווען צו פאַר־טראָגן די פאַרגוישקייט וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט.

דער יינגסטער פון זיי איז געווען אין מיין עלטער. ער איז געווען מיין חדר־חבר מיט וועלכן מיר איז אויסגעקומען צו ראַנגלען זיך אַלע יאָרן. ער איז געווען דער „גוייִשסטער" פון אַלע. ווען מיר זענען נאָך געזעסן אויף איין באַנק, האָט ער פיינט געהאַט אַלץ וואָס איך האָב נאָר ליב געהאַט. עפּעס אויף אַ משונהדיקן אופן האָבן מיר זיך אַלעמאָל צונויפגעטראָפן און די שנאה איז דערביי נישט אָפּגעטרעטן. איר דערמאָנט זיך אין אליפלטן ביי מיכה יוסף בערדיטשעווסקי אין זיין דערציילונג „אויבי"? דאָס זעלבע אומגליק האָט אויך מיך געטראָפן... יענעם פּסח איז אויך ער צוריקגעקומען. ער האָט געגלאַנצט פון קאָפּ ביז די פיס און זיך שטאַרק גרויס געהאַלטן מיט די גוייִשקע קנעפּ און געפּלאָכטענע, גאָלדענע שנורן, וואָס זענען געפּרענדזלט געווען אין פירן. זיי זענען צוגענייט געווען צו די אַרבל, אויפן קאָלנער, אויף די אַקסל־בענדער און עס זענען געווען ביי אים אויפשריפטן מיט נישט־יידישע אותיות אויף ביידע זייטן אַקסל. זיין גאַנצער אויסזען האָט געשטראָצט מיט חלול־השם. די ענגשאַפט אין שטיבל, די ערשטע נאַכט פּסח, איז געווען גרויס און דערפאַר האָט מען אונדז ביידע אָוועקגעשטעלט דאַוונען צוזאַמען פון מיין ניי סידורל אין עלפאַנטביינענעם איינבאַנד. דאָס סידורל האָב איך נאָר וואָס געהאַט באַקומען אַ מתנה פונעם רבס זון, ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער גרויסער שטאָט, דערפאַר וואָס איך בין געווען „קוואַטער" ביי זיין בן יחידל אויפן ברית. האָב איך מיטגעדאַוונט מיטן עולם און ער איז געשטאַנען נעבן מיר, געהאַלטן דאָס הערלעכע סידורל אַזוי ווי איך — און אפילו דאָס מויל נישט געעפנט. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי דער יום־טוב איז נישט זיינער און דאָס דאַווענען איז אויך נישט זיינס. ווען עס האָט זיך געמאַכט די ערשטע הפסקה, האָט ער זיך צו מיר אַ ווענד געטאָן מיט פאַרבאָרגענעם שפּאָט:

— נו, דו לערנסט נאָך אַלץ ביי מלמדים? קלערסטו טאַקע צו פאַרבלייבן אַ באַנק־קוועטשער?

אין יענער מינוט האָב איך אַליין נישט געוווסט וועמענס בושה ס'איז אַ גרעסערע. איך האָב נאָר געוווסט אַז די מאָס איז פול געוואָרן...

און דעמאָלט, נאָך פּסח, איז טאַקע פאָרגעקומען אַזוינס וואָס האָט געחתמעט דעם גורל פון שטיבל. זינט די ליובאַוויטשער חסידים אין שטיבל

האָבן זיך געמערט און זיי האָבן באַקומען מער מוט ביי זיך, האָט מען איינגע־פירט אַ מין נישט־פעסטגעשטעלטן אָפּמאַך צווישןביידע גרופּן. לויט דעם, איז דאָס שטיבל פאַרבליבן אַ קוידאַנאָווער און דער קוידאַנאָווער רבי האָט ווייטער געהאַט די גאַנצע השפעה אַזוי ווי פריִער. אָבער יעדער שטיבל־דאַווענער האָט געהאַט דאָס רעכט, ווען ער שטייט פאַרן עמוד, צו דאַווענען לויט זיין נוסח. דערביי דאַרף מען וויסן אַז קיין גרויסער אונטער־שיד איז נוסח צווישן ביידע גרופּן איז נישט געווען, ווייל ביידע האָבן גערדאַוונט לויטן אר״יס נוסח. דערקענט דעם אונטערשיד האָט מען נאָר פרייטיק צו נאַכטס. די קוידאַנאָווער האָבן געזאָגט „ושמרו״ הויך אויפן קול. אָבער די ליובאַוויטשער חסידים האָבן נישט געוואָלט מפסיק זיין צווישן דער ברכה פון „הפורס סוכת שלום עלינו...״ און דער שמונה עשרה. דערפאַר האָבן זיי איבערגעהיפּערט דעם „ושמרו״. דאָס איז געווען דער גאַנצער חילוק. אָבער אָט דער חילוק איז געווען גענוג אַרויסצורופן הייסע רייבונגען צווישן די אָנהענגער פון ביידע זייטן. מיט „זיבן אויגן״ האָבן די „קאָמאַנדירן״ אַכטונג געגעבן אַז קיין בעל־תפילה זאָל נישט נכשל ווערן און זאָל נישט ענדערן חלילה דעם נוסח פון דער גרופּע צו וועלכער ער געהערט.

אין יענע יום־טוב־טעג איז גראָד צוריקגעקומען פון אַמעריקע איינער פון די ערשטע עמיגראַנטן, וואָס איז אַוועק פון שטעטל, נאָך איידער דאָס שטיבל האָט עקזיסטירט. וואָס דער ייִד איז פריִער געווען האָבן מיר נישט געוווסט. איך געדענק נאָר, אַז ער האָט געטראָגן אַ קאָלירט וועסטל און איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ קאַפּעלוש אין די וואָכן־טעג. האָט ער באַשלאָסן צו דאַווענען אין שטיבל. ווען מיין פעטער האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס אים איז געפעלן צו דאַווענען דאָ, האָט ער אים געענטפערט אין מיין אָנוועזנהייט: ער האָט אַ פריינט אויף יענער זייט ים, וואָס איז אַ ליובאַווי־טשער חסיד. מער האָט ער וועגן דעם נישט גערעדט. אָבער ביים דאַווע־נען האָט מען באַמערקט אַז ער ציקלט זיך און אַז ער קען נוסח; אַ גוטער סימן, אַז ער האָט אויך ליב דאָס „ברעטל״. האָט מען עס דערציילט דעם אַלטן קוידאַנאָווער גביר און ער האָט אים געבעטן צו דאַווענען פאַרן עמוד פרייטיק צו נאַכטס, נאָך יום־טוב. יענער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט. קהל האָט טאַקע הנאה געהאַט פון זיין דאַווענען אויך. די קוידאַנאָווער חסידים זענען זיכער געווען, אַז ווי באַלד דער נייער איז דאָ אַ גאַסט — וועט

ער דאַווענען לויטן נוסח פון די גאַסט־געבער און זיי וועלן טאַקע הערן אַ לייטישן „ושמרו"... מיין פעטער ווידער האָט זיך געשראָקן, טאָמער ווייסט נישט דער גאַסט אַז ער האָט דאָס רעכט צו דאַווענען אין זיין אייגענעם נוסח — וועט ער חלילה אַליין געשטרויכלט ווערן און נאָך מכשיל זיין אַנדערע...

איך, אַ קינד נאָך, בין געשטאַנען נאָענט פון טאַטנס ברעטל ביים ארון קודש, נעבן עמוד — און בין געווען אינגאַנצן איין שטיק געשפּאַנטקייט. ווען די קריטישע מינוט איז געקומען און דער בעל תפילה האָט געענדיקט אויסצוציקלען דעם „ועל ירושלים" האָב איך געזען אַ פּאַרציטערטער ווי ער קוקט זיך צעטומלט אַרום אויף אַלע זייטן. אַזוי ווי איינער איילט זיך צו ראַטעווען עמעצן פון אַ שרפה, בין איך אים געקומען צוהילף און איבערגעמישט אין זיין סידור דאָס „סכנותדיקע" בלעטל... עס האָט געדויערט אַ רגע כמימרא — און שוין האָט ער אַ זאָג געטאָן דעם קורצן קדיש און קהל האָט זיך געשטעלט שמונה עשרה. דער „קוידאַנאָווער" זקן איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך. אין זיין גאַנצער טויבקייט האָט ער גוט דערהערט דאָס אומגליק וואָס האָט דאָ געטראָפן — און ער האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן אויף זיין שטענדער: נו — אָ! ושמרו!... ער האָט שוין אָבער פאַרשפּעטיקט. די דאַוונער האָבן שוין געהאַלטן אין מיטן שמונה עשרה און מען האָט מער נישט געטאָרט מפסיק זיין...

דאָס דאַווענען איז שוין ווי עס איז געענדיקט געוואָרן. אָבער ביים סוף דאַווענען האָט זיך אָנגעהויבן די קריגעריי. דער זקן האָט אין דעם געזען אַן אָרגאַניזירטע פאַרשווערונג און זיין גאַנצער איינגעהאַלטענער כעס קעגן דער פרעמדער חב"דישקייט, וואָס איז אַריינגעדרונגען צו אים אין שטיבל אַריין און איז אַלץ מער געשטאַרקט געוואָרן, האָט אויסגעבראָכן איבער אַלע גרענעצן. הערשל יענטעס, אַ מענטש פון יושר, וואָס איז ערשט לעצטנס מקורב געוואָרן צו די ליובאַוויטשער — און האָט נישט ליב געהאַט צו נעמען אַ שלאָס פאַרן מויל — האָט דעם אַלטן קורץ און קלאָר אַ פרעג געטאָן ווען אַלע האָבן געהערט:

— אדרבה, זאָגט אַליין: ווער איז בײַ אייך בעסער? אַ קינד וואָס איז פרום און איז געטריי זיין נוסח אָדער אַ יונגל וואָס איז שוין ווייט פון ייִדישקייט און שטעקט לגמרי אין דער „קאָמערטשעסקי" גימנאַזיסטישקייט?

דאָס קריגעריי איז באַלד אַוועק ביז צו די עולמות העליונים. דער ריס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע שטיבל און עס האָט גענזאָדן ביז נאָך הבדלה. ווען מען האָט שוין אָפּגעמאַכט הבדלה איז געקומען דער פעטער צום טאַטן און דערציילט: מען האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן אַן אייגענעם חב״דסקי שטיבל. דער פּלאַן איז אַ פּשוטער. היות ווי מען האָט געענ־דיקט דעם בנין פאַר דער תלמוד תורה און קיין געלט פאַר אַ מלמד איז נישטאָ — וועלן מיר דינגען פאַר אונדזער געלט אַ מלמד און זיי וועלן אונדז דערפאַר געבן דעם בנין פאַר אַ שטיבל. אַזוי אַרום וועט מען אַרויס פון קוידאַנאָווער „גלות״.

אַזוי איז טאַקע געווען. דער בנין פון דער תלמוד תורה האָט נאָך געהאַלטן ביים געענדיקט ווערן. דער באָדן איז נאָך פול געווען מיט שטויב, ליים־שטיקלעך, ברעטער און וואַפּנע. די רעשטלעך פון די רוש־טאָוואַניעס האָט מען נאָך נישט געהאַט אַוועקגענומען און פאַר די פרויען האָט מען נאָך קיין אָרט נישט געהאַט צוגעגרייט. מען האָט געדאַרפט אויס־רייניקן, אַרויסטראָגן די ציגל און זויבער מאַכן די חדרים. דערביי האָט מען געמוזט וואָס שנעלער אויפשטעלן אַ וואַנטל פאַר די פרויען, מאַכן אַ שראַנק פאַר די ספרים און צונויפברענגען די בענק צום זיצן. די אַר־בעט האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן וואָס פריִער, כדי צו קענען אַרויסגיין תיכף ומיד פון קוידאַנאָווער שטיבל און אויך מיטציִען אַ וואָס־גרעסערן עולם, כל זמן די הערצער זענען נאָך וואַרעם און דער מוט איז גע־שטאַרקט. האָט מען „מאָביליזירט״ צו דער אַרבעט זין און טעכטער. די טאַטעס האָבן קאָמאַנדעוועט — און מיר, די קינדער, האָבן געפאָלגט. איך געדענק נישט אין מיין יוגנט נאָך אַזאַ מין התלהבות צו דער אַרבעט, פון יונג און אַלט אין מיין שטעטל. עס האָט געהערשט אַן אויסערגעוויינט־לעכע פרייד פון טאָן אַ פּלאַקערדיקע אַרבעט בחברותא, וואָס זאָל תיכף נוצלעך זיין. זענען נישט אַדורך קיין צוויי וואָכן — און די גאַנצע אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן.

דאַן האָט מען אַראָפּגעבראַכט דעם זיידן פון מיר, ער זאָל קומען באַנייען דאָס חב״ד־שטיבל ביי אונדז אין שטעטל.

# יעקב שלום קאַצענעלנבויגן (י. ש. ק.) — מײַן ערשטער דיכטער

### א.

...נעם אַמאָל און קאָנטראָליר דורך דײַן גײַסטיק פאַרמעגן, אָדער דײַנע וויכטיקסטע נײַגונגען — און דו וועסט זיך איבערצייגן: זייער ערשט קערנדל ליגט באַהאַלטן ערגעצוו אויפן געבענטשן פעלד פון דײַן קינדהייט. איז מיר נישט מעגלעך צו דערמאָנען זיך אין מײַנע ערשטע קינדער־יאָרן — און נישט אַוועקצושטעלן אַ דענקמאָל פון פאַרערונג און דאַנק־באַרקייט פאַר יענעם טראַגישן פלאַנצער, דעם ערשטן פּאָעט וועמען איך האָב באַגעגנט און ליב באַקומען אהבת נפש און וואָס האָט מיך אַזוי באַ־גײַסטערט און פאַרוואונדערט אינעם פרימאָרגן פון מײַן לעבן. דאָס האָט ער דער ערשטער אײַנגעפלאַנצט אין מיר די ליבשאַפט צו העברעיִש און צו איר ליטעראַטור. געפלאַנצט עס מיטן גאַנצן שטורעם פון זײַן געמיט — און איז פאַרשוואונדן פון דער וועלט אין זײַנע בלוט־יונגע יאָרן.

גערופן האָט מען דעם דאָזיקן פּאָעטישן שטערן, וואָס האָט אויפגעע־בליצט אין מײַן שטעטל אויפן ליטעראַרישן הימל: יעקב שלום קאַצענעלנ־בויגן. זײַן ליטעראַרישער בײַנאָמען איז געווען „ישק" און מיר, אין שטעטל האָבן אים גערופן „דאָדל".

פרעגט היינט יעדן נײַעם עולה פון מײַן שטעטל, ווער עס איז געווען דער ערשטער העברעיִשער לערער אין שטויבץ — און ער וועט אײַך זאָגן: דער לערער אלתר... ס'איז אויך אמת: דער העברעיִשער לערער אלתר יאָסעלעוויטש האָט דער ערשטער אָנגעהויבן געבן העברעיִשע לעקציעס אין צענדליקער שטובן פון שטעטל. ער האָט דער ערשטער

אויפגעשטעלט דערנאָך אַ העברעיִשע שול אויף די יסודות פון „עברית בעברית״. דערנאָך האָט ער פאַראייניקט זיין שולע מיט דער גאַנצער נעץ „תרבות״־שולן, און דערצויגן אַ דור פון עברית לערנער אין גאַנץ שטויבץ. מיט אלתרן האָט געפירט אַ קאַמף דער קנאַישער רב און זיין סוויטע; מיט אלתרן האָבן אויך געקעמפט די יִדישיסטן מכל המינים און אָרגאַניזאַציעס. איך צווייפל אויב עס געפינט זיך היינט איין עולה, צווישן די פיל צענדליקער וואָס זענען געקומען אין די לעצטע יאָרן פון אונדזער שטעטל קיין ארץ־ישראל, וואָס האָט זיין העברעיִשע הכשרה און זיין באַ־ציִונג צו ארץ־ישראל נישט באַקומען פון אלתרס געבענטשטער האַנט און פון זיין „בית ספר עברי״. האָט טאַקע דער לערער אלתר זוכה געווען צו איבערשיקן אין לאַנד פון זיינע בענקשאַפטן אַ סך צענדליקער פון זיינע תלמידים און תלמידות. ער האָט זוכה געווען מגדל צו זיין זיינע אייגענע קינדער, וואָס האָבן שוין גערעדט עברית אין זייערע פריסטע יאָרן אין שטעטל, און זענען געוואָרן לערער פון עברית אין יִדישע קיבוצים אין ארץ־ישראל דערוואַקסענערהייט... ער האָט אויך זוכה געווען אויף זיין עלטער — צוזאַמען מיט זיין געליבטער פרוי און די תלמידים פון זיין שולע — עולה צו זיין אויף דער עקדה אין טאָג פון דער גרויסער הריגה, צוזאַמען מיט די טויזנטער קדושים פון שטעטל — —

עס איז אָבער געווען אַ צייט ווען אלתר איז נאָך אין שטעטל נישט געווען. ווען אלתר איז געקומען צו אונדז בין איך שוין געווען פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער קינדער־גרופּע „ציון ושפתה״, וואָס האָט געקעמפט פאַר העברעיִש. איינע פון אונדזערע קאַמפּס־אויפגאַבן איז טאַקע געווען צו פאַרהאַלטן אלתרן אין שטעטל און געפינען פאַר אים לעקציעס. אָבער אין די ערשטע יאָרן פון מיין לערנען אין חדרים איז נאָך קיין העברעיִשער לערער אין שטעטל נישט געווען. מען האָט געזאָגט אויף איסרן, יונה דעם ווײַנערס זון, דעם אַלטן און איינזאַמען בחור, אַז ער איז אַ גרויסער „מליץ״. ער איז אָבער נישט גאַנץ געווען מיט זיך אַליין און מען האָט אים נישט געקענט אָנטרויען קיין קינד אין די הענט אַריין. איסרס טאַטע, יונה דער ווײַנער, איז געווען אַ מין פאָרשטייער פון העברעיִשן דקדוק אין שטיבל. שבת ביים לייענען האָט ער ליב געהאַט צו אַנטדעקן וווּנדער־לעכע באַמערקונגען אין „אבן עזרא״ און זיי ברענגען צו מיין יונגן פעטער.

זיי האָבן זיך דערביי אַריינגעלאָזן אין אַ טיפן שמועס, ביי וועלכןביידע האָבן געשעפּט תענוג פון דער דקדוק־שאַרפקייט פונעם ספרדישן „חכם המסכן״. אָבער דער טויבער זקן און קוידאַנאָווער חסיד, וואָס איז געווען שטיבל־גבאי, האָט זיי איינגעשטילט מיט גרויס כעס: נו — אַ! קריאת התורה!...

איך, אַלס קינד, האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען זייער שיחת חולין, פון וועלכער זיי האָבן געהאַט אַזאַ הנאה און אַזוי שטאַרק נתפּעל געוואָרן. מיינע רביים האָבן מיר נאָך נישט געהאַט געוויזן קיין איין כלל פון דקדוק.

אויף ווי וויט העברעיִש איז דאָס זעלבע ווי תנ״ך, האָט זי געהאַט אין שטעטל נאָך אַ גאָר־טאַלענטירטן און מער לעגיטימען פאָרשטייער. דאָס איז געווען דער מגיד און מלמד ר׳ איטשע תנחומס, וואָס האָט געלערנט תנ״ך אין שטעטל — און איז געווען אַ וואַנדערנדיקער מגיד אויסער שטויבץ. דאָס הארץ איז מיר אויסגעגאַנגען, ווען איך האָב געהערט מיינע חברים — און זיינע תלמידים — דערציילן מיט וואָס פאַר אַ ניגונדיקער מתיקות ער האָט זיי געטייטשט די פסוקים: „יונתי בחגוי הסלע, בסתר המדרגה״ אָדער „איכה היתה לזונה קריה נאמנה״ — אוי, ווי און ווינד איז מיר — מלאתי משפט, צדק ילין בה־ועתה מרצחים!״... די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער הערנדיק. איך האָב זיך אויך נישט געקענט אָפּרייסן פון די אבלים־הייזער, ווען ר׳ איטשע תנחומס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול אַנטקעגן די טרויעריקע יתומים, וואָס זענען געזעסן געבויגענע אויף זייערע פּיס־בענקעלעך, האָט געעפנט דעם ספר „איוב״ און האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיט זיין טרויעריקן ניגון: „יאבד יום אולד בו, ולילה אמר הורה גבר״... נאָר ר׳ איטשע איז געווען להוט נאָכן ביטערן טראָפּן און מען האָט געמורמלט צווישן זיך אַז ער איז נישט איבעריק זהיר אין מצוות. האָט דער זיידע, פון דער ווייטנס, אַכטונג געגעבן מיט זיבן אויגן, אַז איך זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן אין זיין נעץ... בין איך נישט אַריינגעפאַלן. איז שוין אַזוי געבליבן מיין דערציִונג — צו מיין טאַטנס האַרצווייטיק — נאָר אויף תורה און גמרא אַליין. קיין דקדוק האָב איך נישט געלערנט.

ביז עס האָט זיך באַוויזן אין שטעטל דער לערער „דאָדל״. דאָס איז געווען דער שרייבער און פּאָעט יעקב שלום קאַצענעלענבויגן, וואָס האָט

דערנאָך זוכה געווען אָפּצודרוקן זיינע לידער אין פּראָזע ביי פרישמאַנען אין „הדור״, אונטערן נאָמען י. ש. ק.. פאַרעפנטלעכן זיינע דערציילונגען און מאמרים אינעם לאָנדאָנער „הדגל״ און מפורסם ווערן דורך זיין לאָנ־דאָנער דערציילונג „ליל חורף״, וואָס יוסף חיים ברענער האָט נאָכדעם אַרויסגעגעבן אינעם פאַרלאַג פון דער אגודה „דוברי עברית״ און האָט ווי אַ שוואַלב אָנגעזאָגט דאָס קומען פון דער מאָדערנער, העברעיִשער נאָוועלע.

צו אונדז איז קאַצענעלנבויגן געקומען, ווייל ער איז געווען דער יינגסטער זון פון אַלטן רב אין סוויערזשנע, וואָס איז נאָענט צו אונדז. ער האָט דאַן אָרגאַניזירט און זיך באַטייליקט אין אַ בונט — וואָס רופט זיך אויפן ישיבה־לשון „שאַ״ — אינעם „קיבוץ״*) פון די מוסרניקעס, וואָס איז געווען אונטער דער פירערשאַפט פון אַסקעטישן ראש ישיבה ר׳ יוסף יוזל אין נאָוואַרדאָק (נאָוואָגרודעק). דערפאַר איז ער אַוועק פון ישיבה און געקומען אַהיים.

קעגן מיין לערנען ביי קאַצענעלנבויגענען האָט אויך דער זיידע גאָר־נישט געהאַט אויסצוזעצן. ער איז נישט געווען חלילה קיין ארחי ופרחי. זיין עלטערער ברודער, ר׳ חייפע, איז געווען אַן עילוי און געהאַט סמיכה אויף רבנות (ער איז נאָכן פּאַטערס פּטירה געוואָרן רב אין סוויערזשנע. דערנאָך האָט מען אים אויפגענומען אַלס רב אין אַ צווייט שטעטל, ווו ס׳איז פריִער רב געווען ר׳ לייזער, דער איידעם און נאָכפאָלגער פון „מינסקער גדול״). דער גאָר־עלטערער ברודער זיינער איז געוואָרן משגיח אין דער מירער ישיבה. דער עיקר אָבער: זיין פּאָטער, דער אַלטער סוויערזשנער רב, איז געווען פון די אָנגעזעענסטע רבנים אין דער סביבה. ער האָט געשמט פאַר אַן איידעלן מאַן און איז געווען דעם זיידנס אַ ידיד. די מאַמע מיינע האָט פון אים געהאַלטן אַ וועלט. אויך ער, דאַדל — הגם ער האָט געהאַט שגעונות און אָפּנויגן — איז געווען דאָס ליבלינג־קינד פון אַלטן רב. ער האָט געשמט ווי אַ וווּנדער־קינד און אַן אָנגעלערנטער אין תורה און אין השכלה. ס׳איז על כן גאָרנישט געווען וואָס אים פאַרצוואַרפן.

*) „קיבוץ״ איז געווען אַ באַצייכענונג פון אַ קרייז דערוואַקסענע בחורים ביי די „מוסרניקעס״, וואָס האָבן שוין געלערנט פאַר זיך און נישט מיט קיין רבין אין די כתות.

עס האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אַרויסנעמען מיך אינגאַנצן פון מיין מלמד, דעם פּרוש, און איבערגעבן מיך אין די הענט פונעם יונגן קאַצענעלנבויגן. עס זענען אָבער געקומען די זומער־חדשים. די מאַמע מיט די שוועסטער פלעגן אַרויספאָרן אויף די הייסע חדשים אין דער זומער־וווינונג קיין אַטאַליז. דאָס איז געווען אַ גרויסער, געדיכטער וואַלד וואָס איז געבענטשט געווען מיט פיכטנביימער, טאַנענביימער און ניס־ביימער, יאַגדעס און שוואָמען. דער דאָזיקער וואַלד האָט געהערט צו מיין רייכן פעטער און האָט געדינט ווי אַ דאַטשע־אָרט פאַר אַלע משפחה־צווייגן. עס איז שוין געוואָרן אַ מנהג אַז זומער־צייט איז נאָר די מאַמע מיט די שוועסטער אַרויסגעפאָרן אַהין. היות ווי איך האָב געלערנט אין חדר — בין איך געבליבן אין שטאָט מיטן טאַטן. אין יענעם יאָר האָבן אָבער מיינע שוועסטער מסכים געווען צו נעמען אויף זיך דעם יאָך פון לערנען העב־רעיִש. אַלס לערער פאַר זייערטוועגן האָט מען מיטגענומען קאַצענעלנבוי־גענען. אין יענעם זומער האָב איך זיך געפילט שוואַך אין געזונט — און סיוּוי איז שוין געווען אין שטוב אַזאַ עילוי־ישער לערער — האָט מען אויך מיך באַשלאָסן צו באַפרייען אויף אַ גאַנצן חודש פון שטאָטישן חדר־יאָך, לאָזן אויך מיר געניסן פון דער געזונטער וואַלד־לופט, און דערביי לערנען ביי קאַצענעלנבויגענען.

דער שטאָטישער רב, ר׳ שלמה מרדכי ברודני, איז נישט צופרידן געווען דערפון וואָס איך וועל אָנהייבן לערנען דקדוק ביי אַ ישיבה־בחור, וועלכער האַלט ביים קאַליע ווערן; זאָל עס אפילו זיין „דאַדל״ אַליין. דערפאַר האָט ער געפּרוּווט משפּיע זיין אויף דער מאַמען און זי אָפּהאַלטן פון דעם גע־פערלעכן פּלאַן. דאָס מאָל איז עס אים אָבער נישט געלונגען. די מאַמע האָט עס שוין געהאַט צוגעזאָגט דעם סוויערזשנער רב און האָט נישט גע־קענט חרטה האָבן. דאַן האָט דער רב כאָטש געוואָלט מיט עפּעס־וואָס אָפּ־שוואַכן די סכנה וואָס לויערט אויף מיר און האָט זי געבעטן, אַז איך זאָל קומען זיך געזעגענען מיט אים פאַרן אַרויספאָרן אין וואַלד אַריין. געדענק איך נאָך דעם אינהאַלט פון שמועס וואָס האָט זיך געפירט צווישן דעם זיבעציק־יעריקן רב — דעם מחבר פון ספר שאלות ותשובות „אוהל שם״ — און דעם צען־יעריקן יינגל. דער אַלטער רב איז געלעגן אויף זיין סאָפע, און דעם רבס רייד האָבן געקלונגען אומגעפער אַזוי:

— זשאַמקע, וואָס מיינסטו: גאָרדאָנקע (געמיינט י. ל. גאָרדאָן) האָט געקענט לשון קודש?

— רבי, איך האָב נאָך גאָרנישט געלייענט פון יל״גס לידער.

— הערזשע, מיין קינד: איך האָב יאָ געלייענט. דערפאַר זאָג איך דיר: ער האָט געקענט לשון קודש, אַזוי ווי איינער פון די גרויסע פייטנים... און פונדעסטוועגן, ווי לאַנג קרענקט ער, גאָרדאָנקע, ביז ער וועט זוכה זיין מען זאָל איין ליד זיינס אַריינגעמען אין הייליקן סידור! ווייסטו פאַרוואָס? ווייל דאָס בלויזע קענען לשון קודש איז נאָך נישט גענוג. צומערשט דאַרף מען זיין אַ ירא שמים און אַ שומר מצוות — און דאַן איז גוט צו קענען דקדוק... אוודאי איז גוט און עס איז אפילו אַ מצווה צו קענען דקדוק כהלכה; אָבער נאָר ווען מען לערנט דקדוק פון אַ ירא שמים און ווען מען בלייבט אַליין פרום — אויך נאָכן קענען דקדוק. האָסט פאַרשטאַנען?

און מיט דעם האָט ער מיך אָוועקגעשיקט פון זיך — אַריבערצוגיין פון זיין רשות אינעם רשות פון סוויערזשנער רבס זון, וואָס איז אַנטלאָפן פון ר׳ יוזלס מוסר־ישיבה און איז געווען אַדורכגענומען פון שטורעם, וואָס דער רעוואָלטירנדיקער דור האָט געטראָגן מיט זיך, איז געוואָרן אַ העברעיִשער לערער און שפּעטער אַ פּאָעט אין די העברעיִשע זשורנאַלן.

## ב.

וועגן אַטאַליזער וואַלד וואָלט זיך געלוינט צו דערציילן באַזונדער. ווי האָט ער עס פּלוצלינג אַ פלייץ געטאָן אויף אַ ייִדיש קינד, וואָס איז תמיד געווען געפאַנגען פון חדר און פון שטעטל, מיט אַזוי פיל נייעם גליק אין שויס פון דער פרייער נאַטור! עס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל ווי אַזוי ער האָט אַ וועק געטאָן נייע פאַרלאַנגען און אַ שיין געטאָן מיטן פרישן צויבער פון יוגנט־פריינטשאַפט וואָס האָט דאָרטן אויפגעבליצט... אָבער איצט וויל איך נאָר דערציילן וועגן דעם נס פון דער ערשטער, קינדישער באַגעגעניש מיט אַ לעבעדיקן, העברעיִשן פּאָעט.

צו דער עצם דערשיינונג פון אַ פּאָעט, איז נישט געווען קיין שום אָנהאַלט אין דערווירקלעכקייט פון שטעטל וואָס איך האָב געקענט. דער העברעיִשער נביא פון תנ״ך איז געווען געטלעך און פאַרצייטיש. די לידער, וועלכע מיינע דערוואַקסענע שוועסטער האָבן דעקלאַמירט מיט התפעלות,

זענען געווען רוסישע און זיי האָבן צו מיין האַרץ גאָרנישט גערעדט. און פון דער העברעיִשער, נייער פּאָעזיע האָט זיך נאָך קיין שום עכאָ נישט דערשלאָגן צו מיין טאַטנס שטוב.

נאָר י. ש. ק. איז געווען אַ נייער פּאָעט. זיין געזאַנג איז געווען העב־רעיִש, אַ שפּראַך וואָס קיינער אַרום מיר האָט נישט גערעדט. און זיין ליד איז געווען פול מיט געשטאַלט פון עקזאַלטירטער שטימונג; ער פלעגט אויסזען ווי אַ שכור, ווען דער שאַפונגס־דראַנג האָט אים אָנגעכאַפּט. איך קען נישט פאַרגעסן מיין דערשטוינונג, ווען איך בין מיט אים געגאַנגען אין וואַלד אויפן גרינעם שטעג, וואָס האָט געפירט פונעם בערגל אין שטוב אַריין. פלוצלינג האָבן זיך זיינע צוויי אויגן פייערדיק אָנגעצונדן; מיט אַ ברען וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אין אַלע אויגן וואָס איך האָב ביז דאַן געקענט. און ממש פאַר מיר האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצו־וואַרפן פון זיך פערז נאָך פערז; נייע און געמאָסטענע שורות וואָס זענען נאָר־וואָס געשאַפן געוואָרן. און זיי זענען אַזוי ווי באַהאַפטן געוואָרן איינס צום אַנדערן, צוגעשניטן און אויסגעהאַקט... און וווּנדער איבער וווּנדער: זיי האָבן זיך אויך געגראַמט צום סוף, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט עדות זאָגן איינע אויף דער צווייטער און באַשטעטיקט איינס דאָס אַנדערע. פלאי פלאים!

ער איז געווען אַ הויכער, שיינער יונג, מיט אַ שאַרפן פּראָפיל און שטאַרקן בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט עקשנותדיקן ווילן און גרויסן פאַנטאַזיע־כוח. פון קינדוויז אויף איז ער דערצויגן געוואָרן אַלס בן זקונים ביי זיינע אַלטע עלטערן און פאַררעכנט געווען ווי אַ מפונק. זיינע וואָנצעס האָבן קוים אָנגעהויבן צו שפּראָצן און איבער זיינע ברוינע, וואַרעמע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ הויכער שטערן, און עילוייִש אַרויפגעצויגן. בלויז דערפאַר וואָס ער האָט זיך געקאַמט מיט אַ שרונט אויף דער לינקער זייט קאָפּ, האָבן זיינע האָר צוגעדעקט דעם אויבערשטן טייל פון דער רעכטער זייט. צווישן די שטאָטישע מיידלעך האָט מען אים באַטראַכט פאַר „זייער אַן אָריגינעלן קאָפּ". דאָס רוב פון זיין צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען ביי אונדז, האָט ער פאַרבראַכט מיט די מיידלעך, הגם די בעסערע טעכטער פון שטאָט האָבן זיך בדרך כלל נישט געחברט מיט קיין ציוניסטן און העברעיִשע משכילים. עס האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבן אויסצוקריסטאַליזירן די שיי־

דונגס־ליניע צווישן די ציוניסטן און נישט־ציוניסטן. די געבילדעטע מיידלעך פון שטאָט, וואָס האָבן גערעדט רוסיש און זיך געגרייט צו עקזאַמענס, זענען כמעט אַלע געווען פון „יענער זייט ליניע", צוזאַמען מיט די סטודענטן וואָס זענען געקומען צוגאַסט און די „בונדישע" אַרבעטער. נאָר יש"ק האָט אַזוי ווי צעמישט די גרענעצן. ער איז געווען אין גאַנצן העברעיִש; די העברעיִשע ליטעראַטור — סיי די וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט באַהאַלטן אין ישיבה־קעסטל און סיי די וואָס ער אַליין האָט געשאַפן אין שלאָפלאָזע נעכט — איז געווען זיין לעבנס־תמצית. פאַרן ציוניזם איז ער גרייט געווען אָפּצוגעבן די נשמה און דאָך האָט ער געהאַט פאַר פריינדינס דווקא די געבילדעטע מיידלעך, וואָס האָבן גערעדט רוסיש און זיך געגרייט צו די עקזאַמענס.

אין יענעם זומער האָבן מיינע שוועסטער, וואָס זענען שוין געווען זייער ווייט פון ציוניזם און עברית, געלערנט ביי אים קאַפּיטלעך תנ"ך און העברעיִשע פּאָעזיע. איך האָב אין יענעם זומער אָנגעהויבן לערנען ביי אים די דקדוק־כללים לויט ח. צ. לערנער. בין איך אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַנצער לענג פון די פּיכטן־אַלייען אין וואַלד און האָב געחזרט: כּתב, נכתב, כּותב, הכתיב, הכתב, התכתב... אַזוי הין און צוריק. דאַן טאַקע, אין יענעם זומער האָט ער מיר דערציילט, בפּרטיות און באַגייסטערט, וועגן די גרויסע געשעענישן וואָס קומען פאָר אין דער ייִדישער וועלט. וועגן הערצלס דערשיינונג און וועגן דעם אויפקום פון ציוניסטישע קאָנגרעסן. ער האָט מיט מיר גערעדט ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. אַזעלכע שמועסן האָבן מיר געפירט אין די פרייטיקן נאָך מיטאָג. ער האָט זיך דאַן געדאַרפט שערן די באָרד מיט אַ מאַשינקע און ער האָט עס נישט געוואַגט צו טאָן אין שטוב, מיין מאַמען אויף די אויגן. האָט ער די מלאכה געטאָן אין וואַלד אונטער אַ בוים. איך האָב אים טאַקע געבראַכט די מאַשינקע מיט אַ שפּיגעלע, און אים דאָס שפּיגעלע געהאַלטן פאַר די אויגן, בשעת ער איז אַרומגעפאָרן מיט דער מאַשינקע איבערן פּנים. און בשעת מעשה האָט ער נישט אויפגעהערט אַרומצורעדן דעם גורל פון ייִדישן פאָלק און זיין צוקונפט אין ציון. ער האָט מיר דערביי דערציילט וועגן די גרויסע פּערזענלעכקייטן וואָס דער ציוניזם פאַרמאָגט און וועגן די געשטאַלטן וואָס זענען צוגעקומען צו דער העברעיִשער פּאָעזיע און צו דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. דאַן האָב איך

געהערט דאָס ערשטע מאָל פון זיין מויל, מיט באַגייסטערטער פאַרערונג, די נעמען פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און שאול טשערניכאָווסקי.

ער האָט מיר אויך דערציילט וועגן „בונט" אין דער מוסר־ישיבה פון נאָוואַרדאָק אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט. זיי האָבן דאַן געמאַכט אַ „שאַ" ר' יוזלען — דעם „בעל החורים"*) וועלכער איז געווען אַן אַסקעטישער ראש ישיבה און האָט גערודפט די ציוניסטישע בחורים. זיינע משגיחים האָבן גענישטערט אין די צימערן פון די בחורים, ווען זיי האָבן חושד געווען אז זיי האָבן השכלה־ליטעראַטור אין די קעסטלעך. זיינע רייד זענען שטורעמדיק געוואָרן ווען ער האָט דערציילט וואָס פאַר אַ גרויסער כח, פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, עס ליגט באַהאַלטן אין די טאַלאַנטן פון די באַגאַבטע ישיבה־בחורים. ער האָט אויך געצאָרנט אויף די פאַרפירטע דערציִער, וואָס לאָזן זיי נישט אַנטוויקלען זייער גייסט, און פעטען זייערע פליגל. זיין קלאָגן אויף די פאַרפאַלענע טאַלאַנטן האָט דערמאָנט אין ביאַליקס אויסגעשריי: „מה צחיחה החלקה ומה מקוללה, אם פרודות כאלו תעבשנה בתוכה"... אַ נייע וועלט מיט פּראָבלעמען האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיין גייסטיק אויג און כ'בין אויפגערודערט געוואָרן.

ר' יוזלען האָב איך אַליין טאַקע נישט געקענט און אין קיין „קיבוץ" פון מוסרניקעס האָב איך קיינמאָל נישט געלערנט. אָבער דעם שטורעם פון רעוואָלט, וואָס מיין טייערער לערער האָט מיט זיך געבראַכט, האָב איך געפילט מיט מיין גאַנצער נשמה. אַזוי ווי לעבעדיק האָב איך פאַר מיר געזען דאָדלען צווישן אַ פאַרזאַמלונג אויפגעשטורעמטע בחורים וואָס שרייען אין לאַנגן, שטאַרקן און צעצויגענעם „ששששאַ"... דער געשריי הילכט אָפּ אין ישיבה־חלל, אין מיטן פון אַ הייס אויפגעוואַכטער משמר־נאַכט און דער „שאַ" הערט נישט אויף — ביז דער קעמפערישער גזיר מיט זיינע שטרענגע משגיחים אַנטלויפן פאַר שרעק... איך האָב געזען עפּעס פון אַ מאַניפעסט אינעם דאָזיקן „שאַ" און כ'האָב זיך געפילט ווי אַ פאַרבונדענער מיט אָט דער ווייטער און צוזאָגנדיקער בשורה.

---

*) ר' יוסף הורוויץ, דער באַגרינדער פון „נאָוואַרדאָקער מוסר", איז געווען אָפּגעזונדערט צוועלף יאָר אין אַ וואַלד־שטיבל. דורך צווי לעכער האָט מען אים צוגעשטעלט עסן, מילכיקס און פליישיקס. דערפאַר האָט מען אים גערופן „בעל החורים", אַ רמז אויף די לעכער אין זיין בדידות־שטיבל.

# זלמן שזר

ווען איך בין עלטער געוואָרן, זענען צו מיר געקומען אין ה,אַנט אַריין די דינע און הייסע העפטלעך פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקיס כתבים וואָס „צעירים" האָבן אַרויסגעגעבן. איך האָב געשלונגען די שניי־דיקע רייד וועגן „ריסן אין הארץ" און „דעם דורשט צום לעבן" און וועגן דעם אַז עס איז פאַראַן „אַ תהום צווישן דעם ספר און דעם לעבן". האָט זיך מיר דאַן אויסגעוויזן, אַזוי ווי איך וואָלט דערביי געהערט דעם המשך וועגן ישקס אָרגאַניזירטן „שאַ" קעגן דעם אַסקעטיש־צעפייניקטן ר' יוזל, דער ראש פון די מוסרניקעס אין נאָוואַרדאָק. איז דער נאַוואַרדאָקער „שאַ", צוזאַמען מיט ישקס פערזן און בערדיטשעווסקיס העפטן, געוואָרן פאַר מיר איין גאַנצקייט וואָס זאָגט אָן דעם פרילינג...

ווען דער זומער האָט זיך געענדיקט, איז דאָדל אַוועקגעפאָרן אויף ווינטער קיין פינסק צו זיין מוטערס משפחה. אָנהייב פון צווייטן זומער איז ער אַהיימגעקומען צו זיינע עלטערן און דאָס רוב פון זיין צייט האָט ער ווידער פאַרבראַכט ביי אונדז. איצט איז ער געווען נאָך מער ציוני־ניסטיש באַגייסטערט, און אין זיין שרייבן איז ער נאָך מער פאַרוואָרצלטער געוואָרן. ווען ער איז געקומען צו אונדז נעכטיקן, האָט ער מיט זיך גע־בראַכט אַ קליינע וואַליזע. איך האָב געוווסט: אין דער מיסטישער וואַליזע היט ער זיינע כתב־ידן, וואָס זענען ביי אים און ביי מיר אַזוי טייער. איך בין אָבער דאַן געווען פאַר אים בלויז אַ תלמיד. מיינע דערוואַקסענע שוועסטער זענען געווען נענטער צו אים. מיט זיי האָט ער פאַרבראַכט דאָס רוב צייט. אָבער איך האָב שוין דאַן געפילט, אַז זיינע כתבים און שירים — וואָס זענען אים צומטייערסטן — קען ער זיי נישט פאָרלייענען, ווייל זיי לייענען נישט קיין העברעיִש. האָב איך שוין דאַן פאַרשטאַנען דעם שאַרפן ווייטיק פון זיין דאָזיקער איינזאַמקייט. איך האָב אָנגעהויבן באַגרייפן אַז גייסטיקע איינזאַמקייט צווישן פריינדינס איז שוין אַ פנים דער „נאַטיר־לעכער" גורל פון אַ העברעיִשן דיכטער אין אַ פרעמדן לאַנד...

ביי אים טאַקע האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען אַ נומער „השלח". נאָך איידער איך האָב אים געוווסט אָפּצושאַצן, האָב איך שוין תופס געווען ווי טייער אַזאַ זשורנאַל איז ביי מיין ליבן לערער. איך האָב געפילט ווי שטאַרק ער הענגט אין ביאַליקס ליד, וואָס איז געדרוקט געווען אין יענעם נומער; אָדער אין דער נאָטיץ פון אחד העם אין „ילקוט קטן" ווי אויך אין

די „מחשבות און מעשים‟ פון רבי קרוב. איז דאָס דאַרע העפטל מיט דער גרינער הילע, וואָס האָט געציטערט ביי יש״קן אין דער האַנט, געוואָרן פאַר מיר אַ קעגנוואָג צו דעם שווערן רוסישן חודשניק „אָבראַזאָוואַניע‟, וואָס איז אַזוי פרעמד און קאַלט געלעגן מיט זעלבסטזיכערקייט אונטער מיין שוועסטערס אָרעם. איך האָב שוין דאַן געוווסט קלאָר, אויף וועלכער פון די צווי וואָגשולן וועל איך אַוועקלייגן מיין נשמה.

די געבליבענע פון מיין שטעטל געדענקען נאָך גוט ווי היציק י. ש. ק. האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין שלאַכט בעתן פאַרקויפן די אַקציעס פון דער קאָלאָניאַל־באַנק, ווען אַרום דעם פאַרקויף האָט זיך צעשפּילט ביי אונדז אין שטעטל אַ שטורמישער קאַמף. אַלס „מטיף‟ צום פאַרקויפן די אַקציעס איז געקומען צו אונדז דער באַקאַנטער ציוניסטישער רעדנער פון מינסק י. ל. בערגער, וועלכער האָט געשטאַמט פון זייער אַן אָנגעזעענער משפחה. דער רב האָט אים אָבער נישט דערלויבט צו דרשענען אין דער אַלטער שול. עס איז בערגערן נישט בייגעשטאַנען אַפילו דער זכות וואָס ער איז געווען אַ זון פונעם פרומען ר׳ אַברהם גרשונען, וועלכער איז געווען דעם רבס אַ גרויסער ידיד. האָט זיך די פּאָזיציע אַריבערגעטראָגן אין דער נייער שול, ווו די ציוניסטן האָבן געהאַט די אויבערהאַנט. נאָר דעם רבס נאמנים — גערופן האָט מען זיי „גאַטס קאָזאַקן‟ — האָבן אויך דאָרט באַשלאָסן צו ווייזן זייער כח. ווי נאָר בערגער איז אַרויף אויפן באַלעמער האָבן זיי גענו־מען קלאַפּן אויף די שטענדערס און אים נישט געלאָזן רעדן. כדי צו ראַ־טעווען די סיטואַציע איז דאָדל אַרויפגעשפּרונגען אויפן באַלעמער און מיט זיין שטאַרקער שטים האָט ער זיי געגעבן צו פאַרשטיין ווער דער רעדנער איז און וואָס אַזוינס די באַנק איז... עס האָט כמעט דערמאָנט אינעם פּסוק „ויהס... את העם‟*). אָבער אין מיטן פון זיין היציקן רעדן האָט אים געטראָפן אַ מכשול. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס וואָרט „אָרטאָדאָקסן‟. דאָס האָט אויפגעקאָכט שאולן דעם בעדער, איינעם פון די אָנפירער ביים רבס צד. איז ער אַרויף אויפן צווייטן באַלעמער און גענומען שרייען: איר הערט כאָטש, וואָס דער שקאָץ דערלויבט זיך צו זאָגן אויף אונדז? אַקסן האָט ער אונדז אַ נאָמען געגעבן! יאָ, מיר ווייסן שוין פון לאַנג אַז ער איז

*) נאָכן צוריקקומען פון די מרגלים, ווען דאָס פאָלק האָט אויפגעברויזט און כלב בן יפונה האָט עס איינגעשטילט.

לגמרי נתפקר געוואָרן... איז אויס. — קיינער האָט שוין מער נישט גע־הערט ישקס דערקלערונגען און זיינע אַלע געשרייען האָבן שוין אָנגעטראָפן אויף אַ תוהו ובוהו — — —

דערווייל איז זיין פאָטער דער סווערזשנער רב נפטר געוואָרן. זיין מוטער האָט חתונה געהאַט מיט יענעם רייכן זקן, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די קוידאַנאָווער חסידים ביי אונדז אין שטעטל. זינט דעמאָלט איז ער שוין געוואָרן אַ שטויבצער — און ווייל ער האָט שוין אַזוי ווי קיין היים נישט געהאַט, איז ער ביי אונדז געוואָרן אַ שטוביקער. אפילו ווען ער איז געווען אויף זיינע נסיעות, על פי רוב אין פינסק, האָט זיין מוטער — די אַלטיטשקע, הארציקע סווערזשנער רביצין — פאַרבראַכט אַ סך שעהן ביי מיין מאַמען און איך האָב ליב געהאַט אויסצוהערן וואָס זי דערציילט וועגן דער קינדהייט פון מיין אַזוי געליבטן לערער. זי האָט דערציילט וועגן זיין גרויסער ווילדקייט קליינערהייט און וועגן זיין שטאַרקן ווילן און עקשנות, וואָס האָט אים נאָך אַלס קינד געמאַכט פאַר אַ הערשער אין איר שטוב. איינמאָל, האָט זי דערציילט, איז ער אַהיימגעקומען פון חדר און מודיע געווען אַז פון היינט אָן זאָל מען אים מער נישט רופן יעקב שלום. וואָס איז? ער האָט געזען אין חדר אַ יינגל פון דער פרעמד וואָס הייסט דאָדל — געפעלט אים דער נאָמען און אויך ער וויל אַזוי הייסן! היות ווי ביים רב אין שטוב איז מען דערויף נישט באַשטאַנען — איז ער אַריין אין קיך, געכאַפּט אַ קאַטשלקע פון דער וואַנט, גענומען קלאַפּן מיט אים אויפן טיש און שרייען: „איר זאָלט מיך רופן „דאָדל״! אויב נישט — וועל איך נישט אויפהערן צו קלאַפּן. איז נישט געווען קיין עצה — און סיי אין חדר, סיי צווישן באַקאַנטע האָט מען אים אָנגעהויבן אַזוי צו רופן.

אויך זיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן ווי אַ שטיפע־רישער פּאָלעמיקער. די ערשטע זאַכן וואָס איך האָב פון אים געלייענט זענען געווען סאַטירעס אויף די שטעטלדיקע תקיפים. צוליב זיין קונדי־סישקייט האָט ער זיך נישט געחתמעט מיטן גאַנצן נאָמען און נישט בלויז מיט זיינע ראשי תיבות (ווי ער פלעגט זיך דערנאָך אונטערשרייבן אין „הדור״) נאָר מיט די ראשי תיבות פון יעקב שלום קאַצענעלנבויגן נרו י איר, וואָס האָבן מרמז געווען אויפן אָנהויב פונעם צווייטן פסוק אין שיר השירים... אָבער שוין אין יענע יאָרן איז ער אויך געווען אַ ראָמאַנ־

טיקער. איך דערמאָן זיך אַן אָוונט אין אַטאַליז, ווען אין שטוב האָבן זיך פאַרזאַמלט אביסל העברעיִש־קענער. האָט ער דאַן אַרויסגענומען פון זיין קעסטל א דערציילונג מיטן נאָמען „מים שלנו”*. דאָס זענען געווען דער־ציילערישע זכרונות פון זיין קינדהייט, ווי אַזוי ער האָט ביינאַכט געהאט באַגלייט זיין פאָטער ווען יענער איז געגאַנגען שעפּן וואַסער צום מצות־באַקן. די דערציילונג איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט יום־טובדיקער קדושה, קינדער־בענקשאַפט און זקנים־ליבשאַפט. ער איז שוין געווען שלימותדיק אין דער פאָרעם, ניי אין אויסדרוק און אַריינדרינגענדיק אין האַרץ אַריין.

איינמאָל, ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיינס אַ לאַנגער רייזע — און ער האָט אַזעלכע געמאַכט זייער פיל — האָט ער אויף מיר אַרויפגע־לייגט אַ מאָדנע שליחות. ווי שטאַרק מיין ווילן איז נישט געווען צו טאָן וואָס ער האָט פאַרלאַנגט — האָב איך בשום אופן נישט געקענט קלאָר תופס זיין איר זין. ער האָט מיך געבעטן איינצולאָדן פּרייטיק צו נאַכטס, צו איינער פון די ציוניסטישע מיידלעך אין שטוב אַריין, די שטעטלדיקע נייטאָרינס. ער האָט פאַר זיי געוואָלט רעפערירן וועגן „דעם נייעם וועג אין ציוניזם” וואָס ער האָט געבראַכט פון פּינסק. איך בין שוין דאַן געווען אַ ציוניסטיש ייִנגל „מיט באַוווסטזיין”, וואָס האָט שוין אַליין יעדן שבת רעפערירט קאַ־פּיטלעך פון דער ייִדישער געשיכטע (לויטן ספר פון א. ז. ראַבינאָוויטש און לויט בערמאַנס „מגיבורי האומה” — מיט מיינע צוגאָבן) אין דער קינדער־גרופּע „ציון ושפתה”. אויסער דעם האָב איך געהאַלטן רעדעס אין יוגנט־קרייז „שואפות ציונה” און בין געווען פאַררעכנט אין שטאָט פאַר אַן אינ־טעליגענט בחורל. דאָך האָב איך נישט געקענט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ שייכות עס קען זיין צווישן ציוניזם און די נייטאָרינס דווקאָ. איך האָב נישט געקענט זיך דערטראַכטן, ווי אַזוי מען קען ברענגען אַ נייעם וועג פאַרן ציוניזם וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט נאָר פאַר נייטאָרינס און נישט פאַר אַלע ציוניסטן.

שפּעטער האָט מיר דערציילט דער פאַרשטאָרבענער פּאָעט יהודה קרני, יש״קס פריינט פון פּינסק, אַז קאַצענעלנבויגן איז געווען פון די ערשטע אין דער „פּועלי ציון”־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַרויסאַנטוויקלט

*) וואַסער צום פאַרקנעטן די מצות וואָס „נעכטיקט איבער” אין שטוב.

פון דעם קרייז „התחיה״ וועלכן זעליק טיר האָט געגרינדעט אין פינסק. אויך ד״ר אהרן סינגאלאָווסקי, דער אַמאָליקער טוער פון ס. ס. און היינ־טיקער פּאָרזיצער פון „אָרט״, האָט מיר דערציילט, אַז אין יענע יאָרן האָט מען אין פינסק אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ ביולעטין וואָס האָט געפּרעדיקט אַרבעטער־ציוניזם. די דריי רעדאקטאָרן זענען געווען: אהרן סינגאלאָווסקי, יהודה וואָלאָוועלסקי (י. קרני) און טאַקע יעקב שלום קאַצענעלנבויגן.

זיין דאָזיקן „נייעם וועג אין ציוניזם״ — פון פאַרייניקן דעם ציוניזם מיטן סאָציאַליזם — צוליב וועלכן ס׳איז נויטיק געווען צו אָרגאַניזירן ציוניסטיש־געשטימטע אַרבעטער, האָט ער אונדז נישט באַוויזן מסביר צו זיין. (קיין אַנדערע אָרגאַניזירטע אַרבעטער, אויסער די נייטאָרינס, זענען ביי אונדז נישט געווען. די ווייניקע שניידער, שמידן און שוסטער זענען שוין געווען אָרגאַניזירט אין „בונד״ — דערפאַר האָט ער געוואָלט פּרווון צונויפנעמען די שניידער־מיידלעך). ער האָט עס נישט באַוויזן צו טאָן, ווייל באַלד איז אונטערגעקומען אַ נייע צרה: מיליטער־דינסט. אין יענעם יאָר איז יש״ק געשטאַנען צום פּריזיוו, אָנערקענט געוואָרן אַלס „טויגבאַר״ און איז אַריין אין די סאָלדאַטסקע בגדים... געדענק איך ווי טרויעריק עס איז געוואָרן ביי אונדז אין שטוב, אַזוי ווי אין גאַנצן שטעטל, ווען ער איז אַוועק צום מיליטער. יעדער איינער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט פאַר זיינעט־וועגן. און ער אַליין, האָט עס אוודאי גוט געוווּסט. און טאַקע באַלד נאָכן פאַרזוכן די ערשטע צוויי וואָכן אין דער צאַרישער קאַזאַרמע האָט ער גע־מאַכט ויברח. (מען דאַרף דערביי געדענקען די שילדערונגען פונעם רוסישן קאַזאַרמע־לעבן און דאָס געפּיל פון אַ ייִדישן זעלנער ביי אַזעלכע באַ־דינגונגען, אין די דערציילונגען פון ג. שאַפּמאַן און י. ח. ברענער. זעט אויס אַז אַלע ייִנגע העברעיִשע שרייבער פון יענעם דור, הגם איינער האָט דעם צווייטן פּערזענלעך נישט געקענט, האָבן אויסגעזען ווי פון איין משפּחה און געהאַט כמעט דעם זעלבן גורל). ער האָט דערביי דעזערטירט אין זיינע יונישע בגדים גלייך צו אונדז אין שטעטל אַריין — און טאַקע צו אונדז אין שטוב — נישט אַריינקלערנדיק זיך וואָס אים דראָעט פאַרן דעזערטירן. ווען מיר האָבן דערהערט אַז ער האָט נישט קיין אורלויבס־שיין און אַז ער איז צופּוס אַדורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע שטעטל בעת אַלע — אפילו די שטעטלדיקע פּאָליציי־לייט — האָבן אים געזען, האָבן מיר פאַר־

שטאַנען אין וועלכער סכנה ער האָט זיך אַריינגעבראַכט. די שטוב־מענטשן האָבן טאַקע נישט באַוויזן אויסצוטראַכטן אַן עצה ווי אַזוי אים אויסצו־באַהאַלטן, ביז ס׳איז אָנגעקומען די פּאָליציי. די צוויי גוייִשע מיליציאַנטן מיט זייער ייִדישן געהילף האָבן אָבער נישט באַוויזן אַריבערצושפּרייזן די שוועל, ווי קאַצענעלנבויגן איז אַרויסגעשפּרונגען פונעם פענצטער און איז אַנטלאָפן. די פּאָליציאַנטן האָבן אים נאָכגעיאָגט און דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיט שוידער זיך צוגעקוקט צום בילד: דער שטאָטישער ליבלינג — דאָס וווּנדערקינד פון תורה, השכלה, יחוס, ציוניזם און העברעיִשער פּאָ־עזיע — לויפט מיטן גאַנצן כוח זיך ראַטעווען. נאָך אים לויפן נאָך צוויי מגושמדיקע אוריאַדניקעס, באַוואָפנט מיט רעוואָלווערן, וואָס האָבן גע־פייפט מיט זייערע פייפלעך: כאַפּט אים. פאַרהאַלט אים! נאָך זיי האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער ייִדישער מיליציאַנט מיטן בלעכענעם שילדל אויף דער ברוסט. ער איז אויך נאָכגעשפּרונגען און זיך געשטרויכלט. עס האָט אויס־געזען ווי ער וויל שאַפן דעם איינדרוק, אַז אויך ער יאָגט אים נאָך און אַז אויך ער שרייט...

...דער פאַרנעפּלט־ווייטער באַגריף פון „אַנטלויפן פון מיליטער״ האָט זיך איצט פלוצלינג באַוויזן פאַר אַלעמענס אויגן מיט אַ דערשרעקנדיקער רעאַלקייט. אַט אַזוי אַנטלויפט אַ הירש פון זיינע יעגער אין די וואַלדיקע טיפענישן. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פון די שטעטלדיקע ייִדן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט אים צו פאַרהאַלטן; אָבער קיינער האָט זיך אויך נישט געוואַגט אים אויסצושטרעקן אַ העלפנדיקע האַנט. די אימה פאַר מלכות האָט גובר געווען. ווי פאַרשטיינערט האָט יעדער צוגעקוקט זיך צום שרעק־בילד. בלויז דער ייִדישער מיליציאַנט האָט זיך אָוועקגעגנבעט אויף אַ רגע צו אונדז אין שטוב אַריין. ער האָט עפּעס אַ ווונק געטאָן צו מיין שוועסטער און איז נעלם געוואָרן. אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט מיר די שוועסטער דערלאַנגט איר קליינע וואַליזע, אין וועלכער עס זענען געלעגן פרויען־קליידער. דאָס האָט זי מיך געהייסן אַוועקטראָגן אין שפּייכלער וואָס געפינט זיך אין גבירס הויף. דערווייל איז קאַצענעלנבויגן געלאָפן ווי אַ פייל פון בויגן איבער דער שול־גאַס צום מאַרק — און די פּאָליציי נאָך אים. אין מאַרק איז ער אַרויפגעשפּרונגען צום פעטער יואל אויפן גאַנעק, פונעם גאַנעק אין הויף אַריין און פונעם הויף אין גאָרטן אַריין. די פייפנ־

דיקע און שרייענדיקע פּאָליציי איז אים נאָכגעלאָפן — אָבער ער האָט אַ קלעטער געטאָן אויפן פּלויט, אַרויף אויף אַ בוים און פון איינעם אויפן צווייטן... און איז נעלם געוואָרן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט דאָס שטעטל געזען די קאַרעטע פון ראובלע דעם בעל־עגלה, ווי זי איז געפאָרן געלאָסן איבער די געסלעך. אין איר זענען געזעסן דריי מיידלעך; פון איין זייט מיין שוועסטער און פון דער צווייטער זייט די טאָכטער פון שטעטלדיקן גביר — אַן אייניקל פון קאַצענעלנבויגנס מוטערס צווייטן מאַן. און צווישן זיי איז געזעסן אַן אויס־געפּודירטע דאַמע וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּריצישע טאָכטער, מיט אַ הוט אויפן קאָפּ און אַ זאַנטיק איבער אים. די קאַרעטע איז פאַרבייגעפאָרן דעם זעלבן וועג פון דער שול־גאַס, ביי דער ניעמאַן־זייט, אַזוי ווי אין דער ריכטונג פון דעם גבירס פעד־ברענערייען. טאַקע פון יענע פעד־ברענע־רייען האָט עס קאַצענעלנבויגן אויף מאָרגן געמאַכט זיין ווייטערדיקן וועג צו דער גרענעץ און פון דאָרט קיין לעמבערג. פון לעמבערג איז ער אַוועק קיין לאָנדאָן, און מער האָבן מיר אים שוין נישט געזען.

פון לאָנדאָן האָט אָנגעהויבן קומען צו אונדז, פון צייט צו צייט, אַ נומער „הדגל" מיט זיינס אַ הויפּט־אַרטיקל וועגן ציוניזם. מיר פלעגן אויך באַקומען אַ נומער פון פוקס „השבוע" מיט זיינס אַ דערציילונג. די שטאָ־טישע ציוניסטן האָבן זיך דאַן פאַרזאַמלט ביי זייער פירער מהרש"ק אין שטוב אַריין, געטרונקען טיי און געלייענט מיט גרויס הנאה די שאַפונגען פון זייער בן־עיר וואָס איז פאַרפלויגן אין די מרחקים. די וועטעראַנען פון סניף האָבן זיך געפרייט צו זען, ווי אַזוי זייער ליבלינג יש"ק זאָגט דעות אין אַ לייט־אַרטיקל פון „הדגל" וועגן ציוניסטישן קאָנגרעס, קריטיקירט די לאָנדאָנער עקזעקוטיווע און רעדט אַזוי ווי איינער פון די וויכטיקסטע ציוניסטישע פּובליציסטן. פאַר אונדז, זיינע אַמאָליקע תלמידים, וואָס זענען דערוויל אַביסל אונטערגעוואַקסן, איז געווען אַ פייערלעכע געשעעניש ווען מיר האָבן געזען דערשיינען זיינס אַ נייע דערציילונג אָדער אַ דיכטערישע נאָטיץ אין יענע אויסגאַבן. דאַן איז געדרוקט געוואָרן זיין 'מים שלנו". ער האָט דאַן אויך פאַרעפנטלעכט אין המשכים זיין דערציילונג „ליל חורף" וואָס האָט איבעררראַשט מיט איר נייקייט. די קריטיק האָט זיך וועגן איר זייער גוט אָפּגערופן און זי איז באַרימט געוואָרן. די נייע העברעישע

ליטעראַטור האָט נאָך ביז דאַן נישט געהאַט אזאַ מין שאַרף־רעאַליסטישע, גרויזאַם־טרייע שילדערונג פון גרויסשטאָטישן לעבן, וואָס צעטומלט און דערשרעקט.

באַלד האָט ער ווידער זוניק אויפגעבליצט אינעם צווייטן „הדור" פון פרישמאַנען. די לידער אין פּראָזע, וואָס פרישמאַן האָט פּאַרעפנטלעכט, האָבן געהייסן „נצנים" און „אַנחות". זיי זענען געקומען פון דער שוויץ. אַ נייער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן פון זיי. עס איז אין זיי געווען אַ גע־לייטערטע פאַרשטענדיקייט; אַ ריינקייט פון איינגעהאַלטענע געפילן צוזאַ־מען מיט אַ דערפרישנדיקער בילדערישקייט. דאָס זענען געווען פּאָעטי־שע מיניאַטורן אין אַ לויכטנדיקן העברעיִש. מיר האָבן געטראָגן טיף אין האַרץ די טייערע פּערל פון אונדזער דערפרישטער ליטעראַטור און איך האָב געקענט אויסנווייניק די אַלע פּרקים, פון וועלכע עס האָט געאָטעמט מיט געדאַנקען־רייכקייט און שעפערישער שטימונג.

ביז עס איז געקומען נאָך אַ המשך צו „נצנים" און אונטער זיי איז געווען אַ טרויעריקע באַמערקונג, אָנגעזאָפּט מיט ווייטיק, פונעם רעדאַק־טאָר פרישמאַן, וואָס האָט דערציילט אַז דער יינגער טאַלאַנטירטער און צוזאָגנדיקער פּאָעט איז דערטרונקען געוואָרן אין אַ שווייצער אָזערע — —

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער האָט זיך געשיפלט איבער אַן אָזערע מיט זיינס אַ באַקאַנטער. אַ כוואַליע האָט זיך אַ הויב געטאָן איינצושלינגען דאָס שיפל. יש"ק האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן, אַריינגע־שפּרונגען אין וואַסער און געראַטעוועט זיין באַגלייטערין. נאָר ער אַליין איז דערביי אַראָפּגעזונקען אין תהום אַריין. ווער איז זי געווען? און ווו איז די דאָזיקע באַקאַנטע, וואָס האָט אים געזען אין די לעצטע מינוטן און צוליב וועלכער ער האָט מקריב געווען זיין לעבן? האָט מען דערנאָך גע־פונען זיין קערפּער? האָט מען אים געבראַכט צו קבר ישראל? איז דאָ אַ צייכן אויף זיין קבר? ביז איצט האָב איך נישט באַוויזן זיך צו דערוויסן וועגן דעם...

אויך זיין טויט האָב איך נישט זוכה געווען צו באַוויינען ווי עס געהער צו זיין. ער איז פּונקט אומגעקומען עטלעכע טעג נאָך הערצלס פּטירה. איך בין נאָך געווען דערשלאָגן פון מיין טרויער איבער הערצלען און די נשמה האָט נישט געקענט אַזוי גיך אויפנעמען אין זיך נאָך אַן אומגליק. מיינע

שוועסטער אָבער, וואָס דער הערצל־טרויער איז נישט געווען זייערער, האָבן געליטן דעם וויטיק פון זיין פריצייטיקן אַוועקגיין אין דער גאַנצער טיף. מיין צווייטע שוועסטער, די עלטערע און זייער באַוווסטזיניקע האָט זיך באַהערשט און געטראָגן איר געצוימטן צער מיט שטאָלץ. אָבער מיין דריטע שוועסטער, וואָס איז געווען אָפּענער מיט אירע געפילן (זי איז שפּעטער געוואָרן אַסיסטענטין אין לענינגראַדער פּסיכאָ־נעוראָלאָגישן אינסטיטוט, און איז אומגעקומען אין לענינגראַד בעת די באַלאַגערונגס־יאָרן) — זי האָט גאָרנישט געקענט זיך צוימען. לאַנגע יאָרן האָט מען איר נישט גע־קענט אויסרעדן פון האַרץ דעם גלויבן אַז קאַצענעלנבויגן לעבט נאָך. זי האָט געגלייבט באמונה שלימה, אַז ער האָט זיך ספּעציעל געלאָזט דער־קלערן פאַר טויט צוליב געהיימע פּאָליטישע צילן... האָט זיך איר יאָרנלאַנג אויסגעוויזן אַז יעדער מינוט קען זיך עפענען די טיר און ער וועט אַריינ־קומען.

ג.

די דערציילונג „ליל חורף" — אין וועלכער ער האָט מיט גרויס מייסטערשאַפט און אָפּן־אויגיקייט געמאָלן די פיינלעכקייט פון דער ריזן־שטאָט, דאָס רוישנדיקע לאָנדאָן — איז געווען געשריבן מיט אַ לויטע־רער שפּראַך און פּאָעטישן ליריזם. זי איז איינע פון די בעסטע נאָוועלן אין אונדזער נייער פּראָזע בכלל. לויטן פאָרשלאָג פון י. ח. ברענער איז זי שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ באַזונדערן העפט דורך דער העברעיִסטן־גרופּע אין לאָנדאָן. פאַר דער דערציילונג איז פאַראַן אַ נעקראָ־לאָגישער אַריינפיר פון א. ל. ביסקאָ, וועלכער האָט געקענט יש״קן פון זיינע לאָנדאָנער צייטן. פון דער דאָזיקער הקדמה דערוויסן מיר זיך אַז יש״ק האָט אין לאָנדאָן געלעבט אַ הונגער־לעבן. פון פאַרצווייפלונג האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד „גרייט צום פאַרשקלאַפט ווערן און דאָרט אַרעסטירט געוואָרן אַלס דעזערטיר". פון תפיסה איז ער ווידער אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד. צוליב פּרנסה־וועגן „האָט ער געפירט אַ בלינדן תלמיד חכם איבער די בערלינער גאַסן פאַר אַ קליינעם געהאַלט". פון בערלין איז ער אַוועק קיין צירין. פון דאָרט האָט ער עס צוגעשיקט פרישמאַנען זיינע לידער אין פּראָזע. ביסקאָ האָט צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן יש״קס אַלע כתבים און אויך צו שרייבן אויספירלעך וועגן זיין ליטעראַרישן וועג. ער

האָט אָבער זיין פּלאַן נישט פאַרווירקלעכט. ער אַליין איז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געשטאָרבן.

אין יאָרן אַרום האָט די רעדאַקציע „דבר" געמאַכט א פּרווו אָוועקצוזעצן אַ ספּעציעלן מענטש דערויף ער זאָל צונויפנעמען יש"קס אַלע זאַכן, וואָס זענען צעשפּרייט איבער פאַרשידענע זשורנאַלן (הדגל, השבוע, הדור און אַנדערע) און זיי צוגרייטן אין אַ באַזונדער באַנד. דאָס האָט זיך דאַן נישט געלאָזט אויספירן און איז ביז איצט נאָך נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. אויך זיין פריינט, דער פּאָעט יהודה קרני, האָט עטלעכע מאָל וועגן דעם שטאַרק אַפּעלירט אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג „הארץ". דאָס לעצטע מאָל האָט ער עס געטאָן אין זיינע לעצטע טעג — ווען ס'איז געוואָרן 40 יאָר זינט יש"קס טראַגישן טויט. אָבער אויך דאָס האָט קיין פּרוכטן נישט געבראַכט. זאָל דער דאָזיקער צייכן פון ליבע, אין מיין זכרונות־בינטל, זיין אַ קליינער אָנדענק־אויסדרוק פון מיין טיפער פאַרערונג און האַרציקער דאַנקבאַרקייט.

***

איינמאָל, ס'איז געווען אָנהייב 1930, בין איך געזעסן מיט דער דיכטערין רחל אויף א שטולביים ברעג פון תל אביבער ים. איך האָב איר דערציילט וועגן יש"קן, זיין דיכטונג און זיין השפּעה אויף אונדז אין דער יוגנט. האָט מיך די דיכטערין געבעטן אַז איך זאָל איר איבערגעבן דעם אינהאַלט פון זיינע „נצנים", וועגן וועלכע איך האָב איר אַזויפיל דערציילט. און וואָס זי האָט נישט געלייענט און אפילו נישט געהערט וועגן זיי. האָב איך איר ציטירט לויטן זכרון דעם אינהאַלט פון איין „נצן" (שפּראָצונג) וואָס איז וווּנדערלעך און טרויעריק־פילאָזאָפיש. ער ענדיקט זיך מיט אַן אומעטיקער און קלוגער שורה:

— נאָר די טויטע שטאַרבן נישט, די לעבעדיקע וועלן אייביק שטאַרבן...

איך האָב נישט געוווּסט וואָס פאַר אַן איינדרוק מיין דערציילן האָט געמאַכט אויף איר. נאָר ווען עס איז אַריבער העכער אַ יאָר, און אין יענעם ביטערן טאָג פון ניסן תרצ"א, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון רחלס לויה, פונעם אָרט ביים ים כנרת, וואָס זי האָט זיך אויסגעקליבן פאַר איר

אייביקער רו, זענען מיר אַריין אין איר ליידיקן צימער אויפֿן דריטן שטאָק פֿון באָגראַטשאָוו גאַס נומער 5 („הידד, מיין נייער צימער!") און אינעם שופֿלאָדל פֿון איר טיש האָבן מיר דעמאָלט געפֿונען אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַן אָנגעשריבן ליד „מיינע טויטע". און אונטערן נאָמען פֿון שיר איז געווען אין קלאַמערן צוגעגעבן דער מאָטאָ, וואָס איז באַשטאַנען פֿון יענעם פּערז:
„רק המתים לא ימותו" — י.ש.ק."

דאָס איז איר לעצט ליד וואָס פֿאַרענדיקט דעם ציקל „נבו" און מיט וועלכן עס שליסן זיך, זינט דאַן, „רחלס לידער", אין אַלע אויפֿלאַגעס.

אַזוי אַרום האָט זיך אריינגעוועבט א פאריתומטער קלאַנג — פֿון דער סיום־פּאָעזיע ביים ערשטן פּאָעט וואָס האָט געעפֿנט מיין האַרץ פֿאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור אין מיין קינדהייט אין שטעטל — אין דעם לעצטן ליד פֿון, דער ערשטער דיכטערין אונדזערער, וואָס האָט צוזאַמען מיט אירע חברים געעפֿנט דעם טויער פֿון דער נייער העברעיִשער פּאָעזיע אין אונדזער לאַנד.

# אין א „מקום תורה“

איין חודש בלויז האָב איך פֿאַרבראַכט אין קליינטשיקן שטעטעלע טורעץ, אינעם הויז פֿון מיין מושלמדיקן און וווּנדערלעכן לערער, וואָס דער טאַטע האָט פֿאַר מיר אויסגעזוכט. דאָס איז אָבער געווען דער ערשטער חודש אין מיין לעבן וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אויסער מיינע עלטערנס הויז. דאָס איז אויך געווען דער איינציקער חודש וואָס איך האָב געוווינט אין אַן אַלקער צוזאַמען מיט נאָך יינגלעך, וואָס זענען געווען עלטער פֿאַר מיר. עס קומט ביי מיר אויס, אַז אין דעם חודש האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין קינדערישקייט און עס האָט זיך אָנגעהויבן מיין רייפֿקייטס־צייט. ס'איז געווען דער לעצטער חודש פֿאַר מיין ווערן בר־מצווה (איך האָב אָנגעהויבן לייגן תפֿילין אין ראש חודש כסלו און קיין טורעץ בין איך אַרויסגעפֿאָרן אַ טאָג נאָך אסרו־חג פֿון סוכות).

די בר מצווה־דרשה האָט מיט מיר נאָך פֿריער צוגעגרייט אונדזערס אַ משפּחה־מיטגליד פֿון באָריסאָוו — אַ פּרוש אין סלאָבאָדקער ישיבה — ר'אליהו טומאַרקין. ער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, איז געווען אַ געוואַלטיקער חריף און אַ דערפֿינדער אויפֿן געביט פֿון פּיזיק. די משכּילים אין דער משפּחה האָבן אים באַוווּנדערט און אַ ביסל חוזק געמאַכט פֿון זיינע גאונישע איינפֿאַלן. אַלע מאָל האָט זיך שוין געפֿונען עפּעס אַ קליינער טעכנישער דעפֿעקט וואָס האָט צונישט געמאַכט זייער ממשותדיקע פּראַקטישקייט. צוליב דער דאָזיקער דרשה זענען מיר אַרומגעשוווּמען אין לאַבירינט פֿון שאלות ותשובות און פּלפּול־ספֿרים. מיר האָבן זיך געראַנגלט מיטן „שאגת אריה“, אַוועקגעשווּמען מיטן „עמודי אור“ און מיר האָבן „אַדורכגעפֿירט העלפֿאַנטן דורך די נאָדל־לעכער“. מיטן דאָזיקן לערנען האָבן מיר פֿאַרבראַכט די זומער־חדשים אויפֿן דאַטשע, אינעם אַטאַליזער

וואַלד. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ נייער מין לערנען, פול מיט שאַרפ־זיניקייט. אין סוף פון יענעם זומער האָב איך נאָך באַוויזן צו שעפּן פאַר־געניגן פון לערנען פאַר־זיך אינעם אַלטן בית המדרש, אַזוי ווי איינער פון די דערוואַקסענע. קיין עול פון אַ רבין איז אויף מיר נישט געלעגן און איך האָב געקענט שוועבן איבער די גמרות פון דער ספרים־שראַנק, ווי איך וויל נאָר, איבער דער גאַנצער לענג פון די אָונטן. דאָס איז געווען אַ געמיט פון לערנען תורה לשמה צוזאַמען מיט דער זעלבסטשטענדיקייט פון אַ פרייען מענטש. מיין חבר מאָטל, מיט וועלכן כ׳האָב אָנגעהויבן צוזאַמען צו לערנען אין חדר און געהאַלטן זיך מיט אים אַלע יאָרן, האָט זיך אָפּגעטיילט פון מיר און אַוועק אין אַ ישיבה אַריין. מיין טאַטע האָט אין מיר אָבער געוואָלט פאַריניקן תורה מיט בילדונג — האָט ער אַזאַ מלמד פאַר ביידע זאַכן נישט געקענט געפינען, נישט צווישן די שטעטלדיקע מלמדים און נישט אין די נאָענטע ישיבות. האָט ער אַ גאַנצע יאָר געהאַט די הויפּט־דאגה פון געפינען פאַר מיר אַ פּאַסיקן רבין. ביז ער האָט ענדלעך געפונען וואָס ער האָט געזוכט.

אין איינעם פון די וועלדער, נעבן שטעטל יערמיטש, האָט געוווינט אַ רייכער אַרענדאַר. יענער האָט געפונען אַ גרויסן עילוי אַלס לערער פאַר זיינע קינדער. דער לערער איז געווען אַ לעבעדיקע ספרים־שראַנק, מען האָט געשמועסט, אַז ער איז בקי אין ש״ס ופוסקים. צוזאַמען דערמיט איז ער קלאָר געווען אויך אינעם רמב״ם, אין שפּינאָזען און קאַנטן. דעם „מורה נבוכים״ האָט ער געלייענט אין אַראַבישן אָריגינאַל. בעת זיין זיצן אינעם אַרענדאַרס הויז אין די יערעמיטשער וועלדער, האָט ער מחבר געווען אַן אַראַביש־העברעיִשן ווערטערבוך, אין וועלכן ער האָט באַוויזן אַ סך טער־תים וואָס אבן תבון האָט געמאַכט ביים איבערזעצן דעם „מורה נבוכים״ אויף העברעיִש. ער אַליין האָט מחבר געווען זיינס אַ פּירוש אויפן „מורה נבוכים״ און אים שוין אפילו אָנגעהויבן צו דרוקן. ער האָט באַהערשט עטלע־כע שפּראַכן: העברעיִש, רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און אַראַביש. פאַר זיין מלמדות־געלט האָט ער זיך איינגעקויפט א ביבליאָטעק וואָס האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג ביי אַלע וואָס זענען געקומען אין יענעם גוט אַריין. מיין טאַטע, וואָס פלעגט צוליב זיינע וואַלד־עסקים עפּטערס קומען אהין, האָט געזען דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן יונגנמאַן; אַ כליל־השלמות פון תורה,

פרומקייט און בילדונג — און האָט באַקומען חשק צו מאַכן אים פּאַר מיין לערער.

צו מיין טאַטנס מזל האָט מיטן דאַזיקן לערער דערנסטמאָל געטראָפן א מאָדנער פאַל. שדכנים האָבן ביי אים אָפּגעקלאַפּט די טירן און אים פאַר־געלייגט די בעסטע שידוכים מיט רבנישע און גבירישע טעכטער, ווייל זיין שם איז ווייט דערגאַנגען. מען האָט דערציילט אז זיי האָבן אים פאַרגע־לייגט טויזנטער רובלעס נדן, מיט לאַנגע יאָרן קעסט אינעם הויז פון א רייכן סוחר. אָבער ער, דער לערער, האָט אָפּגעטאָן א מעשה וואָס קיין שום שדכן וואָלט זיך גאָרנישט געריכט אויף דעם. ער האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער דינסט פונעם אַרענדאַר און באַשלאָסן מיט איר חתונה צו האָבן אָן אַ פּרוטה. ווען מען האָט דאָס געהערט אין דער געגנט, האָט מען אים אויפגעהערט צו רופן מיטן טיטול „המשכיל המופלג״, נאָר אים אָנגע־הויבן באַצייכענען אלס דעם „משוגענעם משכיל״... מיין גוטער טאַטע האָט אים אָבער מוחל געווען אויך זיין דאָזיקן שגעון. נאָך מער: ווען דער לערער האָט באַשלאָסן צו נעמען זיין כלה און זיך אויפשטעלן א הויז אין נאָענטן טורעץ — האָט אים דער טאַטע געהאָלפן דינגען די דירה און שאַפן אים תלמידים. און איך בין געווען פון די ערשטע תלמידים, וואָס האָבן זיך אָנגעדונגען ביי אים צום ווינען און צו לערנען פון אים תורה.

אמת, ס׳איז נישט לייכט אָנגעקומען דעם טאַטן אויסצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס. קודם כל האָט דער נייער, אומגעוויינלעכער לערער גע־דאַרפט אַדורכגיין אַ פּרווו ביים זיידן, כדי צו זען, אויב ער איז אַ ירא שמים און אויב זיין בילדונג האָט אים חלילה נישט קאַליע געמאַכט אביסל... האָט דער לערער געמוזט פאַרן באַזוכן דעם זיידן קיין מיר. ערשט ווען דער זיידע האָט מיט דער אייגענער האַנט געשריבן א בריוו, אין וועלכן ער האָט באַגריסט דעם טאַטן צו זיין גוטן אויסוואַל, איז דער לערער געקומען אויף א שבת צו אונדז אין שטוב. אויך דאָס איז געווען אויסגערעכנט. די באַהאַלטענע כוונה פון דאָזיקן באַזוך איז געווען, פעסט־שטעלן אויב ער איז באמת פולקאָם געבילדעט. מיין שוועסטער איז טאַקע נישט געווען צופרידן פון דעם דערציִונגס־שטייגער וואָס דער טאַטע האָט פאַר מיר באַשטימט, דאָך האָט זי נישט געקענט באַהאַלטן איר באַוווּנדע־רונג פון דעם לערערס גרויס וויסן אין מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע. איך

געדענק נאָך יענעם שבתדיקן שמועס ביי אונדזער טיש, וואָס איז פאַר מיר געווען אויסערגעוויינלעך ניי צוליב זיינע טעמעס. מיין שוועסטער האָט געבראַכט אירע חברים און דער לערער האָט אויף זיי אַלע געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. באַלד אויף צומאָרגנס, פון אסרו־חג סוכות, האָט מען אונדז איינגעהילט אין פוטערס, אַוועקגעזעצט אויף אַ ווינטערוואָגן און דער טאַטע האָט מיך געבראַכט קיין טורעץ — זיין אַ גולה למקום תורה אויף אַ ניי אָרט.

דאָס הויז וואָס דער רבי האָט זיך געדונגען, פאַר זיך און פאַר די תלמידים פון דער פרעמד, איז געווען אַ לאַנגס און אַ נידעריקס. איך געדענק אַז דער סופיט איז ממש געלעגן אויף די אויבער־שוועלן פון די פענצטער, וואָס זענען אויך געווען קליין און נידעריק. דאָס הויז איז געווען געטיילט אויף צוויי „העלפטן". אין איין העלפט האָט געוווינט דער רבי מיט זיין שיינער פרוי — און אין דער אַנדערער העלפט האָבן געוווינט מיר, זיינע תלמידים. צווישןביידע העלפטן איז געווען אַ לאַנגער קאָרידאָר, וואָס האָט אויך געדינט פאַר אַן עסצימער. אויף דעם רבינס העלפט איז געווען צעטיילט אין צווייען, אין דער לענג. אין איין צימער, דעם גרויסן, האָט זיך געפונען זיין רייכע ביבליאָטעק. דאָרט, אויף די שרענק, זענען געלעגן אויפגעהיט די מאַטריצן פון זיין אָנהויב־פירוש צום מורה נבוכים, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געוואַרט אויף אַ המשך. דאָרט, נעבן גרויסן טיש אין מיטן צימער האָט די כיתה געלערנט. דאָס צווייטע און קלענערע צימער איז געווען די שלאָף־שטוב פון רבין מיט זיין יונג ווייב. און אַרום דעם דאָזיקן צניעותדיקן צימערל האָבן זיך געדרייט אַלע טראַכטענישן פון די יינגלעך אין דער כיתה...

עס איז געווען אַ גרויסער אונטערשיד צווישן דעם לערן־שטייגער פון רבין און דעם דרך הלימוד ביי די אַנדערע מלמדים, וואָס מיר האָבן געקענט. דאָס איז געווען סיי אין לימודי קודש און סיי אין לימודי חול. דער דאָזיקער אויטאָדידאַקט האָט זיך אויסגעטרעטן זיינע אייגענע וועגן אויך אין דערציִונג. די פרימאָרגן־שעה, נאָך פאַרן דאַווענען ווען דער קאָפּ איז לויטער, האָבן מיר אָפּגעגעבן אויף לערנען חשבון און אויך דאָס האָט ער געלערנט לויט אַ באַזונדערן סיסטעם. די באַזונדערקייט איז באַשטאַנען נישט נאָר אין דעם וואָס דעם סימן פון חבור האָט דער רבי נישט

באַצייכנט מיט קיין „פּלוס" ווי געוויינטלעך, נאָר מיט אַ קמץ אַליין (עס זאָל חלילה נישט אויסזען אַ צלם). און אויך נישט דערפאַר ווייל דאָס חילוק־ווינקל האָבן מיר נישט געמאַכט לויטן אָנגענומענעם שטייגער, אויף רעכטס פון דער געטיילטער ציפער, נאָר אויף דער לינקער זייט (ווייל ייִדן לייענען פון רעכטס אויף לינקס); נאָר זיין גאַנצער געביי פון לערנען חשבון איז געווען אַנדערש ווי געוויינטלעך — און אַלץ „על טהרת הקודש". די איבונגס־אויפגאַבן, למשל, וואָס ער האָט אונדז געגעבן אין חשבון, זענען באַשטאַנען אין אויסרעכענען, ווען עס פאַלט אויס דער מולד. ער אַליין האָט מחבר געווען אַ לוח פאַר אַלע טעג פון אלף השישי, פון אָנהייב ביזן סוף. אינעם דאָזיקן לוח זענען געווען נישט נאָר אַלע קליינע און גרויסע ימים־טובים, סיי לויט דער ייִדישער צייט־רעכענונג און סיי לויט דער בירגערלעכער. אין אים האָבן זיך אויך געפונען די מולדן פון די חדשים לויט דער שעה, רגע און חלק פון יעדן חודש. לויט די כללים פון זיין לוח האָבן מיר געדאַרפט פעסטשטעלן, למשל: דער מולד פון חודש אלול אין יאָר ה׳רצ״א — ווען איז ער אויסגעפאַלן? און ווען וועט אויספאַלן דער מולד פון חודש כסליו פון יאָר ה׳תשצ״א? בכדי צו צוגעבן מער אינטערעס דעם לערנען און צוגעוווינען די תלמידים, זיי זאָלן אויך זוכן אין די היסטאָרישע ווערק אויף די פּאַליצעס און אין די געאָגראַפישע אַטלאַסן זיינע — האָט ער אונדז, למשל, געפרעגט אַזוי: אין וועלכער שעה, פּינקטלעך, איז אויסגעפאַלן די צייט פון ערב־שבתדיקן ליכט־צינדן אין שפּאַניש־קאָרדאָווע — אין דער וואָך פון רמב״מס געבורט? און ווען איז אויסגעפאַלן דער מולד אינעם חודש פון גירוש ספרד? ערשט נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך געשלייפט דעם מוח ווי עס באַדאַרף צו זיין אין דער חכמה פון „עיבור" (ווען ער האָט וועגן דעם גערעדט, האָט ער ציטירט די דרשה פון דער גמרא אויפן פסוק „ווייל זי איז אייער חכמה און פאַרשטאַנד פאַר די אויגן פון די פעלקער" — וואָס דאָס מיינט די חכמה פון אויסרעכענען ווען דער חודש איז מעובר) און נאָכדעם ווי מיר האָבן אַריינגעפלאָכטן אין וווּנדערלעכן חשבון־לערנען אויך דאָס לערנען פון געשיכטע און געאָגראַפיע במשך פון אַ גאַנצער שעה, האָבן מיר זיך געשטעלט דאַווענען און נאָכדעם זיך געזעצט עסן פרישטיק. נאָכן אָנבייסן האָבן מיר אָנגעהויבן לערנען גמרא.

אויך ביים לערנען גמרא איז פּאַר אונדז זיין אופן לערנען געווען אַ גרויסער חידוש. מיר האָבן דאַן געלערנט „כתובות". דער עיקר לער־נען איז אָבער באַשטאַנען נישט אינעם לערנען לויט די דפים, נאָר לויט די שיטות. היות ווי די ענינים, וואָס ווערן באַרירט אויף אַ געוויסן בלאַט גמרא, זענען אינהאַלטלעך און געדענקלעך פאַרבונדן מיט ענינים וואָס געפינען זיך אין בלעטער גמרא אין אַנדערע מסכתות — זענען די פונאַנ־דערגעשפּרייטע שיטות באַהעפט געוואָרן איינע צו דער אַנדערער דורכן רבינס בקיאות. איך דערמאָן זיך, אַז איינמאָל האָבן מיר געלערנט אַ גאַנצע וואָך — און נישט אַרויסגעגאַנגען פון די גרענעצן פון איין בלאַט, ווייל די ענינים פון יענעם בלאַט גמרא האָבן זיך אויסגעברייטערט און פאַרצויגן אויף צענדליקער מסכתות. ווען מיר זענען געקומען צו אגדה־שטעלן, האָבן זיך באַוויזן אויפן טיש ביכער אין פרעמדע שפּראַכן. ער האָט אין זיי אַריינגעקוקט און האָט איבערגעזעצט פון דאָרט מיט גרויס געפיל און באריכות אַלערליי הסברים. און וויבאַלד מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף שווערע אַראַמעיִשע ווערטער, האָבן זיך באַלד באַוויזן אַלערליי ווערטער־ביכער, העברעיִשע און נישט העברעיִשע, אין וועלכע ער איז מיט גרויס הנאה אַרומגעשווימען ווי אַ געניטער טויכער — און האָט אויך אונדז געלערנט מיר זאָלן אים נאָכשווימען.

אָבער נאָכמער ווי ער האָט אונדז איבערראַשט מיט זיין אייגענעם לערן־שטייגער, האָט אונדז געבראַכט אין שטוינען דער נייער לעבנס־שטייגער וואָס מיר האָבן געזען אין הויז פון אונדזער טורעצער רבין. איבערראַשט האָט אונדז דעם רבינס שטאַרקע ליבע צו זיין שיינער פרוי. אַזאַ מין אָפענע, גאַנצע און בולטע ליבע האָט, דאַכט זיך, קיין ייִנגל פון אונדזער גרופּע נישט געזען אין קיין שום הויז וואָס מיר האָבן געקענט אין אונדזערע שטעטלעך. דער רביצינס שיינקייט איז געווען אַ דאָרפישע, אין פאַרגלייך מיט די שיינע פרויען פון אונדזער שטעטל. אויך איר מאָס אינטעליגענץ איז געווען באַגרענעצטער פאַר זייערער. איר נאַטירלעכ־קייט האָט אָבער געהאַט אַ סך חן און געפיל. מיטן גאַנצן ברען פון אירע 25 יאָר און מיט דער גאַנצער פולקייט פון איר ערלעכער נשמה — האָט זי ליב געהאַט איר 35־יעריקן מאַן, דעם אָנערקענטן געלערנטן, וואָס איז געווען אַ ביסל אַ פאַרנאַכלעסיקטער, וועלכער האָט זי אָבער דערפירט צו

אַ זעלבסטשטענדיק, גליקלעך לעבן. און פאַר אים, דעם אַלטן בחור, וואָס איז קיינמאָל נישט אַרויס פון דער וועלט פון ביכער און מאַנוסקריפּטן האָט זיך געעפנט אַ נייער, זילבערנער פרילינג פול מיט לעבנס־פרייד מיט זיין שיינער פרוי, וואָס איז מיטגעגאַנגען צוזאַמען מיט אים אויפצובויען זיין הויז. איז זייער ליבשאַפט געווען אַ פולע, אַ תמימותדיקע און אַ שעמעוודיקע. די פרישע וויין־רויטקייט פון זייער ליבעס־לעבן איז גאָרנישט אַראָפּ פון ביידנס פּנימער און זי האָט אויך געפלאַטערט איבער דער גאַנצער העלפט פון זייער טייל הויז.

דאָס דאָזיקע משפּחהדיקע גליק, אָפן און פשוט ביז צום אַריבערגיסן זיך איבער אַלע ברעגן, איז געווען ניי פאַר די בעל־הבתישע קינדער פון אָנגעזעענע הייזער, וואָס זענען דאָ צונויפגעבראַכט געוואָרן. צוזאַמען מיטן געפיל פון נייקייט איז אויך אויפגעקומען די נייגעריקייט וואָס האָט גערייצט און פאַרשכורט די אונטערגעוואַקסענע בחורימלעך וואָס זענען אָקאָרשט ווי מ׳זעט קוים רייף געוואָרן אָדער זיך געהאַלטן ביים דערנענטערן צו דער רייפקייט־עלטער. דערפאַר האָט אויך געקענט געשען, אַז די גאַנצע תמימות פון ליבשאַפט און גליקלעכע ריינקייט וואָס האָט אויסגעפולט דעם רבינס העלפט פון שטוב איז איבערגעקערט געוואָרן צו אַ מקור פון עקלדיקן נבול־פּה אין דער צווייטער העלפט פון שטוב. עס איז עפּעס געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדער מין „אַנטפּלעקערישקייט", פול מיט גראָבער רכילות אָן דער מינדסטער צוים — אין דער צווייטער העלפט פון הויז. יעדן אָוונט, ווי נאָר די רביצין האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט און די בחורים האָבן זיך אַריינגעלייגט צו צווייען אין זייערע בעטלעך, האָבן זיי נישט געקענט איינשלאָפן. די לייצעס פון אָנפירן מיטן שמועס זענען אַריבער אין די הענט פונעם דאָרפס־בחור, וואָס איז געווען דער וווקסיקסטער און דער מגושמדיקסטער פון אַלעמען. דאָרט, אין יענער העלפט, ביים רבין אין חדר, איז ער געווען דער ערגסטער תלמיד און דער רבי — ווען דער כעס האָט אים גובר געווען — האָט אים גערופן „בייבאַק". אָבער דאָ, אין דער צווייטער העלפט האָט „בייבאַק" אָנגעפירט מיט אַלעמען. די יינגלעך, צווישן זיי 14 און 15־יעריקע (אויך דאָ בין איך געווען דער יינגסטער) זענען גאָרנישט זאַט געוואָרן אויסצוהערן זיינע דערציילונגען און פאַרפירטע דמיונות. דער שמועס האָט זיך שטענדיק

אָנגעהויבן פון דער שיינער רביצין, אין וועלכער אַלע זענען געווען פאַר־ליבט. דאָס האַרץ האָט ווי געטאָן צו הערן, ווי אַזוי ער האָט זי באַשמוצט און געגריבלט זיך אין די פאַרבאָרגענישן פון איר אינטימען לעבן. אָבער דאָס האָבן פאַרגעניגן פון זיינע מעשהס האָט גובר געווען און די אויגן פונעם גאַנצן טויג ייִנגלעך זענען אָנגעצונדן געוואָרן מיט אַ פרעמד, אומהיימלעך פייערל. ס'איז שווער געווען צו דערקענען אַז דאָ האָט מען פאַר זיך אַ גרופּע אויסגעקליבענע תלמידים, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשוווּמען אין די סוגיאָס פון דער גמרא. סיידן דורך דעם וואָס אויך דאָס לערנען האָט געלאָזן אַ געוויסן שפּור אויף די דאָזיקע שמועסן. מיר האָבן דאַן געלערנט מסכת כתובות. די הלכות און אגדות צוזאַמען מיט די סוגיאָס, וואָס זענען פאַרבונדן געווען מיט די שיטות, האָבן אַ סך געניצט דעם „בייבאַק" — וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די ייִנגלעכס צעפלאַקערטער פאַנטאַזיע — אַלס קוואַל פאַר זיינע פאַרדאָרבענע רייד. און ווען ביים „בייבאַק" האָט זיך אויסגעשעפּט דאָס „מאַטעריאַל", האָט מיט אים געגומען קאָנקורירן אַ צווייטער דאָרפישער בחור. יענער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן בקי אין די באַהאַלטענע סודות פון אַלע דאָר־פישע ווייבער און אין די סודות פון אַלע מינים שיקסעס. באָקאַטשיאָ און קאַזאַנאָוואַ האָבן זיך געמעגט קומען אַהין לערנען.

דאָס שטעטל טורעץ גופא האָבן מיר כמעט נישט געקענט. אין חודש חשוון האָט שוין דער ווינטער באַהערשט די גאַס און מען האָט נישט געקענט חלומען פון מאַכן שפּאַצירן. בלויז אין די שבתים זענען מיר געגאַנגען דאַווענען אין דער גרויסער, מתנגדישער שול. געדענק איך דעם אַלטיטשקן רב, אַ קליינער מיט אַ לאַנגער און ווייסער באָרד און אַ מילד־פריינטלעך פּנים. ער פלעגט נאָכן דאַווענען צוגיין שמועסן מיטן רבין, דערביי פלעגט ער קניפּן דאָס בעקל פון אַ תלמיד און אויפן אָרט פרעגן אַ קשיא אין דער סוגיא, ביי וועלכער מיר האָבן גראָד געהאַלטן. האָבן מיר, אַלע אויפאַמאָל, זיך אַריינגעוואָרפן מיט אים אין דער שקלא וטריא.

קיין באַקאַנטע מיידלעך האָבן מיר נישט געהאַט. די איינציקע, ווי אַן אויסנאַם איז געווען דעם אייזנקרעמערס טאָכטער. זי פלעגט יעדן אָוונט קומען, איינגעהילט אין אַ דיק, פוטערן קעלנערל אויף איר קורצן מאַנ־

טעלע. אויף די הענט האָט זי געטראָגן אַ שוואַרצע און ווייכע מופטע. דאָס איז זי געקומען נעמען אַ לעקציע ביי אונדזער רבין. נאָכן אָפּלערנען פלעגט זי אַריינקומען אויך אין אונדזער העלפט, בכדי זיך צו טוישן מיט די לערן־ביכער. ווי נאָר זי איז אַריין צו אונדז אין אַלקער האָט זיך אַלץ אַזוי ווי געענדערט. עס איז נאָר געגנוג געווען אַז זי זאָל אַריבערשטעלן איר פוס איבער דער שוועל — און די גאַנצע לופט דאָרט איז אויסגערייניקט און געלייטערט געוואָרן... אפילו דאָס מויל פונעם „בייבאַק" איז פאַרמאַכט געוואָרן און מען האָט נישט געשפּירט אַז אַזעלכעס איז דאָ פאַראַנען. האָבן מיר שטאַרק מקנא געווען אייזיק שעליובער, דעם עלטסטן און געלערנטסטן צווישן אונדז, וואָס ער פלעגט זי באַגלייטן נאָך דער לעקציע אַהיים, דורך דעם ווייסן שניי איבער די שטעטלדיקע גאַסן...

איך האָב זייער ליב געהאַט די שיינע רביצין, וואָס איז געווען אַזוי פשטותדיק און מוטערלעך. איך האָב אויך שטאַרק רעספּעקטירט דעם קענעריש־עילוייִשן רבין, כאָטש איך האָב זיך שוין דאַן באַצויגן קריטיש צו זיין שטייגער לערנען. איך האָב אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן די כנופיא ייִנגלעך, וואָס האָט זיך אַזוי לוסטיק געמאַכט, אין דער צווייטער העלפט פון הויז. צום מיינסטן האָב איך פיינט געהאַט דעם „בייבאַק". פאַר דער גראָבקייט פון זיינע וויצן און פאַר דער אויסגעלאַסנקייט פון זיינע סודות. דאָך האָב איך זיך יעדן אָוונט גערן געלאָזט מיטשלעפּן מיטן שטראָם פון זייערע לוסטיקע און אויפרייצנדיקע שמועסן, הגם זייער שפּור אין מיר האָט מיך דערנאָך שטאַרק באַטריבט און נידערגעשלאָגן.

ביים סוף חודש איז די מאַמע מיך געקומען נעמען, צוזאַמען מיטן רבין, צו מיין בר־מצווה פייערונג. זי האָט זיך אָבער אַרומגעזען אַז דער סופיט פון הויז איז צו נידעריק, ממש אויפן פענצטער. האָט זי דערפאַר באַשלאָסן אַז אין אַזאַ דירה איז פאַר מיר אַ סכנה און איך קען נאָך ווידער אָנהייבן ליידן פון קאָפּ־ווייטיק, ווי אין מיין קינדהייט. האָט זי צוליב דעם מודיע געווען, אַז איך וועל נישט צוריקקומען לערנען קיין טורעץ; סיידן דער רבי וועט קריגן אַ צווייטע דירה. האָב איך פון מיינע האַרץ־טיפענישן געדאַנקט דער מאַמען, וואָס האָט אין איר זאָרגעוודיקייט אָנגענומען אַזאַ קלוגן באַשלוס...

## זלמן שזר

האָט זיך מיט דעם געענדיקט מיין ערשט פאַרוואָגלט ווערן אין אַ מקום תורה אין אַ פרעמדן שטעטל... און דאָס דאָזיקע טורעצער הויז איז ביי מיר געבליבן אין זכרון ווי אַ נעסט פון ריינער ליבע, ווי אַ היכל פון וווּנדערלעכער תורה — און צוזאַמען דערמיט אויך ווי אַ הייל פאַר ווילדער, צעבושעוועטער אויסגעלאַסנקייט.

# א מעשה מיט א מחלוקת

איצט וויל איך דערציילן וועגן אַ שטורעם, וואָס האָט זיך אַריבער־געטראָגן איבער די טיפעניש פון מיין שטעטל. דער דאָזיקער שטורעם האָט לאַנג נישט געדויערט, אָבער ער האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסע איבער־קערעניש... און — ווען איך דערמאָן זיך, ציטערט נאָך אין מיר דאָס האַרץ געגנוי ווי עס האָט דעמאָלט געציטערט דאָס האַרץ פון גאַנצן שטעטל.

צוליב וואָס איז דער שטורעם אויסגעבראָכן? צוליב אַ מחלוקת וועגן דער שטעטלדיקער רבנות...

דאָס שטעטל האָט געהאַט אַן אייגענעם צוגאַנג צום ענין שטאָט־רב. שטויבץ גופא האָט זיך, וואָס אַן אמת, נישט אויסגעצייכנט מיט קיין גרויס לומדישקייט. מען האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז די אַרומיקע שטעטלעך שטייגן אונדז איבער אויפן דאָזיקן פונקט. די גרויסע און באַרימטע ישיבה פון דער געגנט האָט זיך נישט געפונען ביי אונדז, נאָר אין דער נאָענטער מיר. דער נאָענטסטער חסידישער רבי האָט געוווינט נישט ביי אונדז נאָר אין קוידאַנאָוו. דערפאַר איז אונדזער שטעטל געווען פאַרפלייצט פונעם ניעמאַן, אויף וועלכנס ברעגן זי איז געשטאַנען, און איז געווען געבענטשט מיט מאַרק־טעג און מיט דער נאָענטער באַן־סטאַציע. דאָס שטעטל האָט אָבער מכבד געווען די תורה און ס'איז בטל געוואָרן פאַר לומדים.

דער הויפּט־שטאָלץ פון שטעטל זענען געווען אירע רבנים. פאַר זיך אַליין, אין די אייגענע הערצער, האָבן שטויבצער יידן גופא נישט געוווסט, מיט וואָס זיי האָבן זוכה געווען דערצו. עס האָט זיך שוין אָבער אַזוי געפירט אַז שטויבצער רבנים האָט מען אויסגעכאַפּט דערנאָך אין די באַרימטסטע קהילות. און אַז עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט — האָט

קהל שטאָלצירט דערמיט. צוליב עניוות און גלייכצייטיקער באַרימעריי האָבן זיי גערופן זייערע אַמאָליקע רבנים אויפן נאָמען פון זייערע שפּעטערע קהילות: דער מאָסקווער רב (אָדער „זער ווילנער שטאָט־מגיד"), ר׳ טעווע־לע מינסקער, ר׳ בנימין פון ירושלים... די אַלע האָבן זוכה געווען צו זייערע גרויסע קהילות, נאָכדעם ווי זיי זענען פריִער געווען רבנים אין שטויבץ. די זקנים פון דער שטאָט האָבן ליב געהאַט צו דערציילן מיט גרויסקייט און מיט אַ סודותדיקער מינע: דאָס אַלטע בית־הקברות פון שטאָט, אויפן שולהויף, איז שוין אַלט העכער פיר הונדערט יאָר. אָבער דאָרטן, פונקט ווי אויפן נייעם בית־הקברות וואָס איז אויסער דער שטאָט, ליגט נישט באַהאַלטן קיין איין שטאָטישער רב... ווייל אַלע האָט מען נאָך „אויסגעכאַפּט" ביי זייער לעבן אין אַנדערע שטעט.

אָבער דער אַלטער רב, וואָס האָט געפירט די עדה אין מיינע קינ־דער־יאָרן, האָט זיך נישט געיאָגט נאָך קיין כבוד און האָט נישט געוואָלט זוכן קיין גדולות. דערפאַר איז ער געזעסן אויפן שטויבצער כסא הרבנות גאַנצע פינף און דרייסיק יאָר. און דער רב איז אַ באַרימטער למדן גע־ווען! דערצו איז ער געווען אַ גוטער דרשן, א מחבר פון אַ ספר און אַ גרויסער קנאי. דער ראש ישיבה פון מיר פלעגט אים שיקן די דאָרטיקע ישיבה־יונגעלייט, זיי זאָלן אויך פון אים באַקומען סמיכה. די שטאָטישע בעלי־בתים זענען אָבער נישט צופרידן געווען פון אים. די סיבות זענען געווען פאַרשידענע און אַלעמאָל האָבן זיי זיך געביטן. טייל האָבן געזאָגט: ער איז אַ כעסן און ער פאַרשעמט די נגידים... אַ צווייטער טייל האָט געטענהט: ער איז אַ פאַנאַטיקער און ער איז נישט מקרב די יונגעלייט... אָבער אַלע צוזאַמען האָבן געזאָגט: זיין ווייב איז אַ קרענקלעכע און אַ קאַרגע — איז נישטאָ ווּהין אריינצוגיין אַ שמועס טאָן וועגן כלל־זאַכן. ער אַליין — אַזוי האָט מען זיך דערציילט בסוד — האָט אויפגעהערט אינגאַנצן הנאה צו האָבן פון דער רבנות־שטול. ער האָט כסדר געבענקט נאָך יענע טעג, ווען ער איז געווען אַ סוחר און נישט אָפּהענגיק געווען פון קיין אַנדערע. דערווייל האָט דאָס שטעטל גענומען וואַקסן. אין די אַרומיקע שטעטלעך זענען אויסגעבראָכן שרפות און שטויבץ איז אויסגע־בויט געוואָרן פון זייער חורבן. זענען אָנגעקומען חסידים אין שטעטל — און דער רב איז אַ מתנגד... זענען אויפגעקומען ציוניסטן — און דער

רב איז קעגן... בקיצור: ס׳איז צעשטערט געוואָרן דער שלום־בית אין שטעטל. איך דערמאָן זיך די ערשטע קהלישע שמועסן אין שול בין מנחה למעריב, וואָס האָבן זיך אַלץ געדרייט אַרום דעם ענין. דאָס זעלבע איז געווען מיט די שמועסן, וואָס האָבן זיך געפירט שבת אין שטיבל, בעת קריאת התורה. אַזוי אויך פּרייטיק ווען די שמשים זענען געקומען אין די בעל־הבתישע הייזער מיט צדקה־פּושקעס אין די הענט. אַלע רייד האָבן זיך געדרייט אַרום דער אומצופרידנקייט פון דער שטאָט מיטן רב און דעם רבס אומצופרידנקייט מיט דער שטאָט... האָבן זיך געמערט די פּלאָט־קע־מאַכער, יעדער לויט זיין שניט און לויט זיינע מדות.

ביז עס האָט געטראָפן אַז דער אַלטער רב איז געפאָרן צו גאַסט צו זיינע רייכע קינדער קיין סמאָרגאָן און ער האָט באַשלאָסן מער נישט צו־ריקצופאָרן אין שטעטל אַריין. ער האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט ענדיקן זיין ספר, וואָס זיינע קינדער האָבן נאָך זיין טויט אַרויסגעגעבן מיט גרויס פּראַכט. איז דאָס שטעטל געבליבן פריי, פאַר אַלע וואָס האָבן געגלוסט זוכה זיין צו איר רבנות־שטול.

אַ גאַנץ יאָר איז דאָס שטעטל פאַרעסקט געווען מיט די „שידוכים" וואָס מען האָט איר גערעדט. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויפן שטעטל רבנים, שדכנים און שווערס פון אויסגעקלונגענע איידעמס. איינער האָט זיך באַזעצט אין דער אכסניה און דער צווייטער — אין דער אַנדע־רער. איינער האָט געזאָגט אַ דרשה אין דער אַלטער שול — האָט דער צווייטער געזאָגט אין דער נייער... און אַ דריטער האָט זיך גאָר באַפּעס־טיקט אין דעם בעל־מלאכהשן בית־המדרש אויף דער פאַרשטאָט יורזדיקע. חשובע בעלי־בתים האָבן זיך גענומען דערמאָנען אַז זיי האָבן לומדישע קרובים מיט סמיכה — און זיי האָבן אויך געוואָלט האָבן אַ ביסל כבוד אין דער אייגענער שטאָט. ביי רבנים פון די אַרומיקע שטעט האָט מען אַנטדעקט איידעמס, וואָס זענען געווען גדולים — איינע אין דער וועלט. דער ראש ישיבה אַליין האָט געשיקט זיינעם אַ משולח, אַז ער זאָל „באַאַרבעטן" דאָס שטעטל פאַר אַן עילוי פון זיין ישיבה... און פלוצלינג האָט זיך גאָר באַוויזן אַ שאַרפער דרשן, וואָס האָט איינגענומען די הער־צער פון די בעלי־מלאכות. האָבן זיי באַשלאָסן אים צו קרוינען אַלס רב, צו להכעיס די שטאָטישע גבירים און חשובע בעלי־בתים. האָבן זיך די

עלטערע בעלי־בתים געגומען זיך אַקעגנשטעלן. איז אויסגעבראָכן אַ קריי־גערייַ צווישן בתי־מדרשים, צווישן משפחות און צווישן אַלערליי בעלי־בתים, לויט זייער אָפּשטאַם און נוסח. טייל האָבן געוואָלט אַ למדן און אַ זקן — האָבן די אַנדערע דווקא געוואָלט אַ דרשן און אַ יונגן... די האָבן געוואָלט אַ חסיד — און יענע האָבן געוואָלט אַ ציוניסט; און אַ טייל האָבן גלאַט הנאה געהאַט פונעם גאַנצן טומל און פאַרמעסט, וואָס האָט אַריינ־געבראַכט מער הכנסה, אַ סך גוטע דרשות און אינטערעסאַנטקייטן אין שטעטל אַריין...

דאָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז דער באַרימטער רב פון אַ ווייטער גובערניע האָט מסכים געווען איבערצונעמען דאָס רבנות ביי אונדז. פון וואַנעט די דאָזיקע פריילעכע נייעס איז געקומען און ווער עס האָט די בשורה געבראַכט — האָב איך נישט געוווסט. איך געדענק נאָר, אַז זי האָט מיט איין מאָל איינגעשטילט די ווילדע און נישט־בכבודיקע מהומה. מען האָט דערציילט אויף גרשון דעם שמיד, איינער פון די שטאָטישע אינטריגאַנטן, אַז ער האָט נאָך גע־פּרוווט דאָס לעצטע מאָל אָפּהאַלטן די זאַך. ער האָט צונויפגערופן די שטאָטישע בעלי־מלאכות אין קליינעם בית־המדרש און געוואָלט זיי זאָלן חתמענען דאָס כתב רבנות פאַר זיין באַליבטן דרשן. האָט זיך אָבער קיינער נישט געוואָלט אונטערחתמענען. חברה האָט זיך געוואָלט רייצן מיט גרשונען און האָבן אומיסטן געשריגן:

— גרשון, חתמע!

אָבער אויך ער האָט נישט געהאַט די העזה אויפצוהייבן די האַנט און אונטערשרייבן. זינט דעם, איז דער ענין מיטן קאָנקורענט דעם דרשן בטל געוואָרן. בלויז גרשון דער שמיד איז געבליבן אין שטעטלביים צונאָמען „גרשון חתמע“, וואָס האָט זיך אויך צוגעקלעפּט צו זיינע קינדער. זענען די שטאָטישע בעלי־בתים אָוועקגעפאָרן מיט אַ כתב־רבנות, גע־חתמעט פון אַלע שול־גבאים אויף פאַרמעט, פאַרן דערוואַרטעטן רב. דערנאָך זענען די שליחים צוריקגעקומען און אָנגעזאָגט מיט גרויס פרייד די בשורה, אַז דער רב וועט נאָך פאַר פסח קומען אין שטעטל אַריין.

געדענק איך דעם רבס אָנקומען, אַזוי ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען. ס'איז געווען ווינטער און דער שניי האָט פאַרשאָטן אַלע וועגן.

דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער סטאַציע פּאַרנאַכט און פון דער סטאַציע צו דער שטאָט האָט געדויערט אַ האַלבע שעה גאַנג. האָבן די קרעמער פאַרמאַכט די קראָמען, ווען עס איז נאָך טאָג געווען און די בעלי־בתים זענען אַנטקעגנגעגאַנגען זייער רב. מ׳איז געגאַנגען מאַסנווייז: רייך און אָרעם, חסידים און מתנגדים, די מאַרק־לייט מיט די מענטשן פון שולהויף און יורזדיקער תושבים... עס זענען געגאַנגען די שטאָט־זקנים, די שוח־טים, מלמדים, דיינים און די שבעה טובי העיר — און נאָך זיי האָט זיך אָוועקגעלאָזן די גאַנצע שטאָט, מיט זייערע ווייבער און קינדער. די שטאָ־טישע בעלי־עגלות האָבן זיך געקריגט צווישן זיך, ווער פון זיי עס זאָל זוכה זיין צו פירן דעם רב מיט זיין וואָגן. ווען די גאַנצע פּראָצעסיע איז אָבער צוגעקומען צו דער מיל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן, צווישן דער סטאַציע און דעם שטעטל, האָבן זיך טייל היציקע בעלי־מלאכות צעקאָכט, געוואָלט אויסשפּאַנען די פערד און שלעפּן דעם שליטן מיט די הענט. האָט דער רב נישט געוואָלט מען זאָל זיך מיט אים פירן אַזוי ווי מיט אַ שררה. איז ער אַראָפּ פון שליטן און געגאַנגען צופוס אין דער שפּיץ פון דער מחנה. בראש איז געגאַנגען ער, דער אַלטער רב — און מיט אים איז געווען זיין איידעם, דער יונגער עילוי, זיין רביצין, די זין און טעכ־טער — און נאָך זיי איז געגאַנגען די גאַנצע שטאָט, יונג און אַלט, ווייבער און קינדער... אַזוי איז עס געווען פון דער מיל ביז צו דער מינסקער גאַס — און פון דער מינסקער גאַס, איבערן גאַנצן מאַרק, גלייך צו דעם אַלטן בית־מדרש.

צי האָט מען שוין פריִער געוווסט, אָדער מען האָט פאַרשטאַנען פון זיך אַליין אַז דאָס ערשטע וועט מען דעם רב ברענגען אין שול אַריין? ווייל, ווען מיר זענען צוגעקומען צום שולהויף, איז ער שוין געווען איבער־געפולט. מען איז געקומען פון די אַרומיקע ישובים און פון די נאָענטע שטעטלעך. עס האָבן זיך געפלייסט צו קומען די אַלטע און קראַנקע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין כוח צו גיין ביז צו דער סטאַציע. מען האָט געמוזט אַרויסנעמען פון שול, דורך די פענצטער, אַלע שטענדערס כדי צו מאַכן מער פּלאַץ. ווען דער רב איז אַריינגעקומען, האָט די שול אַ ציטער געטאָן פון די קולות: ברוך הבא!... אַזוי ווי פון זיך אַליין האָט זיך גע־שאַפן אַ שפּאַליער צווישן דעם צונויפגעדריקטן קהל. דער זקן האָט גע־

שפּריזט מיט זיכערע טריט, אַזוי ווי אַ גענעראַל בראש פון זיין מיליטער, צום באַלעמער. ער איז אַרויף די טרעפּלעך און גענומען דעם טלית פונעם אַלטן שמשס ציטערדיקע הענט. ער האָט ציטערדיק אַ קוש געטאָן דעם פּרוכת, אויסגעדרייט זיין פּנים, באַגאָסן מיט ליכט־שטראַלן, צו דער וואַרטנדיקער און אויפגעברויזטער עדה. און מיט אַ יונג, לויטער קול האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן די פּסוקים פון דער וואָכן־סדרה:

„ואתה תחזה מכל העם אנשי חיל, יראי אלהים, אנשי אמת, שונאי בצע־ושפטו את העם...” און אַזוי ווי די גאַנצע פּרשה וואָלט ערשט געשריבן געוואָרן נאָר לכבוד דער איצטיקער געשעעניש, האָט ער אָנגעהויבן אָפּטייטשן מיט ליכטיק־פייערלעכער קלאָרקייט יעדע מדה באַזונדער, וואָס איז דערמאָנט אין דער פּרשה, וואָס זיי אַלע ווערן געפּאָדערט דווקא פון אַ היינטיקן רב ביי ייִדן! און ער האָט געשילדערט, ווי אַזוי אַלעמענס הצלחה צוזאַמען הענגט אָפּ דערפון אויב אויך די עדה וועט באַווייזן צו זיין אַן עם סגולה, ווי עס שטייט טאַקע געשריבן ווייטער אין דער זעלבער פּרשה:

— ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש...

האָט עס אויסגעהערט די צונויפגעדריקטע, גליקלעכע עדה דורכן מויל פון איר אויסדערוויילטן פּאַסטוך און האָט זיך געפילט גרייט צום זכות צו נעמען אויף זיך דער שווערן און טייערן יאָך...

און דאַן האָט פּלוצלינג אין בית־מדרש פּאַסירט עפּעס שרעקלעכס: פון הינטערן באַלעמער, דאָרט וווּ די ענגשאַפט איז גאָר גרויס געווען, איז אַראָפּגעפאַלן אַ ברענענדיקער הענג לייכטער פון סופיט — און עס איז אויסגעבראָכן אַ פייער. ס'איז געוואָרן אַ מהומה און אַן אַנטלויפעניש — און דער רב האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן זיין דרשה. דער עולם האָט זיך געריסן צו די טירן און צו די פענצטער, געבראָכן שויבן און איז אין געציילטע סעקונדן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צעשראָקענער סטאַדע. דאָס פייער האָט מען איינגעלאָשן און קיין אומגליקן האָבן נישט געטראָפן. אָבער די פייערונג איז צעשטערט געוואָרן. איז דאָס געוואָרן ווי אַ דראָענדיקער צייכן. פון דעמאָלט אָן איז אויפן דאָזיקן רב געלעגן אויסגעשפּרייט אַ מין באַזונדערער שטריך פון איידעלער פייערלעכקייט, געמישט מיט אַ באַהאַלטענער ציטערניש. דאָס גאַנצע שטעטל האָט גע־

ווּסט, אַז דאָס מאָל האָבן זיי דערגרייכט אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט און געבראַכט צו זיך אַ מנהיג, פון וועלכן זיי האָבן שטענדיק געחלומט. ווער קען אָבער ערב זיין דערפאַר, אַז זיי זענען טאַקע ראוי צו אַזאַ כבוד? פון וואַנעט ווייסן זיי, אַז עס איז נישטאָ אַזעלכער וואָס איז זיי מקנא און ער וועט זיך אפשר נוקם זיין צוליב דעם וואָס זיי האָבן געוואָגט צו קלעטערן אַזוי הויך און דערלאַנגען אַזוי נאָענט צו דער קדושה?

אין יענעם שטיקל צייט, וואָס דער רב איז געזעסן אויפן כסא הרבנות ביי אונדז, האָט יעדער מענטש פון שטעטל געשפּירט וואָס עס מיינט כבוד התורה. אין דער קורצער צייט האָט דאָס שטעטל נישט געוווּסט וואָס עס איז אַזוינס מחלוקת. אפילו די גרעסטע מחוצפים און אינטריגאַנטן צווישן די אַרומרייסערס האָבן זיך געלייגט צום נייעם רבס פּיס. די גבאים פון מעות חטים האָבן דאָס יאָר געזאַמלט טאָפּלט געלט ווי אין אַן אַנדער יאָר. די ישובניקעס זענען געקומען פון ווי ווייט פרעגן זייערע „שאלות" ביים באַליבטן רב. דער עניו מיטן גבאות אין דער נייער שול, וואָס האָט אָנגעמאַכט צרות זינט מען האָט זי אויפגעשטעלט, איז איינגעאָרדנט געוואָרן ווי פון זיך אַליין. שבת פאַרנאַכט, נאָך מנחה איז דער אַלטער רב געגאַנגען שפּאַצירן צו דער זייט פון טייך. אַ הויכער און אַ דאַרער, מיטן סאַמעטענעם מאַנטל אויף די אַקסל און מיט דער ווייסער, לאַנגער באָרד ביז צום זיידענעם גאַרטל — האָט ער פאַרלויכטן דעם וועג. מיט אים איז געגאַנגען דער שוואַרצהאָריקער איידעם מיטן שטאַרקן בליק. נאָך זיי זענען געגאַנגען די עלטסטע בעלי־בתים. דער רב האָט געשפּרייזט פאָרויס מיט געמאָסטענע טריט, אין גאַנצן איינגעהילט אין פראַכט און אין חסד, געזאָגט עפּעס און זיך אַ ביסל פאַרהאַלטן. ביי אַזעלכע שפּאַצירן, ביי וועלכע ער האָט געשמייכלט דאָ צו דעם און דאָ צו יענעם, פלעגן די פּשוטע בעלי־בתים און זייערע ווייבער איינהאַלטן דעם אָטעם און האָבן זיך אַליין געוווּנדערט פאַרוואָס זיי האָבן דערצו זוכה געווען.

צוליב זיין שוואַכקייט, האָט אויפן רבס אָרט געדרשנט אין שול זיין יונגער איידעם וואָס איז ביי אים געווען אויף קעסט. דער איידעם האָט אויך געזאָגט דעם שיעור אין בית־המדרש פאַר די שטאָטישע לומ־דים. דער רב האָט נאָר געדרשנט צוויי מאָל אין יאָר — און אויך דאַן זענען זיינע דרשות געווען קורץ און געלאַסן. דאָך האָט מען זיך שטאַרק

צוגעהערט צו זיי און זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די עבירות־טוער און מוסרים פון שטעטל. די גבאים פון דער קהילה האָבן זיך איינמאָל דערוווּסט אַז דעם רבס אַלטע דירה שאַדט אים צום שוואַכן געזונט. האָבן זיי זיך „איינגעטונקט אין חובות" און האָבן אויפגעשטעלט אַ הויז פאַרן רב. וואָס אַזעלכעס האָט נאָך אונדזער קהילה קיינמאָל נישט געהאַט. ווען די גבאים פון שטאָט האָבן געהערט, אַז די רביצין קלאָגט זיך אויף דער קליינער שכירות — האָבן זיי געהעכערט די „קאָראָבקע" (אָפּצאָל פון פלייש) און אים דערלייגט. דאָס שטעטל האָט דערפאַר געקענט זיצן אין שלווה און הנאה האָבן פון כבוד התורה, ווען די רו זאָל נישט געווען צוגענומען ווערן פון גאַנצן לאַנד. און דאָס שלעכטס האָט דערגרייכט ביז צו אונדזער שטאָט.

די גוטע טעג האָבן לאַנג נישט געדויערט און פּלוצלינג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ בשורה, פון מויל צום מויל, אַז עס ברעכט אויס אַ מלחמה צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן. אַלע רעזערוויסטן וועט מען נעמען אויפן פראָנט. די רוסישע ייִדן — און צוזאַמען מיט זיי אַלע פּריוויליטס־זוכער — האָבן גוט געוווּסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין האָפענונג זיך צו באַפרייען פונעם צאַרס יאָך, סיידן ווען ער זאָל לײַדן אַ מפּלה אויפן שלאַכט־פעלד. דאָס איז געווען נאָך די פּאָגראָמען אין האָמעל און זשיטאָמיר. האָבן זיך אויפ־געהויבן אַ צענדליק יונגעלײַט, פון די אָנגעזעענסטע אין שטעטל — וועלכע האָבן געדאַרפט גיין דינען אין מיליטער — און עוקר געווען קיין אַמעריקע. און יענער נאַכט האָט זיך עס אָנגעהויבן די גרויסע, ייִדישע עמיגראַציע פון מײַן שטעטל אויף יענער זײַט ים. ביז דאַן האָט די עמי־גראַציע אַוועקגעצויגן פון שטויבץ נאָר איינצלנע מענטשן. ערשט פון יענער נאַכט אָן ביז צום אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה האָט זי געראַטעוועט טויזנטער נפשות. אין אַמעריקע איז דערנאָך אויפגעשטאַנען אַ „לאַנדסמאַנשאַפט" פון מײַן שטעטל, וואָס ציילט היינט מער מיטגלידער ווי די צאָל ייִדן, וועלכע זענען געבליבן אין שטעטל און זענען באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט אין טאָג פון דער גרויסער הריגה אויף מאָרגן נאָך יום־כּפּור פון יאָר תש"ג — —

אין יענער נאַכט האָט קיינער נישט געוווּסט וועגן זייער אַנטלויפן. ווי אַזוי אָבער זאָלן זיי פועלן ביי זיך אויסצובאַהאַלטן עס פון זייער

באַליבטן רבין? און ווי אַזוי זאָלן זיי זיך לאָזן אין אַ מסוכנעם וועג און נישט באַקומען פון זיין מויל קיין ברכה? האָט מען דערנאָך דערציילט אין שטאָט, אַז די יונגעלייט האָבן אויפגעוועקט דעם רב שפּעט ביינאַכט פון שלאָף. ער האָט אַ סך געזיפצט און זיי געגעבן זיין האַרציקע ברכה אויף זייער שווערן וועג. צומאָרגנס אין דער פרי — ס'איז געווען זונטיק פרשה חיי שרה — האָט זיך געטראָפן אַ בר מינן אין שטעטל. דאָס איז געווען דער אַלטער וועלקע, אַ פּשוטער ייִד פון ניינציק יאָר, וואָס פלעגט שטענדיק זיצן אין שול און זאָגן תהילים. האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז דער רב אַליין וועט אים מספּיד זיין און אַז דער הספּד וועט פאָרקומען אין מיטן שולהויף. האָט זיך די שטאָט געשראָקן און געוווּנדערט: צוליב וואָס האָט דער רב באַשלאָסן מזכה צו זיין דעם דאָזיקן נפטר מיט אַזוינס, וואָס קיין שום נפטר — זינט דער רב איז געקומען — האָט נאָך נישט זוכה געווען דערצו? האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל געצויגן צו וועלקעס לוויה, פּונקט ווי אַמאָל בעת מען איז געגאַנגען מקבל פּנים זיין דעם רב. דער גאַנצער שולהויף איז געווען פול, איבער די ברעגן. די „נושאים" האָבן אַראָפּגעלאָזן דעם טויטנס קערפּער אין מיטן הויף, צווישן דער שול און דעם רבס ברייעם הויז. דער רב האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער מטה, אין זיין גאַנצער הויך. זיין שוואַרצער, לאַנגער מאַנטל איז אַדורכ־געטיילט געווען מיט זיין גאַרטל און זיין ווייסע, לויכטנדיקע באָרד האָט דערגרייכט ביזן גאַרטל. כדי ער זאָל זיך נישט פאַרקילן, האָט אים די רביצין אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַ רויטן שאַל פון דיקער וואָל. האָט ער אויסגעזען יום־טובדיק אין זיין אבלות — און באַשווערט מיט טרויער איז ער געשטאַנען אין מיטן זיין עדה. משכמו ומעלה העכער פאַר אַלעמען. ער האָט ביטער אַ זיפץ געטאָן און האָט אָנגעהויבן (ממש נעבן אים בין איך, דאָס ייִנגל, געשטאַנען און געשלונגען זיין יעדעס וואָרט. זענען זיינע רייד ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון, אַזוי ווי כ'וואָלט זיי נעכטן געהערט) אומגעפער מיט די דאָזיקע ווערטער זיין הספּד:

„...די הייליקע תורה דערציילט אין דער היינטיקער סדרה: ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים... ותמת שרה... ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה... איז דאָך די קשיא: וואָס האָט אברהם געדאַרפט אַזוי פיל טרויערן, סיי מספּיד צו זיין און סיי צו וויינען? איז דען שרה

געוועז אַזוי יונג? האָט זי דען נישט זוכה געווען צו אַ גוטער עלטער? איז דען נישט די גזירה אויף יעדן לעבעדיקן, אַז פונקט ווי ער קומט פון דער ערד דאַרף ער זיך אומקערן צו איר? וואָס איז דאָ אַזוינס געשען? נאָר בכדי אייך מסביר צו זיין, רבותי, דאָס דאָזיקע רעטעניש וועל איך אייך זאָגן אַ משל..."

מיט אַ יאָמערדיק קול און מיט אַ האַרציקן ניגון, וואָס איז אַריין אין די הערצער פון די צוהערער, האָט דער רב אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט צו דער עדה, וואָס האָט געשלינגען זיין יעדעס וואָרט:

„...אַ משל, צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו אַ רייכן ייִד, אַ למדן און אַ יחסן וואָס דאָס רעדעלע האָט זיך ביי אים איבערגעדרייט און ער איז געוואָרן אַ יורד. ער האָט געהאַט אַ בת יחידה, וואָס איז געווען שיין און איידל, אָבער זי האָט געוואָלט ראַטעווען אירע עלטערן פון הונגער און פון באַנקראָט רחמנא לצלן... וואָס האָט זי געטאָן? זי האָט מסכים געווען חתונה צו האָבן לויטן פּאָטערס ווילן מיט אַ רייכן דאָרפס־ייִד; אַ גראָבהויטיקן ישובניק וואָס איז עולה לגדולה געוואָרן. איז זי געזעסן אין דאָרף ביי איר שווער צווישן די דאָרפס־גויים, אַזוי ווי מען זיצט צווישן עקדישן. זי האָט נישט געוואָלט שרייבן צו איר פאָטער וועגן אירע צרות און אויסגיסן פאַר אים איר ביטער האַרץ — ווייל זי האָט אים נישט געוואָלט מצער זיין. דער גאַנצער, ביטערער גלות אירער איז דאָך נאָר געקומען צוליב זיין אָרעמקייט. זי האָט זיך אויך נישט געקענט באַקלאָגן פאַר איר מאַן און פאַר דער שוויגער — ווייל זיי וואָלטן זיך נאָך מער איזדעקעוועט איבער איר. האָט זי איינגעהאַלטן אירע טרערן און געטראָגן איר ווייטיק שווייגנדיק. איינמאָל איז דורך איר אָרט פאַרבייגעגאַנגען אַן אורח וואָס האָט נאָך געקענט איר פאָטער אין זיינע גדולה־צייטן. האָט ער באַקומען גרויס רחמנות אויף איר, צוזעענדיק אירע ליידן און שטומע ווייטיקן. איז ער אַוועק און האָט איר געקויפט אַ תהילימל. דערביי האָט ער זיך געטראַכט: זאָל דאָס זיין דער צודעק פאַר איר טרויער. זאָל די אומגליקלעכע זאָגן דוד המלכס מזמורים און איבער זיי פאַרגיסן אירע טרערן. אויב אפילו עס וועט טרעפן און מענטשן וועלן זי זען וויינען — זאָלן זיי זאָגן: דאָס האָט דער תהילים ביי איר אַרויסגערופן די טרערן! און וועט דערביי קענען וויינען אויף איר גרויסער בראָך — וועט איר אפשר לייכטער ווערן — — —

„— — — דו, טייערער און אַלטיטשקער נפטר, האָסט זוכה געווען צו אַ גוטער עלטער, צו „מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים״ — און אויף דיין טויט איז נישטאָ וואָס צו וויינען. אָבער טייערע און ליבע ברידער! אונדזער בראָך איז גרויס ווי דער ים — און אונדזער מויל איז פאַר־שלאָסן... מיר טאָרן נישט וויינען. דו, טייערער נפטר, וואָס ביסט אַלט גע־וואָרן אויפן זאָגן תהילים — ווייל איז דיר, וואָס דו נוצסט אונדז היינט פּאַראַ תהילימל, איבער וועלכן מען קען פאַרגיסן די באַהאַלטענע טרערן. זאָל דיין טויט זיין דער צודעק פון אונדזער אבלות. לאָמיר וויינען, ברי־דער! לאָמיר פאַרגיסן טרערן צוזאַמען... זאָל דער וואָס דאַרף, טראַכטן אַז דאָס טרויערן מיר אויף דיין טויט — און מיר וועלן וויינען און שרייען צו גאָט צוליב דער אימה וואָס קומט אָן —אפשר וועט ער זיך דערבאַרעמען און אונדז העלפן...״

ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער אַ זיפץ געטאָן מיט אַ ביטערן ייִדישן קרעכץ, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג און טיף — און צעבראָכן לייב און לעבן. ער איז בלאַס געווען, אַראָפּגענומען נאָך די רייד דעם וואָלענעם שאַל פון זיין פאַרשוויצטן האַלדז און געלאַסענערהייט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן באָדן פון שולהויף. מיר, די אַלע וואָס זענען גע־שטאַנען נאָענט צו אים, האָבן געטראַכט אַז דאָס וויל ער מקיים זיין דעם מנהג פון זיצן אבלות לכבוד דעם מת. האָבן מיר זיך זייער גע־וווּנדערט, ווייל עס האָט אויסגעזען אַ ביסל איבערגעטריבן אין פאַרגלייך מיט דער פשוטקייט פונעם געשטאָרבענעם. אָבער דער טרויער אין רבס אויגן און זיין טיפער זיפץ האָבן נישט געלאָזט קיין ספק, אַז די אבלות איז ביי אים זייער גרויס. מיר האָבן געוואָלט מיטהאַלטן דעם מנהג און זיך געפּרוּווט אַראָפּבייגן נאָך אים, אָבער ער איז לגמרי בלייך געוואָרן, אַ פאַל געטאָן מיטן גאַנצן גוף און איז מער נישט אויפגעשטאַנען — — —

— וואָס איז דאָס?!

— ראַטעוועט!

— ברענגט שנעל אַ דאָקטאָר!

— דער רב חלשט!

אַזוי ווי אַ סטאַדע מוטערס, וואָס בייגן זיך אַראָפּ איבער אַ קינד וואָס גייט אויס אין שמאַך פאַר זייערע אויגן, איז די עדה אַ שפּרינג

געטאָן צו ראַטעווען זייער ווונדערלעכן רב, וואָס האָט זיך נאָר וואָס צונויפגעגאָסן מיט איר אין אַ גרויסן זיפץ. מען האָט אים אויפגעהויבן אויף די הענט, געטראָגן איבער אַלעמענס קעפּ, אַזוי ווי מען האָט אַמאָל געטראָגן דעם ארון מיט די לוחות. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט מען אים אַריינגעבראַכט אין נייעם הויז, וואָס קהל האָט ערשט נישט לאַנג באַנייַ מיט אַזוי פיל פרייד און שטאָלץ, פאַר זיינעטוועגן. מען האָט תיכף גערופן ביידע דאָקטוירים, דעם ייִדישן און דעם פּוילישן. מיט ציטערדיקער דערוואַרטונג האָט דער צעטומלטער עולם שווייגנדיק זיך צונויפגעדריקט נעבן זיין גאַנעק... עס זענען פאַרביי געציילטע מינוטן און פון רבס הויז האָט זיך גענומען טראָגן אַ יללה. דאָס האָט אַזוי געיאָמערט די פאַראלמנהטע רביצין מיט די פאַריתומטע קינדער — — —

זינט איך קען מיין שטעטל, האָב איך עס נאָך נישט געזען אַזוי הייליק-לויטער אין טרויער. נאָך קיינמאָל איז עס נישט געווען אַזוי צוזאַמענגענומען דורך ריינקייט און בשותּפותדיקער ליבשאַפט, אַזוי ווי אין יענעם טאָג פון אומגליק — וואָס האָט דערהויבן, געאיידלט און פאַרייניקט. אַזוי ווי אַן עדה יתומים איז דאָס שטעטל געשטאַנען ווי אויסגעוואַקסן אין דער טיפער דערשיטערונג. אין יענעם טאָג האָט יעדער איינער פאַרגעסן זיינע אייגענע צרות. די קראָמען האָט מען נישט געעפנט און די אויוונס האָט מען נישט געהייצט. אפילו דער בית־המדרש איז געשטאַנען ליידיק, אָן תורה און אָן תפילה. אינעם שולהויף און נעבן רבס הויז האָט זיך צונויפגעדריקט די גאַנצע עדה, וואָס איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט דער דערהויבנקייט פון פאַריתומט זיין — און זי איז געוואָרן איין שטיק כמורעדיקער אומעט. איך אַליין האָב געזען דעם אַלטן יאָסל משה — אַ ייִד פון זיבעציק יאָר, דער געוועזענער שטעטלדיקער בעדער — זיך אָנכאַפּן מיט ביידע הענט ביי זיינע צוויי פּאות און געקלאַפּט זיך דעם קאָפּ אָן דער שול־וואַנט. איך האָב געזען אָרע דעם בעל־עגלה, וואָס האָט תמיד געהאַט אַ מויל פול מיט קללות, ווי ער איז געשטאַנען אַ לויטערער פון צער און געשלונגען די טרערן ווי אַ קינד... און מיין רבי — דער שטענדיקער כעסן און אַ רויטער אין גאַנצן — ר׳ באַניע דער מלמד, איז געשטאַנען ווייס ווי קרייד אָן אַ סימן פון לעבן אין זיך. אפילו שמואל טוניק, דער גבר פון שטעטל און דער קאָמענדאַנט פון די פייערלעשער קאָמאַנדע, האָט

זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ פונעם רבס גאַנעק, ווי איינער וואָס אַלע שיפן זענען אים אונטערגעגאַנגען...

ס'איז אויך וואָר געווען: די גאַנצע פּראַכט און דער אָנלען פון שטעטל האָט אַראָפּגעזינקען אין אַ תהום אַריין. דאַן האָט די גאַנצע שטאָט קלאָר געוווּסט, ווער און וואָס איז דער רב געווען פאַר איר. אפילו אַ בור דאורייתא האָט געשפּירט וואָס עס הייסט אַזעלכעס כבוד התורה. און יעדעס קינד האָט פּלוצלינג בולט באַגריפן צו וואָס עס דאַרף שטרעבן, אויב עס וויל באמת געניסן די ליבע פון זיין פאָלק.

די לוויה איז באַשטימט געוואָרן אויף מאָרגן. פון אַלע ישובים און אַרומיקע שטעטלעך האָבן געגומען זיך ציִען המונים, אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם געאַכפּערטן רבין. און אַז דער טאָג האָט זיך גענומען פאַרנויגן, האָט מען דערהערט דאָס קול פון די תהילים־זאָגער אין בית־המדרש. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי עמעצער וואָלט זיך סוף כל סוף דערמאָנט ווי אַזוי פאַרט קען מען לייכטער מאַכן די שווערע משא פון הייליקן טרויער. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען נישט אויפגעהערט צו זאָגן תהילים אין שול — ברוב עם, אַדורכגענומען פון ווייטיק. ערשט אין דער פרי האָט מען זיך איבערגעגעבן פון מויל צו אויער די שרעקלעכע נייעס, אַז דעם רבס אלמנה לאָזט נישט מאַכן די לוויה. באשר בכן, זי פאַרלאַנגט אַז דאָס שטעטל זאָל תיכף איבערגעבן אַ כתב רבנות צו איר יונגן איידעם, וואָס עסט ביי איר קעסט. אויב נישט — זאָגט זי, וועט זי נישט לאָזן אַדורכפירן די קבורה. דער איידעם איז טאַקע געווען אַן עילוי, אָבער קיין רבנות האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געפירט — און דאָס שטעטל האָט זיך שוין אויסגעצייכנט פון איר פריִערדיקער קייט חשובע רבנים... ווי אַזוי זשע זאָל מען דערלאָזן אַז אַזאַ שטעטל זאָל ווערן דאָס פּוסבענקעלע גאָר פון אַנהייבער?

אַזוי ווי אַ גיפטיקע שלאַנג האָט זיך די דאָזיקע בייזע בשורה געש־שלייכט צווישן די שפּאַלטן פון די פאַרזאַמלטע קרייזלעך און זיך שנעל אויסגעשעשנורט איבער אַלע געסלעך און הייזער. דאָס שטעטל איז אויפגע־בּרויזט געוואָרן פון דער חרפה וואָס מען וויל דאָ איר אָנטאָן. איז די באַליידיקונג שטאַרקער געוואָרן פונעם טרויער און אים לגמרי פאַרטריבן...

„איז געקומען דאָס וואַסער און אויסגעלאָשן דאָס פייער":

— וואָס?! קלערט טאָקע די רביצין אויף אונדז צו געוועלטיקן? מיר האָבן זיך עפּעס פּאַרקויפט צו איר פאַר קנעכט? האָבן מיר דען נישט אַראָפּגעצויגן די הויט פון זיך, כדי איר צוצושטעלן פון כל טוב?

און אַז די דאָזיקע גיפטיקע און גרינע שלאַנג האָט זיך אַרויסגעלאָזן און אַרומגעשלייכט — האָט קיין האַרץ קעגן איר נישט געקענט ביישטיין. דאָס פייער פון גאווה און נצחון — איז פּלוצלינג אָנגעצונדן געוואָרן אין יעדנס אויג. דער שטן פון צעווילדעוועטער מחלוקת איז אַראָפּגעקומען זיך נוקם זיין פאַר דעם גאַנצן טאָג קדושה און שטילן טרויער — און אכזריותדיק איז געווען זיין נקמה: ער האָט פאַר אַלעם אויפגעמאַכט טאָפּלט... דער זעלבער אַלטער בעדער, וואָס איז נעכטן אַרומגעהילט געווען אין לויטערער אבלות, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווילדע חיה; און מיין כעסדיקער רבי, וואָס איז נעכטן בלייך געווען ווי די וואַנט, האָט פּלוצ־לינג באַקומען אַ פּנים — רויט ווי אַ בוראַק:

— וואָס? אָט די פּיאַווקע וויל רייך ווערן? וואָס האָבן מיר פאַר אַ געשעפטן מיט איר? זאָל זי גיין פון וואַנען זי איז געקומען! מיר וועלן נעמען אַ רב וועמען מיר וועלן וועלן!

— וואָס? זי לאָזט נישט אַרויסנעמען דעם מת? זאָל זי נישט לאָזן... זי וועט אים אפשר איינזאַלצן? זאָל זי...

האָבן זיך די קראָמען צוריק אָן עפן געטאָן... איז די וואָכעדיקייט צוריק אַריינגעקומען. האָבן זיך חשובע בעלי־בתים ווידער דערמאָנט אָן זייערע רבנישע קרובים, וואָס האָבן נאָך פאַראַיאָרן געוואָלט איבערנעמען דאָס שטעטלשע רבנות און עס איז זיי נישט געלינגען. האָבן זיך די בעלי־אכסניה דערמאָנט אָן די גוטע חשבונות פון וואַל־סעזאָן. זענען אַרויס פון די באַהעלטענישן אַלע אַלטע צדדים און נאָך אין זעלבן טאָג זענען אויפגעשטאַנען גענעראַלן איבער די פאַרשידענע מחנות... און אין די אויגן פון דעם רבנים־שדכן האָט אויפגעבליצט אַ גרויסער פּלאַן...

— ניין! מיר וועלן קיין כתב רבנות נישט געבן!...

זענען אומזיסט געלאָפן די רודף־שלומניקעס פון דער רביצין צו די גבאים און די שבעה טובי העיר... האָט מען אומזיסט געזאָגט מוסר, געמאָנט דעם בזיון פון כבוד התורה — די אויערן זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן! צוויי גאַנצע טעג האָט געדויערט דער לאַנגער שוידער. דעם רבס טויטער

קערפּער איז געלעגן ביי דער אלמנה אין הויז — גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען דער זעלבער פאַרהייליקטער קערפּער, וואָס די עדה פון ציטערדיקע פאַרערער האָט דאָ אייערנעכטן געטראָגן אויף די הענט... די מחלוקת איז געקומען און אַלץ ווי מיט אַ בעזעם אַוועקגעקערט. מיט וויפל שטאַרקער האָט זיך אַרויסגעוויזן דער יצר הרע פון מחלוקת פאַרן טיפן געפיל פון פּיעטעט און דרך ארץ!

ערשט אויפן דריטן טאָג זענען אַראָפּגעקומען אין שטעטל די גייס־טיקע פירער פון אַנדערע שטעט. זיבן רבנים זענען געקומען אַרויסשלעפּן דאָס שטעטל פון דער צעווילדעוועטקייט. עס איז געקומען ר׳ אליהו ברוך — דער אַלטער ראש ישיבה פון דער נאָענטער מירער ישיבה; עס איז געקומען פון מינסק ר׳ לייזער — דער יונגער רב, וואָס האָט ממלא מקום געווען זיין פאַרשטאָרבענעם שווער, דעם באַרימטסן מינסקער גדול; עס איז געקומען ר׳ יהושעלע דער ניעשוויעזשער, וואָס איז באַרימט גע־ווען אַלס מחבר פון ספרים; עס איז געקומען דער רב און דרשן פון סוויערזשנע און עס איז אויך אַראָפּגעקומען מיין רייכער פעטער, ר׳ שמואל שלמה הורוויטש, וועלכער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות און זיינע וועלדער האָבן אַרומגערינגלט אונדזער שטעטל און מען האָט געוווסט אַז ער האָט השפּעה אויף די היגע בעלי־בתים. פון אַלע זייטן האָט מען אַלאַרמירט, כדי צו ראַטעווען דעם פאַרשוועכטן כבוד התורה און דעם שלום, וואָס איז פאַרציקט געוואָרן. האָבן אַלע געהאַלטן פאַר אַ מצווה צו קומען ראַטעווען דאָס צעשטורעמטע שטעטל און אַריינפירן עס צוריק אין אירע פריִערדיקע ברעגן...

ערשט פאַרנאַכט פונעם דריטן טאָג, זינט דעם רבס פּטירה, איז באַ־קאַנט געוואָרן אַז ס׳איז געלונגען צו מאַכן אַ פּשרה. די רבנים האָבן גע־פּסקנט און אַלע צדדים האָבן זיך אונטערגענומען מקיים צו זיין זייער פּסק־דין. דאָס כתב רבנות איז טאַקע געגעבן געוואָרן פאַר דער לוויה; דאָס האָט אָבער באַקומען נישט דער יינגער איידעם, וועלכער האָט נאָך קיינ־מאָל נישט משמש געווען אין רבנות. נאָר מען האָט דאָס כתב אויסגע־שטעלט אויפן נאָמען פונעם רבס עלטערן איידעם, וואָס איז שוין לאַנג געזעסן אויפן כסא הרבנות אין אַ ווייטער שטאָט און וואָס אויף אים האָבן אַלע זיבן רבנים עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ גדול בישראל.

און ווען די זון האָט זיך געהאַלטן ביים זעצן, האָבן אַלע זיבן רבנים געזאָגט זייערע הספדים אויפן בית־הקברות, וויסנדיק אַז זיי האָבן גובר געווען אַ שווערע מלחמה. פון אַלע פיר עקן האָט מען זיי גערופן קומען פירן די שלאַכט מיטן שטן פון מחלוקת, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן שטעטל און געמאַכט עס צו שפּאָט. האָבן זיי מלחמה געהאַלטן — און האָבן בייגעקומען...

# מײַן שטעטעלע שטיבל

יונגע שפּראָצן, פרילינגס־בלומען —
ווער קען זיי פון האַרצן טרייבן?
וואָס מען ליבט אין יונגע טעג —
וועט שוין אייביק לעבן בלייבן...

## א.

...איז דען מײַן שטיבל געווען אַזאַ מיוחסדיקע אָדער אויסגעצייכנטע שטאָט, צוליב וואָס דער ליכטיקער אָנדענק לעשט זיך נישט אויס אין מײַן האַרץ? האָבן דאָך שוין זינט דאַן פּאַסירט אַזוי פיל געשעענישן. אָדער האָב איך דען דאָרט געלעבט אַזוי פיל יאָרן און זענען זיי דען געווען אַזוי חשוב, אַז צוליב דעם זאָל זייער אָפּקלאַנג בלייבן אין מיר ביז הײַנט?

בין איך דאָך ביים אַלט זײַן דרײַ יאָר אַוועק פון מײַן געבורט־שטעטל מיר, וואָס איז געווען אַזוי באַרימט. דאָס שטעטל „דער מיר" איז דאַן אַוועק מיטן פײַער און מײַנע עלטערן זענען אַרויסגעפאָרן אין דעם נאָענטן שטיבל. און בערך אַ יאָר נאָך מײַן בר־מצווה איז מיר שוין דאָרט ענג געוואָרן און איך האָב זיך אָנגעהויבן „מאַכן פליגל", כדי אַוועקצוּוואַנדערן אין ווײַטע ערטער פון תורה און בילדונג. האָב איך סך־הכל געלעבט אין שטיבל נישט מער ווי עלף יינגלשע יאָרן. אָבער דאָס וואָס מײַן נשמה האָט אײַנגעזאַפּט אין דער דאָזיקער קינדישער תקופה, איז אין מיר אײַנגעחתמעט מיט פײַערדיקער ליבע אויף אייביק — און שכחה קען, דאַכט זיך, גאָר אויף זיי קיין שליטה נישט האָבן. מיט וואָס די נשמה האָט זיך דעמאָלט אָנגעזאַפּט — הערט נישט אויף משפּיע צו זײַן אַלע יאָרן. זינט דאַן האָב איך אַ סך געוואַנדערט און כ׳בין זאַט געוואָרן מיט שטעט און

שטעטלעך. אַ סך פון זיי זענען געווים מער חשובער פון מיין יוגנט־שטעטל און זענען געבענטשט מיט אַ סך מער תורה און וויסן, און רייכקייט און וועלט־ווונדער. מיין שטעטל איז אָבער ביי מיר געבליבן איין און איינציק — און קיין אַנדערע שטאָט קען עס נישט פאַרבייטן.

שטויבץ איז אייגנטלעך געווען גאָר אַ געוויינטלעך שטעטל און עס זענען געווען געוויס גאָר אַ סך שטעטלעך ענלעכע צו איר. זי האָט זיך נישט אויסגעצייכנט נישט מיט איר תורה, און נישט מיט איר צדקות און נישט מיט איר אינטעליגענץ. אדרבה, דאָס נאָענטע דער־מיר איז באַרימט געווען מיט איר ישיבה; און דאָס נאָענטע קוידאַנאָוו האָט געשמט מיט איר חסידישן רבין... שטויבץ האָט אַזעלכע באַרימקייטן נישט פאַרמאָגט. עס איז ביי מיר אַ גרויסער ספק, אויב אין שטויבץ איז בכלל געווען אַזאַ ייִד, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן נאָמען אויסער אירע גרענעצן. אויך אירע גבירים זענען געווען מיטלמעסיקע; און קיין סך גרויסע בעלי־תורה האָבן זיך נישט געדרייט אויף אירע גאַסן. איך געדענק אַז אין גאַנץ שטויבץ זענען נאָר געווען סך־הכל פיר ייִדן, וואָס מען האָט זיי גערופן „רבי" אפילו הינטער די אויגן. דאָס זענען געווען: ר׳ אלינקע, אַ צדיק תמים, אַ קליינטשיקער און אַ דאַרער ווי די לעגענדאַרע פייג פון ר׳ צדוקן. יעדן פרימאָרגן האָב איך אים געזען שפּרייזן געלאַסן, פון זיין קליין הייזל העט אויף יורזדיקע, צו דער אַלטער שול. ער איז געווען איינגעטוליעט אין זיין אויסגעקראָכענעם טולופּל און איינגעהילט מיט אַ וואָלענעם שאַליק דעם האַלדז — און איך האָב געוווסט: דאָס שפּרייזט עס די קדושה אַליין מיט עניוותדיקע טריט. עס איז אויך געווען איינער, רבי יהושע, דער שטעטלדיקער דיין און גמרא־מלמד. דאָס איז געווען אַ געזעצטער, ברייט־ביינערדיקער ייִד, אַ שוואַרצבערדיקער מיט בייזע אויגן. מען האָט גע־זאָגט אַז ער געוועלטיקט איבער זיינע דערוואַקסענע תלמידים מיט שטרענגקייט און רוגזה. מען האָט אָבער דערציילט, אַז אַ דאַנק דעם וויסן אַלע תלמידים זיינע צו פאַרענטפערן יעדן „ואם תאמר" פון תוספות... עס איז אויך געווען איינער אַ רבי אָרע, אַ כשרער ייִד וואָס האָט גע־לערנט „חיי אדם" מיט די בעלי־מלאכות פון שול. ער איז אַליין געווען אַ ביטערער אָרעמאַן און ער פלעגט אַרומגיין אַלע פרייטיק זאַמלען געלט פאַר אַנדערע אָרעמעלייט. דער לעצטער פון די פיר איז געווען דער

בלינדער רבי אברהם, דער מאַן פון דאברוליע די דזשעגעכץ־הענדלעריך. ער איז געווען אַ סגי נהור פון קינדווייז אויף און זיין גאַנץ לעבן געלערנט תורה. די שול איז געווען זיין היים און דאָס שטעטל האָט געזאָרגט פאַר זיין פרנסה. דאָס זענען עס געווען די פיר למדנישע יידן, וואָס האָבן געוווינט אין באַזונדערע טיילן שטאָט. זיי האָבן געטראָגן סאַמעטענע היט־לען אויך אין די וואָכן־טעג און מען האָט זיי גערופן „רב״, סיי ווען זיי זענען געווען דערביי און סיי נישט. אַלע פיר זענען געווען גרויסע אביונים און זיך נישט געהאַלטן גרויס איבער קיינעם; דאָך איז דאָס גאַנצע שטעטל מיט זיי שטאָלץ געווען און די שטעטלדיקע בעלי־מלאכות האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף אומגעוויינטלעך־זעלטענע מענטשן, וואָס שטאַמען פון אַ העכערער גזע.

ניין, שטויבעץ איז קיין שטעטל פון תורה נישט געווען! זי איז אָבער געווען אַ שטעטל פון אַרבעט, ממש פון עבודה; פון מענטשן מיט הענט און מוסקולן. אין נאָענטן קוידאַנאָוו איז געווען דער חסידישער רבי — אָבער קיין טייך איז דאָרט נישט געווען! אין נאָענטן מיר איז געווען אַ פּרעכטיקע ישיבה — אָבער ס׳איז דאָרט נישט געווען קיין באַן. שטויבעץ אָבער איז געלעגן ביים ברעג פון ניעמאַן, וואָס איז אַרויסגעפלאָסן פון נאָענטן פּיעסאָטשנע און די געהילצן איבער אים זענען געגאַנגען אַזש ביז קעניגסבערג. דורך שטויבעץ איז פאַרבייגעגאַנגען דער צוג פון בריסק ביז מאָסקווע. אויפן שטויבצער „רום״ (דער ברעג ביים טייך) זענען גע־לעגן אָנגעלייגט קלעצער און מאַטעריאַלן פאַר שיפבוי. עס זענען דאָרט אויך געווען אָנגעלייגט גאַנצע שטיקער פון פליטן וואָס מען האָט צוגעגרייט אָפּצושיקן מיטן טייך. דאָרט זענען געלעגן בערג מיט כלערליי שפּאַלן און שוועלן און קראָקוועס און נאָך אַזעלכע האָלץ־טיילן. אויסער דעם האָבן זיך דאָרט געפונען גרויסע קופּעס מיט יונגע, בייגעוודיקע גאָר־דזשעליעס, מיט וועלכע מען האָט צונויפגעבינדן די האָלץ־טראַטעוועס אַזוי ווי מיט שטריק. עס איז שטענדיק געווען טומלדיק אויפן רום און ער האָט זיך געצויגן פון דער אייזערנער בריק ביז צום פאַראַם. אויפן דאָזיקן „רום״ האָבן יידן געאַרבעט ממשותדיקע אַרבעט! פון פרי באַגינען ביז טיף אין דער נאַכט אַריין. ווען איך האָב געלייענט וואָס חברים שרייבן וועגן דעם פּאַראַזיטיזם פון די גלות־יידן, — און וועגן דעם אַז זיי זענען

אַלע לויטער מעקלערס און מנחם מענדלס... אוי, ווי האָב איך געבעטן מחילה אין האַרץ ביי אייך, מיינע טייערע ייִדן פון די יוגנט־יאָרן! איך האָב זיך דערמאָנט אין אייך, אַרבעטער פון שטויבצער „רום", איר „קאַנאַ־פּאַטניקעס", לעכער־פּאַרשטאָפּער אין די שיפלעך־ווענט מיט פלאַקס און מיט שטריק... איך געדענק ווי אַזוי איר פלעגט ליגן אויסגעצויגן אויפן רוקן, אונטער דעם דעק פון די גרויסע שיפן ביים ברעג פונעם דאָזיקן ניעמאַן... אייער פּנים איז געווען געווענדעט אַרויף, די שיף איז געווען איבער אייך; און אין אייערע הענט האָט איר געהאַלטן גרויסע הילצערנע האַמערס און לאַנגע, אייזערנע דלאָטעס. און איר האָט נישט אויפגעהערט אַריינצושלאָגן די פלאַקס־שטריקעלעך אינעם שיף־שפּאַלט, פון פאַרטאָג ביז שפּעט פאַרנאַכט, קלאַפּנדיק אין זינגענדיק מיט די ווינטן פונעם ברוי־זיקן טייך... נישט אַלע זענט איר דערביי יונג געווען; עס זענען צווישן אייך געווען אויך עלטערע ייִדן מיט בערד און פּאות, טאַטעס פון צעצווייגטע משפּחות. טיילמאָל האָבן דאָרט געאַרבעט טאַטעס מיט זייערע זין — און אַמאָל אויך גאַנצע דריי דורות צוזאַמען! איך דערמאָן זיך נאָך, ווי אַזוי דאָס שטעטל איז פאַרציטערט געוואָרן אין יענער שרעקלעכער נאַכט, ווען די רושטאָוואַניעס אונטערן שיף זענען צעבראָכן געוואָרן און אַ שיף איז איינגעפאַלן אויף די קעפּ פון אירע בויער. מען האָט דאַן אַרויסגעשלעפּט בערל כאַשע־בריינעס, אַ צעקוועטשן אויף טויט — און די דלאָטע האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אין דער האַנט!... און איר, די סטאָליאַרעס, און טשעשלאַרעס, און מולאַרעס, ברעטער־הובלער און טראַטווע־בינדער; און איר בעלי־עגלות! איר האָט דאָך געשלעפּט צוזאַמען מיט אייערע פערד די הילצערנע קלעצער פון די נאָענטע וועלדער, כדי זיי אַריינצווואַרפן אין ניעמאַן אַריין... און איר, די וועלכע האָבן געפירט די פּעסער מיט פּעך פון די סמאָליאַרניעס כדי זיי אָנצולאָדן אויף די טראַטוועס?... און איר, אַראָפּשלעפּער און אַרויפלאָדער, משא־טרעגער און טוער פון אַלערליי שווערע האַרעוואַניעס?... איר, איינוווינער פון יורזדיקע ביינאַכט און אַר־בעטער אויפן רום במשך פון די לאַנגע שווערע טעג — אַדורכגעווייקטע פון רעגן און שטורעמס און טייך־ווינטן — ווער האָט דאָס געמאַכט אויף אייך דעם בלבול, אַז איר זענט געווען ליידיקגייער און פּאַראַזיטן?! טייערע שאָטנס פון מיין יוגנט! זייט מוחל מיינע חברים, וואָס פון זייער גרויסן

אייפער, כדי אונדז געזונטער צו מאַכן, האָבן זיי איבערגעטריבן און גע־פעלשט... איר שאָטנס פון שטויבצער אַרבעטער! זאָלן קומען די זכרונות וועגן אייער לעבן און זאָלן זיי אויף אייך עדות זאָגן... און זאָלן די ריינע כוונות פון די טרייע מוסר־זאָגער מכפר זיין אויף זייערע איבערטריי־בונגען.

## ב.

די איינוווינער פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס האָבן קיין טייך נישט געהאַט און קיין וואַלד נישט געקענט, וואָס זענען געווען אויסגע־מאָגערט מיט איינגעשרענקטע מאָגנס, האָבן טאַקע אָפט חוזק געמאַכט פון אייער קערפּערלעכער געזונטקייט, קינדער פון מיין שטויבץ! היות ווי מען האָט שוין געהאַט אַ מנהג צו געבן אַ צונאָמען פאַר יעדן שטעטל, וואָס זאָל אויסדריקן די באַציִונג פון דער סביבה צו איר — האָט מען אייך אַ נאָמען געגעבן „שטויבצער קישקעס". דאָס האָט זיי אַזוי איבער־ראַשט אייער געזונטער אַפּעטיט צום עסן. ישיבה־בחורים און באַנק־זיצער — בלייך־פּנימדיקע און שטוביקע, אָן לופט און אָן ליכט — זענען איבער־ראַשט געוואָרן צו זען די קרעפטיקע בעלי־מלאכות, אָנגעזאָפּטע מיט זון, רעגן און טייכיקע ווינטן, ווי אַזוי זיי קומען אַהיים נאָך דער האָרעוואַניע און זעצן זיך אַוועק מיט חשק ביי די טישן... נאָר — ווי כשר עס איז געווען אייער געזונטקייט! און ווי ערלעך עס איז געווען אייער אַרבעט! גרויס איז געווען דער פּחד פאַר אייערע בעלי־עגלות און קצבים, וואָס איז געפאַלן דאָן אויף די פויערים פון דער געגנט! ווי שטאַרק זיי האָבן געצי־טערט, די העצער, צו מאַכן פּאָגראָמען אין אונדזער שטעטל! און ווי אַזוי איר האָט זיך געוואָרפן צום באַשיצן אונדזערע אַרומיקע יידישע שטעט־לעך, וואָס האָבן טיילמאָל פון אייך גוטמוטיק געלצעוועט...

און ווי שטאַרק און טיף די דאָזיקע פּשוטע יידן, אַליין נישט קיין תורה־מענטשן, האָבן ליב געהאַט תורה און אָפּגעגעבן כבוד די לומדים!... די ישיבה, ווי געזאָגט, איז געווען אין מיר. אָבער פון די ברעקלעך, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון דאָזיקן פעטן טיש, האָבן זיך געשפּייזט אַלע אַרומיקע שטעטלעך. אַ בחור איז געפאָרן אין די ישיבהשע מרחקים און פאַרשפּעטיקט; אַ ישיבה־בחור איז „נתחמץ" געוואָרן און געמוזט אַוועק

פון דאָרט; אַן עלטערער בחור האָט געדאַרפט באַקומען סמיכה און גע־
מוזט לערנען אַ יאָר ביחידות, אָן שטערונגען; אַ יונגער מקובל האָט גע־
זוכט התבודדות, אָן דעם אויג פון אַ משגיח — די אַלע האָבן זיך אָפּגע־
שטעלט אין שטויבץ און האָבן זיך באַזעצט אין איינעם פון די בתי־
מדרשים. די בעלי־מלאכות פון שטאָט האָבן שוין געזאָרגט אַז אַזעלכער זאָל
האָבן „טעג" און ווו צו שלאָפן — אָן אַ ישיבה און אָן מעמדות־געלט.
עס איז נישט געווען קיין בית המדרש אין שטויבץ, ווו אַזעלכע ישיבה־
לייט האָבן נישט געלערנט. האָט נישט אויפגעהערט דאָס קול התורה, נישט
בייטאָג און נישט אין דער שפּעטסטער שעה פונעם אָוונט. אויב אין דער
אַלטער און אין דער נייער שול האָבן זיך באַפּעסטיקט די „בחורים" —
האָבן זיך אין חסידישן שטיבל געמאַכט היימיש די „פּרושים"; אויב פאַר
אַ „בחור" איז גענוג געווען וואָס ער האָט געגעסן „טעג" אין בעל הבתישע
הייזער — האָט דער „פּרוש" געדאַרפט נאָך מזומן־געלט, אויף אַהיימצו־
שיקן זיין ווייב וואָס איז געבליבן אין אַ ווייטער שטאָט. דערפאַר איז
יעדער פּרוש אויך געוואָרן אַ האַלבער מלמד. ער האָט געלערנט גמרא
מיט אַ חשובן בעל־הבית, אָדער מיט אַן עילוייִש יינגל, וואָס קען שוין
מער נישט גערעכנט ווערן פאַר אַ חדר־יינגל אָבער צו דער מדרגה פון
אַ ישיבה־בחורל איז ער נאָך נישט דערגאַנגען. אַזאַ יינגל האָט געלערנט
„פאַר זיך" אין בית המדרש און דער פּרוש האָט אויף אים אַכטונג געגעבן
און צוגעוויזן אים אויף זיין נישט־אויסגעטרעטענעם וועג. צווישן מנחה
און מעריב האָט דער פּרוש מרביץ תורה געווען פאַר די שטאָטישע בעלי־
בתים, נעבן הילצערנעם טיש אונטערן אויוון. איין פּרוש האָט געלערנט
„חיי אדם" אינעם בנין פון דער תלמיד תורה און איינער האָט געלערנט
„עין יעקב" אין חסידישן שטיבל. אין דער אַלטער שול האָט געזאָגט אַ
שיעור גמרא דעם רבס יונגער איידעם, אין דער נייער שול האָט מען
זיך צופרידן געשטעלט מיטן שיעור פון שלמה דעם שוחט, און אינעם
בעל־מלאכהשן שולעכל האָבן די יורזדיקער צוהערער געלעקט די פינגער
פון אַ קאַפּיטל תנ"ך, וואָס דער מגיד ר' איטשע תנחומס האָט געלערנט
פאַר זיי מיט אַ זיסן קול. ער האָט עס געלערנט מיט אַ ניגון, וואָס האָט
געצויגן ביים האַרץ, און דערביי צוגעגעבן זיסע און שאַרף־קלוגע משלים.
דאָס איז געווען אין יעדער נאַכט, סיידן עס האָט זיך געמאַכט רחמנא לצלן

אַן אבל אין שטעטל — און ר׳ איטשע תנחומס איז געווען פאַרנומען ביים זאָגן „איוב״ אינעם הויז פון די שבעה־זיצערס.

די ישיבה־בחורים און פּרושים האָבן אַ גאַנצן טאָג און די פאַרנאַכטן אָפּגעגעבן דער תורה; אָבער אויך אַ סך פּשוטע בעלי־בתים און בעלי־מלאכות האָבן געהאַט באַשטימטע שעהן אויף אַריינצוקוקן אין אַ ספר, זייענדיק אין בית־המדרש. דער גרעסטער רוב פון שטעטל איז געקומען אין בית־המדרש נאָר אין די דאַוון־שעהן, פרימאָרגנס און פאַרנאַכט. זיי האָבן געדאַוונט מנינוויז; ווער צווישן די פּריסטע און ווער ערשט אין די שפּעטערע שעהן. עס זענען אָבער געווען נישט ווייניק, וואָס האָבן זיך אין בית־מדרש זיך פאַרהאַלטן אויך נאָכן דאַווענען, טראָץ דעם גאַסן־טומל, די מאַרק־דאגות און די מידיקייט פון דער אַרבעט אויפן „רום״. זיי האָבן זיך צוגעצו־פעסטיקט צו די שטענדערס, יעדער ביי זיין ספר און זיך אַריינגעטאָן אין לערנען.

אָט איז אין רעכטן מיטן טאָג אַריינגעפאַלן אין בית־המדרש אַריין ר׳ שמואל יהושע דער קרעמער. ביי אים אין קראָם איז שטענדיק אַ גרויסער ירידך פון קונים. ער קען זיך אָבער פאַרלאָזן אויף זיין ווייב, אַז זי וועט זיך קענען אַן עצה געבן מיט די געשעפטן אויך אָן אים. נעמט ער טאַקע אַ גרויסע גמרא, צעעפנט זי אויפן טיש היגטערן אויוון און באַמיט זיך אויפצופרישן זיין לערנען, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, פאַר דער חתונה... און אָט איז דאָרט דער בלינדער ר׳ אברהם. ער שפּרייט אויס זיין קאָלירט טיכל אויף דער צע־עפנטער גמרא, וואָס ער לערנט פון איר אויסנווייניק. דאָס זוכט ער אַרום אַ יונגן למדן פון שול, וואָס זאָל אים טאָן אַ טובה און פאַר אים מעיין זיין אין אַ „קצות החושן״ וואָס האָט פונקט צו טאָן מיטן דף וואָס ער לערנט. באַלד איז אויך אַריינגעקומען יאָשע פראַדעס, אַ הויכער ייִד און אַ קרעמער פון אַ גאַנץ יאָר. ער עפנט זיך אַ משניות און לערנט אַ גאַנצע שעה אויפן הויכן קול. ער טראַכט אפילו נישט וועגן דעם וואָס זיינע קעגנער מורמלען אַז „דאָס מאַטערט ער זיך נאָר, כדי צו האָבן דערנאָך אַ גוטן הספד״. מילא, זאָלן זיי זאָגן וואָס זיי ווילן! ער לערנט דערווייל מיט אַ קול ווי אַ גלאָק...

איך בין געווען אַ קינד פון „שטיבל״ און דעם גרויסן בית־מדרש האָב

איך דאָן נאָר געקענט פון דערווייטנס. אין גרויסן בית־מדרש, וואָס איז געווען נאָענט פון אונדזער חסידישן שטיבל, בין איך טיילמאָל געגאַנגען שבת פאַרנאַכט מיטן טאַטן הערן די דרשה פון אַ באַרימטן מגיד, וואָס איז גראָד געקומען פון ווייט. נאָך זעלטענער איז מיר אויסגעקומען צו גיין הערן אַ באַקאַנטן חזן, וואָס מען האָט פריִער מודיע געווען וועגן זיין קומען אין באַזונדערע צעטלען אויף דער שטיבל־וואַנט. דעמאָלט האָבן נגינה־ליבהאָבער זיך אַרויסגעלאָזן פון שטיבל פאַר חזרת הש״ץ פון דער מוספדיקער שמונה עשרה. זיי זענען, מיט די טליתים אויף די אַקסל, אַוועקגעגאַנגען צו דער גרויסער שול, וואָס איז שוין געווען איבערגעפולט און האָבן געלעקט די פינגער פונעם חזנס „קדושה״, שטייענדיק אינעם פאָליש. אַהין פלעגן מיר זיך צונויפקומען הערן די האַרץ־רייסנדיקע הספדים אויפן טויט פון די גדולי ישראל אין יענער צייט. די הספדים פלעגן אַרויסנעמען די שטעטל פון איר צופעליקער אָפּגעזונדערטקייט און זי דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ קהילה קדושה וואָס איז מקושר צום גאַנצן כלל ישראל, איז מיט אים צוזאַמען דערהויבן אין טרויער און באַוויינט דעם געמיינזאַמען מנהיג.

צו דעם גרויסן בית מדרש האָבן מיר כמעט געפילט אַ שטיקל דער־ווייטערונג. און די בריק צו אים איז נאָר געלייגט געוואָרן אין דערהויבענע מינוטן פון אַ פייערלעכער תפילה אָדער אַ וויכטיקער דרשה, צי ביי אַ גרויסער מחלוקת, ביי עיכוב הקריאה, ביי אַ גרויסער אסיפה ווען מען האָט געקליבן די שטאָט־דאַזאָרעס אָדער געוויילט אַ רב. און אויך צו דעם נייעם בית־מדרש, וואָס איז אַגב קיינמאָל נישט געענדיקט געוואָרן, האָב איך געהאַט נאָך ווינציקער אינטימע באַציִונג. ווייל ער איז געווען אַזוי מתנגדיש ווי דער „גרויסער״ — נאָר אין אים איז נאָך ווינציקער געווען ריח התורה. אין אים האָט דער שטאָט־רב נישט געדאַוונט און חשובע בעלי־בתים פלעגן אַהער קומען זעלטענער און די מחלוקת־נייגונגען האָבן דאָ מער גובר געווען. די איינגעפונדעוועטע נגידים האָבן ס׳רוב געדאַוונט אין שטיבל אָדער אין מזרח־וואַנט פון דעם אַלטן בית־מדרש און אינעם „נייעם״ האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפנעמען אַלע וואָס האָבן באַקומען געלט פון אַמעריקע און פון אַפריקע.

אַנדערש איז אָבער געווען מיין באַציִונג צום שטיבל, וואָס איז ביי מיר

געוועזן ווי אַן אייגענע היים און די דאָרטיקע דאַוונער — ווי מיינע אמתע משפּחה־מענטשן. ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד האָב איך זיי שוין אַלע־מען געקענט, מיט זייערע תנועות און שוואַכקייטן, דאגות און ווייטיקן. עס איז ביי מיר דערביי נישט געווען קיין אונטערשיד צווישן אַזעלכע וואָס זענען חסידים פון זייער געבוירן אָן און האָבן אַליין אויפגעשטעלט דאָס שטיבל — און צווישן אַזעלכע שטאָט־מענטשן וואָס האָבן זיך ערשט שפּע־טער צו אים מצרף געווען. עס איז ביי מיר געווען אַ גרויסער פּלא, פאַרוואָס די אַנדערע חדר־קינדער שפּירן גאָרנישט, אַזוי ווי איך, דעם אונטערשיד צווישן אַ שטיבל־ייִד און די אַנדערע שטעטלדיקע ייִדן... ס'איז אויך אויס־געקומען אַזוי, אַז די אַלע שטיבל־דאַוונער זענען טאָקע געווען איינגייער צו אונדז אין שטוב. זיי פלעגן קומען צום טאַטן נאָך אַן עצה ווען זיי האָבן געליטן אין געשעפט און פּאַר זיי האָט די מאַמע געזאָרגט ווען זיי זענען געוואָרן קראַנק. טייל פון זיי זענען געקומען שבת צו נאַכטס טרינקען ביי אונדז טיי און מיט זיי האָט מען שמיני עצרת ביינאַכט געטאַנצט ביז פּאַרטאָג אין שטוב, אויף דער גאַס, אין מאַרק און אין שטיבל. ווי פאַרשידנ־אַרטיק זיי זענען נישט געווען צווישן זיך. זיי זענען ביי מיר אַלע באַליבט געווען.

ג.

ר' אלינקע און ר' יהושע דער מלמד זענען געווען אויך דיינים. זיי פלעגן זיצן מיטן שטאָט־רב בעת אַ פאַרפּלאָנטערטער דין־תורה און באַ־זונדערס בעתן געבן אַ גט. שטויבע, ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרן, איז געווען „אַ שטאָט וואָס זיצט אויף אַ טייך". פלעגט מען קומען אַהין שרייבן גיטין אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך. ר' אלינקע איז אין אַזאַ טאָג געווען טרויעריק און פאַראומערט. ער פלעגט ביטער זיפצן ביי זיין געלאַסענעם גיין פון זיין שטיבל אויף יורזדיקע ביז צום רבס הויז, וווּ דאָס בית דין איז געזעסן. מען האָט געזען ממש אויף זיין פּנים אַז „דער מזבח אפילו גיסט מיט טרערן". די גמרא־ייִנגלעך, וואָס האָבן געלערנט ביי ר' יהושען האָבן אין אַ טאָג פון גט אין שטעטל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין בייזן יאָך און געלערנט מיט גרויס הנאה „פּאַר זיך" אין די שולן, וואָס זייער האַרץ האָט נאָר געגלוסט. און דער בלינדער ר' אברהם האָט אין יענעם טאָג שטאַרק הנאה געהאַט. ער האָט פלוצלינג געקראָגן אַזוי פיל

קלוגע און שאַרפקעפּלדיקע קינדער, וואָס האָבן אים געקענט אַרויסהעלפן אין די ספרים. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט בטל און געשטאַנען צו זיין רשות. האָבן זיי פאַר אים אַריינגעקוקט אין יעדן „קצות החושן" אָדער „שיטה מקובצת", וואָס האָט אים געדאַרפט פאַרענטפערן די שווערע ער־טער וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין זיין זכרון, צוליב זיין לערנען כסדר אויסנווייניק...

די צווייטע קאַטעגאָריע חשובים אין רעליגיעזן לעבן, נאָך די דיינים, זענען געווען די שוחטים. אויך זיי האָבן געהאַט צוויי הייזער אין שטעטל: דאָס הויז פון ר׳ אליהו דעם שוחט און דאָס הויז פון ר׳ שליאָמע דעם שוחט. זיי ביידע האָבן טאַקע „פאַרגאָסן ריין בלוט" יעדן פרימאָרגן אין שעכט־הויז אויסער דער שטאָט און אויף זייערע אייגענע הייף. זיי האָבן געשאָכטן בהמות פאַר די יאַטקעס — און עופות פאַר די בעל־הביתטעס. צענדליקער יאָרן האָבן די בהמות ביטער געמעקעט פאַר זייערע אויגן און די הענער האָבן געצאַפּלט זיי צופוסנס, באַגאָסענע מיט בלוט. דער חלף, וואָס איז געשאַרפט געווען לויטן דין, האָט געבליצט צווישן זייערע ציין און די ברעגן פון זייערע קאַפּאָטעס זענען אַ סך שעהן אין טאָג געווען באַ־פלעקט מיט בלוט־טראָפּנס... און דאָך — זעט ס׳אַראַ וואונדער! — זענען ביידע געווען מאָדנע מילדע און גוטמוטיקע מענטשן און האָבן נישט געקענט אָנרירן קיין פליג. אַפילו איבער דער לייכטער מחלוקת צווישן די צוויי שוחטים־הייזער, וואָס האָט קוים געשוועבט אין דער לופט, האָט עפּעס געווייעט אַזאַ לינדער, גוטמוטיקער ווינטל. אַ פרעמדער אויג האָט בכלל נישט געקענט שפּירן די געשפּאַנטקייט וואָס הערשט צווישן ביידע קאָנקורירנדיקע הייזער. אליהו דער שוחט האָט זיך באַפעסטיקט אין איין שול, אַלס דער דאָרטיקער ראש וראשון — און שליאָמע האָט זיך באַזעצט אין דער צווייטער שול, ביז די געשפּאַנטע רויִקייט איז כמעט נישט געשטערט געוואָרן.

יאָ, ר׳ אליהו שוחט — הגם ער איז געווען דער עלטערער — איז נישט געווען בלויז שוחט. די לצים פון שטאָט האָבן זיך געוויצלט אַז לויט דער צאָל פון זיינע „פּרנסות" וואָלט ער געקענט אַליין אויס־האַלטן אַ גאַנץ שטעטל. ער איז געווען אי שוחט און בודק, אי דער בעל־קריאה פון דער גרויסער שול, אי דער בעל־תקיעה אין די ימים־נוראים,

אי דער הויפּט־מוהל פון שטעטל און דערצו נאָך אַ באַקאַנטער שדכן, וואָס האָט געדעדט שידוכים פאַר אַלע נגידישע הייזער פון שטעטל מיט דער סביבה און האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַלע לאַנד־שדכנים. ער איז אויך געווען דער פאַרטרעטער פון דעם „קאַזיאָננעם" רב — האָט ער דערפאַר געפירט די רשימה פון אַלע געבוירענע קינדער און האָט אַרויס־געגעבן די מעטריקעס. כדי צו האָבן נאָך אַ פּרנסה אין דער האַנט האָט ער עטלעכע שעה אין טאָג געהאַקט שטיינער אויף מצבות און באַצירט זיי מיט פאַרשידענע באַצירונגען. ער האָט אויסגעקריצט אויפגעהויבענע הענט, ווי צום דוכענען, ביי אַ געשטאָרבענעם כהן; קריגלעך מיט גיסנדיקן וואַסער פאַר אַ לוי און אַן אָפּגעהאַקטן בוים פאַר אַ יונג־געשטאָרבענעם. אינעם שטיין האָט ער אויך אויסגעקריצט דעם לויב פון די געשטאָרבענע אין העברעישע שירים, וואָס האָבן זיך מליצהדיק געגראַמט צום סוף און וועלכע האָבן ביים אָנהייב צונויפגעשטעלט דעם נאָמען פון נפטר. אויסער די אַלע זאַכן, האָט ער נאָך געהאַט אַ באַזונדער מין פּרנסה וואָס איז אין שטעטל לגמרי נישט געווען בנמצא: ער איז געווען אַ שדכן פון רבנים! ער האָט תיכף געוווסט פון יעדן שטעטל, ווי ווייט עס זאָל נישט זיין, ווו דער כסא הרבנות איז ליידיק געוואָרן. עס האָט געטראָפן אַז אַ רב איז „פאַרבעטן געוואָרן צו דער ישיבה של מעלה", אָדער סתם בעלי־בתים האָבן אים מער נישט געוואָלט — האָט זיי ר' אליה באַלד געהאַט פאָרצו־לייגן אַ קאַנדידאַט לויט זייער ווערט. אַמאָל איז עס געווען אַ פרוש וואָס האָט דערגרייכט אין זיין לערנען צו סמיכה אויף רבנות, אָדער אַ רב פון אַ צווייטער שטאָט, וועמען עס איז שווער געוואָרן צו בלייבן אויף זיין פריִ־ערדיק אָרט. צוליב דעם פלעגן רבנים ביי אים אָפּשלאָגן די טירן. עס זענען אויך געקומען שוערס וואָס האָבן געהאַט לומדישע איידעמס, אָדער בעל־הבתישע עסקנים, וואָס האָבן געהעצט צו קריגערייען, אָדער גאָר געוואָלט מאַכן שלום. האָט ער זיך מיט דעם אויך אָפּגעגעבן, צוזאַמען מיט זיין גאַנצן טוץ אַנדערע פּרנסות, ער פלעגט זאָגן: פונקט ווי מען רופט אויס אין הימל פערציק טעג פאַרן געבוירן ווערן, אַז פלוניס זון וועט חתונה האָבן מיט פלוניס טאָכטער — אַזוי רופט מען דאָרט אויס, אַז דער רב פלוני געהערט צו דער שטאָט פלונית. נאָר צוליבן כבוד התורה רופט מען דאָס אויס בחדרי חדרים; דערפאַר איז אַזוי שווער צו געפינען

פאַר אַ גאַנצער שטאָט איר זיווּג. אויב ביי אַ שידוך איז עס שווערער פון שפּאַלטן דעם ים — איז דאָס צופּאַסן אַ רב צו אַ שטאָט טאָפּלט שווערער פאַר קריעת ים סוף. פון אַלע זיינע פּרנסות, לייכטע ווי שווערע, געווינט־לעכע ווי זעלטענע — האָט ער קוים געקענט מפרנס זיין דאָס ווייב מיט די זין, טעכטער, איידעמס און אייניקלעך. איז ער זיין גאַנץ לעבן געווען אַן אָרעמאַן.

ער איז אָבער געווען אַ זייער בכבודיקער אָרעמאַן. ער איז געווען רויִק, קלוג און ווייכהאַרציק. איך בין געווען אַן איינגייער ביי אים אין שטוב, ווייל זיין בן זקונים מאָטל איז געווען מיין חבר צום לערנען ביי אַלע מלמדים; זינט איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אין חדר ביז מאָטלס אַוועקפאָרן אין דער מאַלצער ישיבה. איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען אָנוואַרפן אַ מורא אויף זיין הויזגעזינט. מיט אַ מילדן שמייכל האָט ער געשאָכטן אַ הון און מל געווען אַ קינד. אַזוי האָט ער אויך געפירט די מעטריקאַציע, געציקלט אַ ניגונדל און געהאַקט מיטן האַמער איבערן שטיין, בשעת ער איז געזעסן רייטנדיק איבער דער מצבה אויף זיין הויף. אַזוי האָט ער זיך אויך געזעצט נאָך מעריב ביי אונדז אין שטוב ביים טיש, מיושבדיק געטרונקען די טיי, אויסגעהערט און אַליין געשמועסט וועגן פאַרלעך און קהילות, נאָענטע און ווייטע... און ער האָט געמישט אין זייערע גורלות, פּונקט ווי ער האָט געלאַסן־פּאַמעלעך געמישט דאָס גלאָז טיי, וואָס די מאַמע האָט אים דערלאַנגט — — —

זיס און געלאַסן האָט ער געקרייזלט דאָס קול בעתן לייענען די תורה אָדער ווען ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד אין יום־טוב־טעג. קיין חזן, ווי עס איז אָנגענומען, איז ער נישט געווען. קיין חכמת השיר האָט ער נישט געקענט. ער איז אָבער געווען דער אמתער בעל־תפילה און דער „נוסח" האָט אַרויסגעזונגען פון זיין מויל מיט אַלע פּרטים און מיט אַ סך האַרציקער ווייכקייט. מיין מאַמע פלעגט זאָגן: אַ פידעלע שטעקט ביי אים אין האַלדז. דאָס רוב האָט ער מהנה געווען מיט זיין דאַווענען די מתפּללים פון דעם גרויסן בית מדרש. היות ווי ער איז אָבער געווען דער שוחט פאַרן גאַנצן שטעטל, האָט ער זיך נוהג געווען פון צייט צו צייט מהנה צו זיין אויך די מתפּללים פון אַנדערע שולן. מיר, אין דער

חסידישער שטיבל, האָבן אים געהאַט די זכיה צו הערן יעדן יום כּפּור דאַווענען מוסף פאַרן עמוד.

ווי נאָר ער האָט געענדיקט די יום כּפּורדיקע „קריאה" אין דער גרויסער שול האָט ער זיך אָנגעטאָן דעם ווינטערדיקן מאַנטל איבערן קיטל און טלית — צוליב מורא פאַר פאַרקילונג — און ער האָט זיך אַרויס־געלאָזן אין די קאַלאָשן, געלאָסן אַזוי טריט ביי טריט דורכן גאַנצן שול־הויף. דאָס איז ער געגאַנגען פון דעם אַלטן בית־מדרש צו אונדז אין שטיבל אַריין דאַווענען מוסף. היות ווי אין שטיבל האָט מען געזאָגט וויניקער פּיוט, האָט מען שוין לאַנג געוואַרט אויף אים. ווי נאָר ער איז אַריינגע־קומען איז די גאַנצע שטימונג געוואָרן אַן אַנדערע. מידערהייט האָט זיך יעדער נאָך מער איינגעהילט אינעם טלית, טיפער אַריינגעזיפצט אין שטענדער אַריין און זיך צוגעגרייט אויסצוהערן זיין האַרציקן דאַווענען. ער אַליין, ר' אליהו איז געווען איינגעהילט אין טלית איבערן קאָפּ, אַרומ־געוויקלט מיטן ווייסן קיטל און ווייסע זאָקן — און לגמרי אָן אויסגע־לייטערטער און פאַרטיפטער אין זיך. ער האָט געלאָסן צוגעשפּרייזט צום עמוד, האָט אַרויסגערוקט פון דאָרט דעם ספּעציעלן ברעטל, כּדי ער זאָל אים קענען דערנאָך צוריקרוקן און בלייבן אויף זיין אָרט. דאָס האָט ער געוואָלט שאַפן אָרט, צווישן זיך און דעם עמוד, ער זאָל קענען פאַלן כּורעים און נישט דאַרפן מאַכן קיין טריט. דערנאָך האָט ער אַ ביסל אַרויסגעהויבן פון דער טלית־פאַרבאַרגעניש זיין געלע באָרד וואָס איז שוין גרוילעך געוואָרן און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ צעוויטיקטן און בעטנדיקן געקרייזל:

— איי, הנני העני ממעש — — —

דערנאָך איז ער שטילער געוואָרן, איבערגעגאַנגען צו אַ לאַנגזאַמען איינגעטייעטן מורמלען, בעת קהל האָט טיף איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ער האָט געהעכערט דאָס קול און ווידער עס אַראָפּגעלאָזן, ביז ער איז פּלוצ־לינג אויסגעבראָכן מיט אַ ווילדן געשריי:

— ותגער בש — טן לבל ישטינני...

דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו בעטן זיך שטילערהייט, באַ־וועגן מיטן קול שטיל־שטיל און נאָך שטילער — אַזוי ווי איינער שווימט אַוועק אין פאַרפלאָנטערטע טיפענישן, גרונטעוועט און דערגרונטעוועט,

ביז ער באַהערשט די פּאַרזינקעניש און שווימט אַרויף אויפן גלייכן וועג פון חזרת הש״ץ... ווי שטאַרק האָט דאָס קינדערישע האַרץ זיך געצויגן נאָך זיין גאָטספּאַרכטיקער תפילה!

און ווען מיר זענען צוגעקומען צום „על חטא״ — האָט דער גאַנצער קהל זיך אַ טרייסל געטאָן און גערוישט, אַזוי ווי עס רוישן די וואַלד־ביימער, בעת עס גייט איבער זיי דער שטורעם. רעש און ווידער רו. און בשעת דער רויִקער הפסקה אויף אַ רגע, צווישן איין שטורעם און דעם צווייטן, האָט זיך געקרייזלט דאָס האַרציקע קול פון ר׳ אליה דעם שוחט:

— וע ־ע־על כו — לם אל־הי סליחות

סלא ־א־אח ל — נו

מח־א־אל ל־נו

כא־ א־ אפר ל־ נו

האָב איך געפילט בחוש די דינע סטרונעס פון יענער פידעלע, וואָס די מאַמע האָט געזען, שטעקט ביי אים אין האַלדז. זיי זענען אָנגעצויגן־געשפּאַנט, ציטערן קוים און זענען אינגאַנצן איין נשמהדיקער באַוועג, וואָס ציט און צופּט דאָס גאַנצע האַרץ.

אין יענער שעה האָב איך בשום אופן נישט געקענט גלייבן אַז דאָס איז דער זעלבער אליה דער שוחט, וואָס זיצט מיט אונדז אין שטוב, טרינקט טיי און רעדט מיט דער מאַמען וועגן שידוכים פאַר מיין יונגן פעטער... איז דאָס דער זעלבער, וואָס דעקט צו דאָס בלוט פון די כפרות אין אונדזער פאָדערהויז ערב יום־כפור? און דער זעלבער וואָס בייזערט זיך אויף מיין חבר מאָטל, פאַרוואָס ער וויל נישט גיין אין חדר אַריין? איך וואָלט אים איצט גיכער פאַרגליכן צו איינעם פון דער פמליא של מעלה, וואָס קומט זיך אויסטענהן מיט זיין הימלישן פאָטער אין דעם אויבערשטן בית־הדין...

און אָט איז דאָס גאַנצע קהל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין כאָר אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ר׳ אליהן — און האָט זיך צעזונגען פון אַלע שטענדערס:

והכ — ה — נים, אוי־אוי־אוי־אוי —

אי־אי־אי — אי אי אי — — —

און פאַוואָליע האָט דער טאַטע פאַרלאָזט זיין אָרט און געשטעלט זיך פון

ר׳ אליהס רעכטער זייט, צוזאַמען מיטן רבין וואָס האָט זיך געשטעלט אין זיין לינקער זייט און ביידע האָבן זיך אויפגעשטעלט פון זייער „כורעים״ אַ ביסל פריִער, כדי צו העלפן אויפצושטעלן ר׳ אליהן פון זיינע השתחוויות — אָן דעם ער זאָל דאַרפן אַ רוק טאָן מיט אַ פוס, פונקט ווי די מלאכי השרת אין הימל — האָט אָט דער דמיונדיקער פאַרגלייך אויס־געזען גאָרנישט אַזוי משונהדיק און גאָרנישט אָפּגעפּרעגט...

### ד.

וועגן דעם קאָנפליקט, וואָס האָט זיך יאָ־געפירט און נישט־געפירט צווישן אליה דעם שוחט און דעם צווייטן, שליאָמען, וועלכער איז געווען יינגער פון אים — האָבן מיר אין מיין יוגנט גאָר ווייניק געפילט. אויסערלעך האָט זיך די מחלוקת כמעט נישט אָנגעזען. דאָס איז געווען, זעט אויס, אַן ענין פון „חזקה״ און עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם חלק פון דער „קאָראָב־קע״. איז עס געווען אַן איידעלער ענין, נישט פאַר דער עפנטלעכקייט. עפּעס דערפון האָבן מיר אַרויסגעשפּירט פון די באַציִונגען צווישן ביידנס ווייבער, וואָס האָבן טאַקע געוווינט בשכנות, אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן דערוויי־טערט. די שוחטים אַליין אָבער האָבן יעדן פרימאָרגן געשפּרייזט צוזאַ־מען מיט די טלית־ותפילין זעקלעך אונטערן אָרעם, פון יורזדיקע ביזן שולהויף, אַזוי ווי אַ צווילינג. נאָר ער, דער הויך־דאַרער און פאַרקלערט־צעטראָגענער ר׳ שליאָמע האָט זיך אָפּגעטיילט און אַריינגעגאַנגען אין דעם אַלטן בית־מדרש. דערפאַר איז דער נידעריקער, דער מער־עלטערער און פּראַקטישער ר׳ אליה — אין ווען עס באַרד מען האָט נאָך דערקענט די סימנים פון אַמאָליקער געלקייט — געגאַנגען ווייטער, מיט געלאַסענע טריט ביז צו דעם נייעם בית־מדרש. דאָרט האָט מען נישט אָנגעהויבן צו דאַווענען ביז ער איז געקומען.

ערשט ווען דער ציוניזם האָט זיך באַוויזן אין שטעטל האָט זיך געשאַפן אַ לעגיטימע, געזעלשאַפטלעכע באַזע פאַר דער אַלטער תרעומות צווישן די ביידע שוחטישע הייזער, וואָס האָט פריִער נישט געקענט באַקומען קיין ריכטיקן אויסדרוק. ר׳ אליה שוחט איז טאַקע קיין ציוניסט נישט געוואָרן — אָבער ער איז נישט מיטגעגאַנגען מיט די

פאַנאַטישע באַקעמפער זיינע. ער האָט געוווּסט אַז זיין זון אהרע — וועלכער איז דערנאָך געוואָרן שוחט, „קאַזיאָננע״ פאַרטרעטער און מצבה־קריצער אויף זיין אָרט — קויפט אַ שקל און פאַרקויפט שקלים אַנדערע יידן. ער האָט אים אָבער דאָס נישט געשטערט צו טאָן. צוליב זיינע פאַר־בינדונגען מיט די וועלט־שדכנים האָט ער געוווּסט, אַז דאָס איז היינט געוואָרן אַזאַ מאָדע און מען דאַרף זיך עס נישט נעמען צום האַרץ... ר׳ שליאָמע איז אָבער געווען איינער פון די עקסטרעמסטע קנאים און — צוזאַמען מיט שאול דעם בעדער און דעם רבס אָנהענגער — איז ער גרייט געווען „להרוג ולאבד״ די ציוניסטן. ערשט דאַן האָט דאָס מחלוקת צווישן די שוחטים אויסגעבראָכן אָפענער. ר׳ אליהס בכור אהרע איז געוואָרן אַן עסקן אין שטעטלדיקן ציוניסטישן סניף און זיין בן־זקונים, מיין חבר מאָטל מאַכטיי, איז דערנאָך געוואָרן דער מנהיג פון דער פועלי־ציוניסטישער גרופּע אין אונדזער שטעטל. דערפאַר אָבער איז ר׳ שליאָ־מעס בכור, ר׳ יהושע, אַוועק קיין סלאָבאָדקע און געוואָרן איינער פון די הייסע „מוסרניקעס״. ער איז באַרימט געוואָרן אין די ישיבות ווי אַ גרויסער למדן. און ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און אונדזער רב איז אַוועק פון שטעטל, איז ר׳ יהושע אַהיימגעקומען און אויסגעקליבן געוואָרן אַלס שטויבצער רב.

ערשט ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און דער פריִערדיקער רב איז אַהיימגעקומען, האָט זיך דאָס שטעטל געשפּאָלטן אין צווייען: טייל האָבן געהאַלטן מיטן אַלטן רב און אַנדערע מיטן בן־עיר, ר׳ יהושען. די מחלוקת האָט זיך מוראדיק צעפלאַקערט און זיך נישט געקענט איינ־שטילן לאַנגע יאָרן. אין שפּיץ פון דער מחלוקת איז פון איין זייט גע־שטאַנען ר׳ אליה מיט זיין הויזגעזינט — און פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען ר׳ שליאָמע מיט זיין משפחה. דאַן האָט עס אויסגעזען אַז זיי זענען זיך אָפענע קעגנער פון שטענדיק אָן.

ביז עס איז געקומען דער גרויסער בראָך און האָט „שלום געמאַכט״ אויך צווישן די ביידע צדדים. ר׳ אליה און ר׳ שליאָמע זענען נפטר גע־וואָרן זייער אַלט, נאָך איידער עס איז געקומען דאָס אומגליק. אָבער זייערע קינדער האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומרייסן ביז צום ביטערן טאָג. ווען עס איז געקומען יענער טאָג פון גרויסן צאָרן, ערב יום כפור

פון יאָר תש״ג, האָבן בײדע געפונען זײער אײביקע רו אינעם „ברודער־קבר״, וואָס שטויבצער ייִדן האָבן געמוזט אויסגראָבן פאַר זיך מיט זײערע אײגענע הענט — —

אהרע, דער זון פון ר׳ אליהו, וואָס איז אויך געווען אַ שוחט האָט נאָך זוכה געווען אַוועקצושיקן זײנס אַ זון קײן ארץ ישראל, וועלכער איז דאָ געווען אַ פּאַליציאַנט און האָט דערצויגן אַן אײניקל, וואָס איז געפאַלן בײם באַשיצן דאָס לאַנד. אהרע אַלײן האָט נאָך באַזוכט ארץ ישראל אַ האַלב יאָר פאַר דער קאַטאַסטראָפע. ער האָט אַפילו געזאָלט אַנגעמען דעם פּאָסטן פון אַ שוחט אין אײנער פון תל אביבס פאָרשטעט. ער האָט זיך אָבער געאײלט אַהײמצופאָרן קײן שטויבץ, כדי זיך דאָרט צו „פאַרזיכערן״ מיטן זכות פון „חזקה״ פאַר זײנס אַן אײדעם... איז ער שוין מער נישט צוריקגעקומען.

און ר׳ יהושע, דער זון פון ר׳ שליאָמען איז דערנאָך טאַקע געזעסן אויפן כסא הרבנות פון שטעטל. דער אַלטער רב איז איבער דער צײט נפטר געוואָרן און ער איז געבליבן דער אײנציקער רב פון שטויבץ. ער האָט אפילו דאָרט געשאַפן אַן אײגענע ישיבה מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט. איך האָב געהערט דערצײלן, אַז ווען עס איז געקומען דער טאָג פון חורבן, האָט ער זיך אָנגעטאָן טלית און תפילין און געזאָגט ווידוי מיט דער גאַנצער שטאָט. ער האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער עדה און זאָגנדיק תהילים איז ער אַנטקעגנגעגאַנגען דעם טויט.

אַלע געראַטעווטע פון אונדזער שטעטל דערמאָנען מיט אַ הײליקן ציטער דעם דאָזיקן, לעצטן גאַנג פון שטויבצער לעצטן רב אַנטקעגן דעם סוף...

# ווערא יאַקאָוולעוונאַ

צי האָט אונדזער שטעטל געהאַט אויך אַ נטיה צו שיינקייט? קען איך זיך דערמאָנען וועגן פּיעטעט צו קונסט אין מיין יוגנט? האָט מען דאָרט אויך געוווּסט וואָס איז אַזוינס ליבע? נו, אויב עס זאָל מיר נאָר געלינגען עפּעס צו דערציילן וועגן ווערא יאַקאָוולעוונאַ — וועל איך שוין האָבן דערציילט וועגן דעם אַלעם; און אפשר נאָך עפּעס מער ווי דאָס. איך וועל האָבן דערציילט וועגן דעם גרויסן יום־טוב, פול פון פּראַכט און זון, וואָס האָט פאַרפלייצט די גאַנצע סביבה אירע — זינט דעם טאָג וואָס זי האָט זיך באַוויזן אין אונדזער שטעטל, ביז דעם טאָג ווען זי איז נעלם געוואָרן.

ווערא יאַקאָוולעוונאַ איז געווען די שענסטע פון אַלע פרויען, וואָס איך האָב געקענט אין מיין יוגנט. און אַזאַ שיינע ווי זי האָבן אויך בישט געקענט — לויט זייערע אייגענע ווערטער — אַלע דערוואַקסענע פון שטעטל; און ווי גרויס ס׳איז געווען איר שיינקייט, אַזוי העל איז געווען איר קלוגשאַפט; און אַזוי ווי ביידע צוזאַמען איז געווען דער צויבער פון איר זיגגען און נאָך העכער פאַר אַלע דריי — דער חן פון איר אומ־גאַנג און פירונג.

זי איז געווען די פרוי פון נייעם דאָקטאָר וואָס מ׳האָט אַראָפּגע־בראַכט אין שטעטל אַריין. אַ סך צרות האָט זיך דאָס שטעטל אָנגעליטן פון די פרעמדע און דערווייטערטע דאָקטוירים. ביז דער יונגער דור האָט זיך אַ נעם געטאָן און אַראָפּגעבראַכט אין שטאָט אַריין אַ נייעם דאָקטאָר — און טאַקע אַ ייִד פון ייִדנלאַנד — מאָיסעי אַבראַמאָוויטש. די שטאָט־לייט האָבן אים נאָך געקענט פון זיינע סטודענטישע יאָרן. ער פלעגט דעמאָלט

קומען פון כּאַרקאָוו, זומער צייט, אויף באַזוך צו זיין פעטער — אַ באַקאַנטן דאָקטאָר אין אַ נאָענטן שטעטל — און צוזאַמען מיט יענעם פלעגט ער אַראָפּקומען צו גאַסט צו אונדז.

לאַנגע יאָרן דערנאָך האָט דאָס שטעטל געהאַט צו שמועסן וועגן זיין גוט האַרץ, זיין הויכער אינטעליגענץ, זיין צוגעבונדנקייט צו ייִדישקייט, זיינע גרויסע פעיִקייטן און איבער זיין שטודירן אין אָרעמקייט. אין אַ צייט אַרום האָט דער פעטער זיינער, וואָס האָט אים געשטיצט, דערציילט וועגן אים אַ גאַנצע געשיכטע: נאָך אײדער דער האַרציקער יונג האָט געענדיקט דעם שטודיום אין אוניווערזיטעט, האָט ער זיך גאָר פאַרליבט אין אַ ייִדישער אַקטריסע, וואָס האָט געשפּילט אין דער כּאַרקאָווער רוסישער אָפּערע. ער האָט זי געזען שפּילן „קאַרמען". האָט זי צוליב אים פאַרלאָזן די בינע־ברעטער, האָט חתונה געהאַט מיט אים — הגם ער איז נאָך געווען אַן אָרעמער סטודענט, און האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיטוואַנדערן מיט אים אין די שטעט ווו ער האָט געלערנט.

ווען די שטעטלדיקע ייִדן האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין גערודלד אויסצוהאַלטן די נגישות פון די אַסימילירטע און גויִשע דאָקטוירים, האָט מען זיך דערוווסט אַז דער דאָזיקער ווילער סטודענט האָט שוין געענדיקט זיין לערנען. ער האָט שוין געהאַט געמאַכט זיין פּראַקטיק אין די שפּיטעלער און זוכט אַ שטעטל ווו זיך צו באַזעצן און פּראַקטיצירן. האָט קהל באַשלאָסן אים איינצולאַדן צו אונדז. מען האָט אים צוגעזאָגט דריי הונדערט רובל אַ יאָר, אויסער זיין האָנאָראַר פון די חולאים, און מען האָט אים געדונגען אַ שיינע דירה אינעם צענטער פון שטאָט. און אין איין שיינעם, זומערדיקן פרימאָרגן — פול מיט ליכטיקייט און זון — האָט זיך טאַקע באַוויזן אברמקע דעם בעל־עגלהס ברישקע נעבן דעם דאָזיקן הויז. די פרויען פון „דאַמסקי קאָמיטעט" האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט און אויסגעפּוצט די נייע דירה — און פון דער קאַטש איז אַרויסגעשפּרונגען דער דאָקטאָר מאַיסעי אַבראַמאָוויטש. — ער האָט שוין געהאַט באַוויזן צו פאַרלאָזן אַ געשניצט בערדל מיט בלאָנדע וואָנצעס — און האָט געהאָלפן אויסשטייגן פון דער קאַרעטע אַ שלאַנקער פרוי. זי האָט אויפגעהויבן דעם קליינעם וואַל, וואָס האָט זיך חנעוודיק אַראָפּגעלאָזן איבער איר ברייט־ראַנדיקן פאַרביקן הוט און גענומען אַרומקוקן

זיך איבערן נייעם שטעטל, ווּהין זי איז איצט געבראַכט געוואָרן. דער־נאָך האָט זי שנעל אַ כאַפּ געטאָן ביי די הענטלעך אירע צוויי אויסגעפּוצטע קינדערלעך, וואָס האָבן פריילעך געפּלאַפּלט אויף רוסיש — און איז מיט זיי און מיט זייער „ניאַניע״ פאַרשוווּנדן אין שטוב אַריין.

מען האָט זי גערופן וויעראַ יאַקאָווליעוונאַ. און הגם דער נאָמען האָט אין שטעטל געקלונגען ניי און אויסטערליש, איז ער שנעל באַקאַנט גע־וואָרן צווישן אַלע שיכטן. זי איז באַלד געוואָרן די פרייד פון אַלע מבינים אין שטעטל און האָט אַריינגעטראָגן עפּעס אַ מאָדנע יום־טובדיקייט אין זייער שטאַרק וואָכעדיק לעבן. מען האָט איר שנעל מוחל געווען דעם קלינגענדיקן רוסיש, וואָס האָט פול געמאַכט די גאַס. מען האָט אַוועקגע־קוקט פון איר קליידונג, וואָס איז געווען נישט אין גאַנצן אין הסכם מיט דער אָנגענומענער צניעותדיקער הנהגה אין שטעטל. מען האָט זיך אפילו גוטמוטיק געוויצלט וועגן איר שוואַכער באַהאַוונטקייט אין ייִדישע זאַכן, און אוודאי האָט מען זיך נישט מתרעם געווען דערויף וואָס זי חברט זיך מיט דער רוסישער באַאַמטנשאַפט פון שטעטל. עפּעס האָט מען איר מוחל געווען אַלע אירע קאַפּריזן און אפילו הנאה געהאַט פון זיי. און מען האָט זיך נאָך איר געצויגן, יעדער לויט זיין סטיל און מערכה, לויט זיין עלטער און שטאַנד.

דער דאָקטאָר אַליין איז געווען דער פריינט און דער אָנלען פון אַלע קראַנקע אין שטעטל, אָבער זי איז געווען דער טרוים און דאָס געזאַנג פון אַלע וואָס האָבן זיך אַרום איר געזאַמלט. אירע לידער זענען בעיקר געווען פרעמדע און רוסישע. קיין קלאַוויר, וואָס זאָל באַגלייטן איר זינ־גען, איז נאָך אין שטעטל נישט געווען. נאָר פאַרנאַכט, בעת אירע פריינד האָבן געטרונקען טיי ביי איר אין שטוב, האָט זיך איר געזאַנג אַרויסגעריסן פון פענצטער אַלץ העכער און העכער. דאַן האָבן זיך צעעפנט אַלע טירן אין דער גאַנצער גאַס און ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ געפיל אין האַרצן, האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון גאַניק. צווישן די ייִדישע ווערטן, וואָס זי האָט זיך שנעל אויסגעלערנט — און טאַקע תיכף פאַרטיפט און באַ־רייכערט — איז געווען אויך דער חסידישער ניגון. צי האָט זי דערצו געהאַט אַן איינגעוואָרצלט־באַהאַלטענע ירושה־נייגונג? אָדער צי איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל יעדער שיינער גייסט ווערט דערצו אינסטינקטיוו

צוגעצויגן? אפילו די סאַמע מקורותדיקסטע ייִדן אין שטעטל האָבן געפֿונען אין דעם נייעם חסידישן ניגון, וואָס זי האָט געזונגען, דאָס בעסטע וואָס זייער האַרץ האָט געפּילט און זיי זענען פון אים מיטגעריסן געוואָרן.

איך געדענק איינעם פון אירע ערשטע באַזוכן, צוזאַמען מיט איר מאַן, ביי אונדז אין שטוב. ס'איז געווען אַ שבת. דער טאַטע אַליין האָט איר געהאָלפן אויסטאָן דעם מאַנטל און האָט זיך מטריח געווען אויפצוהענגען אים אויפן האָק. אין פאָדערהויז, פאַרן קליינעם שפּיגל, האָט זי שנעל גלייך געמאַכט אויף זיך דאָס שמאָלע, באַצויבערנדע וועסטעלע. איך, דאָס קינד, האָב זוכה געווען צונעמען פון איר האַנט דעם הוט אירן און דעם שלייער — צוזאַמען מיט איר דאַנקעוודיק שמייכעלע און העלן קאָפּ־שאָקל — און כ'האָב נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך פון אומדערהערטן פאַרגעניגן. כדי מהנה צו זיין מיין טאַטן, האָט זי מסכים געווען צו זינגען אַ חסידישן ניגון וואָס זי האָט געקענט. מיט פאַרמאַכטע אויגן און ייִדישער דביקות, אָנגעלענט אויפן טיש — האָט זי געזונגען און און דערביי צוגעקנאַקט מיט אַ פינגער, גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ חסידיתטע מלידה ומבטן. און דער ניגון אַליין איז ביי איר אַרויסגעקומען אַזוי שטאַרק פאַרבענקט, אַזוי רופנדיק, און צוזאָגנדיק — אַז די נשמה איז אויסגעגאַנגעןביים הערן. לאַנגע יאָרן דערנאָך האָבן מיר געזונגען דעם ניגון ביים שבתדיקן טיש און האָבן אים גערופן „דער דאָקטאָרשעס ניגון".

געדענק איך ווי איינמאָל האָב איך געהערט דעם ניגון פונעם מאָלאָסטאָיקער ישיבה־בחור — וואָס האָט געגעסן שבת ביי אונדז — האָט ער אים קונציק אַריינגעפּאַסט אין די ווערטער פון תהילים: צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי... ביז איך נשתומם געוואָרן דערפון, ווי אַזוי דער דאָזיקער ישיבה־מתבודד האָט עס אַזוי וווּנדערלעך פאַרשטאַנען צונויפצופלעכטן דעם ניגון מיט אָט די הייליקע פסוקים. און זיי האָבן זיך אַזוי אמתדיק אַריינגעפּאַסט, גלייך ווי זיי וואָלטן לכתחילה געשאַפן געוואָרן כדי מזווג צו זיין זיך מיטן איינציקן און טייערן ניגון פון ווערא יאַקאָוולעוונאַ... דערמאָן איך זיך אויך אין איינעם אַ שבת, פול מיט שניי און פראָסט, אין וועלכן איך בין אָפּגעשטאַנען לאַנגע שעהן אין דרויסן — און געפרוירן פון קעלט. דאָס האָב איך אַרויסגעקוקט אין אַ ראָג, צווישן מאַרק

און דער פּאָסט־גאַס, אויף דער מינוט ווען די דאָקטאָרשע וועט דאָ פאַר־בייגיין אויפן וועג אירן צום אַפּטייקער אין שטוב אַריין כדי צו שפּילן אין קאָרטן — כדי איך זאָל קענען פאַר איר אַראָפּנעמען דאָס היטל און איר זאָגן: זדראַסטוויטיע!...

און נאָך געדענק איך: מיכאל שׂימי הורוויץ, דער דעלעגאַט צו די ציוניס־טישע קאָנגרעסן איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין. ס'איז געווען נאָך דעם ציוניסטישן צוזאַמענפאָר אין מינסק. די אַקציעס פונעם ציוניזם אין אונדזער שטעטל האָבן זיך געגומען הייבן אַלץ העכער און העכער. מיכאל שׂימי איז דערביי געווען דער ליבלינג פון אונדזער משפּחה; אַ שיין־רעדנער וואָס איז געווען זייער אָנגענומען ביי אַלעמען אין שטאָט, איז ער נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון דער וויכטיקער קאָנפערענץ, פול מיט באַגייסטערונג און אינפאָרמאַציעס. האָט מען אויף מיר אַרויפגעלייגט דעם חוב, אַז איך זאָל איינלאַדן צו מיין פעטער אין שטוב אַריין די אָנגעז־זעענסטע ציוניסטן פון שטעטל, לויט אַ באַזונדער ליסטע. האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט. אויבנאָן איז געזעסן מיכאל שׂימי יום־טובדיק אָנגעטאָן, די שיינע שוואַרצע באָרד זיינע פונאַנדערגעטיילט אין צווייען, אַזוי ווי די באָרד פון נאָרדוי אַליין — און פון זיין מויל „שיטן זיך פּערל״. אַך, וואָס פאַר אַ צויבער דער מענטש האָט עס פאַרמאָגט אין זיין רעדן! וואָס פאַר אַ שאַרפקייט אין זיין וויכוח! וואָס פאַר אַ בילדערישקייט אין זיינע שיל־דערונגען — און וואָס פאַר אַ מין איבערצייגונגס־כוח אין זיינע שניידנדיקע ראיות! מען האָט אים געדאַרפט אויסקושן דערפאַר. ער האָט גערעדט וועגן דעם קאָלאָניאַל־באַנק, וועגן הערצלס פּראָיעקטן אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל; און וועגן די אַראַבער אין ארץ ישראל וואָס גלויבן שוין אויך, אַז די ייִדן וועלן זיך אומקערן קיין ציון. ער האָט אַליין געהערט דערפון, אַז בשעת די אַראַבער שרייבן דאָרט אונטער אַ פאַרקויפס־קאָנטראַקט צווישן זיך, באַמערקן זיי, אַז דער קאָנטראַקט איז גילטיק ביז צו דער צייט ווען די ייִדן וועלן זיך אומקערן אין זייער לאַנד אַריין. ער האָט דערציילט אויסטערלישע זאַכן וועגן אַסימילירטע סטודענטן אין דייטש־לאַנד, וואָס האָבן זיך צוריק דערנענטערט צו ייִדישקייט און ווי דועלירן זיך פאַרן ייִדישן כבוד. ער איז אין יענער נאַכט געווען ווי אַ שפּרודלדי־קער קוואַל. וועגן וואָס האָט ער דען נישט גערעדט? וועגן דעם קאָנגרעס

און זיין שיינקייט; וועגן הערצל און זיין פּראַכט... און אין מיטן רעפעראַט האָט ער אַריינגעפלאָכטן אַ דערציילונג איבער זיין וווּנדערלעכער באַגעגעניש מיט מאַרקאָ באַרוך אין באַזעל; אַריינגעוואָרפן אַ פּאָעטישן פערז פון פרוגן און אַ שאַרף ווערטל פונעם אָדעסער ראַבינער ד״ר אַווינאָוויעצקי... ער האָט געשאָסן פיילן אין דער זייט פון עפעס אַ ראַדיקאַלן אַסימילאַטאָר אין מינסק, וואָס איך האָב נישט געקענט — און האָט שאַרף אָנגעגריפן די אַנטיציוניסטישע אָרטאָדאָקסיע, וועלכע כ׳האָב שוין גרייליך געקענט פון דער נאָענט. זעגן מיר אַלע געווען בלויז געהער און איבערפולט מיט אַ דערהויבענער הנאה.

אַז איך זאָג „מיר אַלע״ — מיין איך דערמיט: דעם אַפּטייק־קרעמער, מהרש״ק — דער פירער פון די שטעטלדיקע ציוניסטן און דער „אַנאָנימער״ קאָרעספּאָנדענט פון „המליץ״; דעם פעטער הירשל, דער אָפּיציעלער פּאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אגודה; דעם טאַטן, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט איינגעשריבן אַלס מיטגליד אין ציוניסטישן פאַריין; דעם העברעישן לערער אלתר יאָסעלעוויטש — דער מנהיג פון פאַריין „בנות ציון״; דעם גבירס אידעס, לוסטערמאַן, וועלכער איז געווען אַבאָנירט אויפן דייטשן אילוסטרירטן זשורנאַל „אָסט און וועסט״; נחן — דער אָנפירער פון דער יוגנט; דעם אַרבעטער־טוער פיניע קושניר; אהרע, אליה דעם שוחטס זון — און אויך ר׳ חיים איטשע דער מלמד, וועלכער האָט זיך גערעכנט צווישן די עלטסטע חובבי ציון. אויסער זיי זענען דאָרט געווען אַ סך יוגנטלעכע און פרויען, אַלץ דאָס שענסטע און בעסטע פון דער גאַנצער ציוניסטישער משפחה אין שטעטל...

פלוצלינג האָב איך זיך אומגעקוקט און דערזען: די גאַנצע צייט האָט מיכאל שימי הורוויץ געשיקט זיינע בליקן אין יענעם ווינקל אַריין, ביים עק טיש, פון וואַנען עס האָט זיך צו אים געצויגן דער געשפּאַנטער בליק פון דער דאָקטאָרשע ווירא יאַקאָוולעוונאַ... זי איז געזעסן אַזוי ווי אַ צוגעשמידטע. איר דרייעקיק, כשופדיק פּנים איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף איר אָפענער האַנט. זי איז געווען אינגאַנצן אויג און אויער און רייצנדיקע פאַרשטענדעניש, און האָט ווי אַ דורשטיקע געשלונגען זיין יעדעס וואָרט. דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, פון וואַנען מיכאל האָט עס געשעפּט היינט אַזוי פיל צויבער פאַר זיין רעפעראַט און פאַר ווועמען ער

שפּריט דאָ איצט אויס, פּאַר אַלעמענס אויגן, זיין געבענטשטע שפע.

האָב איך געזען — און בין צעטומלט געוואָרן... האָב מוחל געווען — און האָב זייער גוט פאַרשטאַנען...

באַלד נאָך דעם איז אויסגעבראָכן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. וויע־ראַ יאַקאָווליעוונאַס מאַן, ד״ר מאָיסעי אַבראַמאָוויטש איז מאָביליזירט גע־וואָרן. די חשובֿסטע לייט פון שטעטל האָבן זיך דאַן פאַרזאַמלט אויפן גרויסן הויף פון אַ שטאָטישן גביר — און מען האָט זיך פאָטאָגראַפירט צום געזעגענען, אַלס אייביקער אָנדענק. דאָס דאָזיקע בילד, פון אַלע פּני פון שטעטל מיט מאָיסעי אַבראַמאָוויטש און וויעראַ יאַקאָוולעווגאַ אין מיטן, איז טאַקע געבליבן ווי דער איינציקער קאָלעקטיווער זכר נאָך דער אומגעבראַכטער היים. נאָך היינט קען מען דאָס דאָזיקע בילד אָנטרעפן אין הייזער פון אונדזערע שטעטלדיקע, וואָס זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אין ווייטע לענדער. וויעראַ יאַקאָוולעווגאַ איז געבליבן אַליין אין שטעטל, ווי אַ לעבעדיקע, טרויעריקע אלמנה. זי איז עפּעס ווי נאָך שענער געוואָרן, אָבער איר צויבער האָט זיך געהאַלטן ווייט און אָפּגעשלאָסן אין אירע פאַראיינזאַמטע צימערן. זי האָט באַשעפטיקט די פאַנטאַזיע פון אַ סך, בעת זי אַליין איז געווען אַריינגעטאָן אין איר דערווייטערטער וועלט. שפּעטער האָט מען זיך דערציילט וועגן אַ רוסישן אָפיציר, אַן אַלטער באַקאַנטער פון כאַרקאָוו, וואָס איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין, האָט געוווינט אינעם האָטעל ביים וואָקזאַל און פלעגט זי קומען באַזוכן. דערנאָך איז דער אָפיציר באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. האָט מען געזאָגט, אַז דאָס האָט ער געטאָן צוליב איר. איז דאָס פאַר קיינעם קיין ווונדער נישט געווען אָבער מען האָט ווייניק געשמועסט דערפון.

אין יענע יאָרן פון דער יאַפּאַנישער מלחמה, פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָבן אויפגעשפּראָצט די ערשטע אַרבעטער־פּאַרטייען ביי אונדז אין שטעטל. און ס׳האָט זיך צעשפּילט אַ קאַמף צווישן די צדדים. די הויפּט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז און דעם „בונד״. דאָס שלאַכטפעלד איז געווען דער ענין ביבליאָטעק. ווען די קרי־גערייען זענען שוין גאַר שטאַרק געוואָרן — האָט מען געשפּאָלטן די ביב־ליאָטעק. די רוסישע ביכער זענען אַריבער צו „זיי״ און די העברעיִשע זענען געבליבן „אונדזערע״. אין שפּיץ פון דער רוסישער ביבליאָטעק

האָבן זיך געשטעלט מײנע עלטערע שוועסטער. זײ האָבן געהאַט צוהילף דעם רוסישן לערער, דעם סטודענט און דעם לאַנג־יעריקן עקסטערן, אָדער די סטודענטין פֿון באָברויסק. נעבן די הויפּט־עסקנים פֿון דער העברעיִשער ביבליאָטעק האָט זיך געקהלט דער העברעיִשער לערער — און איך האָב אים צוגעהאָלפֿן. אָבער קײן „אײגענעם״ סטודענט האָבן מיר נישט פֿאַרמאָגט. ערשט ווען די מחלוקת איז גאָר שטאַרק געוואָרן און ס'איז געקומען די צײַט צו גרינדן די פּאַרטײ פּועלי ציון — האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט אונדזערס אַ רוסישן לערער. דאָס איז געווען אַן עילויִשער עקסטערן — אַ יונגער טעאָרעטיקער און גלענצנדיקער רעדנער — וואָס איז געוואָרן דער מורה הוראה פֿון ציוניסטישן סאָציאַליזם. נאָך אײדער ער האָט זיך באַזעצט בײַ אונדז איז ער שוין באַקאַנט געווען אין דער גאַנצער באַוועגונג מיט זײַנע שווערע מאמרים „וועגן דער סטאַטיק און דינאַמיק פֿון דער ייִדישער ווירקלעכקייט״, „וועגן דער סטאַטיק און די־נאַמיק פֿונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט״ — וועלכע ער האָט געדרוקט אינעם ערנסטן ציוניסטישן חודש־זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן״ וואָס איז דער־שינען אין פּעטערבורג.

דער דאָזיקער לערער און רעדנער, מיט דער שוואַרצער טשופּרינע האָר און שײנע מאַניערן, איז אויך געווען אַ קרוב פֿונעם שטעטלדיקן נגיד — און דערפֿאַר האָבן מיר אים געקענט אַראָפּברענגען צו אונדז. ער האָט אונדז אויסגעטראָטן אַ וועג צו די רײַכע הײַזער און צו דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. ער האָט אפֿילו באַוויזן אַרײַנצודרינגען ביז אינעם אײַנגעשלאָסענעם הויז פֿון וויערא יאַקאָווליעוונאַ. דאָס איז געווען אַ גרויסער אידעאַליסט און אַ מוסטערהאַפֿטער בעל־מדות. זײַן עקסטרעמע וועגעטאַרישקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט אונדז נישט געלאָזן אָנהענגען קײן פּאַפּיר וואָס כאַפּן פֿליגן אין אונדזער לאָקאַל, צוליב צער בעלי־חיים. ער איז געווען קלאָר אין מיכײַלאָווסקין און האָט זיך גע־קריגט פֿאַר מאַרקסן. איז געווען אַ באַליבטער רעדנער און אַ גרויסער מבין אויף רוסישער פּאָעזיע און בעלעטריסטיק. אַלײן אַ געבוירענער אין סמאָרגאָן, האָט ער אָבער באַהערשט אַלע ניואַנסן פֿון דער רוסישער שפּראַך ווי אַן אײגענער. זײַן שפּראַך, סײַ אין פּריוואַטן באַנוץ און סײַ בײַ רעפֿעראַטן, איז געווען רוסיש. העברעיִש האָט ער נישט געקענט.

אידלסאָן, דער רעדאַקטאָר פון „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן״, האָט אים פון דער־ווייטנס צוגעגעבן מוט און ער אַליין האָט געטראַכט זיך צו פּאַרמעסטן מיט זשאַבאָטינסקין, וועמענס שטערן ס׳האָט דאַן אָנגעהויבן אויפצוגיין. בייטאָג האָט ער געגעבן לעקציעס די עקסטערנס און אין די אָוונטן האָט ער מיט אונדז געקנעלט די טעאָריע פון דער יונגער פּאַרטיי, אָדער גע־שריבן זיינע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען. זיינע איבעריקע, פרייע שעהן האָט ער פאַרבראַכט ביי ווירע יאַקאָוולעוונאַ אין הויז, אָדער אין ווייטע שפּאַצירן אין די אַרומיקע וועלדער.

ער האָט דאַן געגרינדעט ביי אונדז די גרופּע „פּועלי ציון״ און ער האָט איר דערביי געגעבן אַ גאָר־גרויסע מתנה: די מיטהילף פון ווירע יאַקאָוולעוונאַ. איר ערשטע אַקציע פאַר אונדז איז געווען געווידמעט דער ביבליאָטעק. זי האָט פאַר איר אָרגאַניזירט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג אין יידיש. אויסגעקליבן האָט זי גאָלדפאַדנס „שולמית״. די רעפּעטיציעס האָבן געדויערט אַ גאַנצן ווינטער און האָבן, מיט זייער נייקייט און שיינ־קייט, פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון אַלע מקורבים צווישן דער יוגנט, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה צו זיין אינעם רעפּעטיציע־זאַל, אָדער נאָענט צו אים. בעתן איינשטודירן די ראָלן האָט מען נישט געטאָרט אַריינגיין אין אונדזער לאָקאַל. אַזוי האָט ווירע יאַקאָוולעוונאַ באַפוילן. די שפּילער האָט זי אויסגעקליבן צווישן אונדזערע מיטגלידער און סימפּאַטיקער. זי אַליין האָט געשפּילט די ראָל פון „שולמית״. ביז היינט זינגט נאָך אין מיין זכרון דער פרעכטיקער צאַרן פון דער שיינער שולמית, וואָס איז איינגע־הילט אין פאַרבענקטן טרויער נאָך איר יוגנט־פריינט, וואָס איז פון איר אַוועק... און זי טרייבט דערפאַר פון זיך איינציקווייז די אַלע וואָס קומען בעטן איר פאַרוווּנדעט האַרץ:

— אַוועק, אַוועק, אַוועק, אַוועק, אַ־ווע־־־ק!...

איר קינסטלערישע אונטערנעמונג האָט אונדז דאַן אַרויסגעפירט פון ענגן ווינקל און קאָנצענטרירט אַרום אונדז אַלע יוגנטלעכע וואָס האָבן געבענקט נאָך שיינקייט. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ פאָרשפּיל צו יענער גרויסער און אומגעריכטער הילף, וואָס זי האָט אונדז צוגעטראָגן מיט איר טאַלאַנט און חן בעת דער דעמאָלטיקער גרויסער אַנטשיידונג... דאָס איז געווען אין די שבועות־טעג. אונדזער פּאַרטיי האָט איינגעאָרדנט

אַ געהיימע פאַרזאַמלונג אינעם זאַדוואָריער וועלדל, הינטערן שטאָט. מען האָט אויסגעשטעלט „פּאַטרולן" איבער דער גאַנצער לענג פונעם וואַלד און זיי האָבן געדאַרפט ווייזן דעם וועג פאַר די אָנטיילנעמער. מיר האָבן דאַן דאָס ערשטע מאָל איינגעאָרדנט אין וואַלד אַ קינסטלעכע „דיסקוסיע", כּדי איינצואיבן אונדזערע חברים אין פּאַרטייאישן קאַמף — זיי זאָלן וויסן „וואָס צו ענטפערן די קעגנער", וואָס האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. דער אינסצעניזאַטאָר דערפון איז געווען דער לערער. די ראָל פון אַ „בונדישן רעדנער" האָט ער מיר איבערגעגעבן. פאַר זיך האָט ער גענומען די ראָל פונעם אָפּענטפערער. איך האָב אָנגעזאַמלט די שטאַרקסטע אַנטי־ציוניסטישע אַרגומענטן. דאָס מאַטעריאַל האָב איך געשעפּט אין שטוב ביי מיינע שוועסטער, ביי זייערע חברטעס, לערער און געסט און אין דער בונ־דישער ליטעראַטור מיט וואָס איך האָב זיך אָנגעלייענט. פון דעם אַלעם האָב איך מיר אויסגעבויט אַ גאַנצן טעאָרעטישן בנין. ווי גרויס איז גע־ווען דערנאָך מיין נצחון, ווען דער קלוגער לערער האָט מיט אַ געביל־דעטער שפּראַך חרוב געמאַכט אַלע מיינע געביידעס, איינס אין איינס — און עס איז פון זיי גאָרנישט געוואָרן. מיין גאַנצער טורעם איז פונאַנדער־געפאַלן ווי אַ זייפן־בלאָז.

ביז גאָר דערמוטיקט פון אונדזער גערעכטן וועג און זיכער אין אונ־דזער אמת, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגיין אַלע צוזאַמען אין דער ער־שטער דעמאָנסטראַציע — און זאָל דאָס גאַנצע שטעטל אונדז זען, מיט אונדזער גאַנצן כּוח! האָבן מיר גענומען שפּרייזן מיטן פּאָן פאָרויס און מיט פולע הערצער געזאַנג. אָבער ווען מיר זענען צוגעקומען צום קליינעם בריקל איבערן קאַנאַל, האָבן אונדז די „פּאַטרולן" אָנגעזאָגט די בשורה, אַז אויף דער צווייטער זייט וועלדל זענען אויך די „בונדישע" קעגנער אונדזערע אַרויס מיט אַ דעמאָנסטראַציע. און אויך זיי דערנענטערן זיך איצט צום שטעטל. און זיי זענען געווען פיל מער פון אונדז, ווייל זיי האָבן מיט זיך געהאַט די אַרבעטער, די רייכע קינדער און די בעסטע אינטעליגענץ. מיר האָבן קעגן זיי אויסגעזען אַ קליין הייפל — און דערצו נאָך אין דער מערהייט יוגנטלעכע. האָבן מיר זיך דערשראָקן אַז עס וועט אונדז קיין כּבוד נישט צוקומען פונעם ערשטן באַווייזן זיך אין דער עפנטלעכקייט. אפשר אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט פונעם פּלאַן וואָס מיר

גרייטן זיך צו טאָן, און דערפֿאַר האָבן זיי בכיוון איינגעאָרדנט דווקא איצט אַ קעגן־דעמאָנסטראַציע. דאָס ווילן זיי אונדז צונישט מאַכן דעם גאַנצן יום־טוב און באַווייזן פֿאַר אַלעמען ווי לעכערלעך־שוואַך מיר זענען...

קיין עצה, ווי אַזוי אויסצומיידן די מפּלה, איז אָבער שוין מער נישט געווען. מיר זענען אין רעכטן מיטן מאַרשירן. מיר האָבן שוין דערהערט פֿון דערווייטנס דעם אָפּהילך פֿון אונדזערע קעגנערס טריט און זייער הילכיק געזאַנג. ס'איז אומזיסט אונדזער מי: אונדזער בושה איז אַ זי־כערע... האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעטיילט פֿון דער שורה וויערא יאַקאָוו־ליעוונאַ. זי האָט אַ נעם געטאָן די פֿאָן פֿונעם יונגן חבֿרס הענט און מיט איר געשולטער און לויטערער שטים — וואָס האָט איינגענומען הערצער — האָט זי אָנגעהויבן זינגען די „שבֿועה״. און מיר נאָך איר. ווען די דעמאָנ־סטראַציעס האָבן זיך דערנענטערט פֿון ביידע זייטן, האָט זיך איר קול געשטאַרקט איבער די קעגנערס. און ווען זי איז נעבן זיי פֿאַרבייגעגאַנגען, האָט זי אויפֿסניי אָנגעהויבן איר ליד. זי אין דער שפּיץ — און מיר נאָך איר. און דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אונדז, איבער דער גאַנצער לענג פֿון גאַס, ביז צו אונדזער לאָקאַל. האָט מען דאַן געזאָגט אין דער פּאַרטיי: די וואָגשאָל האָט זיך איבערגעוווגן לטובֿת אונדז... מיר האָבן מנצח געווען.

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט איז מאָיסעי אַבראַמאָוויטש צוריק־געקומען. ער האָט גענומען וויערא יאַקאָווליעוונאַ מיט די צוויי קינדער — וואָס האָבן שוין באַוויזן אונטערצוּוואַקסן און באַליבט ווערן ביי אַלע פֿאַר־ערער פֿון זייער מוטער — און איז מיט זיי אַוועק גאָר ווייט; אַזש קיין טשיטאַ, אין סיביר. דאַן האָט ער אַוועקגענומען פֿון אונדזער שטעטל די פֿרייד פֿון איר פּראַכט און דעם גלאַנץ פֿון איר יוגנט.

עס זאָגט זיך נאָר אַזוי: אַוועקגענומען... ס'איז אָבער נישט אין גאַנצן אַזוי: דאָס ליכטיקייט,ביים דערמאָנען זיך אָן איר, לעבט ווײַטער אין די הערצער פֿון אַלע אירע פֿאַרערער. און אינעם געשטאַלט פֿון יעדער שיינער פֿרוי, וואָס עס איז זיי ווען עס איז באַשערט צו טרעפֿן אויף זייער לעבנס־וועג, וועלן זיי נישט אויפֿהערן צו זוכן די שפּורן פֿון יענעם שטראַלן־ליכט, וואָס האָט אויף זיי אַראָפּגעשיינט פֿון וויערא יאַקאָוולעוונאַ אינעם פֿרילינג פֿון זייער יוגנט.

## שטערן פּאַרטאָג

...מיט גאַנצע פערציק יאָר שפּעטער האָב איך געטראָפן אין ארץ ישראל אַן עלטערן ציוניסטישן פאַבריקאַנט וואָס איז געקומען פון יענעם ווייטן טשיטאַ. האָט זיך אין מיר אַוועקגעטאָן דער חשק אים צו פרעגן אויף וויערא יאַקאָוולִיעווּנאַן. ווי נאָר איך האָב מיין פראַגע אַרויסגע־בראַכט אויף די ליפּן — האָט זיך זיין פנים צעלויכטן. און פּלוצלינג האָט פון זיינע אַלטע אויגן צו מיר אַ שטראַל געטאָן עפּעס פון יענער ליכטי־קייט, וואָס האָט אויף אונדז אַרויפגעשיינט דעמאָלט, אין יענע יאָרן, ווען דער פרימאָרגן פון אונדזער יוגנט האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן אויפגיין.

# די באַשיצער פון דער שטאָט

שטויבץ, שטאָט פון מיין יוגנט! איך בין נישט געווען מיט דיר אינעם טאָג פונעם גרויסן אומגליק... און מיין אויער האָט נישט פאַרנומען דעם שריי פון דיינע פאַרפּייניקטע, די טייערסטע מיינע, זייט מיין יוגנט־צייט. אין יענעם טאָג פון י״ב תשרי ה׳תש״ג, ווען עס זענען באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט טויזנט פינף הונדערט פון דיינע זין און טעכטער, זקנים און קינדער. טייל פון זיי וואָס זענען געווען מיינע חברים אין חדר און אַנדערע פון זיי וואָס זענען געווען מיינע פריינט אין פּאַרטיי. ווען מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן מיט זייערע פרויען און קינדער אין איין ברידער־קבר, וואָס זייערע אייגענע הענט האָבן אויסגעגראָבן... איז מיין האַרץ אין מיר אין יענעם שוואַרצן טאָג נישט צעבראָכן געוואָרן ביים געשריי פון זייערע קללות! פון דערוויטנס האָב איך מיטגעלעבט דעם בראָך פון מיין פאָלק און איך האָב גאָרנישט תופס געווען געזנוי, אַז אויך אייער פערזענ־לעכער בראָך איז איינגעוויקלט אין דעם שטורעם־בראָך פון מיין גאַנץ פאָלק. די איינגעלאָשענע שטעטלשע עכאָס האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן פון דער ווייטנס און זענען אָנגעקומען פאַרשפּעטיקטע; אָן ווערטער און אָן פּרטים, בלויז געטראָגן זיך אויף די כוואַליעס פון ברידערלעכן אומרו, וואָס האָט באַהערשט דאָס האַרץ...

שטויבץ, שטאָט פון מיין קינדהייט! שטאָלץ פון מיינע יוגנט־יאָרן! איך גלויב נאָך אַלץ נישט אַז דיך האָט מען געפירט ווי שאָף צו דער שחיטה... האָב איך דאָך געקענט דיינע יונגע גיבורים, די דערצויגענע אויפן ברעג פון ניעמאַן און די בריות ביי גרענעץ־געשלעגן... איך גע־דענק דאָך נאָך דיינע העלדישע קצבים און בעלי־עגלות, די קאָנאַפּאַטני־

קעס פון די באַטן און די פּליטן־בינדער אויפן רום... די קאַראַבעלניקעס, וואָס פלעגן זיך פאַרמעסטן מיט די שכורע פּויערים און די יורזדיקער יידן, דערצויגענע אויף שווערער פּראַצע און אויך די בחורים פון מאַרק — וואָס האָבן געוווּסט ווי אַזוי מען באַגייט זיך מיט געווער... ווי אַזוי־זשע האָט איך אַלעמען פאַרלאָזן אייער גבורה?

יאָ, די איינצלנע פּאַרטיזאַנער דיינע — וואָס זענען געקומען קיין ארץ ישראל דורך שבעה מדורי גערעאַנגל — פון די פּאַליעסער וועלדער ביז דורך די גרענעצן פון רומעניע און איטאַליע, זיי זענען דיינע עדות — אַז אויך אין דעם טאָג פון בראַך און צאַרן האָט זיך נישט אינגאַנצן אָפּגעטאָן פון דיר דער גייסט פון גבורה. אפנים אַז דער שונא האָט געמוזט זיין זייער שטאַרק און זייער אכזריותדיק — אויב ער האָט דיך אַזוי געפאַנגען! איך האָב דיין סוף נאָר איבערגעוויטיקט פון דער ווייטנס — און פאַרשפּעטיקט. איך בין אָבער געווען אַן עדות ביים אָנהייב, ווען ס'האָט צוערשט אַ פלאַקער געטאָן אין דיר דער גייסט פון ווידערשטאַנד און פאַרטיידיקונג. איך געדענק נאָך גוט ווען עס איז צום ערשטן מאָל אַריינגעפאַלן צווישן דיינע יוגנטלעכע רייען דאָס שטאַרקע, צינדנדיקע וואָרט „זעלבסטשוץ", ווען דאָס אָרגאַניזירן די סאַמאָ־אָבאָראָנאַ האָט זיך קוים אָנגעהויבן. וועל איך דערציילן דאָס, וואָס עס לעבט נאָך ווי אַ ליכטיקער זכר אין האַרצן.

די פאַרטיידיקונג אַליין איז עלטער געווען פאַר דער אָרגאַניזאַציע. דאָס שטעטל האָט געלעבט פון מסחר און מלאכה און עס האָט געהאַט אַרום זיך דערפער. יעדער זונטיק, ווען דער מאַרק־טאָג איז פאַרגעקומען, איז געווען אַ טאָג פון פורעניותן. נעבן דער שטאָטישער קרעטשמע, און ביי די הייזער פון יונה דעם וויינער און מרדכי אייזיק דעם וויינער, פלעגט יעדן מאַרק־טאָג זיך זאַמלען אַ מין געזעמל, וואָס פלעגט אָנוואַרפן אַ פחד. יונה און מרדכי אייזיק זענען געווען ביידע כשרע, לומדישע יידן, וואָס האָבן יעדן פרייטיק צוגעגרייט ראַזשינקע־וויין אויף קידוש און הבדלה פאַר די שטאָטישע בעלי־בתים, און יעדן זונטיק פלעגן זיי פאַרקויפן בראָנפן פאַר די דאָרפס־פּויערים. און זינט דער שנאַפּס איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון רעגירונגס־מאָנאָפּאָל, פלעגן די פּויערים זיך אויסשטעלן אויפן מאַרק, ביי דער מאָנאָפּאָלקע זונטיק פאַר־

נאַכט אין לאַנגע רייען. זיי האָבן שוין דאָרט איבערגעלאָזן דעם גאַנצן פדיון פאַר די פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן געבראַכט אין שטאָט אַריין. מיט אויסערגעוויינטלעכער ווירטואָזיטעט פלעגן זיי אַרויסקלאַפּן אין דער לופט אַריין די קאָרקעס פון די פלעשער און אַריינציען אין מויל אַריין איין פלעשל שנאַפּס נאָכן אַנדערן... פון דאָרט האָט אַלעמאָל געלויערט די סכנה. ווען עס האָט זיך דערנעענטערט די „פּאַסכע" אָדער ערב דעם „ניתל"־טאָג, ווען דער קלויסטער־גלח האָט באַוויזן ווי געהעריק אויפצו־רייצן די פויערימס פאַנטאַזיע, נאָך דער לאַנגער פּראָצעסיע, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דער שטאָט און איבער די טירן פון דער „מאָ־נאָפּאָלקע" — האָבן די צעפלאַמטע פויערים אויסגעלאָזן זייער פרומקייט און זייער שנאה צום רעגירונגס־שנאַפּס... אַן אימה איז דאַן אָנגעפאַלן אויף יידישע הייזער! חדר־יינגלעך האָבן זיך דאַן דערציילט, אַז אין אַזעל־כע טעג רוקט זיך ראובלע דער בעל־עגלה דעם אייזערנעם לאָם אין די שטיוול־כאַלעוועס אַריין — על כל הצרה שלא תבוא...

ראובלע דער בעל־עגלה איז געווען דער בכור פון משהקע דעם בעל־עגלה. משהקע אַליין פלעגט אין זיינע יונגע יאָרן אָנצי:ען מיט זיין בויד אַזש ביז סמאָלענסק און ניזשני־נאָווגאָראָד, וווהין ער האָט געפירט די שטאָטישע סוחרים אויף ירידים. אים האָב איך נאָך באַוויזן צו קענען אויף זיינע עלטערע יאָרן. יעדעס יאָר האָט ער אונדז געפירט, די מאָ־מען מיט אונדז קינדער, צום אַלטן פּוילישן דאָקטאָר מאַלקעוויטש אין דאָרף מאַליאָווע, פינף שעה פאָרן פון שטויבץ. אויפן וועג האָט ער גע־האַלטן אין איין זאָגן תהילים, מיט אַ זיס קול און מיט אַ וווּנדערלעכער אַקצענטירונג, ביז ער האָט אויף דער נסיעה אויסגעוויינט פאַרענדיקט דעם גאַנצן תהילים, זיצנדיק אויף דער קעלניע, און צווישן איין ספר און דעם אַנדערן, האָט ער מיר דערוויל געגעבן אַ לעקציע ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן אַ זייער מליצהדיקן העברעישן בריוו. איז זיין בכור ראובעלע געווען דער ערשטער פון די שטעטלדיקע באַשיצער. ער האָט קיין מאָל נישט געוואָלט אָננעמען קיין באַפעלן פון אַן אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיינע חברימס הילף און איז זיכער געווען, אַז ער אַליין קען פאַרטרייבן אַלע שונאים פון דער גאַנצער שטאָט. אויפן יירשטן בליק האָט מען אין אים לגמרי נישט געקענט דערזען קיין גבורה־

שאַפּט. ער איז געווען מאָגער און נישט הויך. ער איז אָבער געווען אומ־דערשראָקן, און אַלע דערפאַר האָבן געקלונגען מיט זיין גבורה. איין מאָל — האָט מען דערציילט — זענען אים אויפן וועג באַפאַלן זיבן פויערים און ער איז געווען איינער אַליין. האָט ער זיי אלע גובר געווען און אַוועקגעלייגט אַלע זיבן. דערנאָך איז ער געקומען צולויפן אין שטאָט אַריין מיט אַן אַריינגעזעצט מעסער אין בויך... אָן שום אָרגאַניזאַציעס און אָן אַ ספּעציעלן אויסוואַל האָט דאָס שטעטל געוווסט, אַז ראובעלע איז דער באַשיצער אירער. האָט מען אים דערפאַר מוחל געווען אַלע משוגעתן, סיי ווען דאָס האָט געהאט צו טאָן מיט פרומקייט־ענינים און סיי, ווען דאָס איז שייך געווען צו זיין מאָדנער אויפפירונג מיט זיין אייגן ווייב.

דער צווייטער פון די גבורים אין שטעטל איז געווען שמואל טוניק. אין זיין אויסערלעכקייט איז ער געווען דאָס פּונקט פאַרקערטע פון ראו־בעלען. משכמו ומעלה איז ער געווען העכער פאַר אַלע ייִדן און גויים פון שטעטל. ער איז געווען אַ ריז פון געשטאַלט און אַ בילד־שיינער מאַנס־ביל. זיינע בלאָנדע, דיקע וואָנצעס זענען געווען צוגעשפּיצט ווי די שפּיזן. אַז ער האָט געשפּרייזט אין שפּיץ פון דער גרופּע פייערלעשער, איבער וועלכע ער איז געווען דער קאָמענדאַנט, מיטן קופּערנעם העלם אויפן קאָפּ און מיטן גלאַנציקן טרומייטער אין מויל, האָט די ערד אונטער אים געציטערט. איך קען זיך נישט דערמאָנען, אויב ער האָט זיך באמת אַמאָל געשלאָגן מיט אַ גוי, אָבער פאַר זיין קוק אַליין האָט יעדער שכור געציטערט. איז זיין אַרומדרייען זיך אויפן מאַרק שוין געווען אַ גאַראַנטיע, אַז עס וועט די שטעטלדיקע ייִדן קיין בייז נישט געשען.

די דאָזיקע צוויי באַשיצער זענען אָבער געווען גענוג, כל־זמן עס זענען געווען נאָרמאַלע יאָרן. עס זענען אָבער אָנגעקומען די טעג פון דער ערשטער רעוואָלוציע און די שוואַרץ־מאהניקעס האָבן זיך אָרגאַ־ניזירט. ס׳איז אויסגעפאַלן די שחיטה פון קעשענעוו און די פּאָגראָמען אין האָמעל, האָבן זיך די כמורנע וואָלקנס אויך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטויבצער סביבה. זינט דעם ניינטן יאַנואַר פון 1905, האָט די כוואַליע פון העצע נישט נאָכגעלאָזן. די צייטונגען זענען פול געווען מיט ידיעות וועגן פּאָגראָמען. אין שטעטל האָבן זיך באַוויזן פאַרדעכטיקע פאַרשוי־

נען, וואָס האָבן גאָרנישט געקויפט אָדער פאַרקויפט, נאָר זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די פויערים און זיי אויפגערייצט. די פויערים זענען אַרויסגעגאַנגען פון קלויסטער און זייערע פּנימער זענען געווען פייער און פלאַם. אָרנטלעכע, היימישע פויערים האָבן דערציילט, אַז אין די דערפער קומען אַראָפּ פייערדיקע רעדנער און אַז זיי האָבן שוין אפילו באַשטימט דעם טאָג און די שעה...

אין שטעטל איז שוין געווען אַן אָנהייב פון אַ געהיימער, ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער „בונד" האָט שוין געהאַט עקזיסטירט עטלעכע יאָר. אין יענעם יאָר האָט מען אויך אָרגאַניזירט די גרופּע „פּועלי־ציון", וואָס האָט געהערט דעמאָלט צום מינסקער „טאלק". פון האַנט צו האַנט האָט צירקולירט דאָס דינע, סודותדיקע ביכעלע אויף זיידן פּאַפּיר „די פאַמיליע צבי" פון דוד פּינסקי. אינעם הויז פון מ. מהרש"ק, דער פירער פון די שטעטלדיקע ציוניסטן, האָט מען געלייענט מיט געפיל דעם העפט „הזמן", ווו ביאַליקס „משא נמירב" איז געדרוקט געוואָרן. אויף דער גרויסער ציוניסטישער אסיפה האָט דער רוסישער לערער, ז. א. ראַבינאָוויטש, (דער שפּעטערדיקער טעאָרעטיקער פון „פּועלי־ציון" יצחק זאָר) געשילדערט דאָס קאַפּיטל טראַיאַנאָוו. אַ גרופּע יוגנטלעכע פון טשודנאָוו האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין העלפן די זשיטאָמירער ייִדן, וואָס זענען געווען אין סכּנה. זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען דאָס שטעטל טראַיאַנאָוו, אָבער די דאָרטיקע ייִדן האָבן מורא געהאַט צו געבן באַשיצונג די טשודנאָווער יונגעלייט. זענען זיבן פון זיי צוליב דעם דערהרגעט געוואָרן אויפן וועג. האָט מען אויסגערופן אַ חרם אויף די טראַיאַנאָווער ייִדן... מיר, אין יוגנטלעכן צאָרן, האָבן רעציטירט איבער זיי דעם אַלטן פּסוק: אורו מרוז, אמר מלאך יהוה, אורו ארור יושביה כי לא באו לעזרת יהוה, לעזרת יהוה בגבורים... (איר זאָלט שעלטן מרוז, האָט געזאָגט גאָטס שליח, שעלט: פאַרשאָלטן זאָלן זיין אירע איינוווינער, ווייל זיי זענען גאָט נישט געקומען צו הילף, צו גאָטס הילף פאַר די גבורים).

איז ציִיטיק געוואָרן דער געדאַנק אין דער פּועלי־ציון־גרופּע, אַז מען דאַרף אויך אין שטויבץ אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ. דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַ זיצונג פון דער „סכאָדקע", דאָס

הייסט פון סניף־קאָמיטעט, וואָס האָט געציילט פינף חברים. אָבער כדי איינצוקויפן „כלים" האָט מען געדאַרפט געלט און מען האָט געמוזט אָנקומען צו די שטעטלדיקע בעלי־בתים. האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן אַן אסיפה אין שול. אָרגאַניזירן די פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט אונדזער חבר פיניע קושניר, אַ זון פון דער באַקאַנטער קיכלעך־בעקערין אין שטעטל סלאַווע, יאָשקע־בערקע העניעס און אַ פּלימעניק פון טשערי־קאָווער רבין פון די ערשטע מזרחי־רבנים, וואָס איך האָב געהערט רעדן אין שטעטל פאַר ציוניזם. דאָס האַלטן די דרשה אין שול האָט מען אַרויפגעלייגט אויף מיר. איך בין נאָך געווען אַ יינגל, און סך־הכל דעם ערשטן חודש אין דער פּאַרטיי. יענעם פּחד, וואָס איז דעמאָלט אָנגעפאַלן אויף מיר פאַרן אַרויפגיין רעדן (ס׳איז געווען מיין ערשטע פּאָליטישע רעדע אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג) האָבן נישט געקענט אָפּשוואַכן אַל די שרעקן מיינע, וואָס איך האָב זייט דעמאָלט תמיד ערב אַ רעדע אין דער עפנטלעכקייט. די אסיפה איז פאָרגעקומען אין אַלטן בית־מדרש ביינאַכט, נאָך מעריב. מיין חבר פיניע איז אַרויף אויפן באַלעמער, אַ קלאַפּ געטאָן אין „שולחן" און מודיע געווען, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן אַרויסצוגיין פון שול. די חברים האָבן אַריינגעשטעלט אַ שטיק האָלץ אונטער דער קלאַמקע, כדי מען זאָל די טיר נישט קענען עפענען.

מען האָט נאָך ליתר תוקף אַוועקגעשטעלט צוויי חברים זיי זאָלן היטן דעם אַרויסגאַנג. אַרומגערינגלט פון מיינע שומרים בין איך אַרויף אויפן באַלעמער און אָנגעהויבן צו רעדן. כ׳האָב אָנגעהויבן מיט אַ מאמר חז״ל, גערופן די יוגנט, אַז זי זאָל זיך מאָביליזירן אין דער זעלבסטשוץ און געבעטן די בעלי־בתים זיי זאָלן אונדז באַזאָרגן מיט געלט. פיניע, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר אויפן באַלעמער, האָט באַלד נאָך מיין רעדן אָנגעהויבן אויסצורופן די סומעס געלט, וואָס זענען געגעבן גע־וואָרן.

אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר באַקומען אַן אָנווייז פון פּאַרטייאישן ראַיאָן־קאָמיטעט אין מינסק, אַז אונדזער סניף דאַרף אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ אין די אַרומיקע שטעטלעך. אויף פיניען און מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דאָס דאָזיקע שליחות. מיר האָבן דאַן באַזוכט די נאָענטע שטעטלעך ווי: סוויערזשנע, גאָראָדזשעי, באַראַנאָוויטש, מוש און

לעכּוויטש. פאַר אונדז בײדן איז דאָס געװען די ערשטע פּראָפּאַגאַנדע־טורנע אין לעבן. קודם כל האָבן מיר זיך געװענדט צו די אָרטיקע פּועלי־ציון חברים. אָבער די אסיפה איז שטענדיק געװען אַן אַלגעמײנע, אין שול. די זעלבסטשוץ אַלײן איז תמיד געװען אומפּאַרטײאיש. דאָרט װוּ עס איז נאָר מעגלעך געװען, האָבן מיר זיך באַמיט, אַז עמעצער פון די אָרטיקע באַװעגונגס־טוער, אַ ציוניסט אָדער בונדיסט, זאָל רעדן מיט אונדז צוזאַמען. איז אונדזער רײזע באַלד באַקאַנט געװאָרן דער פּאָליצײ און די בעלי־בתים האָבן מורא געהאַט צו קומען אין שול אַרײַן. אפילו פּיניעס סטראַשונקעס און דאָס שטיק האָלץ אין דער טיר, האָבן אױך נישט שטענדיק געהאָלפן... עס האָבן זיך שױן געפונען אַזעלכע מוטיקע ייִדן, װאָס זענען פון גרױס שרעק פאַר דער אומלעגאַלער אסיפה אַרױס־געשפּרונגען דורכן פענצטער און אַנטלאָפן. אָבער װען מיר זענען דער־נאָך געגאַנגען צו די ייִדן אין די הײזער אַרײַן — האָבן זײ אונדז אַנ־דערש אױפגענומען. איך געדענק ספּעציעל די גוטע מיטהילף, װאָס מיר האָבן געהאַט פון דעם לעכּוויטשער ציוניסט געלער. ער איז געװען דע־לעגאַט צו ציוניסטישע קאָנגרעסן, אַן אײדעם פון שטאָטישן גביר, מיט אַ שװאַרצער הערצל־באָרד. ער האָט מיט אונדז צוזאַמען נישט געװאָלט רעדן פון באַלעמער אַראָפּ. דערפאַר איז ער אָבער מיט אונדז געגאַנגען אין די רײַכע הײזער, געזאָגט שאַרפע װערטער די בעלי־בתים און פון זײ באַקומען לײטישע סומעס געלט. די יוגנט האָבן מיר פאַר־זאַמלט באַזונדער, אין דער װײַבער־שול. פּיניע האָט אײנגעטײלט די פאַרשריבענע אין „צענטלעך" און נאָמינירט איבער זײ קאָמענדאַנטן.

װען מיר זענען צוריקגעקומען קײן שטױבץ, האָבן מיר זי געטראָפן אַרומגעכאַפּט פון שרעק. האָבן מיר באַשלאָסן צו רופן אַן אסיפה אין דער אַלטער שול, שבת הגדול נאָכן רבס דרשה. מיט מיר צוזאַמען האָט צוגעזאָגט אַרױסצוטרעטן דער פירער פון שטעטלדיקן „בונד" — מײַן חבר פון חדר און מײַן קאָנקורענט אױף דער פּאַרטײאישער „בירזשע" — מײַן ליבער הירשל נײַפעלד (הירשל שימקעס). דער פּאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג איז געװען דער זעלבער פּיניע. האָבן מיר דאַן געהאַט אַן איבערראַשונג: נאָך דעם װי מיר בײדע האָבן אָפּגערעדט, איז אַרױף אױפן באַלעמער מײַן פעטער און גבאי פון דער חברה קדישא, ר' יואל

גינזבורג. איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט אונדז אויסמוסרן דערפאַר, וואָס מיר האָבן געהאַט די העזה זיך אַריינצורייסן אין שול אַריין און דערצו נאָך אין שבת הגדול! ער וועט דערמיט אַליין אַ תל מאַכן פון אונדזערע אָנשטרענגונגען. אָבער ער האָט אונדז איבערראַשט מיט זיינע ווערטער:

— איך בין נישט קיין מגיד און נישט קיין בן מגיד. איך האָב נישט צו טאָן מיט די פאַרשידענע פּאַרטייען, אָבער דאָס מאָל זענען די יינגלעך גערעכט. עס איז אַ מצווה זיי צו העלפן מיט געלט און מיטן גוף, ווייל די לאַגע איז טאַקע ביטער...

באַלד מוצאי שבת האָבן די שענסטע בעלי־בתים פון שטאָט גע־בראַכט דאָס געלט צום פעטער אויפן גאַנעק און זונטיק אין דער פרי איז פּיניע געפאָרן קיין מינסק ברענגען די „שפּייערס" (אַזוי האָבן מיר גערופן די רעוואָלווערן)... אויף דער צווייטער אסיפה, וואָס מיר האָבן דערנאָך שפּעט ביינאַכט אָפּגעהאַלטן אין חסידים־שטיבל, האָט שוין אונ־דזער אָרגאַניזאַציע געציילט ביי אַ הונדערט רעגיסטרירטע און באַוואָפנ־טע מיטגלידער.

צוויי מאָל האָבן מיר אין יענער צייט זיך באַנוצט מיט אונדזער אָרגאַניזירטן כוח: דאָס ערשטע מאָל האָט מען אונדז אַלאַרמירט, אַז מיר זאָלן קומען צו הילף דעם נאָענטן שטעטל סוויערזשנע, אויף יענער זייט ניעמאַן. דאָס שטעטל איז געווען קלענער פאַר אונדזערס. עס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע סאַדאָווניקעס. דאָס זענען געווען ייִדן, וואָס האָבן אָפּגעדונגען די אויבסט־סעדער ביי די אַרומיקע פּריצים. זיי פלעגן דערנאָך אַרויספאָרן אויף אַ גאַנצער וואָך אַהין אָפּצוהיטן די ביימער מיט די פּרוכטן. דערנאָך האָבן זיי פאַרקויפט די עפּל און די באַרנעס אויף די אַרומיקע מערק. דאָס זענען, אלזאָ, נישט געווען קיין בית־המדרש־ייִדן. זיי זענען אויסגעוואַקסן אויף דער נאַטור, שטענדיק געהאַט צו טאָן מיט שקצים און האָבן דערפאַר געדאַרפט קענען די מלאכה פון פאַר־טיידיקן זיך. אָבער אין יענער צייט איז אָנגעפאַלן די אימה פון פּאָגראָ־מען אויף אַלעמען און די שרעק האָט צערודערט אויך די העלדישסטע ייִדן. באַלד אין דער פרי האָבן מיר באַקומען די ידיעה, אַז אין סוויערזש־נע האָט זיך „עס" אָנגעהויבן... פריינטלעכע פּויערים זענען געקומען דער־

ציילן קיין שטויבץ, אַז זייער יוגנט האָט זיך אָוועקגעלאָזן קיין סוויערזשנע רויבן און רצחענען.

מיר האָבן פאַרזאַמלט אונדזער זעלבסטשוץ און זיך אַוועקגעלאָזן העלפן סוויערזשנע. עס איז גראָד געווען די צייט, ווען די שנייען צעלאָזן זיך און דער ניעמאַן הייבט זיך. אין אַ נאָרמאַלער צייט האָט דער וועג פון סוויערזשנע קיין שטויבץ געדויערט צוואַנציק מינוט. נאָר איצט איז דער ניעמאַן „ארויס פון די ברעגעס". מיר האָבן געמוזט גיין אויף זייטיקע וועגן און אַדורכגיין איבער זומפּיקע טייכלעך. דער וואָגן, אין וועלכן מיר האָבן געהאַט אַזעלכע כלים, ווי אייזערנע שטעקנס מיט קיילעכיקבלייענע הענטלעך און אייזערנע שטאַבעס, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשלעפּט פון אייזן־קראָמען, האָט נישט געקענט אַריבערפאָרן די זומפּן. האָבן מיר געמוזט אָנלאָדן אויף זיך אונדזער געווער און אַריבערקריכן די זומפּן צופוס. זעקס שעה האָט דאָן געדויערט דער מאַרש פון די שטויבצער באַשיצער קיין סוויערזשנע. ווען מיר זענען געקומען אַהין פאַרנאַכט, מיד און צעבראָכן, אָבער גרייט צום קאַמף, האָבן מיר אָנגעטראָפן אַן אויסגעשטאָרבן שטעטל. די קראָמען זענען געווען צוגעהאַקט, די גאַסן — שטום און ליידיק און אין די הייזער האָט מען קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די ייִדן האָבן זיך דערשראָקן פאַר די אָנקומענדיקע פּויערים, האָבן זיי צוגעשלאָסן די הייזער מיט די קראָמען און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס. מיר האָבן טאַקע געמוזט אַרומגיין מיט אונדזער קאָמענדאַנט פּיניע בראַש, פון איין קעלער אײנעם אַנדערן, אָנצוזאָגן די באַהאַלטענע ייִדן, אַז די סכנה איז אַריבער: די פאַרטיידיקער זענען געקומען! די ייִדן פון סוויערזשנע האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף מלאכים פון הימל. נאָך דעם ווי זיי זענען אַ גאַנצן טאָג אָפּגעלעגן אין די פינצטערע קעלערס פון גרויס שרעק פאַר די רויבער. איך געדענק ווי אַזוי דער יונגער רב פון שטעטל, ר' חייפּע קאַצענעלנבויגן (דער עלטערער ברודער פון מיין טייערן לערער יש"ק) האָט פון גרויס דאַנקבאַרקייט אַ קוש געטאָן פּיניען אין שטערן... די סוויערזשנער ווייבער האָבן אַרויפגעבראַכט פון די קעלערס לאַדעשקעלעך מיט זויערמילך און איינגעשטעלטע אוגערקעס, כדי מיר זאָלן האָבן מיט וואָס זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. דערנאָך האָבן מיר געהערט, אַז

אָט דאָס צעגיין פון די שנייען און דער מסוכנער וועג, וואָס האָבן נישט אָפּגעשראָקן די שטויבצער באַשיצער, האָבן צונישט געמאַכט דעם חשק פון די דאָרפישע פּאָגראָמטשיקעס. אין מיטן וועג האָבן זיי חרטה גע־קראָגן און האָבן זיך אומגעקערט אַהיים מיט גאָרנישט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר געהערט, אַז דעם קומענדיקן זונטיק וועט „דאָס" פּאָרקומען אין שטויבץ גופא. דאָס מאָל זענען מיר געווען גרייט. מיר האָבן געוווּסט, אַז עס זענען אַראָפּגעקומען פון ווייט ספּעציעלע אויפרייצער. מיר האָבן געזען גויעס, וואָס זענען געקומען אין שטאָט אַריין מיט ליידיקע וועגענער און מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס קומען זיי רויבן און זיי ווילן האָבן מיט וואָס אַהיימצופירן די אָנגערויבטע זאַכן. באַלד אין דער פרי זענען שוין אונדזערע חברים געווען אין גאַס באַוואָפנטע מיט אייזערנע שטעקנס, בלייענע שטאַבעס און מיט בייטשן, וואָס האָבן געהאט קיילעכדיקע שטיקער בליי ביים עק, וועלכע מען האָט געהאַלטן גרייט אין די טאַשן. די קאָמענדאַנטן פון די „צענטלעך", באַ־וואָפנט מיט רעוואָלווערן, האָבן צווישן זיך איינגעטיילט דעם מאַרק. מי־טאָג־צייט, ווען די מאַסע האָט זיך אַרויסגעלאָזן פון ווייסן קלויסטער אין שפּיץ מאַרק, צעפלאַמטע און אויפגערייצט און גרייטע צום לאָזן זיך שטורעמען די ייִדן, איז זיי געגעבן געוואָרן דער צייכן. איינער פון די פאַרדעכטיקע „געסט" האָט זיך געשטעלט בראש פון דער מחנה און גע־שלעפּט נאָך זיך די פּויערים פון די וועגענער, זיי זאָלן זיך אַריינרייסן אין די קראָמען. דאַן האָבן זיך מיט אַ מאָל צעדונערט אַלע אונדזערע רעוואָלווערן ביי די צענטלעך־קאָמענדאַנטן אין די הענט. די שאָסן זענען געקומען פון אַלע מאַרק־זייטן. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געשאָסן אין דער הייך און זיי האָבן קיינעם נישט געשאַדט. זיי האָבן אָבער באַוויזן אָנצוּוואַרפן אַן אימה און עס איז געוואָרן אַ צעמישעניש אין דער מחנה אָנגרייפער. די פערד האָבן זיך צעווילדעוועט און די פּויערטעס האָבן גענומען שרייען ווי געקוילעטע. איין וואָגן איז ארויף אויפן אַנדערן. די גויִים האָבן מיטן לעצטן אָטעם זיך באַמיט צו אַנטלויפן פון שרעק פאַר די באַוואָפנטע ייִדן, וועלכע זענען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן מאַרק און נישט אויפגעהערט צו שיסן. בלויז געציילטע מינוטן זענען

פאַרביי און דער גאַנצער מאַרק איז אָפּגעליידיקט געוואָרן פון די אויפֿגערייצטע פּאָגראָמשטשיקעס...

יאָ, פון 1905 ביז 1942 האָט זיך די וועלט שטאַרק אַנטוויקלט. זי איז אַוועק פאָרויס! איצט איז שוין נישט דער זעלבער פויער און אויך נישט דער זעלבער האַס. אויך די אויפרייצער און די אויפגערייצטע זענען געוואָרן אַנדערש. אונדזער פּאַריתומטקייט צווישן די גויִים האָט אַ שפּרייז געטאָן פאָרויס, פאָרויס... און אונדזער מסוגלקייט זיך צו פאַרטיידיקן? האָט אונדזער דאָזיקער כּוח גאָרנישט מיטגעמאַכט דעם פּראָגרעס? מיינע חברים פון דער זעלבסטשוץ אין 1905 זענען טאַקע ביז 1942 זיכער עלטער געוואָרן אָבער אויך זייער צייט איז דאָך נאָך אויך נישט לגמרי פאַראיבער! און דערווייל האָבן זיי דאָך אויך קינדער געבוירן... און איבער דער צייט האָבן זיי מיטגעמאַכט די רעוואָלוציע־יאָרן, די יאָרן פון זעלבסטשטענדיקן פּוילן, יאָרן מיטן ראַטנפאַרבאַנד און יאָרן פון דער וועלט־מלחמה — איין מאָל און נאָך אמאָל! האָט מען מיר דאָך טאַקע איבערגעגעבן, אַז דיינע קינדער, שטויבץ, האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף אַ סך פראָנטן! ווי אַזוי זשע ביסטו אַזוי מאַכטלאָז געווען אין טאָג פון צאָרן און פאַרדאַרבונג? איך קען זיך נישט גלייבן, שטויבץ, שטאָלץ פון מיין יוגנט, אַז דו ביסט געפירט געוואָרן ווי שאָף צו דער שחיטה!

דערלויב זשע מיר, שטויבץ מיינע, אויפן קבר פון דיינע איצטיקע פאַרפייניקטע צו שטעלן אַ זכר פאַר דיינע אַמאָליקע פאַרטיידיקער.

# מײַן ערשטע קאָנפֿערענץ

נאָך אַ קאָנפֿערענץ פֿאַר אַן אַלטן חבר פֿון דער באַוועגונג — וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט עס היינט? אַ רגילות, נישט מער. אָבער אַנדערש זענען געווען די קאָנפֿערענצן פֿון אַמאָל. און די ערשטע קאָנפֿערענץ מיינע, וואָס איך געדענק זי זייער גוט, איז באמת געווען פֿאַר מיר ווי אַן אמתער „בראשית".

געדענק איך זי טאַקע זייער גוט? דאָס איז אַ ביסל אַ גוזמא. זי הייבט שוין אָן פֿאַרבלאַסט צו ווערן אין מיין זכרון. און אויב מיין שאַרפֿזיניקער חבר איז גערעכט מיט זיין ווערטל, אַז אַ מענטש הייבט ערשט אָן זיך צו דערמאָנען ווען ער נעמט שוין פֿאַרגעסן — איז טאַקע געקומען די רעכטע צייט, אַז אָט די ערשטע קאָנפֿערענץ זאָל דערמאָנט ווערן ווי געהעריק.

אויב איך האָב קיין טעות נישט, זענען קיין שום שפּורן נישט געבליבן פֿון איר, נישט אין די דאָקומענטן פֿון דער באַוועגונג און נישט אין די קנאַפּע מעמוארן פֿון די זכרונות־שרייבער. איז עס נאָך אַן אַרגומענט פֿאַרוואָס עס איז כדאי זיך צוצואיילן און שטעלן איר אַן אָנדענק.

דאָס איז געווען אַ קרייז־קאָנפֿערענץ. די ערשטע ראַיאָן־קאָנפֿערענץ פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּועלי ציון פֿון ליטע און ווייסרוסלאַנד („צפֿון־מערב געגנט" האָט עס דעמאָלט געהייסן), און צונויפֿגעקומען זיך איז די דאָזיקע קאָנפֿערענץ אין געהיים, בסוד סודות, אין יוני 1906, אין מינסק.

ביי מיר איז דאָס געווען דאָס ערשטע יאָר נאָך מיין אַריינטרעטן אין פּאַרטיי. אויך מיין אַריינטריט אין דער פּאַרטיי איז געווען אַ געהיימער ענין, נישט נאָר כדי די פּאָליצײַ זאָל זיך וועגן דעם נישט דערוויסן, נאָר

אויך כדי קיין „גוט אויג" זאָל נישט שאַדן דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „שואפות ציונה", וואָס דער העברעיִשער לערער פון מיין שטעטל, אַלטער יאָסעלעוויטש, דער פירער פון די דערוואַקסענע חברטעס „בנות ציון", האָט נאָר־וואָס אויפגעשטעלט, אַלס אַ דערציִערישע רעזערוו־אָרגאַניזאַציע פאַר זיין פאַרבאַנד און האָט מיך אויסגעוויילט פאַר איר „אָנפירער".

אָנהייב 1905, ווען די יאַנואַר־רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען האָבן אויסגעבראָכן, איז דער הויפּט־אידעאָלאָג פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און ראש פון די שטעטלדיקע ציונים — דער פּראָוויזאָר מרדכי מהרש"ק — אַריבער שטילערהייט אין דער נייער פּאַרטיי. דאָס איז פאָרגעקומען באַלד נאָכדעם ווי רובענטשיקס שליחים פון מינסק האָבן ביי אונדז געשאַפן אַ סניף פּועלי ציון. די ערשטע אַרבעט, ווי איך האָב שוין איבערגעגעבן, פון אונדזער יונגער פּאַרטיי איז געווען דאָס אָרגאַניזירן די „סאַמאָ־אָבראָנאַ" (זעלבסטשוץ) אין שטעטל. די ערשטע אויפגאַבע פון פּאַרטייִשן כאַראַקטער, וואָס איז אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן — איז טאַקע געווען דאָס אָרגאַניזירן צוזאַמען מיטן חבר פּיניע בעקער די זעלבסטשוץ אין די אַרומיקע שטעטלעך. שוין אין דעם ערשטן האַניק־יאָר האָט דער פּאַרטיי געדראָעט אַ טאָפּלטע סכנה פון שפּאַלטן זיך; איינמאָל איז געווען דער קאָנפליקט צווישן די „טעריטאָריאַליסטן" און די „פּאַלעסטינצעס" — און צווייטנס, האָבן געהערשט מיינונגס־אונטערשידן צווישן די וואָס האָבן געהאַלטן פון אַ שותפות מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן און די וואָס זענען געווען קעגן דעם. דער דאָזיקער קאָנפליקט איז פאָרגעקומען סיי אין די רייען פון די פּאַלעסטינצעס און סיי ביי די טעריטאָריאַליסטן גופא. די דאָזיקע דיסקוסיע האָט זיך נאָך געפירט אויף דער פּועלי ציוניסטישער קאָנפערענץ אין מינסק, אָנהייב 1905, ווען רובענטשיק איז געשטאַנען אין איר שפּיץ. דער לערער און טעאָרעטיקער יצחק זאַר איז דאַן גע־פאָרן פון אונדזער שטעטל אויף דער קאָנפערענץ און געפירט דאָרט אַ קאַמף פאַר ציון און אויך פאַר דער רעוואָלוציע. די דאָזיקע איינשטעלונג איז געווען נישט־טעריטאָריאַליסטיש און פּאָליטיש קעמפעריש. אירע אָנ־הענגער האָט מען דאַן גערופן „פּאַלעסטינצעס־פּאָליטישע קעמפער". דעם ערשטן מאַי פון יענעם יאָר האָט מען ביי אונדז צום ערשטן מאָל פאַר־שפּרייט אַ העקטאָגראַפישע פּראָקלאַמאַציע, וואָס איך האָב געשריבן. איר

אויפגאַבע איז געווען צו באַגרינדן די דאָזיקע שטעלונג. ווען אין פּאָלטאַווע איז געגרינדעט געוואָרן די „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ" (יידישע אַרבעטער־כראָניק) האָבן דאָרט, מיט גרויסע הפסקות, אָנגעהויבן דערשיינען לאַנגע, אָבער אויפקלערנדיקע מאמרים פון בער באָראָכאָוון (אונטערן פסיידאָנים „פּאָסטאָיאַני") אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „נאַשאַ פּלאַטפאָרמאַ". איך האָב באַלד איבערגעזעצט באָראָכאָווס אַרטיקלען־סעריע אין יידיש מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען מיינעם און מיט גרויסע שפּראַך־ראַנגלענישן. איך האָב די איבערזעצונג אַוועקגעשיקט קיין לאָדזש צום צענטראַל־קאָמיטעט „פּועלי ציון ס. ד." — וואָס איז נאָרוואָס געשאַפן געוואָרן. דער דאָזיקער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דעמאָלט אַרויסגעשיקט דעלעגאַטן, וואָס זאָלן אויפנעמען אַלע געטרייע ציוניסטן אין דער באַוועגונג, וועלכע האָבן זיך נישט געלאָזט מיטרייסן מיטן טעריטאָריאַליזם פון די ס. ס. (ציוניסטן־סאָציאַליסטן); זיך נישט נאָכגעשלעפּט נאָך דער אַפּאָליטישקייט פון „די מינסקער" (י.ט.א.פּ.) און זיי זענען אויך נישט געגאַנגען נאָכן אָפּטימיזם פון די „סיימיסטן" (י. ס.א.פּ.)... האָט מען אין מינסק איינגעאָרדנט די ערשטע קרייז־קאָנפערענץ פון דער נייער פּאַרטיי „פּועלי ציון ס. ד.". צו מיין אייגענער פאַרוווּנדערונג בין איך אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין מיין שטעטל־סניף אַלס קאַנדידאַט — און דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן.

געדענק איך נאָך די אימה מיינע פאַר דער קאָנפערענץ — און ווי אַזוי איך בין ביי זיך בטל געוואָרן אין אָנבליק פון דער גרויסער אויפגאַבע, וואָס איז אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן. אין מיין יונגער תמימות בין איך זיכער געווען אַז אויף דער געהיימער קאָנפערענץ וועט אָנטשלאָסן ווערן דער גורל פון יידישן פאָלק — דערפאַר קענען נאָר יחידי סגולה זוכה זיין אָנטייל צו נעמען אין איר. דער טעאָרעטיקער זאָר איז טאַקע שוין געהאַט אַוועק פון שטעטל. עס איז אָבער געבליבן דער מיושבדיקער דענקער און עלטסטער פון אונדז, מהרש"ק. האָט זיך געלייגט אויפן שכל אַז ער האָט געדאַרפט פאָרן אין אונדזער נאָמען און דאָרט פאַרטיידיקן אונדזער שטעלונג. אָבער דווקא מהרש"ק האָט גאָר פאַרגעלייגט מיין קאַנדידאַטור און ער האָט זיין דאָזיקן פאָרשלאָג אונטערגעהאַלטן מיט אַ סך ברען. האָט מען שוין גאָרנישט געקענט ענדערן נאָך דער

אָפּשטימונג. האָב איך אין מיינע האָרץ־טיפּעניש געבעטן אַ שטילע תּפילה, וואָס אַ פרעמד אויער האָט נישט געהערט: רבונו של עולם, הלוואי זאָל איך נישט פאַרשעמען די קאָנפערענץ! — —

דערמאָן איך זיך גאַנץ באַזונדער אַ היימישן פּרט, וואָס איז געווען קאָמיש אָבער אויך גענוג קאָמפּליצירט: ווי אַזוי דערציילט מען אַזאַ גע־היימען באַשלוס ביי מיר אין דער היים? ווי אַזוי קען איך פּלוצלינג זיך אויפהייבן און אַוועקפאָרן קיין מינסק אויף אַ וואָך צייט, אָן אַ שום סיבה? און ווו נעמט מען עפּעס אַ תּירוץ? דאָנערשטיק איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס און זונטיק האָט זיך שוין די קאָנפערענץ אָנגעהויבן. נאָך פאַר מיטאָג האָב איך געמוזט זיין אין מינסק. ווער קען מיר דאָ געבן אַן עצה? בין איך אַהיימגעקומען אַ פאַרצוויפלטער. פרייטיק אין דער פרי בין איך אויפגעשטאַנען און דערציילט דער מאַמען אַז... די אויגן טוען מיר וויי. דעם גאַנצן פרייטיק און אויך דעם שבתדיקן טאָג האָבן זיי מיר שוין נישט אויפגעהערט „וויי" צו טאָן. איז געוואָרן אַ גאַנצע מהומה אין שטוב. קיין ספּעציעלער אויגן־דאָקטאָר איז ביי אונדז אין שטעטל נישט געווען, דערפאַר האָט דער באַזאָרגטער טאַטע אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען: דו ווייסט, שרהקע? ס'איז נישטאָ קיין עצה... מיר מוזן דאָס קינד שיקן קיין מינסק, צום דאָקטאָר קאַמינסקי... דער טאַטע אַליין האָט מיר אויפגע־שריבן דעם דאָקטאָרס אַדרעס, געגעבן מיר אויף הוצאות און אַ באַזונדערן האַלבן רובל פאַרן דאָקטאָרס האָנאָראַר — און מיר געגעבן אַ ברכה אויפן וועג. טאַקע אַ דאַנק מיין גוטן טאַטנס עצה בין איך אָנגעקומען פּינקטלעך צו דער קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ אַליין איז געווען אַ געהיימע און נישט געהאַט קיין באַשטימט אָרט. איך דערמאָן זיך פיר פאַרשידענע דירות, ווו די זיצונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לויף פון דער איינער וואָך. אַלע פיר אַדרעסן זענען געווען נגידישע הייזער, וועמענס בעלי־בתּים זענען גע־פאָרן אויף זומער־ווױנונג און די שיינע זאַלן איבערגעלאָזט אין די הענט פון אַ געטרייען משרת אָדער אַן אָרעמען קרוב. די דאָזיקע „שומרים" זענען צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי, ריזיקירט מיט זייערע בעלי־בתּימס צוטרוי און געשטעלט די געראַמע זאַלן אין רשות פון די קאָנפערענץ־אָרגאַניזאַטאָרן.

געדענק איך: איינמאָל זענען מיר געזעסן אין אַ גרויס הויז, אויפן „אויבערשטן מאַרק". פּלוצלינג האָט עמעצער סיגנאַליזירט פון דרויסן: מען גייט!... האָבן מיר אויסגעלאָשן די ליכט — און דער רעפערענט האָט ממשיך געווען זיין רעפעראַט אין דער פינצטער. בלויז אַ גרויסע גמרא איז געווען צעעפנט און פאַרשטעלט דאָס איינציקע ליכטל, וואָס האָט אַ ביסל באַלויכטן דעם קליינעם טיש אין שטוב־ווינקל. ביי יענעם טישל זענען מיר געזעסן, דריי סעקרעטאַרן פון דער קאָנפערענץ און יעדער איינער האָט פאַרשריבן דעם רעפערענטס רייד אויף אַ באַזונדערער שפּראַך: העברעיִש, יידיש און רוסיש. מיר זענען דאַן געווען אַ דרייסיק־פערציק דעלעגאַטן. אויסער אַ צוויי־דריי אויסנאַמען, זענען מיר נאָך אַלע געווען יוגנטלעכע, צווישן 16 און 20 יאָר. אַלע זענען געקומען פון ווילנער, קאָווגער, גראָדנער און מינסקער גובערניעס. קיין איין מיידל איז נישט געקומען אַלס דעלעגאַטין.

דער אָרגאַניזאַטאָר און פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן סדר פון דער קאָנ־פערענץ איז געווען אַ מינסקער, מאָטל בויגן. דערנאָך האָט ער געענדערט זיין נאָמען און געוואָרן איינער פון די פאַרטייִשע הויפּט־עסקנים אין אַמעריקע. צוזאַמען מיט אים, ביים פּרעזידיום־טיש, איז געזעסן משה לייב פון ווילנע, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן אַ סוחר און זיך דערווייַ־טערט פון דער באַוועגונג. דאָרט איז אויך געווען אברהם זיידשנור, וואָס האָט שוין געלאָזט זיך וואַקסן אַ קליין, שיין בערדל. ער האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט דער האַרציקסטער פון אַלע ווילנער חברטעס, מיט שרה לוריע — און ביידע זענען דערנאָך אומגעקומען; ער — אין פּאַנאַר, ביי ווילנע און זי — אין גלות אוזבעקיסטאַן... אין נאָמען פון צענטראַל קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרבאָרגן אין „דער פּראַכט פון זיין פּאַר־הוילנקייט", איז געקומען ל. בערלינרויט פון מאָסקווע. דאָס איז געווען אַ סטודענט „פאַרשוויצט און פאַרהאָוועט" — אַ באַברילטער און גלאַט־ראַזירט. ער האָט מיך דערמאָנט אין „אַ טאַטנס אַ קינד" פון אַ גוטער היים, וואָס איז אַריינגעפאַלן צווישן אַ כאַליאַסטרע. ער האָט געהאַלטן זיין רעפעראַט אין אַ ריינעם רוסיש.

ביים סעקרעטאַרן־טיש זענען מיר געזעסן אין דרייען; חייקל מאָגיליע־וויטש, אַ יונגער דעלעגאַט פון בערעזין, וואָס האָט פּראָטאָקאָלירט אין

רוסיש און איז אַליין געווען אַ שאַרפער רעדנער. וועגן זיין ווייטערדיק לעבן האָט מען מיר דערציילט פאָלגנדיקס: ער איז דערנאָך געוואָרן אַ מיטגליד אין אַ ציוניסטישער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע פון דער שווייץ. ער פלעגט זיך אַרומדרייען מיט אַ קאָרפּאָראַנטיש היטל אויפן קאָפּ, אָנגעטאָן אין פאַרביקע לענטעס איבער דער ברוסט און געפירט אַ שאַרפן קאַמף פאַר העברעיִש מיט די יידישיסטן פון דער סטודענטישער קאָלאָניע. נאָך דער רעוואָלוציע איז ער געוואָרן — אַזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן — אַ יעווסעקישער קאָמיסאַר אין סאַראַטאָוו און ער האָט שטאַרק געפייניקט ציוניסטן... ער איז דערנאָך פאַרשווונדן געוואָרן אָן אַ שפור. דער צווייטער סעקרעטאַר איז געווען אַ נישט־יונגער דעלעגאַט פון שאַדאָווע. אַליין אַ לערער פון אַ פאָלקסשול, האָט ער געקענט אַ סך יידישע לידער און ער איז געווען דער קאָנפערענץ־סעקרעטאַר אויף יידיש. דער סעקרעטאַר אויף העברעיִש בין איך געווען.

איינער פון די דעלעגאַטן — אין וועלכן איך דערמאָן זיך זייער גוט און זיין סילועט שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן — איז געווען וועלוול, דער ברודער פון אַלעקסאַנדער כאַשין (דאַן האָט זיך נאָך כאַשין גערופן מיטן נאָמען וויטעבסקי און ער איז באַרימט געווען אַלס דער עילוי פון דער באַוועגונג). וועלוול האָט זיך דערנאָך אויסגעביטן דעם נאָמען אויף „חיים" און ער איז שוין ביי דעם פאַרטיי־נאָמען געבליבן כל־זמן ער איז געווען טריי דער באַוועגונג. שפּעטער האָט ער געטוישט זיין הויט און איז פּאָפּולער געוואָרן אין רוסלאַנד ווי אַ שאַרפער באַקעמפער פון דער באַוועגונג. דאַן האָט ער זיך אויך געטוישט זיין נאָמען אויף אַבוזשאַמע און אָנגעטאָן ביטערע צרות דער גאַנצער פאַרטיי. זיין גורל איז געווען דערנאָך אַזוי ביטער ווי זיין ברודערס, אַלעקסאַנדער כאַשינס, וועלכער איז געווען באַגאַבטער און מכובדיקער פאַר וועלוולען אַלע יאָרן און אין אַלע זיינע גלגולים.ביידע זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין די קעלערן פון דער געפּעאו...

פון סמאָרגאָן איז געקומען אַ באַיאָרטער, העברעיִשער לערער. פון גרויס געפילעוודיקער איבערגעגעבנקייט האָט ער געשטאַמלט און עס האָט אים פאַרדראָסן אויף זיך אַליין, פאַרוואָס אים געלינגט נישט אַרויסצוזאָגן קלאָר וואָס ער וויל פאַר זיינע אומגעדולדיקע חברים. ער האָט

דערנאָך עולה געווען קיין ארץ ישראל און, דאַכט זיך, געאַרבעט אין ירושלים. פון שטעטל מיר איז געקומען שייקע טיקטינסקי, אַ זון פון ראש ישיבה ר׳ אברהם דער בלינדער און אַן אייניקל פון ראש ישיבה ר׳ חיים לייב. ער האָט דערנאָך עולה געווען מיט דער דריטער עליה און געאַר־בעט ווי אַ פקיד אין דער סוכנות. ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק. דעם פאָטערס אָפּשטייענדיקע אויגן האָט מען שוין דערקענט אין אים, ווען ער איז נאָך געקומען ווי אַ יונגער דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ. פון ביאַליסטאָק איז געקומען דער חבר ליפּאַ. איצט איז ער דער פּראָ־פעסאָר פון אַרכעאָלאָגיע אויף דער העברעיִשער אוניווערזיטעט, אליעזר ליפמאַן סוקעניק (דער פאָטער פון דעם ישראלדיקן גענעראַל־שטאַבס־שעף יגאל ידין). פון באָברויסק איז געקומען, שוין אין מיטן דער קאָנפערענץ, נאָך אַ ליפּאַ. דאָס איז ליפּמאַן לעווינסאָן, וואָס איז געווען דעלעגאַט פונעם קליינעם באָברויסקער סניף פועלי־ציון.

די צוויי צענטראַלע געשטאַלטן, וואָס האָבן באַהערשט די גייסטער אויף דער קאָנפערענץ, זענען אויך געווען די הויפּט־רעפערענטן. איבער זייערע פּאָרטראַגן האָט מען שטאַרק דיסקוטירט. דער איינדרוק פון זייער פערזענלעכקייט און די אָפּקלאַנגען פון זייערע רעפעראַטן האָבן געלייגט אַ געשטאַלטנדיקן חותם אויף דער באַוועגונג אפילו אויף אַ צייט שפּעטער נאָך דער קאָנפערענץ. זיי זענען געווען צוויי: עובדיה (שפּעטער „אבנר״ און היינט — יצחק בן צבי) און יוסף אייזנשטאַט (דער פאַרשטאָרבענער פאָטער פון ד״ר שמואל אייזנשטאַט, וועלכער געפינט זיך אין ישראל).

עובדיה (זאָל מיר בן צבי מוחל זיין וואָס איך דערצייל דאָס אין זיין אָנוועזנהייט. בין איך דאָך איצט אַן אַנדערער און אויך ער איז איצט אַן אַנדערער... רעד איך דאָ נאָר פון געשטאַלטן וואָס לעבן אין זכרון, עפּעס אַזוי ווי אין דעם ערשטן גלגול) איז דאַן געווען אַ העראָיִשע און לעגענדאַרע געשטאַלט אין דער באַוועגונג. מען האָט געוווּסט, אַז ער האָט ערשט נישט לאַנג אַנגעפירט מיט דער זעלבסטשוץ אויפן דרום — און אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט אויך געוווּסט אַז דער פלייסיקער און אי־בערגעגעבענער חבר אברהם מאַכטיי (מען האָט אים דערוואַרט אויף דער קאָנפערענץ, נאָר ער האָט נישט געקענט קומען) האָט אָרגאַניזירט אַ גרו־

פע וואָס האָט עובדיהן באַפרייט מיט כוח. זיי האָבן פשוט איינגעשטעלט דאָס לעבן און אים „אַוועקגעגנבעט“ פון אונטער דעם קאָנוואָיס נאָז. מען האָט אויך געוווּסט אַז ער איז דער איינציקער אין צ. ק. וואָס איז שוין געווען אין ארץ ישראל און אַז ער גרייט זיך צוריק עולה צו זיין אַהין. אין דער גאַנצער גרופּע איז נישט געווען נאָך איינער וואָס זאָל אַזוי בקי זיין אין די ארץ־ישראל־ענינים אַזוי ווי ער. יודעי חן האָבן אויך געוווּסט אַז אין דער „נאַשאַ פּלאַטפאָרמאַ“ — וואָס איז דאַן געווען דער הויפּט־פּראָגראַם בכתב פון דער נייער פּאַרטיי — זענען די קאַפּיטלעך, וועלכע פאַרנעמען זיך אויף אַ פּראַקטישן אופן מיט ארץ ישראל, אָנגעשריבן געוואָרן אונטער זיין השפּעה.

מען האָט זיך דערציילט אויפן אויער אַז אין פּאָלטאַווע האָט מען אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פון דריי וואָס זיי זאָלן אָנשרייבן די פּאַרטייאישע פּלאַטפאָרם: באָראָכאָוו, וויטעבסקי און אבנר (בן צבי). באָראָכאָוו איז דער פאָטער פון דעם גאַנצן טעאָרעטישן טייל אין דער פּלאַטפאָרם; וויטעבסקי (אַלעקסאַנדער כאַשין) האָט באַאיינפלוסט די פּאָלעמישע קאַפּיטלען און ער, בן צבי האָט זיך פאַרנומען מיט דער „רעאַליזאַציע“... דאָס הייסט: מיט די קאַפּיטלען, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן פאַרווירקלעכן דעם פּראָגראַם אין ארץ ישראל. און טאַקע וועגן דער דאָזיקער „רעאַליזאַציע“ האָט ער רעפערירט אויף דער קאָנפערענץ.

ער האָט אָנגעהויבן מיטן אַנאַליזירן די אַראַבער־פראַגע און באַוויזן אַז עס איז בכלל נישטאָ קיין געאייניקט אַראַביש פאָלק אין ארץ ישראל. עס זענען נאָר דאָ פאַרשידענע ראַסן, אַלערליי סעקטעס און שבטים, וואָס זענען צווישן זיך צעטיילט אויף צעקריגטע משפחות. ס'איז גאָרנישט מעגלעך, אַז די אַלע לאַגערן זאָלן זיך אין אונדזערע צייטן פאַרייניקן אין איין נאַציע — אויב מיר זאָלן זיי נישט פאַרייניקן דורך אונדזער נישט־ריכטיקער הנהגה. בשעת זיין דאָזיקן אַנאַליזירן די לאַגע האָט ער פאַר אונדז אַרויסגעוויזן אַ שפע מיט ידיעות, פון וועלכע קיינער פון אונדז האָט ביז איצט קיין באַגריף נישט געהאַט. דערנאָך האָט ער באַוויזן, אַז די אַלע וואָס פרעטענדירן איצט צו רעדן אין נאָמען פון די אַראַבער, זענען בלויז רעאַקציאָנערע עפענדיס, וואָס פאַרשקלאַפן זייערע אייגענע פעלקער

און מען טאָר מיט זיי נישט קומען אין קאָנטאַקט. אַנדערש איז מיט די אַראַבישע אַרבעטער, וואָס אויב זיי וועלן זיך אַמאָל אָרגאַניזירן, זענען מיר דאַן גרייט זיי צו מאַכן פאַר אונדזערע פאַרטנערן. ער האָט דאַן אויך באַוויזן, אַז די ארץ ישראלדיקע עקאָנאָמיק וואַרט אויף אייראָפּעיִשע אַרבעטער; ווייל די אַראַבישע אַרבעטער ווייסן נישט דערווייל ווי אַזוי אויסצופירן די נויטיקע פונקציעס. דערפאַר אָבער זענען אויך פאַראַן אַזעלכע פונקציעס אין דער ארץ ישראלדיקערווירטשאַפט, וואָס צוליב זייער מהות וועלן זיי בלייבן דער מאָנאָפּאָל פון די אָרטיקע אַראַבער און דער אייראָפּעיִשער אַרבעטער וועט זיך צו זיי נישט קענען צופּאַסן. ס'איז זיכער אַז די פאַרטיילונג פון די ראָלן צווישן דעם אַראַבישן און ייִדישן אַרבעטער איז אַ „נאַטירלעכע“. דאַרף מען נאָר וויסן ווי אַזוי דאָס איינצואָרדענען — און עס וועט צווישן זיי נישט זיין קיין קאָנקורענץ. דאָס דאָזיקע און נאָך אַזעלכע אויספירן זיינע, האָבן ביי אונדז אַוועקגענומען אַ סך דאגות פון האַרץ. אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען באַגלייט פון צאָלרייכע פאַקטן; מיט אומבאַקאַנטע פאַר אונדז אַראַבישע און טערקישע נעמען און מיט דער סטאַטיסטיק אויף וועלכער מיר האָבן געוואַרט. האָבן מיר דערזען ממש אויף דער האַנט, אַז אַלץ פון אונדזער פּראָגראַם איז טאַקע מעגלעך און קען אין דער צוקונפט פאַרווירקלעכט ווערן...

דאָס וויכטיקסטע פאַר אַלץ איז געווען דער גרויסער מאָראַלישער צוטרוי, וואָס ער האָט דערוועקט צו זיך ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער מיט אַ שוואַרץ בערדעלע וואָס האָט קוים אָנגעהויבן צו שפּראָצן אויפן שפּיץ קין. זיינע אויגן האָבן דערציילט וועגן זיין יושרדיק האַרץ און זיינע מלבושים האָבן אויסגעדריקט עניוות און באַשיידנקייט. אַלע לעגענדעס וועגן זיין געוואַלטיקער איבערגעגעבנקייט זענען פון זיך אַליין באַשטעטיקט געוואָרן ווי אמתע פאַקטן, ווי נאָר מען האָט אַ בליק געטאָן אין זיין לענגלעך־לויטער פּנים. איך האָב געוווּסט אַז ער איז אַ סטודענט אויפן קיִעווער אוניווערזיטעט. דערויף האָט אויך עדות געזאָגט זיין גוטער רוסיש. מיר האָט זיך אָבער אויסגעוויזן אַז ער איז אַ משולח; אַ מין נייע אויפלאַגע פון יענע משולחים וואָס פלעגן יעדעס יאָר קומען צו אונדז אין שטוב פון טבריה אָדער צפת... איינמאָל, אין אַ קאָנפערענץ־אָוונט, האָבן מיר אים געבעטן ער זאָל אונדז

זינגען עפּעס „מזמרת הארץ״*) און ער איז באַשטאַנען. מיט זיין טיפער באַס־שטימע, וועלכע איז ביי אים געבליבן ביז היינט, האָט ער פאַר אונדז געזונגען „עצי שטים עומדים״. האָט זיך מיר דערביי אויסגעוויזן, אַז אויך ער אַליין איז איינער פון יענע שלאַנקע און ווונדערלעכע טענענבוימער, וואָס שטייען אויף דער וואַך זינט אַלע פאַרצייטנס.

אויב „עובדיה״־בן צבי איז געווען דער פאַרשטייער פון דער „מאַכט״ אין דער פּאַרטיי — איז אָבער יוסף אייזנשטאַט געווען כולו אָפּאָזיציע. אויך אים איז פאַרויסגעגאַנגען אַ לעגענדע: מען האָט אים אַרעסטירט אין פּאַלטאַווע צוזאַמען מיט באָראָכאָוון. די בשורה וועגן זיין באַפרייט ווערן איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין דער „כראָניקא״ אַ שטיקל צייט פאַרן פאַר־קומען פון דער קאָנפערענץ. מען האָט אויך געוווסט: ער אַליין איז אַ באַנקיר אין באָריסאָוו, פירט גרויסע עסקים אין וועלכע ער לייגט אַריין אַ סך איינפאַלן. זיינס אַ פריינט און פּאָליטישער קעגנער, מיינס אַ באַ־קאַנטער בונדיסט פון באָריסאָוו, האָט מיר דערנאָך אַזוי אַרום כאַראַקטע־ריזירט אייזנשטאַטן: ווען מען זאָל, למשל, פאַרלייגן דעם באַנקיר יוסף אייזנשטאַט צוויי מסחרים — איינעם, ביי וועלכן מען דאַרף זיך זייער וויניק באַשעפטיקן און דערביי האָבן אַ זיכערן ריווח... און אַ צווייטן, ביי וועלכן מען דאַרף זיך פּלאָנטערן אַ לאַנגע צייט — און עס איז אַ גרויסער ספק אויב מען קען דערביי פאַרדינען — וואָלט ער זיכער אויס־געקליבן דעם צווייטן... פאַרוואָס? ווייל ער איז „אינטערעסאַנטער״! איך האָב נאָך געוווסט דאָס וואָס מיין בונדישער חבר האָט נישט געוווסט: אַז ער האָט שוין נאָך ,אַ פּעקל״ אויף זיך: אייזנשטאַט האָט דערמעגלעכט מיט זיין געלט אַ פריינט זיינעם, דעם באַברויסקער געלערנטן ר׳ שמואל אַלעקסאנדראָוו (דעם מחבר פון „מכתבי מחקר ובקורת״) אָפּצודרוקן זיינע ספרים „פך השמן״ און „מסכת נגעים״ — און צו איינעם פון זיי האָט ער אָנגעשריבן אַן הקדמה. ער איז אויך געווען אַ מענטש מיט הומאָר. הגם ער איז געווען דער עלטסטער אויף דער קאָנפערענץ איז ער געווען דער פריילעכסטער און זיך געוויצלט מער פון אַלעמען. איז ער געווען דער לעבעדיקסטער אויף אלע זיצונגען.

---

*) אַ וואָרט־שפּיל, וואָס דאַרף באַדייטן: אַ ליד פון ארץ־ישראל.

איך דערמאָן זיך ווי איינמאָל, אין מיטן דער קאָנפערענץ, איז ער אַריינגעפאַלן אין זאַל מיט אַ טרויעריקן פּנים און אַ זאָג געטאָן: חברים, טיילט זיך מיט מיין צער! ס'האָט מיך געטראָפן אַ „זשעלעזנאַדאָראָזשנאַיאַ קאַטאַסטראָפאַ" (אַ באַן־אומגליק)... מיר האָבן זיך דערשראָקן:

— וואָס האָט פּאַסירט, חבר אייזנשטאַט?

— מיין ווייב איז געקומען מיטן צוג...

זיין פּאָליטישער פּאַרטראַג איז געווען אַ מין קאָ־רעפעראַט אין נאָמען פון דער אָפּאָזיציע. זיין רעדן איז געווען פול מיט טעמפּעראַמענט, אַדורכ־געפלאָכטן מיט פאָלקס־ווערטלעך און ציטאַטן פון די חכמים. דאָס האָט ער געוואָלט באַווייזן אַז עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיד צווישן אונדזער „דאָזיקן" קאַמף און דעם „דאָרטיקן". דאָ, אין רוסלאַנד, מוזן מיר באַקעמפן דעם „בונד" עד חרמה. די מפּלה פון צאַר ניקאָליי וועט אונדז גאָרנישט העלפן און מיר פּאַרלירן בלויז צייט ביים דאָזיקן קאַמף. דערפאַר אָבער ד אָ ר ט, אין ארץ ישראל דאַרפן מיר אַליין פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „בונד". נישט מער און נישט ווייניקער! דאָרט דאַרפן מיר קעמפן פאַר דעם אַראָפּוואַרפן דעם סולטאַן און פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון טערקיי. מער גאָרנישט. דאָס אַנדערע וועט שוין קומען פון זיך אַליין און מען דאַרף נישט קיין ווייטערדיקע פּונקטן פאַר אַ פּראָגראַם. די דעמאָקראַטיזאַציע וועט ברענגען מיט זיך די עמיגראַציע — און די עמיגראַציע וועט ברענגען צו אַ קאָלאָניזאַציע — און די קאָלאָניזאַציע וועט ברענגען צו דער רעאַ־ליזאַציע פונעם טעריטאָריאַליזם. דער ציל וועט במילא דערגרייכט ווערן. בכדי אַראָפּצוּוואַרפן דעם סולטאַן דאַרפן מיר זיך פאַראייניקן מיט דער אַראַבישער יוגנט און מיט די יונג־טערקן — און מיט יעדן איינעם, וואָס קען אונדז נאָר העלפן ביים ענדערן דעם טערקישן רעזשים — — —

קומט טאַקע אַ דאַנק אברהם זיידשנור — דעם פּראַקטישן אָרגאַני־זאַטאָר — וואָס ער האָט פאַרגעלייגט אַז די קאָנפערענץ זאָל אויסוויילן דעם ראַיאָן־קאָמיטעט נאָך דאָנערשטיק אין דער פרי, פאַר אייזנשטאַטס רעפעראַט. אין שטאָט איז זייער אומרויִק און מען קען נישט וויסן, אויב און ווי אַזוי די קאָנפערענץ וועט זיך ענדיקן. ס'איז טאַקע אַזוי געווען: יענעם אָוונט, נאָכן רעפעראַט, האָבן זיך די געמיטער צעקאָכט און אַלע דעלעגאַטן האָבן זיך פאַרשריבן צו דער דיסקוסיע, וואָס האָט אויסגעזען

צו ווערן זייער הייס. נאָר פּלוצים זענען אָריינגעקומען די „סיגנאַל־געבער" און מודיע געווען אַז אין גאַס איז נישט רויק. די זיצונג איז טאַקע באַלד איבערגעריסן געוואָרן און מער האָט מען זי שוין נישט באַנייט. דער וויכוח איבער אייזנשטאַטס רעפעראַט איז שוין נישט פאָרגעקומען און די קאָנ־פערענץ איז בכלל נישט געשלאָסן געוואָרן.

צומאָרגנס, פרייטיק אין דער פרי, האָט מען מיר מודיע געווען אין האָטעל אַריין אויף דער יורעווסקאַיאַ, אַז דער ראַיאָן־קאָמיטעט — וואָס מען האָט באַוויזן אויסצוווילן נעכטן — קומט זיך צונויף אין ר׳ מאיר האַלפּערינס העברעישער בוכהאַנדלונג. דאַרף איך דאָרט קומען, ווייל מען וויל באַטראַכטן וואָס פאַר אַן אויפגאַבע מען זאָל מיר אָנפאַרטרויען. עס איז ערשט געווען איבער אַ יאָר ווי איך האָב געהערט צו דער פאַרטיי; איך האָב זיך אָבער שוין אויסגעלערנט אָנצונעמען חברים־באַשלוסן. זינט מיין קומען צוריק פון דער טורניי איבער די אַרומיקע שטעטלעך — ביים אָר־גאַניזירן די זעלבסטשוץ — האָב איך מער נישט געטראַכט צו בלייבן אין מיין שטעטל. דאָס לערנען גמרא מיט פוסקים האָב איך אוועקגעלייגט — און קיין גוטן לערער פון אַלגעמיינע לימודים האָט דאָס שטעטל נישט געהאַט. האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאָרן אין אַן אָרט וווּ מען קען זיך בילדן. מיין טאַטע האָט געזען, ווי אַזוי איך פייניק זיך און ער האָט מיך באַשלאָסן צו שיקן צו מיין פעטער — דער מאַמעס ברודער וועלכן מיר אַלע האָבן שטאַרק ליב געהאַט — קיין באַראַנאָוויטש, וועלכער איז אויך געווען אַ באַגייסטערטער ציוניסט.

אין באַראַנאָוויטש איז געווען אַ קריסטלעכער סטודענט, ביי וועלכן כ׳האָב אָנגעהויבן צו לערנען רוסיש און אַנדערע „שבע חכמות", וואָס זענען פאַרבונדן מיט עקזאַמענס פון אַן עקסטערן. דאָרט איז פונקט געווען אַ באַן־שטרייק. געדענק איך, ווי אַזוי כ׳בין דאַן געגאַנגען מיט דער מומע און דעם פעטער צום וואָקזאַל דערוויסן זיך, אויב און ווען דער איבערגע־ריסענער קאָנטאַקט מיט דער וועלט וועט באַנייט ווערן. אין באַראַנאָוויטש בין איך פאַרוויקלט געוואָרן אין שאַרפע דיסקוסיעס מיט מענטשן פון ס.ס. וועלכע זענען געווען „שטאַרק" אין שטעטל. דערמאָן איך זיך, ווי אַזוי איך בין איינמאָל צעטומלט געוואָרן: שפּעט ביינאַכט בין איך געשטאַנען אין דער „טשיטעלניע" (לייען־זאַל) און גערעדט אויף אַ געהיימער פאַר־

זאַמלונג, וואָס איז דאָרט איינגעאָרדנט געוואָרן. פּלוצים האָב איך דערזען ווי אויך מיין פעטער איז צווישן מיינע צוהערער. כ׳האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דער פעטער וועט קומען ביינאַכט אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג וואָס די ס.ס. האָט גערופן... איז ער טאַקע געשטאַנען און זיך נישט געקענט צוגלייבן אַז דאָס רעדט טאַקע מיין מויל צו די פאַרזאַמלטע. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און די פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט, אַז מיין סטודענטישער לערער איז אַ מיטגליד פון די ס. ר. און אַז ער אַגיטירט די באַן־אַרבעטער. האָט מען אים אַרעסטירט און איך בין ווידער געבליבן אָן אַ לערער.

האָט מיך דער טאַטע אַוועקגעשיקט צו אַ צווייטן פעטער, זיין עלטערער ברודער פון דובראַוונע, ווו דער טאַטע איז געבוירן געוואָרן. דער פעטער, צוזאַמען מיט זיין אַלטן שווער האָבן געהאַט אַ טליתים־פאַבריק, וואָס איז באַרימט געווען „אין גאַנצן לאַנד״. איבער אַלע יידישע שטעטלעך פונעם תחום המושב זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן געניטע משולחים, צו פאַרשפּרייטן די גרויסע טליתים, ברייטע און וואָלענע, וואָס זענען געוועבט געוואָרן ביים פעטער אין פאַבריק. זיי האָבן אויך פאַרקויפט די זיידענע טליתים, וואָס זענען געוועבט געוואָרן ביים פעטערס זון אין פאַבריק. דאָרט האָב איך געזען די יידישע נויט אין אַלע אירע גרוילן. איך בין געגאַנגען פון איין וועבערס הויז צום צווייטנס, איבער דער גאַנצער „קליינער זייט״ פון דניעפּער ווו עס האָט געהערשט דער פעטער מיט זיין פאַבריק; און איבער דער „גרויסער״, צווייטער זייט דניעפּער, ווו די ייִק״אַ האָט אויפגעשטעלט אַ נייע און מאָדערנע וועבער־פאַבריק. דאָס האַרץ איז צעגאַנגען אין אָנבליק פונעם דלות וואָס האָט געהערשט אין די וועבערישע היימען, אַפילו פון די „פּריוואַטע״ וואָס האָבן געהאַט אייגענע „בולן״, געוועבט ביי זיך און געבערענגט דערנאָך די פאַרטיקע טליתים צו פאַרקויפן אין פאַבריק. זיי זענען געווען כשרע, פרומע יידן, די דאָזיקע אַרבעטער און מטופּלע מיט אַ סך קינדער. זיי האָבן געאַרבעט פון איין פרימאָרגן צום צווייטן — און נאָך אַלעמען געשטאָרבן זיבן מאָל אין טאָג פון הונגער, צוזאַמען מיט די ווייבער און מיט די אומצייליקע, קראַנקע קינדער— וואָס זענען געווען בלייך ווי קרייד. איז מיין קאָפּ נישט געלעגן ביי די לעקציעס וואָס דער נייער סטודענט פון אָרשע האָט מיר געגעבן. אין גע־

ציילטע וואָכן אַרום בין איך שוין געווען אינעם קאָמיטעט פון אָרטיקן סניף פּועלי ציון. איך האָב אפילו אָרגאַניזירט אַ וועבער־שטרייק קעגן מיין פעטער און גאַסט־געבער, הגם איך האָב אים אַזוי ליב געהאַט. איך קען נישט פאַרגעסן די שווערע נויט, וואָס האָט אַ תל געמאַכט פון די פאָלקס־טימלעך־יידישע אַרבעטער — וועלכע האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אין דובראָוונע מיט אַלע אירע תהומיקע שרעקלעכקייטן... אַז דער שטרייק האָט אויסגעבראָכן און מען האָט דערקענט אַז מיין האַנט שטעקט דערין — האָב איך נישט געהאַט קיין אַנדער עצה נאָר צו פאַרלאָזן דעם פעטערס שטוב און זיין שטעטל.

געדענק איך נאָך דעם רעפעראַט, וואָס איך האָב געהאַלטן נאָכן צו־ריקקומען אַהיים, פאַר מיינע חברים אין ווערלדל, וועגן מיין צונויפטרעף מיט אמתע יידישע אַרבעטער — וואָס זייער יידישקייט איז ערלעך און זייערע ליידן זענען ערלעכע. דאַן האָב איך געשלאָסן אַ בונד מיט פּועלי ציון. איך בין געקומען צום אויספיר, אַז אויך מיין דורשט צו תורה און וויסן וועל איך נישט קענען שטילן — סיידן איך וועל גלייכצייטיק דינען דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס לייזט אויס און ווערט אויסגע־לייזט. בין איך גרייט געווען אויסצופירן אַלע אויפגאַבן וואָס מ׳וועט אויף מיר אַרויפלייגן.

צוליב דעם האָב איך אויך געוווסט, ביים גיין צו האַלפערנען אין גע־שעפט אַריין הערן וואָס דער נייער קרייז־קאָמיטעט וועט פאַר מיר באַ־שטימען, אַז וואָס מען וועט אויף מיר אַרויפלייגן וועל איך מקיים זיין. איך האָב נאָר געטאָן אַ נדר אין האַרץ: איך וועל זיך באַשטימען צייטן צום לערנען, אַפילו ווען איך וועל אויספירן די באַפעלן און וועל פאַרטייִיש טעטיק זיין!

און טאַקע אַזוי: ווען איך בין געקומען אין דער ספרים־קראָם פון ר׳ מאיר האַלפערן (דער מחבר פון „ספר נוטריקון״, וואָס אונדזער מיכל ראַ־בינאָוויטש, דער שפּעטערדיקער אַרויסגעבער פון „הדרום״ אין ירושלים, איז געווען זיין איידעם), האָב איך געטראָפן אונדזער קרייז־קאָמיטעט באַ־האַלטן אינעם קליינעם צימערל, אונטערן קראָם־טישל, צוליב קאָנספּי־ראַציע. מאָטל בויגן און אברהם זיידשנור זענען צו מיר אַרויסגעקומען און מיר מודיע געווען אַז דער קרייז־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ

פאַרלאַג „האַמער" און אַרויסצוגעבן דעם פּאַרטיי־אָרגאַן אין ווילנע. מיין אויפגאַבע וועט זיין, בעת מען וועט מיך אַרויסרופן, צו ווערן דער איבער־זעצער. די מנהיגים פון דער באַוועגונג שרייבן רוסיש און די צייטונג וועט אַרויסגיין אין ידיש. איך האָב נאָך אין יענער מינוט נישט געוווסט, ווי אַזוי איך זאָל וועגן דעם דאָזיקן באַפעל דערציילן אין שטוב; ווי אַזוי איך וועל דערויף באַקומען מיינע עלטערנס דערלויבעניש און ווי אַזוי איך וועל דאָס קענען צונויפּפּאַרן מיט מיין באַשלוס צו שטודירן... כ'האָב אָבער גע־ווּסט: דעם דאָזיקן באַשלוס וועל איך אויספירן. ס'איז טאַקע אַזוי געווען: כ'האָב אים אויסגעפירט...

אויפן וועג האָב איך זיך פּלוצים דערמאָנט אַז די גאַנצע וואָך איז שוין פאַרביי און איך בין נאָך נישט געווען ביים אויגן־דאָקטאָר, הגם דער טאַטע האָט מיר אַליין פאַרשריבן זיין אַדרעס און אין טאַש האָב איך נאָך דעם האַלבן רובל פאַר זיינעטוועגן. האָב איך אַוועקגעאיילט צום ד"ר קאַמינסקי, וואָס האָט גראָד געוווינט אויף דער נאָענטסטער גאַס. יענער האָט מיר באַטראַכט די אויגן און — צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג האָט ער מיר פאַרשריבן ברילן.

טראָג איך פון דאַן אָן ברילן, ביזן היינטיקן טאָג.

# דאָס מיניסטעריום פאַר גלות-וואַנדערונג

א.

דעם וועד ארבע הארצות האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט. דער כראָנאָלאָגישער מהלך צווישן אים און מיין צייט איז זייער גרויס. דאָס יידישע מיניסטעריום אין אוקראַינע און אין ליטע האָב איך אויך נישט געהאַט די זכיה צו קענען. ס'איז געווען אַ ווייטער געאָגראַפישער מרחק צווישן זייער אָרט און מיין אָרט, אָבער פונדעסטוועגן קען איך נישט זאָגן, אַז אויך איך, אין מיין צייט און אין מיין אָרט, האָב גאָרנישט קיין שום מעגלעכקייט צו מאַכן מיר אַ קליינע פאָרשטעלונג פון אָט דער וווּנדער־באַר־אייגנטימלעכער היסטאָרישער דערשיינונג. און ווייל איך מיר אויס־מאָלן אַ קאָנקרעטן רמז אויף דעם אַבסטראַקטן באַגריף פון יידישן אויטאָנאָמיזם אין די גלות־לענדער; וויל איך דערפילן ווי אַזוי מיר האָבן מקיים געווען למעשה די פאַרשאָלטענע ברכה פון חומש: „און אפילו ווען זיי וועלן זיין אין די לענדער פון זייערע פיינד, וועל איך זיי נישט פאַרמיאוסן און נישט פאַרמשפּטן צו פאַרלענדונג"; וויל איך אָנטאַפּן ווי אַזוי מיר האָבן מצליח געווען אויפצושטעלן אויך דאָרטן מיט אַ סך טרייקייט און עקשנות־דיקער גלות־חכמה אַ קליינעם אָפּשיין פון אַ כמו־זעלבסטשטענדיקייט אין מיניאַטור — מאַך איך צו די אויגן און הייב אַרויס פון מיינע זכרונות יענע גרויסע, שיינע, דריישטאָקיקע הויז אויפן ראָג לערמאָנטאָווער און אָפּיצערסקע גאַס אין פּעטערבורג, דער הויפּטשטאָט פון צאַרישן רוסלאַנד. ס'איז געווען פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, יענע הויז, ווו ס'איז געווען די גרויסע כאַר־שול, וועמענס בילד ס'איז אָפּגעדרוקט אין אַלע גרויסע יידישע ענציקלאָפּעדיעס און וואָס מיט איר געביי האָט

זיך באַשעפטיקט דער „בצלאל בן אורי בן חור" פון רוסישן ייִדנטום — מרדכי־מאַרק אַנטאָקאָלסקי אַליין. ביים באַשטימען די אָרנאַמענטן האָט זיך אפילו באַטייליקט וו. סטאַסאָוו, וועלכער האָט געהערט צו די חסידי אומות העולם פון דער פּראָגרעסיוו־רוסישער אינטעליגענץ און האָט זיך אינטערעסירט מיט דער מזרחדיקער און ייִדישער קונסט. דאָס דאָזיקע הויז האָט נאָך גאַסטפּריינטלעך אויפגענומען די פאַרוואַלטונג פון דער „חברה מפיצי השכלה" — איידער די געזעלשאַפט האָט באַקומען אירע אַן אייגענע דירה איז זי דאָרט געווען מיט אירע גבירים און משכילים. דאָרט איז אויך געווען איר מוסטער־שולע, צוזאַמען מיט די לערער און תלמידים. אין יענעם הויז איז אויך געזעסן די אָנפירערשאַפט פון דער פּעטערבורגער ייִדישער קהילה, וואָס האָט זיך באַטראַכט ווי „די קהילה איבער אַלע קהילות" אין גלות רוסלאַנד, מיט זיינע מיליאָנען ייִדן. אַהין האָבן זיך געצויגן די פעדעם פון אַלע שטעטלעך, די געשרייען פון גרויסן רוסישן ייִדנטום, אָפּקלאַנגען פון זיינע צרות און רדיפות, בלבולים און גזירות וואָס זענען באַנייט געוואָרן יעדן פרימאָרגן... טאָג־טעגלעך האָט מען זיך געמוזט ראַנגלען כדי זיי מבטל צו מאַכן, אָדער צו פאַרלייכטערן מיט די אַלטע ייִדישע מיטלען פון „דורון, תפילה אָדער מלחמה" — און אַמאָל מיט אַלע צוזאַמען, אָן אַ סוף און אָן אַ גרענעץ...

אין איינעם פון די ברייטע זאַלן אין יענעם הויז, אויפן העכסטן שטאָק, איז זיך אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אין סאַמעטענע סאַנדאַלן אויפן קאָלירטן טעפּיך דער גרייז־גראָער בחור מיט די וווּיל דערצויגענע פראַנצויזישע מאַנירן, דוד פאָדעיעוויטש פיינבערג. ער איז געווען דער אַמבאַסאַדאָר פון דער פאַריזער יק"א און פאַקטישער אויפזעער אירער איבער אַלע ייִדן פון דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע. ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ סך דאגות: פאַרוואָס די פּעטערבורגער קהילה דאַרף האָבן אַ נייעם ראַבינער — און זי האָט אים נישט; פאַרוואָס די שולע דאַרף האָבן אַ בעסערן דירעקטאָר — און מען קען אַזעלכן נישט געפינען... ער האָט געזאָרגט וועגן עפּעס אַ דערלויבעניש פון אַ „סטאָלאָ־נאַטשאַלניק" וואָס מ'קען אים נישט „איינבייסן" — און וועגן אַ געוויסער הלוואה, וועלכע איז צוגעזאָגט געוואָרן אין פּאַריז — און מ'זעט זי נישט. פון דאָזיקן הויז איז דעמאָלט אַ וואָרף געטאָן געוואָרן דער געדאַנק איבער אַלע ייִדי־

שע קהילות אין תחום המושב צו שאַפן אַ פאַרצווייגטע נעץ פון „יזיק״אַ־בענקלעך און לייַ־ און שפּאָר־קאַסעס״. צו זיי זענען צוגעקומען אַנדערע אינסטיטוציעס וואָס די יזיק״אַ האָט געשאַפן, ווי: די יזיק״אַ ביוראָ פאַר עמיגראַציע, יזיק״אַ־פאָנדן פאַר קאָלאָניזאַציע, יזיק״אַ־בענק פאַר קאָאָפּעראַציע, יזיק״אַ־קאָאָפּעראַטיוון פאַר מלאכה א״אַ. פון דאָרט האָט מען אַרויסגעשיקט דערציִער און אינסטרוקטאָרן, אינספּעקטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פאַר די „בענקלעך״ פון פּוילן און ליטע און פאַר די ייִדישע קאָלאָניעס אין כערסאָנער גובערניע, טאַווריע און קרים; און פאַר די הונדערטער יזיק״אַ־קאָמיטעטן, וואָס האָבן דאַן באַדעקט אַלע שטעט און שטעטלעך, גרויסע און קלייניקע איבערן גאַנצן תחום המושב.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ביז דאָס הויז איז צו קליין געוואָרן פאַר דער געוואַלטיקער יזיק״אַ־טעטיקייט אין גרויסן רוסלאַנד. די יזיק״אַ־ביוראָס מיט דער גרעסטער צאָל אָפּטיילונגען פאַר לאַנדווירטשאַפט, קרעדיט־קאָאָפּעראַציעס, עמיגראַציע, מלאכה, פאַך־אויסבילדונג, קעגנזייטיקער הילף און אַנדערע זענען אַריבער אויף אַ צווייטן אַדרעס. דאָס איז געווען אַ נאָענט הויז אויף דער אָפּיצערסקע גאַס נומער 60, וואָס די יזיק״אַ האָט אָפּגעקויפט. אין דעם דאָזיקן הויז האָט זיך ביים אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג באַזעצט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט מיט איר רירעוודיקער טעטיקייט געשטעלט אין שאָטן אפילו די יזיק״אַ־ביוראָס אַליין. ס׳איז דאַן געגאַנגען אַ כוואַליע פון ייִדן־גירושים און פּליטים מחנות. דער גרויסער הילפס־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך דאָרט באַזעצט, האָט געטראָגן דעם נאָמען „יעקאָפּאָ״. אָבער אויך דאַן איז דער טומל פונעם ערשטן, פריִערדיקן הויז נישט אַוועק. אדרבה, ער האָט זיך נאָר אַזוי ווי אויסגעלייטערט. ווי נאָר דער גאַנצער רעש אַרום גשמיותדיקע ענינים האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעצויגן, איז ער לגמרי געווידמעט געוואָרן גייסטיקע ענינים. אַהער האָבן זיך פאַרזאַמלט די מיטגלידער פון דער „וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט פאַר ייִדישער געשיכטע און עטנאָגראַפיע״, כדי צו האַלטן דאָרטן זייערע אַקאַדעמישע רעפעראַטן. דער ערן־פאָרזיצער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט איז געווען מ. ווינאַווער, אָבער איר פּאַקטישער אָנפירער איז געווען איר וויצע־פאָרזיצער און היסטאָריקער, אונדזער לערער שמעון דובנאָוו. ער פלעגט דאָ פאָרלייענען זיינע איינלייטענדע רעפעראַטן, וואָס

זענען דאַן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער היסטאָרישער פערטליאָרשריפט „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ" (יידישע אַלטערטימלעכקייטן) און ער האָט זיי שפּעטער אויך טיילווייז אַריינגענומען אין זיין גרויסער „געשיכטע". דאָ זענען פאָרגעקומען שטורמישע דעבאַטן אויף די אסיפות פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט", בראש פון וועלכער ס'איז ווידער געשטאַנען דער זעלבער ר' שמעון דובנאָוו. און דער פאַקטישער פירער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „פריינד" ש. מ. גינזבורג און זיין רעכטע האַנט איז געווען דער ווירטואָז באַגאַבטער חיים טשעמערינסקי (ר' מרדכילע). די דאָזיקע ליטעראַרישע געזעלשאַפט האָט דאַן געגרינדעט אַ סך אָפּטיילונגען איבער אַלע שטעט פון דעם תחום און אויסער אים. בעת די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן האָבן זיי טאַקע געדינט אַלס זיכערע אַנטרינונג־ווינקעלעך פאַר די רעשטלעך פון דער אויפגעשטורעמטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אין זיי האָט זיך עס געפירט דער שפּראַכן־קאַמף מיט זיין גאַנצער זיסקייט און האַרבקייט. דאָ האָט עס איינמאָל דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיקער און טעאָרעטיקער פון דער „איסקראַ", ברוך סטאָלפּנער, אַזוי שטאַרק איבעראַשט די מיטגלידער פון דער „פילאָזאָפיש־רעליגיעזער געזעלשאַפט" מיט זיין התלהבותדיקן אויסגעשריי: שמע ישראל, ה' אלהינו ה' אחד... אַהער איז עס אַמאָל אַראָפּגעקומען רעפערירן אין זיינע דעמערונגס־שעהן — בעת ער האָט זיך אַ ביסל אויסגערוט פון זיין „כיימיסטישער" תקופה ביז זיין איבערגיין צום יעווסעקיזם — ירמיהו נאָוואַקאָווסקי. און זיין רעפעראַט איז דווקא געווען אויף דער טעמע: „די פּראָגרעסיווע יסודות אין תלמוד". דאָ פלעגט זיך צונויפקומען דאָס קליינע הייפל פעטערבורגער נכבדים, וואָס האָבן געהערט צו די „חובבי שפת עבר", מיטן באַראָן גינצבורג בראש און מיט ד"ר בוקי בן יגלי אַלס פּרעזידענט. דאָ האָבן איינגעאָרדנט זייערע פאַרזאַמלונגס־קאָנצערטן די ערשטע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקס־מוזיק. עס זענען דאָרט געווען זשיטאָמירסקי, שאַליט, קריין, לבוב, סאַמינסקי און אַנדערע וואָס האָבן אויפגעלעבט יידישע ניגונים „פון טאַטנס שטוב", וועלכע האָבן אָנגעהויבן פאַרגעסן צו ווערן ביי די ברעגן פון דער פרעמדער ניעווע. דאָ האָט עס געשטורעמט די פּאָזיציעס פון דעם פּעטראָגראַדער ציוניזם וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. דאָ האָט מען געפייערט דאָס קומען פון חיים

נחמן ביאַליקן און דאָ האָבן מיר באַווײַנט אונדזער לערער באַראָן דוד גינצבורג, זיבן טעג נאָך זײַן פּטירה.

אָבער אין יענע טעג, ווינטער 1909, האָט דאָס הויז נאָך געדינט פאַר ענינים פון חומר און גייסט צוזאַמען. די רעאַלע הילפס־טעטיקייט האָט נאָך בכבודיק געוווינט בשכנות מיט דער השכלה. די אַלע אָפּטיילונגען פון דער יִיק״אָ — וואָס זענען פאַרצווייגט געוואָרן און געוואַקסן ווי אויף הייוון ביז עס האָט אויסגעזען אַז יעדע וועט ווערן אַ גאַנצע מלוכה פאַר זיך — האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין דעם מוטער־הויז, וואָס האָט זיי אויס־געטראָגן; אויסגעזען ווי אויסגעגעבענע טעכטער, וואָס זענען נאָך נישט אַרײַ־בער צו ווײַנען „פאַר זיך״. און איין אָפּטיילונג איז דאָרט געווען, וועלכע איז באַזונדערס גרויס געוואָרן און זיך אויסגעשפּרייט איבער אַלע ייִדישע שטעטלעך פון תחום און האָט זיך זאַט־געוויקלט אין ביטערע צרות. דאָס איז געווען די אָפּטיילונג פאַר ייִדישער עמיגראַציע. די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט זיך עס פאַרנומען צו צעשפּרייטן ייִדן פון איין גרויסן אײַנגעוואָרצלטן גלות, אין אַ סך נײַע ווײַטע און פאַרשידענע גלותן. מיט איר האָט עס אָנגעפירט דער באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן, שמואל בן יעקב יאַנאָווסקי.

ב.

אין יענעם הויז אַרײַן און צו יענער אָפּטיילונג האָט מיך אַרײַנגע־פירט די זאָרגעוודיקע האַנט פון מײַן לערער, דער פּרינץ פון די ייִדן, באַראָן דוד בן האַראָץ גינצבורג. דאָס איז געווען סוף ווינטער 1908. עס האָט זיך דאַן געענדיקט דער ערשטער סעמעסטער אין זײַן ליבלינגס־אינ־סטיטוט, וואָס זײַן אָפיציעלער נאָמען איז געווען „העכערע קורסן פאַר מזרח־לימודים״ — און זײַן אָנגענומענער נאָמען איז געווען „אַקאַדעמיע פאַר חכמת ישראל״. באַראָן דוד גינצבורג איז דאַן, ביים ערשטן סעמעס־טער, געווען דער גרינדער, לעקטאָר, דירעקטאָר, פּאַטער און פאַרזאָרגער פון די תלמידים. די סטודענטן זענען זיך צונויפגעקומען פון אַלע תחום־שטעט; יעדער איינער מיט אַ קליינעם באַגאַזש קענטעניש און מיט אַ גרויסן דורשט נאָך וויסן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט נישט געהאַט קיין וווינ־רעכט אין פּעטערבורג — און כמעט אַלע האָבן געהאַט ליידיקע טאַשן. דער

רעקטאָר איז דאַן געווען דער גרינדער גופא, באַראָן דוד גינצבורג. נאָך זיין טויט האָט אים פאַרטרעטן ד״ר י. ל. קאַצענעלסאָן (בוקי בן יגלי), וועלכער איז דאַן צוגעטראָטן רעדאַגירן די יידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע און האָט אַרום זיך קאָנצענטרירט אַלטע געלערנטע און יונגע מיטהעלפער. צווישן די לערערס איז געווען קודם כל דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. וועמענס נאָמען ס׳איז באַרימט געווען איבערן גאַנצן תחום און ער איז טאַקע געווען דער צויבער פון די אַלע יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געזוכט שליסלען צום פאַרשטיין דעם גורל פון די יידן צווישן פעלקער. ס׳האָט נאָך געהאַלטן פאָרלעזונגען דער אַלטיטשקער פּראָפעסאָר דניאל כוואָלסאָן, וועל־כער איז אָפיציעל שוין צענדליקער יאָרן געשטאַנען אויסער דער יידישער געזעלשאַפט. אין צווישן האָט ער שוין באַוויזן אויפצושטעלן אַ גאַנצן דור פון גלחים פאַר דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע. אָבער אין זיינע לעק־ציעס, וואָס ער האָט אונדז געגעבן אין זיין פּריוואַטער דירה — זיצנדיק אין אַ באַוועגלעכער ליג־שטול, פון וועלכער ער האָט זיך מער נישט גע־קענט רירן — האָט ער נאָך גערעדט וועגן העברעיִש ווי וועגן „אונדזער שפּראַך״ און וועגן יידישן פאָלק מיטן לשון „אונדזער פאָלק״... מיט זיי זענען געווען אַ שורה יידישע געלערנטע, יינגערע און עלטערע, ווי: י. י. מארקאָן, ד״ר א. זארזאָווסקי, י. א. גינצבורג און וו. אשכנזי. דערנאָך זענען צוגעשטאַנען ה. ב. סליאָזבערג, ס. מ. גאָלדשטיין און זיי צו לאַנגע יאָר — א. קארלין, ד״ר מאַרק ל. ווישניצער א״אַ. דאַן אָבער, ביי די ערשטע טריט, איז דער עיקר־לאַסט געלעגן אויפן גרינדער, באַראָן גינצבורגס פּלייצעס. ער איז געווען דער רבי און דער פאָטער. זיין אויג האָט אַכטונג געגעבן אויף די גענג פון יעדן תלמיד וואָס איז אים געפעלן געוואָרן און וועלכן ער האָט דערנענטערט צו דער דאָזיקער, מערבדיקער חכמת ישראל, וואָס איז נאָך געווען אַ נייעס אינעם צענטער פון מזרח־יידנטום.

איך בין געווען איינער פון די תלמידים, אַ יונגער בחורל וואָס איז אָנ־געקומען פון ליטע. איך האָב הינטער זיך געהאַט נישט נאָר וויניק יאָרן פון לערנען, נאָר אויך שוין עטלעכע יאָר פון נישט לערנען. איך האָב אָבער שוין ביי זיך באַשלאָסן נישט צו אורטיילן וועגן דער צוקונפט פון יידישן גורל, איידער כ׳וועל ערנסטער שטודירן די יידישע פאַרגאַנגענהייט.

דאָס האָב איך באַשטימט נאָך דעם ווי די גרויסע שיף פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט שוין באַוויזן צעשלאָגן צו ווערן — און דאָס שטורמיש שיפּעלע פון דער יידישער באַנייונג, אינערהאַלב דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, האָט זיך שוין איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. דעם בריוו צו די גרינדער פון דער אַקאַדעמיע — וועגן מיין פאַרלאַנג צו ווערן דאָרט סטודענט — האָב איך אָנגעשריבן ליגנדיק אויף דער אויבערשטער באַנק פון דער פּאָליטישער אַרעסטאַנטן־קאַמער אין דער ווילנער תּפיסה. ביים סוף פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע איז יעדע תּפיסה געווען איבערגעפּולט מיט יונגע אַרעסטאַנטן. די אַנדערע חברים מיינע אין דער אַקאַדעמיע (אַ האַלבער טוץ געקומענע פון די פּראָווינץ־שטעט, און נאָך אַ האַלבער טוץ סטודענטן פון דער פּעטערבורגער אוניווערסיטעט גופא), זענען געווען דער גאַנצער קרייז פון דעם ערשטן סעמעסטער און זענען דאָס רוב געווען שנו־ופירשניקעס. טייל פון זיי זענען מיטגערייסן געוואָרן מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; טייל פון זיי זענען געווען טרייע ציוניסטן און אַנדערע האָבן צונויפגעפּאַרטביידע אידייען צוזאַמען. אַלע האָבן שוין באַוויזן צו זען די שקיעה פון זייערע באַוועגונגען פאַר זייערע אויגן און זענען קוים מיטן חיות אַנטלאָפן צו דער דאָזיקער נייער היים פון יידישער וויסנשאַפט, וואָס באַראָן גינצבורג האָט פאַר זיי אויפגעבויט אין דער רוסישער הויפּטשטאָט. אַלע זענען זיי געווען „פרינגע" אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט און פרעמד אין דער מלוכה־שטאָט. איז זייער דערהויבענער רבי געוואָרן אויך זייער מחנך און וועגווייזער. געהאַט האָט באַראָן גינצבורג אַ זעלטענע ביבליאָטעק, איינע פון די אויסגעצייכנטסטע אין גאַנץ רוסלאַנד, סיי לויט איר רייכקייט און סיי מיט איר צוזאַמענשטעל. זי האָט פאַרנומען אַ ריי צימערן, פאַרמאָגט אַ סך צענדליקער־טויזנטער בענדער — און גאַנצע קאָלעקציעס פון טייער־ווערטיקע ספרים און כתבי־יד. די דאָזיקע ביבליאָטעק האָט די ערשטע צייטן געדינט אויך אַלס אָרט פאַר די פאַרטראַגן. דערנאָך איז געפונען געוואָרן אַ באַזונדערע דירה פאַר דער אַקאַדעמיע. צוערשט איז עס געווען אויף דער ערשטער ליניע נומער 4, דערנאָך אויפן נאָענטן אַקאַדעמישן געסל נומער 6 און צום סוף אין אַ סטאַבילער דירה אויף ליניע 8 נומער 33 — וווּ אויפן זעלבן הויף האָט געוווינט אויך שמעון דובנאָוו. אָבער אויך נאָך דעם האָט די ביבליאָ־

טעק ווייטער געדינט פאר אונדז ווי אַ מקום תורה. אונדזער רבי האָט אונדז אַהער איינגעלאַדן יעדן זונטיק, זיבן אַזייגער אין דער פרי צו קומען „שפּאַצירן צווישן די ספרים”.

שוין לאַנג פלעגן מיר פאַרברענגען צווישן די ביכער, אָן אַ פאָרויס־באַשטימטן פּראָגראַם דערצו. די ביכער־שרענק פלעגן דעמאָלט זיין צעעפנט, די לייטערס אַרויפצוקלעטערן זענען געשטאַנען דאַנעבן און די לאָמפּן זענען אָנגעצונדן געוואָרן. אַלץ איז גרייט געווען פאַר אונדז און מיר האָבן דאָרט געקענט זוכה זיין נישטערן וויפל אונדזער האַרץ האָט נאָר געגלוסט, כדי זיך „אָנצושמעקן מיטן ריח פון די ספרים”. אין אַ שעה אַרום פלעגט אַריינקומען דער באַראָן און באַגלייטן זיינע תלמידים בעת זייערע זוכע־נישן. ער פלעגט אָנהייבן אַ שמועס מיט אַ זוכנדיקן תלמיד איבער דעם ענין וואָס האָט יענעם דאַן אינטערעסירט, געהאָלפן אים געפינען אין דער ביבליאָטעק אַנדערע מאַטעריאַלן און מקורות וועגן דער פראַגע. ער האָט זיי אויסגעזוכט אין יעדן חדר באַזונדער, ווו נאָר ער איז גראָד דאַן צופעליק געווען. ער איז געגאַנגען פון איין שראַנק צו דער צווייטער און פון איין תלמיד צום אַנדערן — און בשעת זיין שמועס זיך אַריבערגע־טראָגן פון איין טעמע צו דער צווייטער, באַלעבנדיק זיי אַלע מיט זיין אָנטייל. די דאָזיקע שפּאַצירן צווישן די ספרים־רייען זענען געווען פאַר אונדז, אין יענעם ערשטן יאָר שטודירן אין דער אַקאַדעמיע, דאָס טייערסטע פון אַלע לעקציעס. פאַר מיר פערזענלעך איז די דאָזיקע ביבליאָטעק אין יענעם יאָר געווען נישט נאָר אַ שטודיר־אָרט, נאָר אויך מיין ערשטער אַרבעטס־פּלאַץ. דאָרט האָט מיך דער באַראָן גינצבורג אַוועקגעזעצט נעבן זיך און מיך אויסגעלערנט לייענען פאַרצייטיש־העברעיִשע כתבי־ידן, אין ספרדישן קורסיוו, אין איטאַליעניִשן קורסיוו, ווי אויך אין קורסיוו פון חצי קולמס. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָב איך זיך שוין געקענט פאַר־דינען מיין ברויט מיט איבערשרייבן אַלטע כתב־ידן אין דער ביבליאָ־טעק. איך האָב איבערגעשריבן, צום דרוקן, קאַפּיטלען פון אבן עזראס „תרשיש” און דעם ספר „יסוד עולם” פון ר׳ יצחק הישראלי, וואָס האָט זיך געפונען אין דער ביבליאָטעק און איז געשריבן געווען מיט אַן אַלטן כתב פון אייגנאַרטיקן שטייגער. דערנאָך האָב איך אויך איבערגעשריבן אַ רוסישן מאַנוסקריפּט פון באַראָן גינצבורג גופא וועגן די ריטמישע גע־

זעצן פון דער פּאָעזיע. ער האָט דאָרט געבראַכט אַ שפּע ביישפּילן פון לערמאָנטאָווס „מצירי" און פון ר' יהודה הלויס ים־לידער (ווו זענען היינט די דאָזיקע טייערע כּתב־ידן? ווו איז בכלל דער דאָזיקער זעלטן־הערלעכער אוצר?).

ווען מיין אַרבעט אין דער ביבליאָטעק האָט זיך געענדיקט, האָט מיך דער באַראָן, אין איינעם אַ פּאַרוואָלקנטן טאָג, גענומען און אַוועקגעפירט אין יענעם גרויסן הויז אויף דער אָפּיצירן גאַס, אָנצוהייבן אַרבעטן יעדן פרימאָרגן אין דער אָפּטיילונג פאַר ייִדישער עמיגראַציע צוזאַמען מיט ש. י. יאַנאָווסקי.

## ג.

ס'איז געווען סוף ווינטער ווען אין פּעטערבורג צעלאָזן זיך די שנייען. דער באַראָן איז מיט מיר געגאַנגען צופוס פון זיין ביבליאָטעק אויף דער ערשטער ליניע נומער 4, אויפן וואַסילער אינדזל, ביז צום הויז פון יק"אַ. מיר האָבן געדאַרפט אַדורכגיין די ניקאָלאַיעווער בריק איבער דער ניעוואַ ביז צו יענעם הויז אויף אָפּיצערסקאַ נומער 42. אויפן וועג האָט ער מיר דערציילט וועגן יענעם הויז, זיין געשיכטע, ראָל און אָרדענונג. אויף דעם שפּאַצירגאַנג האָט ער עס מיך צוגעגרייט צו מיין אַר־בעט. פון יענעם שמועס האָב איך זיך דערוווּסט אַז דאָס האָט דער באַראָן אויך יאַנאָווסקין דאָס ערשטע מאָל אַריינגעפירט אין דאָזיקן הויז אַריין. איצט איז יאַנאָווסקי געווען דער מושל בכיפה איבער די הונדערטער עמי־גראַציע־קאָמיטעטן וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער אַלע ייִדישע שטעט און שטעטלעך, איבער אַלע זייערע פאָנדן, לייטער, דעלעגאַטן, עסקנים — און ער האָט פאַרוואַלטעט איבער אַ בודזשעט פון צענדליקער טויזנטער רובל. ביים אָנהויב איז אָבער דער זעלבער יאַנאָווסקי געווען אַ יונגער סטודענט, וואָס איז געקומען פון גראָדנע אין דעם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט. ער האָט געבראַכט מיט זיך אין דער הויפּטשטאָט אַריין אַ געוואַלטיקע ליבע צו די ייִדישע מאַסן, אַ גרויסן אינטערעס פאַר זייערע באַדערפענישן — און אָנגעהויבן פון געשריבענע אַרבעטן איבער זייער עקאָנאָמיק און הילפס־אינ־סטיטוציעס. דערצו האָט ער דעמאָלט געבראַכט אַ יוגנטלעכע גרייטקייט צו אַרבעטן פאַר ייִדישע מאַסן. יק"א האָט גראָד אָנגעהויבן אירע ערשטע טעטי־

קייטן אין רוסלאַנד. ס׳איז דאַן געווען עטלעכע יאָר נאָכן גירוש מאָסקווע און דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָפּעררט מיט הויכע פּראַזן. לויטן באַראָן האָט רוסלאַנד געהאַט דריי גרויסע זינד, וועלכע זענען געווען דער יסוד פון אַלע אומגליקן: „סאַמאָדזשערזשאַוויע" (אַליין־הערשאַפט), „פּראַוואָסלאַוויע" (קירכלעכער פאַנאַטיזם) און „נאַראָדנאָסט" (ראַסן־נאַציאָנאַליזם)... די אַלע דריי האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן צו פאַרגיפטן די רוסישע ברונעמער און צו פאַרביטערן דאָס יידישע לעבן אין דער רוסישער אימפּעריע. די פּעטערבורגער עסקנים זענען געשטאַנען ביים אָנהייב פון אַ פּראָגראַם פאַר אַ ברייט־פאַרצווייגטער הילפס־טעטיקייט. זיי האָבן שוין נישט באַגנוגנט זיך בלויז מיט פאַרשפּרייטן בילדונג — אַזוי ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט ווייניק דערפאָלג און מיט אַ סך אַנטוישונגען במשך פון אַ גאַנצן דור — נאָר האָבן אויך באַשלאָסן צוהעלפן ענדערן די יידישע עקאָנאָמיק: געזונטער צו מאַכן די יידישע פּרנסה־קוואַלן, פאַרשפּרייטן מלאכה, אַנטוויקלען לאַנדווירטשאַפט, אויפשטעלן קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד און אויפבויען אינסטיטוציעס פאַר קעגנזייטיקער הילף. און זיי האָבן אָנגעהויבן וואַגן אויך דאָס — נישט שרעקן זיך אַזוי פאַר דעם אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד. די יידישע עסקנים האָבן מורא געהאַט אַז די שונאי ישראל וועלן אויסטייטשן די עמיגראַציע ווי אַ מאַנגל אין טרייקייט צו רוסלאַנד און דאָס וועט קענען חלילה שאַדן די עמאַנציפּאַציע־שטרעבונגען. די ייק״אַ עסקנים האָבן געהאַלטן פאַרקערט: מען דאַרף זוכן אַן אויסוועג ווי אַזוי אַריינצוברענגען סדר אין דער בהלה פון דער מאַסן־עמיגראַציע, זוכן ערטער וווהין אויסצוּוואַנדערן און אַ ביסל צוגרייטן די עמיגראַנטן צו זייערע נייע היימען. דערמיט האָבן זיי אויך געוואָלט גרינגער מאַכן די מאַטערנישן פון די אויסוואַנדערער און באַשיצן זיי פאַר דער „אפּיטרופּסות" פון זייערע פאַרפירערישע „בעלי־טובות", וואָס זענען רייך געוואָרן אויף זייער חשבון. די פּעטערבורגער עסקנים איז דאַן געלונגען צו געווינען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט די פירער פונעם בערלינער „הילפס־פאַריין", קאָנצענטרירן אַרום דעם די יונגע אינטעליגענץ וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן אין פּעטערבורג — און זיי זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן איז געווען: צו שאַפן אַ גענויע סטאַטיסטיק איבערן עקאָנאָמישן מצב פון די יידן אין די רוסישע שטעט און שטעטלעך, כדי

צו האָבן אַ וויסנשאַפטלעכע באַזע פאַר טעטיקייטס־פּראָגראַמען און צו וויסן וואָס מען דאַרף דערגענטערן, וואָס אָפּצוּוואַרפן — און אין וואָס מען דאַרף זיך אָנהאַלטן.

די ביכער וואָס זענען דערשינען אויפן יסוד פון יענער באַרימטער אַנקעטע האָבן מיר דעמאָלט גוט געקענט. דאָס זענען די זאַמלביכער „מאַטעריאַלן איבערן עקאָנאָמישן מצב פון די רוסישע ייִדן״ (פּעטערבורג, 1904), וועלכע האָבן דערנאָך געשאַפן דעם יסוד פאַר יעדער שטודיע איבער דער אַנאָמאַליע פון דער ייִדישער עקאָנאָמיק אין רוסלאַנד. אויף זיי האָט זיך אויך געשטיצט דער אָנהייב פונעם גאַנצן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן טעאָריע־בנין. מיר, אין אונדזער יוגנט, האָבן זיי געהאַלטן אין איין שטודירן. איבער 1.400 שטעט און שטעטלעך איז פאַרשפּרייט געווען די נעץ פון אַנקעטע־בויגנס און 1.200 ייִדישע קהילות האָבן געגעבן אויספירלעכע תשובות איבער יעדער עקאָנאָמישער איינהייט ביי זיך. אומגעפער צוויי יאָר האָט זיך די דאָזיקע אויספאָרשונג געצויגן (די יאָרן 1898—1899) און פיר יאָר האָט מען באַאַרבעט די מאַטעריאַלן ביז זיי זענען איבערגעגעבן געוואָרן צום דרוק. עס האָבן דערויף געאַרבעט אַ גרופּע יונגע מענטשן וואָס זענען דערנאָך באַרימט געוואָרן אויף זייערע געביטן און מיט זייער ערלעכער עסקנות. דאָס זענען: אַגראָנאָם ב. ד. ברוצקוס, עקיבא עטינגער, ל. מ. בראַמסאָן, מ. פּויזנער, ס. א. שטערנבערג, ב. פרומקין און ג. בעלקאָווסקי. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט אַריינגעלייגט דער יונגער ש. יאַנאָווסקי פון גראָדנע דאָס בעסטע פון זיין גייסטיקן פאַרמעגן:

ער האָט געפאָרשט דעם מצב פון די מייסטערס און ייִדישע בעלי־מלאכות פון ווייסרוסלאַנד און פוילן. אויסער דעם האָט ער געזאַמלט דאָס גאַנצע מאַטעריאַל פון די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און צדקה־חברות וואָס זענען פאַרשפּרייט געווען איבערן גאַנצן תחום. ער האָט צונויפגעשטעלט זייער צאָל, אויסגערעכנט זייערע בודזשעטן און דעפיציטן; דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן אינעם בוך אַ באַזונדער קאַפּיטל וועגן זיי און געפּרווט, אויף דעם יסוד, פאָרלייגן אַ קלאָרן פּראָגראַם, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די סאָציאַלע אַרבעט צווישן רוסישן ייִדנטום. היות ווי די דאָזיקע הילף — אפילו ווען זי זאָל געמאַכט ווערן אויפן בעסטן אופן — האָט נישט געקענט באַזייטיקן דאָס שלעכטס וואָס האָט אַ תל געמאַכט פון רוסישן

יידנטום — יאַנאָווסקי איז געווען אַ ציוניסט און האָט שוין געהאַט אַ פּעסי־מיסטישן קוק אויף דער צוקונפט פון די ייִדישע מאַסן אין דער „טשער־טאַ", — האָט ער געהאַלטן אַז עס איז נייטיק צו זוכן אויסוואַנדערונגס־ערטער און מען מוז העלפן די ייִדישע עמיגראַנטן ביים פאַרלאָזן רוסלאַנד. דאָס לויפן פון די המונים אויף יענער זייט אָקעאַן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן, אין יענער צייט, אין אַ קאַטאַסטראָפע. אַלערליי מינים אַגענטן האָבן גע־וועלטיקט איבערן ייִדישן אומגליק, אויסגעזויגן דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון די אומגליקלעכע וואַנדערער און האָבן זיי פאַרפירט אויף געפער־לעכע וועגן. די ייִדישע פליטים זענען צעוואָרפן געוואָרן איבער אַלע „טרערן־אינדזלען" און די רייכע ייִדן פון יענער זייט ים זענען געווען באַ־זאָרגט, אַז די אומבאַרעכנטע און ציללאָזע ייִדישע עמיגראַציע זאָל חלילה נישט ברענגען אויף אירע פליגל דעם אַנטיסעמיטיזם אויך אין די אימי־גראַציע־לענדער. דערפאַר האָבן די פּעטערבורגער עסקנים באַשלאָסן צו צוימען דעם כאַאָס און קאָנטראָלירן די ייִדישע מאַסן־עמיגראַציע פון רוס־לאַנד אין די לענדער מעבר לים.

און איך — נישט איין איינגעבירגערטן און שאַבלאָנעם באַגריף וועגן ייִדישע באַראָנען, וועלכע איך פלעג הערן און איבערחזרן פאַר אַנדערע — איך האָב געמוזט רעווידירן אין ליכט פון מיין אייִדעלן, געלערנטן, ריינעם און טייערן לערער אַלע די באַגריפן, וואָס זענען ווי צערונען געוואָרן אין דער היץ פון דער שטאַרקער ליבשאַפט צו ייִדן, וואָס האָט געשלאָגן פון דעם דאָזיקן שמועס זיינעם אויף די פּעטערבורגער גאַסן. פונקט אַזוי האָבן געאָטעמט מיט ליבשאַפט און פאַרערונג צום ייִדישן גייסט אַלע זיינע שמו־עסן און לעקציעס, צווישן די ווענט פון זיין אַקאַדעמיע און צווישן די פרעכטיקע ספרים־שרענק פון זיין ביבליאָטעק, בעת ער האָט געהאַט פאַר זיך דאָס קליינע הייפל דורשטיקע צוהערער און תלמידים.

אין מיין זכרון זענען נאָך אויפגעהיטן די עכאָס פון זיין סוף־שמועס, ווען ער האָט מיך געוואָלט דערמוטיקן פאַר מיין אַריינגיין אינעם פרעמדן, פּראַקטישן לעבן אַריין. דאָס האָט ער מיר געזאָגט, ווען מיר זענען שוין געשטאַנען אויף די ברייטע טרעפּ פון אַריינגאַנג צום הויז־קאָרידאָר. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, אַן איינגעהילטער אין זיין פוטער; שטיי־ענדיק אויף אַן אויבערשט טרעפּל און אָנשפּאַרנדיק זיין שטעקן אויפן

אונטערשטן. האָט ער זיך אָנגעלענט מיטן גאַנצן גוף אויפן שטעקן און אַ זאָג געטאָן:

— אויב עמעצער אין דער אַקאַדעמיע וועט אייך אַמאָל פרעגן אויב איר קענט דעם רמב״ם און איר וועט שנעל אָפּענטפערן „יאָ“ — וועל איך עס זייער באַדויערן. וואָס מער אַ מענטש איז מסופק אין זיין תורה־קענטשאַפט, אַלץ מער באַגערט ער צו קענען; טאָמער אָבער וועט אייך שמואל יאַקאָוולעוויטש־יאַנאָווסקי אַ פרעג טאָן, בעתן פאָרלייגן אַן אַרבעט אין דאָזיקן הויז, אויב איר קענט זי מאַכן און איר וועט זיך נישט איילן צו ענטפערן „יאָ“ — וועל איך עסווידער זייער באַדויערן... אינעם דאָזיקן פראַקטישן לעבן איז אַזוי: וואָס מער אַ מענטש איז זיכער אין זיינע כוחות — אַלץ מער האָט ער דערפאָלג. זייט זשע וויסן אַז איר ברענגט אינעם דאָזיקן הויז אַריין אַלע נויטיקע אייגנשאַפטן אויף צו מאַכן זיך דאָ נוצלעך...

דערמיט האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט, צופירנדיק מיך ביז צו דער שוועל פון יק״אַ־הויז, אין וועלכן עס האָט שוין אויף מיר געוואַרט זיין רעקאָמענדאַציע־בריוו.

## ד.

זינט דאַן זענען די צימערן פון יענעם הויז געוואָרן מיינע אַרבעטס־צימערן במשך פון דריי יאָר צייט. פינף שעה טעגלעך האָב איך דאָרט גע־אַרבעט, פאַרן גיין לערנען אין דער אַקאַדעמיע פאַר חכמת ישראל, מיט וועלכער באַראָן דוד גינצבורג האָט אָנגעפירט. אין די דאָזיקע צימערן האָט זיך פאַר מיר אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן אָנטפּלעקט די פיין פון מיין פאָלק, וואָס איז פאַרשפּרייט געווען איבער די פיל־צאָליקע שטעטלעך אין ברייטן גלות־רוסלאַנד. דאָ האָט דער יידישער ווייטיק אַרויסגעצאַפּלט פון טויזנטער אָפענע און פאַרמאַכטע בריוו, וואָס זענען טאָג־טעגלעך אָנגעקומען פון אַלע עקן תחום — —

דער יידישער תחום המושב אין גרויסן רוסלאַנד איז אין דאָזיקן הויז איינגעטיילט געוואָרן אין דריי הויפּט־באַצירקן. בראש פון יעדן איינעם איז געשטאַנען אַ באַזונדערער הויפּט־סעקרעטאַר, וואָס איז בקי געווען אין די

עמיגראַציע־ענינים און ווי אַזוי מען קען איינאָרדענען די אויסוואַנדערונג אין יענעם קרייז. איינער איז געווען באַשטימט פאַר קאָנגרעס־פּוילן (אָדער, ווי מען האָט עס דאַן גערופן „דער ווייסל־באַצירק״); אַ צווייטער איז געווען באַשטימט פאַר ווייסרוסלאַנד און ליטע (דאַן האָט מען יענעם קרייז גערופן „צפון־מערבדיקער באַצירק״); און אַ דריטער האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן דרום, איינשליסנדיק וואָלין, פּאָדאָליע און בעסאַראַביע. די דאָזיקע הויפּט־סעקרעטאַרן, וועלכע מען האָט אין שפּאַס גערופן „גענעראַל־גובערנאַטאָרן״, זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די שטאָטישע און קרייז־קאָמיטעטן פאַר עמיגראַציע. זיי זענען אויך געווען פאַרבונדן מיט די צענטראַלע שיפס־געזעלשאַפטן און מיט זייערע פאָרשטייער אין די גובערניאַלע און קרייז־שטעט; יעדער איינער מיט זיין באַצירק. עס זענען אָבער אָנגעקומען אויך יחידישע בריוו: פון ייִדן וואָס האָבן געוואָלט עמיגרירן און נישט געוווּסט צו ווענדן זיך צו וועמען; פון עמיגראַנטן, וואָס זענען אָפּגענאַרט געוואָרן דורך אויסנוצערישע אַגענטן און זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַשיצער; אַ רב פון אַן עדה וואָס האָט צוגעזען די נויט פון די בעלי־מלאכות אין זיין שטאָט, ווייל זיי זענען געבליבן אָן לייזונג און אָן קונים און ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זיי צו העלפן; אַ שטעטלדיקער משכיל, וואָס זיין האַרץ האָט אים וויי געטאָן אויף ייִדישע צרות און ער האָט געוואָלט אונטערשטעלן אַן אַקסל פאַר די וואָס מיִען זיך צו העלפן דעם פאָלק; אַן אָרעמע עגונה וואָס דער מאַן האָט זי איבערגעלאָזט און איז אַוועק מעבר לים, פאַרגעסנדיק זי מיט אירע קינדערלעך.

זיי אַלע האָבן זיך געווענדט מיט בריוו — אין העברעיִש, ייִדיש אָדער רוסיש — צו דער פּעטערבורגער ייִק״אַ. אויף מיר האָט מען אַרויפגעלייגט די עובֿדה צו פאַרנעמען זיך מיט די יחידים־בריוו. פלעג איך יעדן טאָג, פון אַכט אַזייגער אין דער פרי ביז איינס בייטאָג, שווימען ביזן האַלדז אין ייִדישע צרות. איך האָב געלייענט, געזוכט, געענטפערט, געבראַכט זיי אין אָרדענונג און איבערגעשיקט מיינע תשובות צו די סעקרעטאַרן, זיי זאָלן חתמענען. ס׳איז נישט פאַרביי קיין גאַנץ יאָר ביז איך בין געוואָרן אַ בקי אין דער גאַנצער, פאַרשידנאַרטיקער מסכת פון ייִדישע יסורים, וואָס האָט שוין געטראָגן אין זיך אַלע קערנדלעך פון דער נאָענטער קאַטאַסטראָפע. איך געדענק נאָך ביז היינט די מאַפּע פון די קליינע שטעטלעך פון

פוילן און ליטע, אינעם צפון־מערבדיקן באַצירק און וואָלין לויט די נע־מען פון זייערע פּאַרזאָרגער, די עסקנים פון יִיק״אַ אױף זייערע ערטער. די דאָזיקע טוער זענען געווען עניוותדיק און אומבאַקאַנט, הגם זיי האָבן אַ סך אויפגעטאָן. פון דערווייטנס האָבן זיי ביי מיר אויסגעזען ווי דרייסטע, טרייע שווימער וואָס האָבן דעם מוט אַרונטערצוטונקען זיך אינעם ים פון יידישע צרות — נישט האָבנדיק אין האַנט קיין שום רודער... ווען די אויגן זייערע זעען נישט קיין ברעג און די בייזע כוואַליעס שטורעמען אָן רחמנות — — —

דערמאָן איך זיך אײנעם פון די ערשטע שמועסן, דורך וועלכע מיין שעף, ש. יאַנאָווסקי, האָט מיך דערצויגן ווי אַזוי זיך צו באַשעפטיקן מיט די ליידנדיקע יידן. אין דעם דאָזיקן שמועס האָט ער אַנטוויקלט אַ גאַנ־צע תורה, ווי אַזוי עס איז נויטיק צו רעדאַגירן די ענטפערס אויף די בריוו פון די איינצלנע פּערזאָנען. דער הויפּט־פּונקט פון זיינע שמועסן איז גע־ווען, אַז מען דאַרף זיך נישט פאַרלאָזן אויף רעקאָמענדיר־בריוו פון קרוי־בים, וואָס רופן מען זאָל קומען דווקא אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער; מען דאַרף זיך נישט לאָזן שלעפּן מיטן שטראָם דווקא אין די גרויסע און שיינע שטעט אויף יענער זייט אָקעאַן, וווהין די עמיגראַציע לויפט פון זיך אַליין; מען טאָר נישט לאָזן זיך אַריינגנאַרן אין די נעצן פון אַגענטן וואָס זאָגן צו גאָלדענע בערג; מען דאַרף נישט לאָזן זיך אין וועג אַריין, איידער מען באַראָט זיך מיט אַן אויגן־דאָקטאָר; נישט אַרויפגיין אויפן צוג, איידער מען וויַיזט דעם יִיק״אַ־באַפולמעכטיקטן אַלע נייטיקע פּאַפּירן; מען זאָל נישט מיטשלעפּן קיין אַמעריקע קיין קליידונג און חפצים אין וועלכע מען נייטיקט זיך נישט; מען זאָל זיך נישט ווענדן צו קיין שום קאָמיטעט אָדער פילאַנטראָפּ, נישט פאַרן אַרויספאָרן און נישט אין די טראַנזיט־לענדער, נאָר צו די באַפולמעכטיקטע פון יִיק״אַ־קאָמיטעט; און גע־דענקען די נעמען פון אַזעלכע קאָמיטעטן און אויף וועלכע ערטער זיי געפינען זיך, סיי אין די אויסוואַנדערונגס־שטעט און סיי אויף טראַנזיט־ערטער, ביי גרענעץ־פּונקטן און אַריינפאָר־מקומות.

אין די אַלע פּרינציפּן איז זיכער געווען אַ סך אהבת ישראל, געטרייע זאָרג פאַר יעדן יידישן פּרט; אַ ווילן אים לייכטער צו מאַכן די ליידן, אַ שטאַרקע תשוקה צו העלפן און באַזייטיקן שווערע מכשולים און היילן

ווונדן. דאָ איז אויך געווען אַ ליבע צו פּעדאַנטישער אָרדענונג, אַ קאַמף קעגן געזעלשאַפטלעכער און פּריוואַטער פאַרנאַכלעסיקונג, וואָס איז פאַר־שפּרייט געווען צווישן די ייִדישע מאַסן. דערמיט האָט מען אויך געוועקט די פליכט זיך צו שטאַרקן איבער דער אויסזיכטסלאָזיקייט, וואָס האָט אונדז אויפגעגעסן. די וואָס האָבן דערביי געאַרבעט האָבן געהאַט דאָס געפיל אַז זיי טוען אַ „מלוכהשע" אַרבעט אינעם „מיניסטעריום פאַר וואַנדערונג". זייער שליחות איז אַריינצוברענגען סיסטעמאַטישקייט אין דעם דאָזיקן פאַטאַלן תוהו ובוהו; זיי דאַרפן באַשאַפן אַ סדר אין אַן עמיגראַציע וואָס איז פאַקטיש אַ פּאַניש אַנטלויפן פון הונדערטער טויזנטער, בלינדע און אָפּגעריסענע, וואָס די נויט טרייבט זיי אַרויס פון זייערע אַלטע נעסטן און די פינצטערניש נעמט זיי אַרום אויף אַלע זייערע וועגן... מען האָט געדאַרפט וואָרענען קעגן דער פּראָפּאַגאַנדע וואָס איז פול געווען מיט סכנות, האָט געלויערט אויף ביים ציל און האָט אויסגעשפּרייט נעצן פון אַלע זייטן...

איך האָב אַרויסגעהערט פון די אַלע רייד, וואָס יאַנאָווסקי האָט אין מיר אַריינגערעדט, אַ פּעסימיסטישן און כמעט ציוניסטישן טאָן. ער האָט געוווסט און האָט עס נישט געלייקנט, אַז נאָך אַלעמען שטייען מיר מאַכט־לאָז אין מיטן דער דאָזיקער סטיכיע פון אַ גלותדיקער וואַנדערונג. בלויז מיטן געבן עצות קען מען דעם קריזיס נישט באַזיגן. מיר האָבן פאַר זיך אַ מעכטיקן ים פון צרות און מיר האַלטן נאָר אין די הענט קליינע, ערדענע קריגלעך, מיט וועלכער מיר ווילן אויסשעפּן דעם דאָזיקן ים. עס איז אָבער אַ גרונטיקער חוב צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. דער נאַציאָנאַלער, ציוניסטישער חוב איז צו ראַטעווען אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, מיט טרייע פאָלקס־כוחות און מיטן אינסטרומענט פון דער גאַנצער אומה.

קיין אַנזעעוודיקע פאַרבינדונג — צווישן דער גרויסער עמיגראַציע קיין אַמעריקע און דער קליינער עליה פון ווייניקע קיין ארץ ישראל — האָט מען נישט געקענט באַמערקן אין די אַלע אָנווייזונגען. ארץ ישראל אַלס עמיגראַציע־לאַנד האָט כמעט נישט עקזיסטירט אין דעם באַוווסטזיין פון די עמיגראַציע־עסקנים. אויך די ציוניסטן, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין די ייִק"א־אַמטן, האָבן זיך שטאַרק געהיט, אַז זייער ציוניסטישע „ליבע" זאָל נישט שטערן זייער עסקנישע „אָביעקטיוויטעט" און „איין מין

זאָל זיך נישט אויסמישן מיטן צווייטן". די הויפּט־ליניע פון דער עמיגראַ־ציע־אַרבעט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין פּאַריז און איז אָנגעוויזן גע־וואָרן דורכן צ. ק. פון די פּעטערבורגער יי״ק״א־פירער. דער דאָזיקער פּראָ־גראַם איז געווען: אַמעריקע און נישט ארץ ישראל! אויף פּאַר אַמעריקע האָבן זיי געהאַט אַ פּונקט: צעשפּרייטונג און נישט קיין קאָנצענטרירטקייט. עס האָט זיי אָפּגעשראָקן דאָס קאָנצענטרירן זיך פון המונים יידן אפילו אין די איינוואַנדערונגס־לענדער, דווקא אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע און בוענאָס־איירעס. די דאָזיקע צענטראַליזאַציע האָט געדראָעט מיט אַנטיסע־מיטיזם און מיטן פאַרערגערן די לאַגע פון די פריערדיקע יידישע עמי־גראַנטן אויך דאָרטן. עס איז דערפאַר נייטיק וואָס מער זיך צו צעוואַרפן, איבער אַ סך נייע שטעט אין דער טיפעניש פון דער מדינה; אויף ערטער ווו אַ יידישער פוס האָט נאָך נישט געטראָטן. די יידן — לויטן דאָזיקן פּראָגראַם — האָבן זיך געדאַרפט אַריינשלייכן אויף די נייע ערטער אין קליינע ביסלעך, טראָפּנווייז; דאָרט אויפשטעלן קהילות, גרינדן שולן און שפּעטער זאָלן זיי מקרב זיין נייע עמיגראַנטן. זיי טאָרן אָבער נישט קומען מאַסנווייז — און עמיגראַנטן קיין ארץ ישראל איז נאָך פריצייטיק צו שיקן...

איך האָב געוווּסט אַז יאַנאָווסקי איז שוין דאַן געווען אַן אַקטיווער ציוניסט און אַז ער איז מיטגליד פון ציוניסטישן צענטראַל קאָמיטעט אין רוסלאַנד צוזאַמען מיט אידלסאָנען, ראַזאָוון און זשאַבאָטינסקין. פון דער ציוניסטישער רעדאַקציע „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן" האָבן צו אים אָפט טעלע־פאָניש געקלונגען ד. ס. פּאַסמאַניק, אַלעקסאַנדער גאָלדשטיין, געפּשטיין און מ. סאָלאָווייטשיק. אין זיין אַרבעטס־צימער פון דער יי״ק״אַ פלעגן זיין שטענדיקע איינגייער די יונגע סטודענטן: י. קליבאַנאָוו, סאַמונאָוו און באַנפילד. און איך האָב גוט געוווּסט אַז דאָס קומען זיי צו אים אין ציוניס־טישע ענינים. אין דער צייט פון דער פּאָלעמיק מיט דער „סוואָבאָדאַ אי ראַוויענסטוואָ", אָדער ביי די וואַלן אין ציוניסטישן סניף פון פּעטער־בורג, פלעגן זיך טראָגן שטורמישע קולות אויך פון זיין רויקן צימער אין דער בנעימותדיקער יי״ק״אַ. אומזיסט האָט מען אין די נישט־ציוניסטישע קרייזן אפילו געמורמלט אַז דער ציוניסט יאַנאָווסקי פאַוואָריזירט ציוניסטן אין דער יי״ק״אַ־אַרבעט און זיינע מיטאַרבעטער קלייבט ער אויס צוליב

זייער ציוניסטישן יחוס. אויך וועגן מיר האָבן זיך צו אים דערטראָגן קלאַנגען אַז איך בין אַ פּועלי ציוניסט און אַז ביי זיין שוועגערין טויבע כאַסניקאַ טרעף איך זיך מיט אַסיאַ טרומפּעלדאָר. דער גאַנצער ענין ציו־ניזם איז אָבער ביי אים געווען אַזוי ווי אַ „פּריוואַט־זאַך", אַנטקעגן דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט וואָס ווערט געטאָן אונטער זיין אָנפירונג צווישן די וועגנט פון די יזק"אַ־ביוראָס. זיין ציוניזם איז דאָ געווען אין דער בחינה פון אַ „הלכה וואָס מען פּסקנט נישט לויט איר". דאָ האָבן גע־הערשט אַנדערע כללים און אַן אַנדערע טראַדיציע.

עס איז איבעריק צו דערציילן אַז די שפּראַך וואָס האָט געהערשט אין אַלע זיינע ביוראָען איז געווען רוסיש. די נעמען פון אַלע מענטשן וואָס האָבן דאָ געאַרבעט זענען געווען רוסישע ווי ביים עכטסטן רוס. נאָך היינט קלינגען מיר אין די אויערן די נעמען, ווי אַזוי זיי זענען אַרויס־געקומען פון סאַמואיל יאַקאָוולעוויטשס מויל, בעת ער האָט גערופן צו זיך פון זיין אַרבעטס־טיש זיינע הויכע באַאַמטע איבער אַלע צימערן:

— מיכאַאיל פּיאָדאָראָוויטש!... יעסוס כאַריטאָנאָוויטש!... ליעוו מיראָ־ניטש!... וולאַדימיר איליטש!... פּיאָטר פּאַוולאָוויטש!...

די נעמען וואָס האָבן געקלינגען אַ ביסל פאַרשעמט זענען געווען: „יעקבֿ", „יוסף", „נאַאום", „דוד" און ענלעכע — ווייל אין זייער עכט רוסישקייט האָט מען געקענט ספקן... עס איז אפילו געווען אַ מעשה מיט אַ יונגן באַאַמטן, וואָס זיין נאָמען און זיין פאָטערס נאָמען זענען געווען ספּעציפיש־יידישע; האָט ער נישט געוואָלט ענדערן קיין האָר פון זייער קלאַנג און האָט זיך געלאָזט רופן פּונקט ווי זיי זענען אים אַמאָל געגעבן געוואָרן. צוליב דעם איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צו זיצן צוויי יאָר אויפן זעלבן אָרט און ער האָט נישט געקענט אַוואַנסירן אויף אַ העכערן גע־האַלט, כדי זיין ריין־יידישער נאָמען זאָל נישט דאַרפן געהערט ווערן איבער אַלע צימערן פון דאָזיקן הויז — — —

דאָ, אין אַלע אָפּטיילונגען, האָבן זיך גלייכצייטיק קאָנצענטרירט די בעסטע צווישן דער יידישער עסקנים־אינטעליגענץ. ביי אַ סך פון זיי זענען די יוגנט־יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער טראַ־דיציע. אין געציילטע יאָרן אַרום האָבן זיך זייערע נעמען אַרויסגעהויבן פון דאָס ניי ביי דער הילפס־אַרבעט, וואָס איז שטאַרק פאַרצווייגט געוואָרן

אין די מלחמה־יאָרן און בעת דער קערענסקי־איבערקערעניש. צווישן זיי זענען אויך געווען פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן געשמט אין דער ייִדיש־ליטעראַרישער וועלט, וועלכע האָבן זיך דאָ געשאַפן אַזוי ווי אַ באַזונדער וואַרעמען ווינקל צווישן דער דאָזיקער קאַלטער ייִק״אַ־סביבה. אָט שפּאַצירט איבערן הויז דער העברעיִש־ייִדישער שרייבער און קלוג־האַרציקער ייִד, ר׳ חיים הורוויץ. ער האָט דאָס געהאַלטן דעם באַרימטן רעפעראַט אויף דעם מינסקער ציוניסטן־צוזאַמענפאָר וועגן דער עקאָנאָמישער באַזע אין ציוניזם (1902) און איז געווען דער מחבר פון נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישן ספר „געלט״ אין „תושיה״. דעמאָלט האָט ער געשריבן יעדן וואָך עקאָנאָמישע אַרטיקלען אין דער טעגלעכער ייִדישער צייטונג „פריינד״ (געחתמעט „אַ סוחר״) און ער איז באַליבט געווען ביי די צענדליקער טויזנטער ייִדיש־לייענער. אין דעם דאָזיקן הויז איז ער געווען דער לייטער פון די לייַ־ און שפּאָר־קאַסעס, וואָס ייִק״אַ האָט אָרגאַניזירט אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך. פון אים האָט געלויכטן מיט ייִדישער פּקחות און מענטשלעכער וואַרעמקייט, וואָס איז דאָ אַזוי זעלטן געווען. אַז ער פלעגט דיך טרעפן אין מיטן קאָרידאָר, האָט ער דיר דערלאַנגט אַ שלום עליכם מיט ביידע וואַרעמע הענט — און דווקא אין אַ זאַפטיקן ייִדיש און דווקא מיט אַ „גוט שבת!״ אין מיטן אַ וואָכן־טאָג... ער פלעגט באַלד אָנהייבן אַן אויספירלעכן שמועס אויף אַ ציוניסטישער אָדער ליטעראַרישער טעמע — און דווקא אין מיטן די אַרבעטס־שעהן, גלייך ווי עס וואָלט געווען הפקר אַ וועלט...

מיט אים צוזאַמען אין דער אָפּטיילונג האָט געאַרבעט דער יונגער עקאָנאָמיקער יעפּרויקין (היינט דער רעדאַקטאָר פון „קיום״ אין פּאַריז), אַ מאָגערער און אַ פלינקער, אַ פּקח און מיט זייער אַ סך ענערגיע. ערשט נישט לאַנג פלעגן מיר לייענען זיינע טעאָרעטישע אַרטיקלען אין דער סיימיסטישער „פאָלקסשטימע״ און דערנאָך אין ד״ר זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן״ — וועלכע ער האָט געחתמעט מיטן דעק־נאָמען „עפרון״. ער איז דאָ געווען דער אינספּעקטאָר איבער אַ סך גובערניעס, וווהין ער פלעגט אַלעמאָל פאָרן און קומען, קריטיקירן און מאַכן אויספירן. דערביי איז ער אַלעמאָל געווען פול מיט פּראָיעקטן ווי אַ מילגרוים מיט קערנער. דאָ האָט אויך געאַרבעט וולאַדימיר איליטש גראָסמאַן (אַ ברודער פון

ציוניסטישן טוער מאיר גראָסמאַן), דער הויפּט־שרייבער פונעם „דער ייִדישער עמיגראַנט". ער איז געווען בקי אין אַלע איינאָרדענונגס־סדרים פון אַרגענטינע, בראַזיליע, אורוגווײ, פּאַראַגוויי און די ווײַטסטע פּאַרוואָרפנסטע אינדזלען. ער פלעגט פון צייט צו צייט אויפדעקן געזעלשאַפטלעכע סודות אויף די שפּאַלטן פון דער ייִדישער און ייִדיש־רוסישער פּרעסע אויף אַן אַנאָנימען אופן. פון דאַנעט אויס האָט ער אָנגעפירט מיט דער עמיגראַציע פון קאָנגרעס־פּוילן, אָדער ווי עס האָט דאַן געהייסן: דער ווייסל־קרייז. מיט אים צוזאַמען אין איין צימער האָט געאַרבעט ל. מ. ראַגאווין, אַ מומחה פון עמיגראַציע־געזעצן, פון אַלע מינים גובערנאַטאָרישע גזירות און אַ ראַטגעבער פאַר אַלע עסקים מיט פּאַספּאָרטן און וויזעס, אַפידייוויטס און מעטריקעס. ער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די עמיגראַציע־ענינים פון צפון־מערבדיקן קרייז און דער רעדאַקטאָר פון יאָר־לוח פאַר עמיגראַנטן — וועלכן איך האָב איבערגעזעצט אויף ייִדיש. און אָט איז געווען דער דריטער פון די „גענעראַל־גובערנאַטאָרן" אין דרום; דאָס איז דער רויִקער, העברעיִשער שרייבער און איידעלער עמקן — דער טייערער יעקב נאַומאָוויטש טעפּליצקי ז"ל. ער האָט איבערגעזעצט פריִער אין העברעיִש דאָס בוך „די יסודות פון דער סאָציאָלאָגיע" פון געדינגסן און דערמיט אַריינגעבראַכט, דער ערשטער אין אונדזער ליטעראַטור, אַ מאָדערן־סאָציאָלאָגיש בוך. שפּעטער־צו האָט ער פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אין „השלח" טיפזיניקע עסייען איבער דער פאָרשונג פון סאָציאָלאָגישע באַגריפן און ער האָט צוגעגרייט בכתב אַ גרינטלעך בוך איבער די פראַגן פון ייִדישער געזעצגעבונג. ער איז געווען זייער פלייסיק אין זיין אַרבעט, געניי ביים פאָרשן דעם באַהאַנדלטן אָביעקט, אַ פיין־פילנדיקער אין זיין גאַנצן אומגאַנג, מיט אַ ריינעם העברעיִשן סטיל איז ער מסירת נפשדיק איבערגעגעבן געווען דעם געדאַנק פון אויפלעבן די ייִדישע געזעצגעבונג אין ארץ ישראל. וואָס איז מיט אים געשען זינט דעמאָלט? וואָס איז געוואָרן מיט זיינע שיינע, ליטעראַרישע חלומות? נאָך דער רעוואָלוציע איז ער געבליבן אַ ריכטער אין מאָסקווע. דאָרט איז ער פאַרשטומט געוואָרן און מען האָט פון אים מער גאָרנישט געהערט אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט.

אָט איז אויך דאָרט געווען זיין שוועסטער רבקה נאַומאָוונאַ, פלייסיק און

צאַרט ווי דער ברודער, אַלע שליסלען פון דער ביוראָ זענען געווען אין אירע הענט. לויט איר באַפעל האָט זיך געפירט די גאַנצע אָפּטיילונג און פון איר האָט זיך געטראָגן אַ גייסט פון ליבלעכער היימישקייט איבער דער גאַנצער ביוראָ, וואָס האָט זיך בכלל געהאַלטן קאַלט און אָפיציעל. היינט האָט זי שוין באַוויזן צו ווערן די אלמנה פון היסטאָריקער אליהו טשעריקאָווער ז״ל, און די היטערין פון זיין ירושה צווישן די ווענט פון יִוואָ אין ניו־יאָרק... און אָט פאַלט אַריין אין ביוראָ מיט גרויס היץ דער יונגער יוסף חיימאָוויטש יאַשונסקי (וועלכער האָט געשריבן אין „פריינד" מיטן נאָמען „בן־חיים"), גלייך פון דער וועכנטלעכער באַראַטונג פון ציוניסטישע זשורנאַליסטן אין דער רעדאַקציע פון „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן". ער איז פול געווען מיט לעבעדיקע איינדרוקן און נאָר־וואָס האָט ער געבראַכט אַן אַרטיקל פאַר דעם „יידישער עמיגראַנט" — און ער האָט זיך לאַנג מתייעץ געווען מיט יאַנאָווסקין וועגן אינהאַלט פון קומענדיקן נומער. ווער האָט זיך דען געקענט פאָרשטעלן אַז אָט דער יאַשונסקי וועט אין וואַרשע ענדיקן זיין לעבן אויף קידוש השם, אַלס בונדיסטישער פּאַרזיצער פון „אָרט" אין פוילן און אַלס וויצע־פּאַרזיצער פון דער קהילה, צוזאַמען מיטן פּרעזידענט אַדאַם טשערניאַקאָוו?

טאָג־טעגלעך פלעגט צו אונדז אויך אַראָפּקומען פון אויבערשטן שטאָק דער אַלטער דוד פּאַדעיעוויטש פיינבערג בכבודו ובעצמו. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַ שוואַרצע קעטווע און אין זיינע ווייכע שיך האָט ער אַדורכשפּאַצירט מיט זיינע זיידענע טריט איבער אַלע צימערן פון הויז, דערלאַנגענדיק אַ יונגן באַאַמטן נאָר איין פינגער און אַן עלטערן — צוויי פינגער צום באַגריסן... עס האָט אויסגעזען אַז ער קוקט זיך דאַכט זיך נישט איין אין גאָרנישט — און דאָך האָט ער געזען אַלצדינג. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין צימער פונעם אויפזעער איבערן גאַנצן הויז, בלום; געשטאַנען אַ וויַל מיטן דירעקטאָר פון די קאָאָפּעראַציע־ענינים זאַק; געטרונקען געמיטלעך און לאַנג טיי ביי יאַנאָווסקין אין צימער — און אַזוי אַרום אַדורכגעפירט אַ גענויע אינספּעקציע איבער אַלע סדרים פון דער יידישער וואַנדערונג פון דער גרויסער רוסלאַנד צו די נייע און צעוואָרפענע גלותן.

## שטערן פּאַרטאָג

### ה.

די סתירה צווישן יאַנאָווסקיס ציוניסטישער שטרעבונג צו יידישער קאָנצענטראַציע און זיין אַרבעט אין דער ייק״אַ־ביוראָ פאַר יידישער צע־שפּרייטונג, איז נישט געווען די איינציקע סתירה, וואָס האָט מיר אַזוי ווי געטאָן. די דאָזיקע סתירה האָט געהאַט נאָך אַ זיווג ביי אים. אין זיינע אַלגעמיין־יידישע און פּאָליטישע אַנשויונגען איז ער געווען אַן אָנהענ־גער פון די דעמאָקראַטישע ווינטן, וואָס האָבן דאַן געבלאָזן אין רוסלאַנד. אָבער אין די ייק״אַ־ביוראָען, ווו ער איז געווען איינער פון די זיילן, האָט שטענדיק געהערשט אַ שטייפע ביוראָקראַטיע. אין דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט דעמאָלט געהערשט אַ שטימונג פון „טוישן די וואַכן״. איבערהויפּט האָט מען עס געשפּירט צווישן די פּעטער־בורגער עסקנים. פון איין זייט איז געווען דער עסקנים־קרייז פון באַראָן גינצבורג און זיינע פריינט. זיי זענען געווען געלט־מאַגנאַטן און געהאַט פער־זענלעכע קאָנטאַקטן מיט די קרייזן פון דער העכסטער, צאַרישער באַאַמט־שאַפט. זיי זענען געווען עסקנים פון זיך אַליין „מיט גאָטס גענאַד״, מיטן כוח פון זייער אייגענעם און זייערע עלטערנס זכות; אַ דאַנק זייערע פינאַנסיעלע באַציונגען און פערזענלעכער איבערגעגעבנקייט. פון דער צווייטער זייט ווידער איז געווען דאָס „הויז ווינאַווער און סליאָזבערג״, אַדוואָקאַטן וואָס זענען ערשט נישט לאַנג געקומען אין דער הויפּטשטאָט. טייל פון זיי זענען געווען אויסגעוויילטע דעפּוטאַטן אין דער רוסישער דומע. זיי האָבן שוין געהאַט פאַרבינדונגען מיט דעמאָקראַטישע פּאַרטיי־פירער און מיט די ביוראָס פון דער פּאָליטישער רעוואָלוציע. זיי אַליין האָבן אָנגעפירט מיט יידישע פּאַרטייען אָדער מיט יידישע סעקציעס אין די נישט־יידישע פּאַר־טייען. זיי האָבן געהערשט מיטן כוח פון זייער זיין אויסגעוויילטע, און זיי זענען אַלעמאָל געווען פאַרנומען מיט וואַל־קאַמפּן. אומעטום האָבן זיי פאַרטרעטן די דעמאָקראַטישע געזעלשאַפטלעכקייט. אינעם טעם פון „נייער ווענדונג אין דער געזעלשאַפט״ האָבן ביידע קרייזן געשפּירט די נייע צייט און הגם ביידע צדדים האָבן טיילמאָל כאַאָטיש זיך אויסגעמישט אין זייער טעטיקייט — איז דער תהום וואָס איז געלעגן צווישן ביידע קיינ־מאָל נישט פאַרשווינדן. די דירעקציע פון דער ייק״א האָט אָנגעהערט צום

ערשטן, אַליין־געווײלטן קרײַז. יאַנאָווסקי אָבער האָט זיך געדעכנט פּאַר אַן אָנהענגער פון צווייטן, דעמאָקראַטישן צד. פון דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אָנשויונג זײַנער האָט ער אפילו געהערט צו דער דריטער גוואַרדיע, וואָס איז געקומען ירשענען דאָס אָרט פון דער עלטערער, און האָט אויך גע־וואָלט איבערנעמען די שטעלונג פון דעם צווייטן צד אויך. נאָר דאַן, אין פּעטערבורג, איז יאַנאָווסקי באַקאַנט געווען ווי אַ מענטש פון מיטן; אַ פּאַרייניקער פון די עקסטרעמען וואָס שאַפט אַרום זיך שלום־שטימונג, געלאַסנקייט, פרײַנטלעכקייט — און דער וואָס זוכט צו וואַרפן אַ בריק איבערן תהום. ער האָט געהאַלטן אַן עולם ומלואו פון די זיצונגען פון דער דירעקציע, ווי עס האָט געהערשט דער גייסט פון די „ערשטע". אָבער די רעדאַקציע פון „דער ייִדישער עמיגראַנט" — ווי ער איז געווען דער שעף־רעדאַקטאָר — האָט ער איבערגעגעבן אין די הענט פון די „לעצטע" און די סאַמע יונגע. ער אַליין האָט פאַרמיטלט און געמאַכט שלום צווישן ביידע. ער האָט אפילו געשאַפן נייע, אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען אין וועלכע ביידע וועלטן האָבן צוזאַמענגעאַרבעט און ער גופא האָט אַזוי ווי סימבאָ־ליזירט די נייע ווענדונג. די דאָזיקע נייע ראַמען האָבן זיך אויסגע־דריקט אין דער „געזעלשאַפטלעכער קאָמיסיע ביי דער יקאָ". אויפן אויבערשטן עטאַזש, נאָענט פון ד. פּ. פיינבערגס ביוראָען — אינעם פייערלעכן זיצונגס־זאַל — וואָס איז געווען באַלייגט מיט דיוואַנען און אויסגעצירט לויטן מוסטער פון די צימערן אין רעגירונגס־מיניסטעריומס — אַרום דעם גרויסן טיש, האָבן זיך איינמאָל אין חודש צונויפגעקליבן די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון ביידע דורות. פון איין זייט איז געווען דער באַראָן גינצבורג, אַ פּרעזידענט בן פּרעזידענט; דער באַנקיר וואַר־שאַווסקי, זיין וויצע־פּרעזידענט. אַ כמעט דירעקטאָר פון יוסטיץ־מיניסטע־ריום י. האַלפּערן; ד. פּ. פיינבערג; ד"ר ל. ס. קאַצענעלסאָן (בוקי בן יגלי)... אַלע זענען זיי געווען עלטערע מענטשן און חשובסטע נאָטאַבלען פון רוסישן ייִדנטום אין דער הויפּשטאָט.

און פון דער צווייטער זייט: דער קאַ־דע מיטגליד סליאָזבערג, דער פאָלקס־סאָציאַליסט ל. מ. בראַמסאָן, דער רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד" מ. ב. סירקין, דער ציוניסט ד"ר אייגער, דער דובנאָוויסט פּאָרטוגאַלאָוו... און יאַנאָווסקי — דער פירער פון די זיצונגען און רעפערענט פון די פראַגן,

וואָס זענען געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דער ביוראָ־אַרבעט ביי דער עמיגראַציע־אָפּטיילונג. ער פלעגט ברענגען פאַרן פאָרום די אַלע עניינים וועלכע מען האָט געדאַרפט באַהאַנדלען און אויך איבער זיי אָפּ־שטימען. מיר, די סעקרעטאַרן פון די אָפּטיילונגען און די סעקרעטאַרן פון זייערע סעקרעטאַרן, האָבן צוגעגרייט דעם מאַטעריאַל פאַר די זיצונגען און טיילמאָל האָבן אויך מיר זיך באַטייליקט אין זיי. דערמאָן איך זיך זייער גוט דעם גייסט וואָס האָט געהערשט אויף אַזעלכע זיצונגען. ס'איז געווען אַ שטימונג פון רויִקער געלאַסנקייט און דער טאָן איז ביי אַלעמען געווען זייער אַ געצוימטער און איינגעהאַלטענער. דאָך האָט ער פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסן ריס צווישן די מחנות. די גאַנצע בכבודיקע קאָמיסיע האָט נאָר געהאַט די פונקציע פון אַ ראַטגעבערישער אינסטאַנץ. זי אין גאַנצן איז נאָר געווען אַ מין שטייער־אָפּצאָל פאַרן „גייסט פון דער נייער צייט" און יעדער פון די אָנטיילנעמער האָט דערין נאָר געזען אַ שעטנז־באַשעפעניש. ווי נאָר עמעצער פון די אָנטיילנעמער האָט געהאַט אַרויסצורוקן אַ קריי־טיק — האָט ער עס צוגעשריבן דער שעדלעכער טראַדיציע פון זיין קעג־נער־קרייז. ער אָבער, דער שעפער פון דער דאָזיקער קאָמיסיע יאַנאָווסקי, האָט אין איר אָנגעהאָנגען זיינע אַלע האָפענונגען. ער האָט פאַר דער קאָמיסיע רעפערירט, געמאַכט פאָרשלאָגן, געשטעלט צו אָפּשטימונג, גע־מאַכט סך־הכלען און געפירט דאָס צונויפגעשטוקעוועטע שיפל געלאַסן און רויִק אַזוי ווי אויף מנוחהדיקע וואַסערן — — —

ו.

די דאָזיקע אַרבעט — אַריינצוברענגען סדר אין דער יידישער אויס־וואַנדערונג פון איין צענטראַליזירטן גלות אין אַ סך צעוואָרפענע גלותן — האָט יאַנאָווסקי דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ וויסנשאַפט. ער האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער פאַרצוויגטער אַרבעט אַקוראַט ווי איינער פירט אָן מיט אַ מלוכה־אַרבעט.

בערך פיר הונדערט קאָמיטעטן און אינספעקטאַרן האָט די עמיגראַציע־אָפּטיילונג געהאַט איבער גאַנץ רוסלאַנד. איבערן יאָר פלעגן אַרויסגע־שיקט ווערן אַ סך טויזנטער בריוו. יעדעס יאָר האָבן זיך צו די יק"אַ־

באַפולמעכטיקטע געווענדט בערך פערציק טויזנט עמיגראַנטן און דאָרט באַקומען זייערע רעכטלעכע און אינפאָרמאַטיווע הילף. די קאָמיטעטן אין די גרענעץ־שטעט פוןביידע זייטן — אין וואָלאָטשיסק, פּאָדוואָלאָטשיסק, ווערזשבלאָווע, איידטקאַנען, ראַדזיווילאָוו א״אַ — זענען געווען די אָנגעווייטיקסטע פונקטן. אין ליבאַווע פלעגן זיך געפינען המונים, וואָס האָבן געוואַרט אין דער ריי אויף די שיפן. דער קאַמף מיט די אַגענטן האָט פאַרלאַנגט אויספאָרשונגען און נאָכמאַכונגען. די פראַגע פון איינאָרדענען די דערלויבעניש־פּאַפירן, סיי פון די אַרויספאָר־אַמטן און סיי די דאָקומענטן וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן פון די אַריינפאָר־אינסטאַנצן זענען אין יענע באַדינגונגען (וועלכע זענען אין יעדער לאַנד און אין יעדער גובערניע אַנדערש געווען) געווען ממש אַ חכמה פאַר זיך. איבער אַלע אַריינפאָר־לענדער, אָדער פון אַזעלכע לענדער וואָס האָבן עס געקענט ווערן מיט דער צייט, איז געווען אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון קאָרעספּאָנדענטן. זיי האָבן געשילדערט די לעבנס־באַדינגונגען אויף זייערע ערטער און פאָרויסגעזאָגט די מעגלעכקייטן פון איינאָרדענען זיך דאָרטן. די קאָרעספּאָנדענטן האָבן אָנגעשלאָגן אין גאַלוועסטאָן, מעקסיקע, קובאַ, אויסטראַליע — און פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען געווען שטענדיקע קאָרעספּאָנדענטן אין אַרגענטינע, בראַזיל, קאַנאַדע און אַפריקע. יעדער נומער „דער יידישער עמיגראַנט" האָט געהאַט אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן איינעם פון די דאָזיקע לענדער, מיט גענויע שילדערונגען פון די אַריינפאָר־באַדינגונגען און די דאָרטיקע ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען. וועגן די וויכטיקסטע לענדער זענען דערשינען ספּעציעלע בראָשורן אין רוסיש און אין יידיש. אויך ארץ ישראל האָט זוכה געווען צו אַזאַ בראָשור. עס זענען אויך דערשינען באַזונדערע העפטן, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן, — איבער די אַרויספאָר־באַדינגונגען, אויסלענדישע פּאַספּאָרטן, אַפידייוויטס און די געזעצן פון אַ שיפס־קאַרטע. ווען די באַוועגונג פון יידישער מאַסן־עמיגראַציע אין רוסלאַנד האָט זיך שוין דערנענטערט צו איר סוף — האָט נאָך יאַנאָווסקי באַוויזן צו פאַראייביקן פאַר דער געשיכטע אירע דערגרייכונגען, פּראָבלעמען, וועגן און פרטים. דאָס האָט ער צונויפגענומען אין איין גרויס ווערק — אין וועלכן ער האָט אַריינגעצויגן אַלע זיינע נאָענטע און ווייטע מיטאַרבעטער — און

עס איז דערשינען אויפן שוועל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס בוך האָט געטראָגן דעם לאַנגן נאָמען „ספּראַוואָטשנאַיאַ קניגאַ פּאָ וואָפּראָ־סאַם יעווריעסקאַי עמיגראַציאַי" און איז געווען אַ מין האַנט־ענציקלאָ־פּעדיע פאַר אַלע, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער אַרבעט פון גרינ־גער מאַכן און איינאָרדענען דאָס אַנטלויפן פון רוסישע ייִדן מעבר לים.

נאָר מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — און מיטן איינפירן נייע עמיגראַציע־קוואָטעס — איז איבערגעריסן געוואָרן דער דאָ־זיקער אויסוואַנדערונגס־שטראָם מיט אַלע זיינע צרות און ברכות צוזאַמען. מאַסן פון ייִדן האָבן געמוזט בלייבן אויף זייערע ערטער און וואַרטן אויף זייער גורל. אויך דער געטרייער עסקן, וואָס האָט געאײַלט צו הילף, איז דאָ געוואָרן מאַכטלאָז און געמוזט אַוועקגעבן זיין גערדאַנק אויף זייטיקע זאַכן. דער דאָזיקער גרויסער ספר, וואָס איז באַשטימט געווען צו זיין אַ האַנט־בוך פאַר עסקנים — כדי צו דינען פּראַקטישע צוועקן אין צייטן פון מאַסן־עמיגראַציע — האָט דעם ציל מער נישט געקענט דערגרייכן. איז עס גאָר געוואָרן אַ היסטאָרישער דענקמאָל פאַר די, וואָס ווילן פאַרשן דעם פּראָצעס, ווי אַזוי יעקבס צעלטן האָבן זיך פון אייראָפּע אַריבער־געוואָרפן אויף יענער זייט ים. עס איז אַ מין קאָנאָניזירונגס־דאָקומענט פון דער גאַנצער ליטעראַטור וועגן דער ייִדישער גרויסער וואַנדערונג, נאָך דעם ווי זי האָט זיך פאַרענדיקט — —

ז.

צוליב „געזעלשאַפטלעכער היגיענע" האָט זיך ש. י. יאַנאָווסקי גע־היט ער זאָל נישט „אויסמישן" זיין „פּערזענלעכן" ציוניזם מיט זיין אָביעקטיווער ייִק"אָ־טעטיקייט. איז ער געבליבן אַ ציוניסט אין דער צייטונג „ראַזסוויעט" — און אַן אַלגעמיינער ייִד אין „דער ייִדישער עמי־גראַנט". ער האָט אפילו שטאַרק אַכטונג געגעבן אַז אויך זיינע מיטאַר־בעטער זאָלן זיך האַלטן ביי דער דאָזיקער גענעראַל־ליניע. דאָך איז ער זיכער געווען אַז אויך אין זיין ייִק"אָ־אַרבעט שטעקט אַ גרויסע, ציוניס־טישע שליחות. ער האָט צוגעגעבן אַ גרויסן דערציִעריש־ציוניסטישן ווערט דער עצם־סיסטעמאַטישער און „מלוכהשער" אַרבעט, וואָס ער מיט זיינע

עסקנים האָבן געמאַכט. אַרום דעם ענין דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן אַ שטורמישער און באַלערנדיקער שמועס מיט אים, נאָך מיין ערשטן באַזוך אין ארץ ישראל אין יאָר 1911.

מיין וואַקאַנס־צייט פון אַלע דריי יאָר, וואָס איך האָב געאַרבעט אין ייק״אַ, האָב איך מיר געזאַמלט צוזאַמען, כדי איך זאָל קענען פאָרן קיין ארץ ישראל. אין חודש תמוז פון תרע״א בין איך, דורך אָדעס, אַרויסגעפאָרן קיין ארץ ישראל. מיין אַרבעטס־אָרט אין ארץ ישראל איז געווען מרחביה; איך האָב אָבער באַוויזן פריִער צו באַזוכן יפו, ירושלים, חיפה, די קאָ־לאָניעס פון יהודה און גליל, ווי אויך די ערשטע קבוצות. מיט מיין גאַנצן, יונג־פרישן דורשט האָב איך געטרונקען דעם וויין „ארץ ישראל״ ביז צום שכור ווערן; געטרונקען און נישט געשטילט געוואָרן. עס זענען דאַן גע־ווען טעג פון קליינער עליה. די צאָל עולים אין יענעם יאָר האָט דער־גרייכט 1.200; די עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט דערגרייכט פונקט הונדערט מאָל אַזוי פיל. די אַרבעטער אין ארץ ישראל האָבן אָבער גע־האַט אַ טיפע איבערצייגונג אַז מען קען פאַרגרעסערן די עליה. די אַר־בעטער־פאַרטייען — „פּועלי ציון״ און „הפּועל הצעיר״ — האָבן אפילו געשאַפן צו דעם צוועק ספּעציעלע ביוראָען. דער פאַרבאַנד פון „פּועלי ציון״ האָט באַשטימט די סומע פון פינף טויזנט פראַנק פאַר אַן אינפאָר־מאַציע־ביוראָ. אינפאָרמאַציע־אַגענטורן פון די חובבי ציון האָבן דאַן עקזיסטירט אין ביירוט, חיפה, יפו און ירושלים אונטער דער לייטונג פון מ. שיינקין. איך האָב באַזוכט די ביוראָס און עס האָט זיך מיר אויסגע־וויזן אַז די טאָפּלטע דערוויטערונג פון די ביוראָס — טאָפּלטע, ווייל זיי זענען געווען אָפּגעריסן פון די ערטער, ווו עס האָבן זיך געפונען די מענטשלעכע רעזערוואַרן פון דער גרויסער, יידישער מאַסן־עמיגראַציע, און פון די קלענערע אַרבעטס־פונקטן ביי די אַרבעטער־קאָמיטעטן אין לאַנד גופא... — איז אויך אַ סך גורם צו דער פאַרקלענערונג פון דער עליה. כ׳וויס נישט, אויב דאָס איז געווען ביי מיר אַ ירושה פון דער באָראָכאָוויס־טישער טעאָריע, אַז עס וועט מוזן קומען צו אַ סטיכישער עמיגראַציע, אָדער דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון מיינע דערפאַרונגען אין דער עמיגראַ־ציע־ביוראָ פון ייק״אַ; עס איז מיר אָבער קלאָר געווען אַז די ציוניסטי־שע אויפגאַבע ליגט דווקא אינעם „אויסמישן די גרענעצן״. און אַז עס

איז נייטיק אַרויפצושטעלן ארץ ישראל ווי אַן עמיגראַציע־לאַנד אויף דער רשימה פון די לענדער מיט וועלכע די עמיגראַציע־עסקנים פאַרנעמען זיך. צווישן די עמיגראַנטן וואָס ווענדן זיך צו די דאָזיקע אַלגעמיינע עסקנים דאַרף מען אויך אויסזוכן אַזעלכע עולים, וואָס זענען צוגעפּאַסט פאַר ארץ ישראל. קומענדיק צו אַזעלכע אויספירן האָב איך אין מיין יוגנטלעכן ברען אָנגעשריבן וועגן דעם אַן אַרטיקל פאַרן ציוניסטישן צענטראַל־אָרגאַן „העולם": „עבודה נחוצה" („אַ נויטיקע אַרבעט", „העולם", נומער 43, פון 1911; ו׳כסליו תרע״ב). איך האָב אָנגעציילט, אַז צווישן די פירהונדערט פאַרשטייער פון די ייִק״אַ־אַמטן אין רוסלאַנד זענען פאַראַן אַ זיבעציק וואָס זענען מורשים פון די אָדעסער חובבי ציון. האָב איך זיך געווענדט גאַנץ באַזונדער צו די, וועלכע באַניצן זיך „מיטביידע קרוינען" — און אויף זיי אַרויפגעלייגט די דאָזיקע אויפגאַבעס: אַריינצונעמען ארץ ישראל אין דער רשימה פון די עמיגראַציע־לענדער און דערציילן די עמיגראַנטן, וואָס זוכן אַ היים פאַר זיך, וועגן די מעגלעכקייטן, וועלכע ס׳זענען פאַראַן אין ארץ ישראל. האָב איך דערנאָך באַקומען מיין כשרן לוין פון ביידע זייטן...
מ. מ. שיינקין, וואָס איז דאַן געווען אין אָדעס אויפן וועג צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, האָט אין מיינע ווערטער געזען „אַן אונטערגראָבונגס־אַרבעט" קעגן דער אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון די חובבי ציון מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט. האָט ער דערפאַר אָנגעשריבן קעגן מיר אַ פּאָלעמיש אַרטיקל („נחוצה עבודה", העולם, נומער 46), ווו ער האָט מיר געפּרווּוט באַווייזן אַז „ארץ ישראל איז נאָך נישט מסוגל פאַר קיין מאַסן־עמיגראַציע" און אַז „די פועלי ציון דאַרפן נישט פאַרשווענדן קיין פינף טויזנט פראַנק אויף אינפאָרמאַציע"... אָבער אויך אין די ייִק״אַ־קרייזן האָב איך באַקומען דאָס מייניקע. ווי נאָר איך בין צוריקגעקומען, בין איך גערופן געוואָרן צו מיין דירעקטאָר יאַנאָווסקי, אויף זיין טיש האָב איך אָנגעטראָפן מיין אַרטיקל און שיינקינס ענטפער. מיט זיין געוויינטלעכער העפלעכקייט האָט ער מיר באַמערקט אַז עס איז נישט געווינטשן „אויסצומישן אַ מין מיט דעם וואָס עס איז נישט פון זיין מין"; אַז עס איז אונדזער חוב גובר צו זיין דעם „סוביעקטיוון יצר" פון ציוניזם און אַז מען דאַרף נישט „דוחק זיין דעם קץ"...

צוזאַמען דערמיט האָט ער זיך און מיך געוואָלט טרייסטן מיטן גע־

דאַנק, אַז אויך אַן דער בולט־ארץ־ישראלדיקער אַרבעט, וואָס איך פאַרלאַנג און ער שטעלט זיך קעגן איר, ליגט באַהאַלטן אַ גרויסע ברכה פאַרן ציוניזם אין דער עצם עמיגראַציע־אַרבעט פון די ייִק״אַ־עסקנים. די גאַנ־צע ייִק״אַ־אַרבעט, האָט ער געהאַלטן, איז פּאַקטיש און היסטאָריש געווען נאָר אַ „גרויסע אָנשטרענגונג צוצוגרייטן די מלוכהשע אָרדענונג״ פאַר דער מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל, וועלכע וועט זיין אין דער צוקונפט.

די ערשטע מלחמה איז אויסגעבראָכן און די איינוואַנדערונגס־לענדער זענען געשלאָסן געוואָרן. איז געקומען דער סוף פאַר דער גאַנצער פאַר־צווייגטער עמיגראַציע־אַרבעט. עס איז געוואָרן אויס הילף און אויס העלפער און די מעכטיקע באַוועגונג איז געוואָרן איבעריק און די ייִק״אַ אין רוסלאַנד איז אַריבער צו דער פאַרגאַנגענהייט. מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל, וואָס אין 1911 האָט זי אויסגעזען ביי די ייִק״אַ־לייטער פון עמיגראַציע און פון די עליה־ביוראָס אין ארץ ישראל ווי אַן אוטאָפּישער ענין — איז געקומען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די כוואַליע פון דער דריטער עליה. ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער אַלוועלטלעכער „החלוץ״, ס׳האָבן זיך געעפנט עליה־ביוראָס און עס זענען געשאַפן געוואָרן די ארץ־ישראל־אַמטן... כ׳האָב דאַן אומזיסט אַרומגעזוכט אין ארץ ישראל אָדער אין די צוגרייטונגס־ערטער צו עליה, די שפּורן פון דעם גרויסן ייִק״אַ־אַפּאַראַט. זיי זענען נעלם געוואָרן און מען האָט זיי נישט אָנגעזען. אין דעם גרויסן רעש פון לאַנד איז כמעט פאַרגעסן געוואָרן דאָס גאַנצע קאַפּיטל פון דאָ־זיקן „מיניסטעריום״ — צוזאַמען מיט זיינע זוכונגען און דערגרייכונגען און צוזאַמען מיט דער גרויסער דערפאַרונג, וואָס האָט זיך אין אים אָנ־געזאַמלט.

ביז... אין איינעם, אַ כאַמסין־טאָג האָב איך געטראָפן אין די תל־אביבער גאַסן אים אַליין, שמואל יאַקאָוולעוויטשן!... כ׳האָב נישט געוואָלט גלייבן די אייגענע אויגן: אַזוי אַנדערש זענען געווען די באַדינגונגען און אַנדערש די גאַנצע דערשיינונג...

ער האָט נאָך געהאַט אין זיך אַ שטאַרקע אמונה, אַז ער האָט נאָך פאַר זיך ברייטע פּערספּעקטיוון אין לאַנד ביים אָרגאַניזירן דאָס שעפע־רישע לעבן; אפילו ווען ער שטייט אַליין און זאָל נישט האָבן וואָס פאַרצולייגן נאָך זיין גרויסער פּערזענלעכער פּראַקטיק, זיין אויפריכטיקן

ווילן און זיינע פּאַרטיזאַנישע אָנשטרענגונגען, וואָס האָבן נישט געוווסט פון קיין מידקייט. ער האָט געהאַט אַ סך סיבות פאַרוואָס ער זאָל מעגן אַזוי טראַכטן, אָבער נישט יעדע גוטע מחשבה קען פּאַקטיש גאָר לייכט פאַר־וואַנדלט ווערן אין מעשים. איך האָב אים אָפּט געזען פון דער ווייטנס, ווי ער ראַנגלט זיך, צאָרנט, בויט, צעשטערט — איינמאָל אין דער הסתדרות עבריית, אַמאָל אין „קיבוץ גלויות" און אַמאָל אַרום דער סטאַ־טיסטישער אָפּטיילונג פון דער שטאָט־פּאַרוואַלטונג פון תל־אביב און אַרום ביוראָ פון דער ציוניסטישער אינספּעקציע. אַלעמאָל האָט ער געטאָן זיינס מיט שטורמישן געפיל, מיט גרייטקייט צום דינען, מיט דעם שטאָלץ פון אַן איינזאַמען קעמפער — אָבער שטענדיק: נישט מיט די רעזולטאַטן וואָס זענען פאַר אים פּאַסיק... האָב איך געוווסט: אַ סימן, צוויי מאָל קען אין איין יאָר קיין פרילינג נישט זיין.

און ער האָט זיין פרילינג אָפּגעפייערט אין „מיניסטעריום פאַר גלות־וואַנדערונגען" אין גרויסן רוסישן ייִדנטום פאַרן אונטערגאַנג. דאָן האָבן זיך אַלע זיינע כוחות אַנטפּלעקט אין זייער געבענטשטער פולקייט, און מער האָט זיך שוין צו אים קיין פרילינג נישט אומגעקערט.

# די נקמה פון דער תוכחה...

## א. מאנקת אביונים

אָט דאַכט זיך מיר אַז איך געדענק נאָך, ווען אונדזער „אויפשטאַנד־באַוועגונג" האָט אָנגעהויבן אויפצוקומען און ווי אַזוי אירע ערשטע שפּראָצונג־צייכנס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר מיין קינדהייט — אָנזאָגנדיק דערביי אַ נאָענטן, געזעלשאַפטלעכן שטורעם. דער ערשטער סימן, איבער־ראַשנדיק און בולט, האָט אַזוי ווי געצייכנט דעם אָנקום פון אַ נייער ווענ־דונג אין אונדזער לעבן. ער האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם אופן ווי אַזוי מען האָט אויפגענומען אין „שטיבל" — אַרום דעם הינקעדיקן טיש ביים וואַרעמען אויוון — די אומגעהייערע ידיעה וואָס דער אַלטער ציון־בער האָט דערציילט פאַר אַלע, וואָס האָבן זיך אַרום אים פאַרזאַמלט. אַ מעשה נורא פשוט! איסר דער וואַסערטרעגער האָט זיך אין גרויסן בית המדרש נישט געלאָזט אויפרופן צו דער „תוכחה", ווי עס האָט זיך געפירט זינט לאַנגע יאָרן... נאָך איידער מען האָט גענומען לייענען די תורה האָט ער זיך פּראָסט און פּשוט אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און איז אַרויסגע־גאַנגען פון בית־המדרש! דאָס אַרומזוכן אים איבער אַלע באַהעלטענישן פונעם שולהויף האָט גאָרנישט געהאָלפן. מען האָט אים נישט געקענט אויסגעפינען...

— וואָס הייסט? ער האָט סתם אַזוי גענומען און אַוועקגעגאַנגען?!

— יאָ... פשוט גענומען און אַוועקגעגאַנגען...

און יענע פאַרגאַפונג, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון די זיצנדיקע זקנימס אויגן — און די בייזקייט וואָס האָט אַרומגענומען אפילו די מיושבדיקע

פון דעם עולם — און דער עיקר די לוסטיקייט וואָס האָט זיך באַהאַלטן הינטער די וואָנצעס פון די יונגעלייט... דאָס אַלץ האָט קלאָר פאָרויסגעזאָגט אַ נאָענטן שטורעם.

אויך מיר, קינדער, וואָס האָבן נאָך נישט תופס געווען דעם באַדייט פון דער דאָזיקער מורדישער ידיעה אין איר גאַנצער טיפקייט, האָבן אָבער זייער גוט געפילט אַז איסר דעם וואַסערטרעגערס אַנטלויפן פון בית המדרש איז נישט אומזיסט. און דאָס יונגע האַרץ האָט זיך געשטעלט אויף איסרס זייט — — — ווייל דאָס יונגע האַרץ איז שוין לאַנג פאַרכאַפּט געווען פון אַן אימה, ביים הערן ווי אַזוי ר׳ אליה בעל קורא ברענגט פון זיך אַרויס די מוראדיקע רייד: ארור אתה בצאתך.

„...וארור אתה בצאתך... פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין ביי דיין אַרויסגיין און פאַרשאָלטן ביי דיין קומען, פאַרשאָלטן ביסטו אין שטאָט און פאַרשאָלטן אין פעלד... גאָט וועט דיך שלאָגן מיט שווינדזוכט און פיבער, מיט אַנטצינדונג און פיבער, מיט שווערד און מיט אויסקלאָפּונג...“

אַ פּחד און אַ גרויל! אַזוי ווי שטיקער האָגל וואָס פאַלן אין אַ צעשטורעמטער נאַכט אויף די דאַך־ציגל, אַזוי האָבן געהעמערט די קללה־ווערטער איבערן קאָפּ... און איסר דער וואַסערטרעגער פלעגט שטיין איינגעקורטשעט, געציטערט און הכנעהדיק זיך געבויגן אונטער דער שווערקייט פון די קלעפּ אַזוי ווי אַ זינדיקער קרבן פון גאַנצן ציבור... איז גוט וואָס ער האָט זיך כאָטש איינמאָל צעבונטעוועט און אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך, פון גאַנץ קהלס זינד, פון זיינע מאָגערע אַקסלען!

...צוויי אַזעלכע זענען זיי געווען, וואָס פון שטענדיק אָן האָט מען זיך נוהג געווען זיי אויפצורופן צו דער פרשה פון דער תוכחה — אוןביידע זענען זיי געווען וואַסערטרעגער... איינער, דער תוכחה־ייִד פון דער קליינער שול אויף יורזדיקע, איז געווען ידידיה. דער צווייטער איז געווען דער שטענדיקער „עולה לתורה“ צו דער תוכחה אין דער גרויסער שול, איסר, וואָס האָט נאָך געהאַט צוויי ייִנגערע ברידער. אַלע דריי זענען געווען וואַסערטרעגער און זיי האָבן געוווינט אין שכנות נעבן טייך. איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ ספּעציעלע פאַרבינדונג די פרשה פון דער תוכחה האָט געהאַט מיט דער פרנסה פון וואַסערטראָגן און אויב עס איז בכלל געווען אַמאָל אַזאַ מין תקנה, וואָס האָט געהייסן געבן די דאָזיקע האַרבע

„עליה“ גראָד אַ וואַסערטרעגער. ס׳איז אָבער געווען אַ פֿאַקט אַז ביידע שטענדיקע תוכחה־ייִדן אין שטעטל האָבן געהאַט די פּרנסה און אַז ביידע האָבן געשטאַמט פֿון די אָרעמסטע און אומגליקלעכסטע משפּחות.

בדרך כלל איז דאָס וואַסערטראָגן געווען פֿון די אָרעמסטע און ערגסטע פּרנסות אין שטאָט — און דעם אמת געזאָגט, איז עס אויך געווען אַ גוייִשע באַשעפֿטיקונג. אין די אַרומיקע שטעטלעך פֿלעגן די דאָרפֿס־פּויערים קומען אין שטאָט אַריין און אָנשעפּן טייך־וואַסער אין די פֿעסלעך וואָס זענען געשטאַנען גרייט אין די פֿאָדערהייזלעך און אין די אַריינגענג. אויך ביי אונדז אין שטויבץ האָבן זיך אַ סך נוהג געווען צו טרינקען וואַסער, וואָס פֿאַביאַן דער שבת־גוי האָט אָנגעשעפּט. דער דאָזיקער הויכוואוקסיקער ערל פֿלעגט אַלע פֿרייטיקצונאַכטס קומען אַראָפּנעמען די לייכטער פֿון ייִדישע טישן און דערפֿאַר באַקומען אַ שטיק ווייסע חלה. ערב פּסח איז ער אויך געווען אַ גאַנצער מאַכער אין רבס בית דין שטוב, בעת מ׳האָט פֿאַרקויפֿט דאָס חמץ. בשעת הדחק האָבן די שטעטלדיקע ווייבער זיך אויך באַנוצט מיט דער הילף פֿון האַפֿקע דער וועשערין, וואָס האָט ליב געהאַט זיך אָנצושכורן אין יעדן מאַרקטאָג, זידלען און שעלטן אויף דער גאַס אַלע ייִדן און דערביי זיך קושן מיט די דאָרפֿס־שקצים פֿאַר אַלעמענס אויגן... נאָר דאָס שטעטל האָט זיך אויך אַזוי ווי געזאָרגט אַז די חשובֿסטע בעלי־בתּים זאָלן טרינקען וואַסער וואָס איז געשעפּט געוואָרן דורך ייִדן, וועלכע זענען אַליין פֿרום און דערצו לאַנגאָנענדיקע תּושבים.

אין געוויסע הינזיכטן זענען די וואַסערטרעגער אפילו געוואָרן צוגע־רעכנט צו די שטעטלדיקע כּלי קודש, וועמען קהל איז מחויב מפרנס צו זיין, אָבער דערפֿאַר האָבן אויך זיי געוויסע חובֿות צו קהל. אַזוי למשל פֿלעגן טיילמאָל די שטעטלדיקע חופּות געשטעלט ווערן אויפֿן שולהויף. חתן־כּלה האָבן זיך דערנאָך אומגעקערט פֿון דער חופּה צו זייערע עלטערן אין הויז, אין דער באַגלייטונג פֿון אונטערפֿירער און מחותּנים. פֿאָרויס איז געגאַנגען די קאַפּעליע קלעזמער און אַ טשאַטע ייִנגלעך מיט מיידלעך זענען זיי באַכגעלאָפֿן. דאַן איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ וואַסערטרעגער מיט די קאָראָמיסלעס און פֿאַר זיי אַוועקגעשטעלט, ווי אַ סימן מזל, אַ פֿולן עמער אויפֿן וועג. אַלע אָנגעזעענע מחותּנים האָבן דאַן אַריינגעוואָרפֿן קופּערנע מטבעות אין דעם עמער און דער אַרומיקער עולם האָט זיך

אָפּגעגעבן „מזל טוב״... און אַז עס איז נאָר געקומען אַ רייכער גאַסט אין שטעטל אויף שבת און ביים אויפגערופן ווערן צו דער תורה האָט ער מנדר געווען מיט אַ ברייטער האַנט, איז שוין דערנאָך אַרויס אַ קול אַז אַ נגיד געפינט זיך אין שטאָט. האָט מען אויך געוווסט אַז מאָרגן, ווען דער גאַסט וועט האַלטן ביים פאַרלאָזן דאָס שטעטל, וועט אַ וואַסער־טרעגער שוין שטיין בײַ זיין וואָגן און אויסשטרעקן צו אים די האַנט מיט זיכערקייט און וואַרטן — ביז ער וועט באַקומען דאָס זייניקע. נישט אַנדערש ווי יעדער חשובער כלי קודש. איז שוין אויך געוואָרן דער מנהג זינט צייטן און צייטן, אַז די עלטסטע פוןביידע משפחות, ידידיה און איסר, זאָלן איטלעכעס יאָר אויפגערופן ווערן צו דער תורה און זיי זאָלן ווערן דעם ציבורס עדות, בעת דער בעל־קורא לאָזט הערן פון באַלעמער די רייד פון גאָטס כעס...

און עס האָט טאַקע אויסגעזען אַז גאָטס קללה האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף ביידע משפחות, וואָס זענען געווען די אָרעמסטע און נידערגעשלאָגנסטע פון שטעטל. ידידיה פלעגט שטיין אין דער יורזדיקער שול ביים עק פון הינטערשטן ווינקל, ממש ביי דער טיר פון אַריינגאַנג. עפּעס אַזאַ שווערער ריח האָט זיך פון אים געטראָגן און מיר קינדער האָבן מורא געהאַט צו שטיין נאָענט פון אים. געהאַט ער האָט אַ בן יחיד, אָבער יענער איז נאָך געווען מער קאַליקע און מער אָפּגעלאָזן מיט זיין „עפּעס נישט קיין מענטש״־זיין ווי דער פאָטער. גערופן האָט מען אים אבא ידידיהס. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ פאַרתמטס, אַ חסר־דעהדיקס און אָן דעם מינדסטן אויסדריק. אין מיטן דאַוונען פלעגן זיך די קינדער רייצן מיט אים און אַלעמאָל אים פרעגן: אבא, ווו האַלט מען? און אבא האָט זיך פאַרלוירן, אָנווייזנדיק אויפן סידור וועלכן ער האָט געהאַלטן מיטן קאָפּ אַראָפּ...

איסרס משפחה איז באַשטאַנען פון דריי ברידער. אַלע דריי האָבן געוווינט נאָענט פון איינאַנדער, האַרט ביים טייך. אַברהמל, איסרס יינגערער ברודער איז געווען אַ האַרבאַטער און קאַרליקעוואַטע. זיין נידעריק שטיבל האָט זיך באַהאַלטן צווישן די אַרומיקע הייזער אין הויף און איז פול געווען מיט קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך כמעט נאַקעטע אַרומגעוואַלגערט אויף דער פאָדלאָגע, ווייל אין שטוב זענען קיין בעטן נישט געווען. איך בין שטאַרק מסופק, אויב די דינסטן פון רייכע הייזער האָבן זיך אַמאָל דער־

נידעריקט און אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. זיי האָבן זיך נאָר אַריינגע־בויגן צום נידעריקן פענצטערל וואָס איז קוים געווען עטלעכע טפחים העכער פון דער ערד און האָבן אַריינגעפּויקט אין די שייבלעך אַריין:

— אברהמל... מאָרגן — צוויי פון ברונעם און איינעם פון ניעמען...

דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: צוויי עמערס וואַסער זאָל ער מאָרגן אין דער פרי ברענגען פון דעם ברונעם, ס׳זאָל זיין מיט וואָס צו וואַשן וועש און צו קאָכן — און איין עמער פריש וואַסער זאָל ער ברענגען גלייך פונעם טייך אויף צו מאַכן טיי...

און טעוועלע, דער דריטער און ייִנגסטער ברודער פון דער משפחה איז געווען אַ טויב־שטומער פון קינדוויַיז אויף. ער איז געווען זייער קליין און האָט געהאַט אַן אייגענע שטומע „שפּראַך״. אַז מיר האָבן גע־לערנט אין חדר אַ משנה וואָס דערציילט וועגן אַ „חרש שוטה וקטן״, האָבן מיר זיך באַלד אַליין אײַנגעטייטשט: אָט אַזאַ שטייגער ווי טעוועלע... אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען מיט דער קאַראַמיסלע אויפן דאַרן אַקסל פונעם טייך צו די בעלי־בתישע הייזער און צוריק. ער האָט זיך דערביי אונטערגעברומט עפּעס אַזאַ מין משונהדיק געזאַנג, וואָס נאָר די אַלטע לייט פון שטעטל האָבן געוווּסט דעם פּשט דערפון. לאַנגע יאָרן איז טעוועלע געווען אַן אַלטער בחור, ביז די שטעטלדיקע נשים צדקניות האָבן זיך אויף אים מרחם געווען און האָבן אים פאַרשדכנט מיט אַן על־טערער יתומה, הינדע די קויל, וואָס איז געווען דיק און תמיד לאַכעדיק און האָט זיך אויפגעהאַלטן אין הקדש. נאָך דער חתונה האָט אברהמל אויפגעשטעלט פאַרן ייִנגערן ברודער אַ קלייןביידל נעבן זיין נידעריק שטיבל און ער האָט דאָרט באַזעצט דאָס נייַע פּאָרל. דאָס דאָזיקע ביידל איז נאָר געווען נידעריקער פאַר אברהמלס הייזקע און טעוועלעס קאַראָמיס־לע האָט גאָרנישט געקענט אַריינקריכן אַהין. דערפאַר האָט ער זי געמוזט לאָזן נעכטיקן אין דרויסן, ווייל די טיר איז געווען אַ סך קלענער.

דער מענטשלעכסטער און געזונטסטער צווישן אַלע דריי ברידער איז געווען איסר. זיין ווייב איז טאַקע געווען שווינדזיכטיק און אויך זיינע קינדער האָבן געהאַט אַלערליי חולאתן, אָבער ער אַליין איז געווען אַ הויכער און אַ פלינק רירעוודיקער. אַליין איז ער געווען אַ שווייגער, אַריינגע־טאָן אין זיך און אין זיין מאָגערן גוף. איבער די קנייטשן פון זיין נזיריש,

אויסגעמאָגערט פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן אַן עקשנותדיקע און בייזע האַרטנעקיקייט פון אַן איינגעשלאָסענעם. אַ פאַרביטערטער מענטש איז דער איסר געווען און ביטער איז אויך געווען זיין האַרבע פרומקייט און זיין שטרענגע אָפּגעהיטנקייט אין אַ מצווה. אַזוי ווי לעבעדיק זע איך נאָך היינט איסרן, ווי ער שטייט אָנגעלענט אַן דעם פענצטער־ברעטל פון דער מערב־וואַנט אין אַלטן בית־מדרש מיט אַ קליין, פאַרדריפּעט תהילימל אין זיין דאַרער האַנט און זאָגט תהילים פאַר זיך. אייגנטלעך איז עס די צייט ווען קהל זאָגט תהילים בציבור און זיינע מזמורים טיילן זיך חלילה נישט אויס פון די מזמורים וואָס גאַנץ קהל זאָגט. אפשר זאָגט ער נאָר די זעלבע קאַפּיטלען... נאָר טיף אין זיך האַלט איסר נישט מיט דעם זאָגן בציבור, גלייך מיט אַלעמען. ער מאַכט נישט קיין שותפות מיט קהל ביים זאָגן תהילים! ער האָט נאָך אַ חשבון מיט קהל! און די שטילע דין תורה זיינע ציט זיך שוין לאַנג, איז אַ האַרבע און אַ טיפע. טאָ זאָלן זיי זיך דערווייל זאָגן תהילים באַזונדער און ער, ער וועט זיך אויך זאָגן זיינס ביחידות, צווישן אַלעמען... און זיין מאָגער, אַסקעטיש פּנים איז ברוגז — גלייך ווי עס וואָלט זיך דאָ געמשפּט מיטן גאַנצן ציבור וואָס זאָגט דעם זעלבן תהילים וואָס ער, ממש נעבן אים...

נאָך יענער מעשה, ווען איסר האָט אָנגעוואָרפן אַזאַ צעטומלעניש אין שטיבל האָט מען זיך דערציילט, אַז ר׳ אליה דער בעל־קריאה האָט שוין לאַנג געפּילט אַז איסר וויל מורד זיין קעגן מנהג מ׳זאָל דווקא אים אויפרופן צו דער תוכחה. נאָך פאַראיאָרן, ווען ר׳ אליה האָט געלייענט איבער איסרס קאָפּ דאָס לאַנגע צעטל „ארורס" און „יככהס" האָט ער פלוצלינג געהערט ווי אַזוי איסר ברומט זיך אונטער שטיל און שאַרף: אויף דיין קאָפּ! אויף דיין קאָפּ! דאָס האָט געדאַרפט הייסן אַז ער וואַרפט אָפּ די אַלע קללות, וואָס ווערן איבער אים געלייענט און ער שיקט זיי אָפּ צו אַנדערע... נאָר דאָס יאָר האָט ער זיך מיט דעם טריק פון שטילן פּראָטעסט נישט צופרידן געשטעלט. ער האָט פּשוט איינגעשטעלט זיין גאַנצע פּרנסה און אַרויס פון שול, צו דער איבערראַשונג פון אַלע מתפּללים.

נאָר צו דער פּרנסה האָט דאָס אים נישט געשאַדט.

ווייל ביני לביני האָט אָנגעהויבן שיינען דער שטערן פון איסרס בכור,

בנימין לייב, אין דער שטעטלדיקער תלמוד־תורה. דאָס ייִנגל האָט באַ־קומען אַ שם, ווי איינער פון די בעסטע קעפּלעך אין שטעטל. האָט זיך איסר גענומען בויען שלעסער פון האָפענונגען אויף זיין געראָטענעם און באַליבטן קינד. ער, בנימין לייב, וועט נאָך אַמאָל ברענגען אין שטוינעז אַלעמען. ער וועט נאָך באַווייזן אַלע גראָבע פּעמפּיקעס, וועמען גאָט האָט געבענטשט מיט אַ גוטן קאָפּ און ער וועט נאָך אַלעמען לערנען דרך ארץ... זיי וועלן נאָך אַלע מוזן קומען נאָשן פון אים, און מיטן כוח פון זיין תורה וועט ער אויך דעם טאַטן זיינעם אַרויסהייבן פון די מיסטן... ער וועט נאָך ווייזן די נגידים!

וואָס מער בנימין לייב האָט מצליח געווען אין לערנען, אַלץ מער האָט זיך איסרס געשטאַלט אויסגעגלייכט נעבן פענצטער אויף דער מערב־וואַנט פון דער שול ביים זאָגן תהילים אין די פאַרנאַכטן. קיין חסיד איז איסר נישט געווען און ער האָט נישט געקענט אויסדריקן זיינע געפילן דורך קנאַקן מיט די פינגער אָדער דורכן פּאַטשן מיט די הענט... בלויז זיין קליינע, דאַרע פויסט האָט זיך געהויבן אין דער לופט אַזוי ווי פון זיך אַליין, צום טאַקט פון די תהילימדיקע פסוקים:

— משוד עניים... מאנקת אביונים... עתה אקום... אמר השם...

און עס איז שווער געווען צו וויסן צי דאָס קלאָגט ער זיך נאָר מיט אַ ביטער האַרץ, אָדער ער סטראַשעט עס עמעצן מיט זיין גרימצאָרן — אָדער ער טוט ביידע צוזאַמען.

ב. דער אויסלייזער פון פאַרשוועכטן כבוד

ס׳האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט. איינמאָל איז דער מלמד פון תלמוד־תורה, יאָשע בכבודו ובעצמו צוגעגאַנגען צום ווינקל פון דער מערב־וואַנט אין שול און אַ פרעג געטאָן דעם וואַסערטרעגער, אויב ער איז מסכים צו שיקן זיין בנימין לייבן קיין מיר ער זאָל דאָרטן לערנען ביי ר׳ זשאַמען אין תלמוד־תורה. ר׳ זשאַמעס תלמוד־תורה אין מיר איז נישט געווען קיין געוויינטלעכע. דאָס איז געווען אַ מין פּרוזדור צו דער גרויסער ישיבה. ר׳ זשאַמע אַליין האָט געהאַט אַ שם אויף ווי ווייט אַלס גאָר גוטער מלמד און בלויז די בעסטע ייִנגלעך האָט מען דאָרט

אָנגעגנומען. פון די שטעטלעך אַרום מיר האָט מען נאָר געקענט שיקן אַ קליינע צאָל פון די בעסטע תלמידים צו ר׳ זשאַמעס „טיש״. דאָס מאָל האָט ר׳ יאָשע מלמד אויסגעקליבן דווקא בנימין לייבן... האָט איסר אויסגעהערט די פריילעכע בשורה און זיין פאַרכמורעט פּנים האָט אויפגעלויכטן:

— ס׳הייסט, אויב ער איז מסכים!? אוודאי באַשטייט ער דערויף! וואָס איז דאָס פאַר אַ שאלה!? אַלץ וואָס ער האָט, וועט ער פאַרמשכונען; דאָס לעצטע שטיקל ברויט וועט ער אָפּשפּאָרן פון מויל און זאָל טאַקע בנימין לייב פאָרן צו ר׳ זשאַמעס טיש, אָט פונקט ווי מען האָט אַהינגעשיקט דעם שוחטס זון! אדרבה, זאָלן טאַקע די שיינע ייִדן אין שטאָט זען אַז נישט בלויז פאַר זיי האָט מען די תורה געגעבן...

און פון דעמאָלט אָן האָט איסר גענומען זאַמלען אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע, כדי דער זון זאָל קענען פאָרן לערנען תורה קיין מיר. און פונקט ווי ער האָט געזאַמלט געלט, אַזוי האָט ער זיך אויך אָנגעשטרענגט צו זאַמלען מצוות און צו ווערן נאָך פרומער ווי פריִער. צו האָבן אַ זון אַ למדן דאַרף מען זוכה זיין... און דערצו טאָר זיך דער זון נישט שעמען מיטן טאַטן ווען ער וועט גרויס ווערן. ווען ר׳ ארע האָט פּרייטיקצונאַכטס געוואָלט באַזאָרגן אָן אורח צו אַ בעל־הבית, וואָס זיין ריי איז געקומען און יענער איז גראָד נישט געווען אין שול — האָט איסר זיך מתנדב געווען צו העלפן ר׳ ארען. ער אַליין האָט אַוועקגעפירט דעם אורח צום בעל־הבית אין שטוב אַריין... און איינמאָל, דאָנערשטיק נאָך מעריבֿ, בין איך אַריינגעגאַנגען אין דעם גרויסן בית מדרש צו זען ווי די בחורים זיצן אויף די משמור־נאַכט און לערנען, האָב איך דערזען, ווי איסר שאַרט זיך שטילערהייט אַריין אין שול מיט זיינע עמערס וואַסער. ער האָט אַוועקגעשטעלט די קאַראַמיסלע אין פּאָליש און אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן די בענק מיט אַ קענדל וואַסער, צו דערלאַנגען אַ פרישן טרונק פון טייך פאַר די לומדים. ער האָט זיך דערביי פרום איינגעהערט אין דער ברכה וואָס זיי מאַכן איבערן וואַסער און אָפּגעענטפערט „אמן״ מיט צוגעמאַכטפאַרדבקהטע אויגן...

און מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו הערן ווי אַזוי די לומדישע בחורים לויבן זיין בנימין לייבן. וואָס אָן אמת האָט טאַקע דער שם פון זיין

זון געהאַלטן אין איין וואַקסן. דאָס ייִנגל איז געווען אַ גרויסער ידען אין תנ״ך און האָט געקענט אָפּטייטשן דעם שווערסטן פּסוק פון איוב אָדער יחזקאל. ער פלעגט אונדז אַלעמען ברענגען אין התפעלות מיט זיינע פּשטלעך און דרשות. הגם ער איז געווען גרעסער פאַר די ייִנגלעך אין אונדזער כתה (מיר זענען געווען ניין אָדער צען־יעריקע און ער איז שוין געווען אַלט אַ יאָר פופצן) האָט ער ליב געהאַט צווישן מנחה ומעריב אַריינצוקומען צו אונדז אין חדר אַריין און אונדז צו פאַרטומלען מיט זיינע קשיות און תירוצים. מיר האָבן געוווּסט: ס'וואַקסט פון אים אַ דרשן!... מיר האָבן געפילט אַז ער שעמט זיך מיט זיין משפּחה און מיר האָבן צווישן זיך באַשלאָסן נישט צו דערמאָנען אין זיין אָנוועזנהייט, נישט אברהמלען און נישט טעוועלען וואָס זענען געווען זיינע לייבלעכע פעטערס. אויך זיי אַליין, ווען זיי האָבן אים געטראָפן אויף דער גאַס זענען צו אים נישט צוגעגאַנגען. ער איז צו זיי אויך נישט צוגעגאַנגען. נאָר איסר איז געווען זיין געהיימער פאַרבינדעטער. בנימין לייב האָט גאָר גוט גע־וווּסט וועגן דעם חוב, וואָס דער טאַטע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט: מיטן כוח פון זיין תורה זאָל ער אַראָפּנעמען דעם שאַנדצייכן פון דער משפּחה; זיך נוקם זיין אין די גאַסנייִנגלעך, דורך אויפהייבן זיך העכער פון זיי און דורכן גלייך ווערן מיט די בעסטע קינדער פון שטעטל. האָט זיך בנימין לייב מיטן גאַנצן האַרץ איבערגעגעבן דער דאָזיקער שליחות זיינער.

זיינע ערשטע דרשות, ווי איך געדענק זיי, האָבן נישט געהאַט קיין שום געזעלשאַפטלעכן אָדער גייסטיקן תוכן. דאָס איז געווען סתם אַ גע־פלעכט פון קשיות און תירוצים. זייער גאַנצע געזעלשאַפטלעכע חשיבות איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער, בנימין לייב, דער זון פון איסר דעם וואַסערטרעגער — אַ פּלימעניק פון אברהמעלע קאַרליק און טעוועלע חרש שוטה וקטן — האַלט אַזעלכע דרשות און זיי, די קינדער פון די שענ־סטע בעלי־בתים הערן אויס, האָבן הנאה און לויבן אַזוי שטאַרק זיין נאָמען... איך געדענק די דרשה וואָס ער האָט פאַר אונדז געהאַלטן ערב פּורים ביינאַכט נאָך דער מגילה, ווען מיר זענען צוזאַמען מיטן רבין גע־גאַנגען אויפן שולהויף:

— וואָס איז דער טייטש אין פּסוק „ויספּר המן לזרש אשתו את כבוד

עשרו ורוב בניו״? מילא, וועגן זיין רייכקייט איז פֿאַרשטענדלעך. אַמאָל ווייסט דאָס אייגענע ווייב נישט ווי רייך איר מאַן איז — און ער דאַרף עס איר דערציילן. נאָר וואָס האָט ער איר געדאַרפֿט דערציילן אַז ער האָט אַ סך קינדער? צי האָט דען זיין ווייב זרש אַליין נישט געוווּסט וויפֿל קינדער זי האָט? נאָר — און דאָ האָט בנימין לייב גענומען אונטערזינגען ווי אַן אַלטער, אויסגעפּרוּווטער מגיד — „רוב בניו״ איז דער טייטש די גרויסקייט פֿון זיינע קינדער. אַז „רוב״ מיינט מען „שטאַרק״ קען מען אויך זען פֿון דער תורה „וירבו ויעצמו במאד מאד״...

זיין דאָזיקע דרשה האָט שטאַרק נושא חן געווען ביי אונדז קליינוואַרג און איך, דער ייִנגסטער פֿון אַלע, האָב אים אפֿילו צוגעהאָלפֿן מיטן זעלבן מגידישן ניגון:

— בנימין לייב, כ׳האָב אַ שטאַרקע ראיה פֿאַר דיין דרשה. מיר זאָגן אין תהילים: מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו. אדוני, מה רבו צרי, רבים קמים עלי... איז דאָך די קשיא: צי איז דען די מחנה פֿון דודס שונאים אַזוי צאָלרייך געווען? אָבער ער איז דאָך נאָר אַנטלאָפֿן פֿאַר אבשלומען און זיין בינטל חברים, טאָ פֿאַרוואָס האָט ער געקלאָגט אַז זיינע שונאים זענען „רבו״ און אַז די אויפֿשטייער קעגן אים זענען „רבים״? נאָר דאָס באַווייזט אַז „רבים״ קענען זיין ווייניק אויך, ווי באַלד זיי זענען שטאַרק...

האָט בנימין לייב גֶעלויבט מיין צוהעלפֿן אים און איך האָב זיך שטאַרק געפֿרייט מיט זיינע קאָמפּלימענטן, כאָטש דער רבי האָט, דאַכט זיך גאָר, נישט צוגעהערט זיך צו אונדז ביידע. נאָר מאָרגן נאָך דער מגילה, ווען קהל האָט זיך צונויפֿגעדריקט אַרום דעם טיש, האָט דער רבי זיי דערציילט די חידושים פֿון אונדז ביידע אין אונדזער נאָמענס וועגן... געדענק איך ביז היינט איסרס פּנים־אויפֿגעלויכטנקייט דערביי, בעת ער איז געשטאַנען ביים שול־פֿענצטער, מיטן עלנבויגן אויף דעם אָנלען און מיטן גראָבן פֿינגער צווישן די ציין... ער איז געווען איין שטיק געהער, איין שטיק אָנגעזאָפּטער נחת, אויסגעשטרעקט צו דער לויב פֿון זיין בנימין לייבן, זיין זון און גואל.

און עפּעס אַ וואַרעם, גוט געפֿיל האָט זיך גענומען וועבן צווישן מיר און איסרן. ווי נאָר ער האָט פֿון דאַן אָן אַ בליק געטאָן אויף מיר, איז די

גאַנצע פאַרכמורעטקייט פון זיין פּנים נעלם געוואָרן. איינמאָל האָב איך אפילו זוכה געווען צו אַ קלאָרערן אויסדרוק פון דער דאָזיקער ווייכער צערטלעכקייט צו מיר. ביי אונדז אין שטוב איז געווען אויפגעהיטן אַ סלוי מיט איינגעמאַכטס פון רויטע מאַלינעס, אין דער ווינטער־שראַנק. זומער, ווען די מאַמע איז געווען אויף זומער־וווינונג האָט זי צוגעגרייט דאָס איינגעמאַכטס פאַר די אָרעמע קראַנקע, ווען זיי וועלן עס דאַרפן צו רפואה. זי פלעגט דאָס זיסע איינגעמאַכטס צעטיילן גלעזלעכווייז, בעת אַ קינד איז קראַנק געוואָרן און געדאַרפט שוויצן, אָדער פאַר אַ קראַנ־קער וואָס האָט געליטן אויף די לונגען און האָט שטאַרק געהוסט. ווי נאָר אַ צרה איז מען געקומען צו דער מאַמען, בעטן פון דעם זיס־רויטן וואָס דערקוויקט דאָס האַרץ. מען האָט עס גערופן „לאָבונג״. (און ווען איך האָב שפּעטער געלערנט ירמיה און געקומען צום פּסוק „הצרי אין בגלעד, אם רופא אין שם מדוע לא עלתה ארוכת בת עמי?״ האָב איך מיר דאָס שווערע וואָרט „צרי״ אָפּגעטייטשט „לאָבונג״ און אַלץ איז מיר געוואָרן קלאָר און פאַרשטענדלעך...).

איז איינמאָל בנימין לייבס מאַמע קראַנק געוואָרן און וועלוול דער רופא האָט איר אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. היות די מאַמע האָט געוווּסט ווי גוט איך בין מיט בנימין לייבן, האָט זי דורך מיר געשיקט אַהין אַ גלעזל מאַלינע־סאָק. איך האָב דאַן גאָר פון דער נאָענט דערזען די אָרעמקייט אין איר יאָמערלעכסטן געשטאַלט. בדרך כלל האָט איסר נישט ליב געהאַט קיין טובֿות־טוער און ער איז גאָרנישט צופרידן געווען, ווען זיין אָרעמקייט האָט זיך אַרויסגעזען פאַר פרעמדע אויגן. נאָר צוליבן זכות פון מיין חברן זיך מיט בנימין לייבן האָט ער מיר געוויזן אַ פריינטלעך פּנים און מיט אַ סך צערטלעכקייט האָט ער מיך אַהיימבאַגלייט אין שטוב אַריין.

ביז ס'איז געקומען דער ציוניזם און האָט איבערגעריסן דעם דאָזיקן חסד־פאָדעם. ער, איסר, האָט זיך שטאַרק אָנגעהאַלטן אָן דעם שטרענגן מלמד פון תלמוד־תורה, וועלכער איז געווען בנימין לייבס רבי. איז אָבער דער מלמד געווען איינער פונעם רבס „קאָזאַקן״ און אַ פאַנאַטישער שונא פון ציוניזם און ציוניסטן. און איך מיט מיינע חברים, מיטגלידער פון פאַריין „ציון ושפתה״ זענען געווען שטאַרק איבערגעגעבן דער ציוניס־טישער אגודה. דער ציוניסטישער פאַריין האָט איינמאָל באַשלאָסן צו

גרינדן אַ העברעיִשע ביבליאָטעק און מיר, די ציוניסטישע קינדער, זענען אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב זאַמלען ביכער. דערנאָך האָבן מיר מיט גרויס פּאַראַד אַריינגעפירט די ביכער־שראַנק אינעם נייעם הויז פון יאָשקע דעם סטאָלער. מיט גרויס באַגייסטערונג האָבן מיר זיך גע־גרייט צום חנוכה־אָוונט, דורך וועלכן מיר זאָלן קענען שטאַרקן און אויס־ברייטערן די העברעיִשע ביבליאָטעק, וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ פעסטונג פון ציוניזם אין שטעטל. נאָר דער רב האָט געלאָזט אויסרופן אַ חרם אויפן חנוכה־אָוונט. דערנאָך זענען מיר אויפגעשטאַנען אין אַ שיינעם פרימאָרגן און האָבן געטראָפן אונדזער ביכער־שראַנק ליגן אין מיטן גאַס... און די העברעיִשע ביכער, דאָס שוואַרצאַפּל פון אונדזערע אויגן, זענען געלעגן צעוואָרפן אין אַלע זייטן.

מ׳האָט געשמועסט אַז דער תלמוד־תורה מלמד און שואל דער בעדער האָבן צוגערעדט דעם רב אַז ער זאָל אויסרופן דעם חרם און אַז מען זאָל אויסרוימען די ביבליאָטעק... און יודעי דבר האָבן דערציילט אַז אויך איסר האָט אַ חלק אינעם דאָזיקן פאַרברעכן... און געווען אַזעלכע וואָס האָבן עדות געזאָגט: בנימין לייב, איסרס זון און יאָשעס תלמיד, האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט צום שטיקל אַרבעט.

סיוּוּי, די פאַרבינדונג צווישן איסר דעם וואַסערטרעגער און די יונ־געלייט, וואָס זענען מקורב געווען צום רב, איז שטאַרקער געוואָרן פון יאָר צו יאָר. ווען ס׳איז געקומען צו דער סדרה „תבוא״ בעת מען לייענט די תוכחה, האָבן זיך געגומען הערן קולות אין בית המדרש אַז מען זאָל אויפהערן צאַפּן ס׳בלוט ביי איסרן און מען זאָל מער נישט פאַרלאַנגען פון אים אַז ער זאָל עולה זיין צו דער עליה. ביז אליה דער שוחט, דער בעל־קורא פון בית המדרש האָט איינמאָל אָפּגעטאָן אַ מעשה: ער האָט זיך אַליין אויפגערופן צו דער דאָזיקער שרעקלעכער פרשה... האָט עס אויסגעזען ווי אַ נס און אַ לאַנגע צייט האָבן אַלע נישט אויפגעהערט צו רעדן דערפון... און נאָך די „ימים נוראים״ האָט יאָשע מלמד מודיע געווען אַז ער האָט איינגעאָרדנט בנימין לייבן אין ר׳ זשאַמעס מירער תלמוד־תורה... און איסר דער וואַסערטרעגער האָט איינגעפּאַקט דאָס פּעקל און אַוועקגעשיקט זיין בכור און זיין שטאָלצע האָפענונג צו אַ מקום תורה. זאָל ער דאָרט מיטן כוח פון זיין לערנען ליכטיקער מאַכן זיין

וועלט און זאָל ער אַראָפּקוילערן פון זיין משפחה די גאַנצע לאַסט פון בזיונות, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן אין זייער צעבראָכנקייט, אָרעמקייט און שמאַד.

### ג. די „חברה יושר״

פיר „זמנים״ האָט בנימין לייב געלערנט אין דער תורה־שטאָט מיר. דערנאָך, ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער זיין שטעטל נישט דערקענט און דאָס שטעטל האָט אים קוים דערקענט. במשך די צוויי יאָר האָט געפונען אויפשפּראָצן די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס קאַפּיטל פּאַרטייען, ציוניסטישע און אַנטי־ציוי־ניסטישע אויך אין אונדזער שטעטל. דער פאַריין „בני ציון״ האָט באַ־שלאָסן צו פאַרהאַלטן דעם העברעישן לערער אַלטער יאָסעלעוויטש און מיר, די יוגנטלעכע פון „ציון ושפתה״ האָבן זיך באַמיט צו געפינען פאַר אים תלמידים צווישן די בעסטע יינגלעך. האָט אַלטער געגרינדעט נאָך אַ פאַריין פאַר די פרויען „בנות ציון״ און ער פלעגט פאַר די ווייבער און מיידלעך פאָרלייענען „רעפעראַטן״ אָדער קאַפּיטלען ליטעראַטור פון דער צייטונג „דער יוד״ יעדן פרייטיק צונאַכטס. שבת פאַרנאַכט האָט ער געמאַכט פאַרזאַמלונגען אין איינעם פון די זייטיקע בתי מדרשים, אויף וועלכע דער רב האָט נישט געהאַט קיין שליטה און מען האָט דאָרט גע־געבן לעקציעס אין תנ״ך. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט ער מכבד געווען די אָנגעזעענע משכילים פון שטעטל אַז זיי זאָלן אויסטייטשן די טרייסט־קאַפּיטלען פון ישעיה, אָדער די חורבן־קאַפּיטלען פון איכה פאַר די בעלי־בתים און לומדים, לויטן דקדוק און מיט אַקטועלע אַקצענטן.

די יוגנט פון שטעטל פלעגט לעקן די פינגער פון אַזעלכע אָוונטן און דעם „רבס קאָזאַקן״ האָבן די ערשטע דערקלערט אַ פייערדיקע מלחמה אַלטערן און זיינע פאַרזאַמלונגען. אין דעם גרויסן בית המדרש האָט מען געשמועסט אַז אויף די תנ״ך־לעקציעס פאַרשפּרייט מען אפּיקורסות און אַז מען לאַכט דאָרט אָפּ פון די מפורשים. דעם רבס מקורבים האָבן באַ־שלאָסן צו וואַרפן זיך אין קאַמף און נישט לאָזן די יוגנטלעכע קומען צו די לעקציעס. פלוצלינג האָט זיך באַוויזן אויך אַ נייער קעגנער פון אַלטערס תנ״ך־אָוונטן. צווישן די אַרבעטער און געזעלן האָט זיך גענומען פאַר־

שפּרייטן אַ מאָדנער קלאַנג אַז אַלטער „פּאַרפּינצטערט דעם קלאָסן־באַ־ וווסטזיין" און אַז ער פּאַרשפּרייט מיט זיינע לעקציעס דעם „גיפט פון שאָוויניסטישן קלעריקאַליזם". אויב די דאָזיקע קלאַנגען האָבן צום ערשט נישט געהאַט גענוג כוח זיך אַליין אויסצוטראָגן, זענען אָבער געווען גענוג ווינטן וואָס האָבן זיי געגעבן פליגל. אין איינער פון די לאַנגע ווינטער־ נעכט, ווען אַלטער איז אַהיימגעקומען פון זיין ציוניסטישן פריינט, דעם אַפּטייק־קרעמער מהרש"ק צו זיך אין זיין איינזאַמען צימער — זענען אויף אים פון הינטן אָנגעפאַלן צוויי געזונטע פּויערים. איינער האָט פאַר־ וואָרפן אַ זאַק אויף אַלטערס קאָפּ און דער צווייטער האָט אים גענומען שלאָגן מיט אַ שטעקן. אַ צעטומלטער האָט אַלטער גענומען פרעגן מיט די לעצטע כוחות:

— זאַ שטאָ? (פאַרוואָס?).

און ער האָט באַקומען אַן ענטפער וואָס איז געווען קורץ, אָבער ער האָט אַלץ אויפגעקלערט:

— זאַ תנ"ך... (פאַרן תנ"ך!).

אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָבן מיר נישט געקענט דערגיין ווער האָט עס אָרגאַניזירט דעם דאָזיקן ווילדן אָנפאַל אויף אונדזער באַליבטן לערער. זענען עס געווען די פאַנאַטיקער פון רבס קרייז? אָדער אפשר זענען עס געווען די ערשטע בונדיסטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן שטעלן זייער ערשטע געמאָסטענע און קאָנספּיראַטיווע טריט און ביי וועלכע דער קאַמף מיט אַלטערן איז געוואָרן די ערשטע אַקציע וואָס האָט אונדז אָנגעזאָגט פון זייער עקזיסטענץ?

צי זענען זיי געווען די ערשטע? ניין, אין שטעטל זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן נאָך מקדים געווען אויך זיי. ס'האָט זיך נאָך פאַר זיי געפּע־ דערט דער וווּנדערלעכער לערער, וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער פונעם סמאָלאַרניק אינעם נאָענטן וואַלד. דאָס איז געווען אַ פּייערדיקער סלאָנימער חסיד אין דער יוגנט און אַ גרויסער למדן. ער האָט געלערנט אין ישיבה און דערנאָך איז ער אַנדערש געוואָרן. און האָט געפלאַקערט מיט אפּיקורסותשן צולהכעיס און מיט רעוואָלוציאָנערן צאָרן, מיט דער זעלבער התלהבות, מיט וועלכער ער האָט אַמאָל געזונגען „יה אכסוף נועם שבת", האָט ער איצט געזונגען מיטן גאַנצן כוח ביז כלות הנפש:

## זלמן שזר

איך ברענג וואָפן
פאַר דעם שלאָפן
אום צו באַפרייען אַרבייטס־שקלאָפן
און איך מאַך זיי פריי — — —

און אַז ער האָט אויסגעשריגן דאָס וואָרט „פריי״ זענען אים פייער־פונקען געפלויגן פון מויל. נאָר ער האָט זיך אַליין אָנגערופן „אַנאַרכיסט״. און ער האָט נישט צוגעגעבן קיין באַזונדער באַדייט דאָס אָרגאַניזירן די לערן־ייִנגלעך. און איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו פאַרכאַפּן דאָס האַרץ פון די אַרומיקע משכּילים, האָט אים די שיף אַוועקגעטראָגן אויף יענער זייט אָקעאַן...

און פאַר די בונדיסטן איז נאָך אויך געווען אין שטעטל מיכאל רובין. ער איז געווען אַ קינד פון אַ פאַרמעגלעכער משפּחה. ווען ער איז צוריק־געקומען אין שטעטל נאָכן אָפּדינען אין מיליטער האָט ער געהאַט שטייפע וואָנצעס און גערעדט טיף רוסיש. זיין פּנים איז ענלעך געווען צו גאָרקיס און די אויפגעקלערטע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער שטעטלדיקער רוסישער ביבליאָטעק, האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען אַרום אים. אָבער ער איז גאָר געווען אַ „סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער״ און געזוכט אַ וועג צו די קריסטלעכע באַן־אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר אַ שטרייק. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט ביז מען האָט מיכאל רובינען אַרעסטירט...

די יונגע ייִדישע אַרבעטער, שניידער־געזעלן, שוסטערס, בלעכערס, סטאָלערס און די וואָס האָבן געאַרבעט ביי די טייך־ברעגן — פּונקט ווי די נייטאָרינס און שייטל־מאַכערינס, צו וועלכע די שמועה פון דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג האָט דערגרייכט — זיי אַלע האָבן אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך געוואַרט מיטן גאַנצן האַרץ־צאַפּל, אַז עס זאָל קומען אַ באַגלייבטער מנהיג וואָס זאָל זיי אָרגאַניזירן, פירן...

אין יענער צייט איז בנימין לייב, איסר דעם וואַסערטרעגערס זון צוריקגעקומען פון מיר צו אונדז אין שטעטל. צי איז ער קאַליע געוואָרן און מ׳האָט אים פון דאָרט אַרויסגעטריבן? איז ער אַליין אַוועק? אַלנפאַלס ער איז צוריקגעקומען אַן איבערגעקערטער. אין בית המדרש האָט מען

אים מער נישט געזען און זיין שוואַרצע רובאַשקע האָט שוין אַליין עדות געזאָגט אַז ער האָט זיך גאָר שטאַרק געענדערט. די וואָס ווייסן אַלע סודות האָבן שוין אויך דערציילט אַז די פּאָליציי לאָזט אים נישט אויסן אויג. אין דער זעלבער צייט איז אויך צוריקגעקומען, פון דער גובערניע־שטאָט, דער סטודענט פון לעצטן יאָר „קאָמערטשעסקאָיע אוטשילישטשע" (האַנדלס־שול) באַריס. ער איז געווען אַ זון פון דעם שטעטלדיקן גביר. מען האָט וועגן אים דערציילט אַז אין דער גובערניע־שטאָט איז ער געווען פאַרמישט אין אַ שטרייק וואָס די סטודענטן האָבן אָרגאַניזירט. ער אַליין האָט זיך גערעכנט פאַר אַן „אַלגעמיינעם" סאָציאַל־דעמאָקראַט, נאָר אונטערן איינפלוס פון זיין עלטערן קוזין (באַריס קלעצקין, דער שפּעטערדיקער באַרימטער יידישער פאַרלעגער פון ווילנע) האָט ער זיך אויך דערלויבט צו פּרעדיקן סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צווישן די יידישע אַרבעטער אויף יידיש. ער האָט זיך בלויז דערביי זייער געהיטן אַז זיין אַגיטאַציע זאָל זיין אויסגערייניקט פון „יידישע עלעמענטן" און ריין פון נאַציאָנאַלע „איבערטרייבונגען", פון וועלכע יעדער גוטער סאָציאַליסט מוז אַנטלויפן ווי דער פעפער וואַקסט.

ווי נאָר די כוואַליעס פון ציוניזם האָבן זיך אויפגעהויבן אין שטעטל, האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון דיסקוסיעס. אויף איינעם אַ שבת האָט מען צו אונדז אַראָפּגעשיקט אַ באַרימטן בונדישן רעדנער פון דער גובערניע. דאָס האָט ער געדאַרפט אַדורכפירן אַן עפנטלעכע דיסקוסיע מיטן לערער אַלטער יאָסעלעוויטש, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער ווייבערשול פון דעם גרויסן בית מדרש. נאָכן אַדורכפירן די עפנטלעכע שלאַכט האָט דער גאַסט־רעדנער אַרויפגעלייגט אויף בנימין לייבן און אויף באַריסן די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די בונדישע גרופּע פון שטעטל. צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אויפגעקלערטע מיידלעך פון דער „רוסישער ביבליאָטעק" און די בעל־מלאכהשע לערן־ייִנגלעך און יונגע אַרבעטער. איז דערפון אויפגעשטעלט געוואָרן די בונדישע אָרגאַניזאַציע.

פון דעמאָלט אָן האָט בנימין לייב מער נישט געוווינט ביים טאַטן אין שטוב, נאָר ער האָט זיך געדונגען אַ צימערל אין צווייטן עק שטאָט, אַרום וועלכן עס האָבן זיך געקרייזלט אַלערליי סודות. אין יענעם יאָר האָט דאָס גאַנצע פּנים פון שטעטל זיך געענדערט נישט צום דערקענען. פּלוצלינג

זענען אויסגעבראָכן אַ סך שטרייקן: ביי חייקע דער שניידערין, ביי יאָשקע דעם סטאָלער, ביים „אָדעסער שוסטער" און ביי גרשון דעם בלעכער... אויף איין אָרט האָבן געשטרייקט דריי אַרבעטער און אויפן צווייטן — פיר. נאָך איידער איין שטרייק האָט זיך געענדיקט האָט זיך אַ צווייטער אָנגעהויבן. קיינער האָט נישט געוווּסט רעכט, ווער עס לייגט אונטער דאָס פייער, אָבער אַלע האָבן געזען אַז עס ברענט שוין אַרום און אַרום.

און אַ סך האָבן געוווּסט שטילערהייט: ס'איז בנימין לייבס אַרבעט... נאָך די שטרייקן איז געקומען די ריי אויף אויסגלייכן סתם קריגערייען צווישן אונטערנעמער וואָס האָבן געפירט קאָנקורענץ, צווישן מחלוקת־פירנדיקע קרעמער, צווישן צעקריגטע יורשים און צווישן מאַן און ווייב... מ'האָט שוין געוווּסט: „חברה יושר" וועט פסקענען... און אַז זי טראָגט אַרויס אַ פסק דין — טאָר מען זיך נישט אַנטקעגנשטעלן! און פון מויל צום אויער האָט מען זיך דערציילט וועגן אַ ווידערשפעניקן וואָס האָט נישט געוואָלט מקיים זיין דעם אַרויסגעטראָגענעם פסק פון דער „חברה יושר" — האָט מען ביי אים איין מיטן נאַכט געמאַכט אַ חורבן און ס'איז געווען אַ נס מן השמים וואָס ער האָט געראַטעוועט ס'לעבן... איז דער פחד פון דער „חברה יושר" געפאַלן אויפן גאַנצן שטעטל.

האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געזוכט אַ וועג צו איסר דעם וואַסערטרעגערס האַרץ. דאָס האָבן זיי געוואָלט אַז ער זאָל משפיע זיין אויפן בכור זיינעם און יענער זאָל נישט האַלטן אַזוי שטרענג פאַרן צוים. נאָר איסר האָט אויסגעהערט, הנאה געהאַט וואָס אַזעלכע שיינע יידן ווענדן זיך צו אים נאָך אַזאַ טובה און דערביי האָט ער ווייטער געהאַלטן זיך גאָר האַרט און זיך אָפּגעטרייסלט פון אַלץ און אַלעמען... און די „בונדישע בירזשע" — ס'הייסט דעם גלחס געסל נעבן דעם ווייסן קלויסטער — האָט ממש געזשומעט פון יוגנט. אַהין זענען געקומען די אַרבעטער וואָס האָבן שוין געשטרייקט און אַרבעטער וואָס האָבן זיך ערשט געגרייט צו שטרייקן. עס זענען געקומען „באַוווּסטזיניקע" וועלכע זענען גרייט געווען צו אַגיטירן אַנדערע — און עס זענען געקומען רעקרוטן וואָס האָבן געזוכט ווער עס זאָל זיי אַגיטירן... עס זענען געקומען רייכע טעכטער, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו די עקזאַמענס ביים עקסטערן־לערער און עס איז געקומען אַ ישיבה־בחור וואָס האָט געחלומט צו ווערן אַ געהילפס־פּראָוויזאָר

אין אַפּטייק... ס׳איז געקומען די דענטיסטין, וואָס האָט געוואָלט זיך באַ־וועצן אין שטעטל און עס איז געקומען די באַברויסקער קורסיסטין, וואָס האָט דאָ געגעבן אוראָקעס. עס זענען אויך געקומען אַהער די שיינע קצבישע טעכטער יעדן פּאַרנאַכט, באַגלייט פון זייערע פּאַרערער און זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו זינגען די לידער פון עדלשטאַטן און רייזענען... און אין דער געסל־פינצטערניש, הינטער דעם קלויסטער, האָט דאָס אויג געקענט באַמערקן דאָס גלאַנציקע היטל פון רייכן האַלצהענדלערס זון, באריס און דאָס שוואַרצע העמדל פון בנימין לייבן, וועלכע האָבן צוזאַמען דיריגירט מיטן גאַנצן יונגן רויש אויף דער בונדישער בירזשע.

אין יענעם זומער האָט זיך אויך האַלב־אויסבאַהאַלטן און האַלב גע־קומען צו גאַסט אויף עטלעכע וואָכן דאַטשע צו אונדז אַ וואַנדערנדיקער סטודענט. דאָס איז געווען מיינע שוועסטערס אַ ידיד, וועלכער איז געקומען פון דער עמיגראַציע אין שווייץ און פּאַריז. ער איז געווען איינער פון די געהיימע בונדישע פירער און מ׳האָט אים גערופן סאַלאָמאָן. ער האָט געהאַט אַ שיין קול, פיינע מאַניערן. דער דאָזיקער בונדישער אינטעליגענט איז געווען אַ מאָגערער, מיט בלויע אויגן און העלע וואָנצעס. אין שטוב אַריין צו אונדז האָט ער געבראַכט אַ טייערע מתנה: אַ גרויסן אוצר פון יידישע פּאָלקסלידער, פון וועלכע אַ טייל זענען נאָך ביי אונדז נישט געהערט געוואָרן. יעדן אָוונט האָט זיין האַרציק, ווייך קול זיך געטראָגן איבער די וואַלדיקע שטעגלעך און דערמיט האָט ער געפאַנגען הערצער. יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך צו אים געצויגן פון אונדזער שטעטל און פון די אַרומיקע ערטער אויף אַלערליי וועגן און מיט אַלערליי אויסריי־דענישן. סיי פאַרן זינגען און סיי נאָך דעם האָט ער געשאָטן מיט הייסע קוילן אויף די קעפּ פון די „קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטן״ — און גע־מיינט האָט ער דערביי אַלע מינים פּועלי־ציוניסטן — וועלכע האָבן שוין גענומען אויסשפּרייטן זייערע שטילע נעצן איבער די אַרומיקע שטעטלעך... און אויך מיין האַנט און מיין האַרץ האָבן געהערט צו די דאָזיקע נעץ־פּאַרשפּרייטער...

אין איינעם פון יענע טעג האָט דער גאַסט סאַלאָמאָן פּאַרשפּעטיקט אַהיימצוקומען פון זיין פּאַרמיטאָגדיקן שפּאַציר. צוזאַמען מיט אים האָבן אויך פּאַרשפּעטיקט מיינע שוועסטער. די באַזאָרגטע מאַמע האָט מיך דער־

פאַר געשיקט זיי אַרומזוכן אין וואַלד און בר'ענגען צום עסן. איך האָב זיי אַ סך אַרומגעזוכט איבער די הויפּט־וועגן פון וואַלד און דערנאָך בין איך אַוועק צו די שאָטן־ווינקלען, ווו מיינע שוועסטער פלעגן זיצן מיט זייערע חברטעס און פריינט, אונטער די ניסן־ביימער. ביז איך האָב פון ווייטנס דערהערט סאַלאָמאָנס זיסע, האַרציקע שטים פון יענער זייט בערגל. איך בין נאָכגעגאַנגען דעם קול און אַנטדעקט אין דער געדיכטע־ניש פונעם וועלדל אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון יינגלעך מיט מיידלעך. דאָס זענען געווען אַזעלכע וואָס זענען דאָ געקומען אויף דאַטשע און אויך געסט פון די אַרומיקע שטעטלעך. אויך מיינע שוועסטער זענען געווען צווישן זיי. סאַלאָמאָן איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן אַ בוים און געהאַלטן אַ רעדע פאַר דער חברה, וואָס איז צעוואָרפן געווען צווישן די קוסטן און נעבן אים, אויף אַן אָפּגעשניטענעם שטאַם איז געזעסן דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג: מיין חבר און קעגנער, בנימין לייב דער זון פון איסר דעם וואַסערטרעגער...

### ד. איין פּראָקלאַמאַציע קעגן דער צווייטער...

זינט דאַן האָב איך מער זיך נישט געטראָפן פערזענלעך מיט בנימין לייבן. אין יענעם יאָר איז דער פּאַרטייישער באַרג אויסגעוואַקסן צווישן אונדזביידן. דער זעלבער באַרג האָט אויך געשפּאָלטן די גאַנצע יוגנט פון שטעטל אויף צווייען. אַזוי ווי ראַפּטום איז אַוועקגענומען געוואָרן די בייסיקע שאַרפקייט פון דער שפּאַלטונג צווישן איין חסידישער גרופּע און דער צווייטער; ווער שמועסט נאָך וועגן דער רייסעריי פון לאַנגע צייטן צווישן חסידים און מתנגדים. אפילו די נייע קריגערייַ צווישן די ציוניסטן און דעם רבס גרופּע האָט פאַרלוירן איר גלאַנץ.

דער יצר הרע פון שפּאַלטונג האָט זיך איצט באַפעסטיקט מיט דער גאַנצער קראַפט אין דער נייער מלחמה, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט צווישןביידע געהיימע „בירזשעס", וואָס זענען איבער נאַכט אויסגע־וואַקסן אין די שטעטלדיקע הינטערגעסלעך. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן דער בונדישער בירזשע, וואָס בנימין לייב האָט מיט איר אָנגע־פירט אין קלויסטער־געסל און צווישן דער נייער, פּועלי־ציוניסטישער

בירזשע וואָס האָט זיך איינגעפּעסטיקט אויף דער מינסקער גאַס. מיט דער נייער בירזשע האָט אָנגעפירט מיין חבר און באַגייסטערער פּיניע, דער זון פון סלאַווע בערקע הענעס, די באַקאַנטע בעקערין פון שטעטל.

פּיניע איז געווען עלטער פאַר מיר מיט צוויי יאָר און יינגער מיט צוויי יאָר פון בנימין לייבן. ער האָט געאַרבעט אין זיין פאָטערס בעקעריי און דערפאַר פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ כשרן פּראָלעטאַריער. ער האָט אויך געהאַט אָנהענגער צווישן די אַרבעטער־געזעלן און דער אינטעלי־גענץ פון דער שטעטלדיקער אַרבעטערשאַפט. ער האָט שוין באַוויזן זיך אויסצולערנען העברעיש ביי אַלטערן, און זיין פעטער, דעם פאָטערס ברודער, איז געווען דער טשעריקאָווער רב, הרב קאָקס, וועלכער איז געווען ביי אונדז פון די ערשטע מזרחיסטישע רבנים און מטיפים. ווען זיין פעטער איז געקומען אין שטעטל אַריין, האָט ער אויפגעשטורעמט די הערצער מיט זיינע קלוגע און שאַרפזיניקע דרשות און מען האָט זיי געדענקט אַ לאַנגע צייט נאָך זיין אַוועקפאָרן. טאַקע פּיניע האָט דאָס צונויפגענומען די יונגע אַרבעטער וואָס האָבן געקענט העברעיש און עס האָט זיי צום „בונד" נישט געצויגן. האָט ער אויפגעשטעלט די ערשטע געהיימע „סכאָדקע" פון פּועלי ציון ביי אונדז אין שטויבץ. פון אבא רובענטשיקס קרייזן אין מינסק האָט מען אים צוגעשיקט די ערשטע ליטעראַטור, וועלכע איז נייטיק געווען צו גרינדן אַ סניף און דערנאָך האָט פּיניע גענומען אַרויס־פאָדערן פון מינסק אָדער קאידאַנאָוו פּועלי־ציוניסטישע רעדנער, וועלכע קענען זיך פאַרמעסטן אין עפנטלעכע דיסקוסיעס מיט אַ בונדישן קעגנער. האָט זיך צעפלאַקערט אַ שלאַכט איבער דער נשמה פון דער שטעטלדיקער יוגנט. פּיניע איז געשטאַנען בראש פון אין אַרמיי, בנימין לייב בראש פון דער צווייטער — און איך בין געווען מיט פּיניען. היות ווי דאָס לעבן האָט גענומען ברויזן אויך אויף אונדזער בירזשע און פּיניע האָט גענו־מען ברענגען אַהין אַלץ מער יוגנטלעכע — איז אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע זיי צו „געבן אַגיטאַציע". דער פאַריין „שואפות ציונה", וואָס אַלטער האָט געגרינדעט פאַר די מיידלעך פון שטעטל ווי אַ צוגרייטונג צום קרייז „בנות ציון", איז ביסלעכווייז געוואָרן פאַר־וואַנדלט אין אַ רעזערוו פאַרן נייעם סניף פון פּועלי ציון. אינעם הויז פון דער פאַרזיצערין, שיינקע שאַפּירא, איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אַ

געהיים פּאָסט־קעסטל. אַהין האָבן די מיידלעך פון קרייז „שואפות ציונה" געקענט אַריינוואַרפן צעטעלעך וועגן פראַגן וואָס האָבן זיי צעטומלט. די צעטעלעך זענען געווען געשריבן אויף געקעסטלט פּאַפּיר, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון שול־העפטן אויף וועלכע מען לערנט זיך חשבון. יעדן טאָג האָט די פלייסיקע און חנעוודיקע שיינקע אַרויסגענומען די קוויטלעך פון קעסטל און זיי געבראַכט צו מיר. איך האָב זיי איבערגעלייענט, קלאַסירט און צוגעגרייט מיינע תשובות. מיינע ענטפערס פלעג איך געבן אויף די פאַרזאַמלונגען שבת צונאַכטס מיט גרויס אויספירלעכקייט, ביים האַלטן די רעפעראַטן פאַר די מיטגלידערינס פון „שואפות ציונה".

און אַז מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ צעטל, אָנגעפּראָפּט מיט פרעמדווערטער און מיט געפּעפערטן אַנטי־ציוניזם, פלעגט שיינקע צוגעבן: אַהאַ, דאָס מוז שוין זיין אַ צעטל פון איינער, וואָס הערט זיך איין צו די העץ־רעדעס פון בנימין־לייבן! איך פלעג דאַן זיך אָפּשטעלן אויספירלעכער אויף אַזעלכע רייד און שיסן מיינע פיילן אַ סך ווייטער, וויסנדיק אַז די רייד וועלן דערגיין ביז צו מיין גרויסן קעגנער, וואָס באַהאַלט זיך הינטער דער פרעגערין. מען האָט אויך אַרויפגעלייגט אויף מיר די אויפגאַבע צו לייענען פאַר די חברטעס יעדן שבת פאַרנאַכט קאַפּיטלען פון „פּאָ פּאָוואָדו" (אַזוי האָט געהייסן די רוסישע בראָשור וואָס די „מינסקער" פועלי ציון האָבן אָנאָנים אַרויסגעגעבן אין שייכות מיטן בונדישן אַריינטרעטן אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי). די טעמע פון דער בראָשור איז געווען אַ קריטישער אַנאַליז פון דער בונדישער שטעלונג אין דער יידיש־נאַציאָנאַלער פראַגע און אַ פּאָלעמישע באַשולדיקונג קעגן דעם וואָס דער „בונד" זעט נישט די ספּעציפישקייט פון יידישן פּראָבלעם אין גלות. איבער דעם האָט מען אָנגעדרשנט גאַנצע בערג און מיר האָבן געוווּסט אַז אויך אין אונדזער שטעטלדיקן „בונד" זענען פאַראַן מיינונגס־פאַרשידנקייטן. פאַראַן די „ווייכע" וואָס זענען גרייט מותר צו זיין אויף דער מינדסטער אַרויסהייבונג פון יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם בעת זייערע דיסקוסיעס מיט דער רוסישער ס. ד. און עס זענען אָבער אויך געווען „האַרטע" וואָס האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל מער אונטערשטרייכן זייער יידישע זעלבסטשטענדיקייט. מיר האָבן אויך געוווּסט אַז באַריס מיט דער באַברויסקער רוסישער לערערין געהערן צו די „ווייכע" און אַז בנימין

לייב געהערט צו די „האַרטע". פּיניע האָט שוין געהאַט האָפענונגען אַז מיר וועלן נאָך פאַרדינען פון דער דאָזיקער מחלוקת אינערהאַלב דעם „בונד". אין גיכן האָבן אָבער די „ווייכע" געזיגט און בנימין לייב האָט זיך אונטערגעגעבן. „די גאַנצקייט פון בונד" — האָט בנימין לייב גענומען טענהן — „איז וויכטיקער פון אַלץ". האָט ער מקבל געווען אויף זיך די גזירה. נישט בלויז דאָס אַליין וואָס ער האָט זיך אונטערגעגעבן, נאָר ער האָט נאָך געוואָלט אויסמיידן פאַרשידענע רעדענישן אויף דער בונדי־שער בירזשע. מען האָט געקענט זאָגן אַז צוליב זיין פריערדיקער הע־ברעישער דערציִונג איז ער קעגן באַריסן און אַז דאָס רופט זיך אָפּ אין אים דער פריערדיקער ישיבה־בחור. ער האָט אויך געוואָלט אָנהאַלטן די השפּעה אויף די קעגנער זיינע אינערהאַלב דער פּאַרטיי און זיי פּאַר־היטן פון אַסימילאַטאָרישן דאָרן. צוליב די אַלע זאַכן האָט ער זיך גענומען וואַרפן אויפן ציוניזם און פּועלי־ציוניזם מיט נאָך מער פאַרביסנקייט — און די שנאה האָט זיך צעפלאַקערט אויףביידע זייטן.

אין יענער צייט איז געשען עפּעס ערגעץ ווייט אין צאַרישן רוסלאַנד: מען האָט שווער באַשטראָפט פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַ געוויסער תפיסה, אָדער אַ גובערנאַטאָר איז דערהרגעט געוואָרן פון אַן אַטענטאַט — אַלנפאַלס עפּעס איז פאָרגעקומען און דער „בונד" אין שטעטל האָט גע־האַלטן אַז ער דאַרף זיך אָנכאַפּן דעריין. האָט ער זיך טאַקע נישט געפוילט און אָפּגעטאָן אַ גרויסע זאַך: ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע אין נאָמען פון דער בונדישער אָפּטיילונג ביי אונדז אין שטאָט, אויף אַ זייער „פּאָליטישן" ייִדיש. לויט די אויסדריקן ווי „דער קאַפּיטאַליסטישער וואַמ־פּיר" און „דער ווילקיר פון דער סאָלדאַטעסקע" און „דער יום הדין וואָס קומט שוין אָן" — האָט מען באַלד דערקענט אַז דאָס איז בנימין לייבס נייע שפּראַך. איך האָב גאַר באַזונדער דערקענט בנימין לייבס נוסח צוליב די „נידער"־אויסרופן וואָס זענען געווען אַזוי פיל אין דער פּראָק־לאַמאַציע: נידער מיטן בירגערלעכן נאַציאָנאַליזם... נידער מיטן קליינביר־גערלעכן סאָציאַליזם... נידער מיטן שאָוויניסטישן קלעריקאַליזם... נידער מיטן ציוניזם.

און יעדער „נידער" זיינער באַזונדער האָט געהאַגלט אויף אונדזער קאָפּ, פּונקט ווי יעדער „ארור" און „יככה" פון דער תוכחה האָט געקלאַפּט

אויפן קאָפּ פון איסרן זיין טאַטן, בעת ר׳ אליה האָט אַזוי בפירוש אַרויס־געלייענט די קללות.

ווען דער ערשטער מאַי האָט זיך גענומען דערנענטערן האָט פּיניע באַשלאָסן אַז דאָס יאָר מוז אויך דער סניף פון פועלי ציון פאַרעפנטלעכן אַן אייגענע פּראָקלאַמאַציע וואָס זאָל ענטפערן דער בונדישער און דערביי זאָל זי אויך האָבן אַ טעאָרעטישן אינהאַלט. זי האָט אויך געדאַרפט האָבן אין זיך די גרונט־פּרינציפּן פון אונדזער פּראָגראַם, דעם סאָציאַליסטישן, דעם רעוואָלוציאָנערן און גלייכצייטיק ציוניסטישן... גאָר שפּעט ביינאַכט האָט מיך פּיניע אַרויסגענומען הינטער דער שטאָט, אויפן וועג צום שיניאַווער וועלדל, און דאָרט אין וועלדל האָבן אונדז שוין אָפּגעוואַרט נאָך צוויי: אליקים דער שערער וואָס איז געווען דער קאַסירער פון סניף און די גימנאַזיסטין ליזאַ הרכבי, אַן אינטעליגענט מיידל וואָס איז יענעם זומער געקומען צו אונדז פון סלוצק און איז געווען די אַנטוויקלטסטע פון עם סניף. פּיניע האָט אָנגעוויזן פאַר ליזען דעם נייעם העקטאָגראַף וואָס ער האָט נאָר־וואָס געבראַכט פון מינסק, ספּעציעל פאַר דער פּראָקלאַמאַציע און אליקים האָט צוגעלייכטן מיט אַ גרויסן לאַמטערן. דאָס איז טאַקע געווען דער לאַמטערן פון סלאַווען, פּיניעס מוטער, מיט וועלכן זי פלעגט יעדע נאַכט גיין אַרויסטראָגן אירע קיכלעך צום פאַרקויפן — און איצט האָט ליזע ביי זיין ליכט גענומען אויסקריצן די ווערטער פון מיין מויל פאַר דער פּראָקלאַמאַציע... דאָס איז געווען די ערשטע פּראָקלאַמאַציע וואָס איך האָב מחבר געווען...

דערנאָך האָט דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק געהעמערט, ווען איך בין יענעם ערשטן מאַי פאַרביגעגאַנגען דעם שולהויף און כ׳האָב געזען ווי גרופּקעס יונגוואַרג זענען געשטאַנען צונויפגעדריקט און איינער האָט פון איבערן צווייטנס רוקן געשלונגען די פאַרבאָטענע ווערטער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן מיט בלויער טינט אויף העל פּאַפּיר... איך האָב געמוזט צונויפנעמען אַלע גייסטיקע כוחות מיינע, אַז קיינער זאָל אין מיין פּנים נישט דערקענען פון וועמענס מויל עס שטאַמען די דאָזיקע שטורעמדיקע ווערטער...

## ה. דעם יחידס טרויער

אָבער דער מענטש, וואָס איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן די גאַנצע צייט פון מיין דיקטירן די פּראָקלאַמאַציע — ער האָט זי שוין נישט געלייענט... צוויי טעג פאַרן ערשטן מאַי האָט זיך איבערן שטעטל אַראָפּגעלאָזט די עפּידעמיע פון שוואַרצע פּאָקן און ער, דער פירער פון שטעטלדיקן „בונד" בנימין לייב, איז געווען פון אירע ערשטע קרבנות. אַלע אָנשטרענגונגען פון דאָקטאָר אים אויסצוהיילן האָבן נישט געהאָלפן. ס'האָט נישט געדויערט קיין גאַנצע זיבן טעג און בנימין לייב איז געשטאָרבן — — — אויף יענעם טאָג איז אַזוי ווי פון זיך אַליין אָפּגעשאַפט געוואָרן די קאָנספּיראַציע. דער גאַנצער בונד פון שטעטל, מיט אַלע זיינע חברים און חברטעס, אָנהענגער און סימפּאַטיקער — אַלע האָבן זיך אבלות־דיק געצויגן צו דער קאָנספּיראַטיווער דירה פון יונגן פירער זייערן, וואָס איז אַזוי פרי פאַרשניטן געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אונדזער שטעטל האָבן די געסלעך געזען טראָגן אַ ייִדישן בר מינן, וואָס איז נישט געווען איינגעהילט אין קיין טלית, נאָר אין אַ רויטער פאָן... נאָך אים זענען נישט געגאַנגען קיין שמשים פון דער חברה קדישא מיט צדקה־פּושקעס אין די הענט און נישט קיין תלמוד תורה־קינדער מיט תהילים־פּסוקים אין מויל, נאָר אַ גרופּע אָנטבלויזטע קעפּ און מיידלעך מיט אויפגעדעקטע האָר. זיי האָבן מאַרשירט אין דער ריי, מיט רויטע פענער פאָרויס און רעוואָלוציאָנערע לידער אין מויל. אָט איז אַרויסגע־גאַנגען פאָרויס די שיינע דבורה, די טאָכטער פון לייזשע דעם קצב און אָנגעהויבן צו זינגען מיט אַ דערשטיקט קול:

עס טרעפט דיך אַ קויל, מיין געטרייער
אַ קויל פונעם שונא, דעם הונט
איך נעם דיך אַרויס פונעם פייער
און הייל דיר מיט קושן דיין ווונד — — —

אַלע באַגלייטער האָבן איר אָפּגעענטפערט מיט אַ הויך קול, איבער דער גאַנצער גאַס וואָס איז אָפּגעליידיקט געוואָרן פון יעדן פרעמדן:

איך נעם דיך אַרויס פונעם פייער
און הייל מיט קושן דיר דיין ווונד...

נאָך איינער, איסר דער וואַסערטרעגער, דער טאַטע פון דעם געשטאָר־בענעם, האָט זיך געשפּרייזט באַזונדער, איינזאַם און אויסגעלאָשן צווישן אַלע מאַרשירנדיקע דעמאָנסטראַנטן. עס האָט אויסגעזען אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער צווישן דער מחנה זינגער אויף אַט דער יאָ־לוויה און נישט־לוויה און אַזוי ווי מען וואָלט דאָ גאָרנישט געבראַכט צו אייביקער רו זיין זון, זיין בנימין לייבן — דעם ערשטן פון זיין קראַפט און דעם לעצטן פון אַלע זיינע האָפענונגען... איבערן גאַנצן ווייטיק פון זיין אבלות האָט גובר געווען די שאַנד פון זיין עלנט. אַזוי איז ער נאָך קיינמאָל נישט פאַרשעמט געוואָרן אין משך פון אַלע זיינע יאָרן וואָס זענען אָנגעזאַפּט געווען מיט צער און פאַרשעמונג. אָט האָט ער דאָך שוין זוכה געווען און אַלדאָס גרויסע וואָס ער האָט געחלומט וועגן בנימין לייבן איז דאָך טאַקע געקו־מען... דער צייכן פון שפלות איז דאָך שוין פון בנימין לייבן לגמרי אָפּגע־מעקט געוואָרן... אָט איז דאָך געקומען די שענסטע יוגנט פון שטאָט אים אָפּגעבן כבוד, זיין בנימין לייבן! אָבער פאַרוואָס, רבונו של עולם? פאַרוואָס איז אַזוי געשען? פאַרוואָס זעט ער נישט, איסר, נאָך אַזאַ ייִד ווי ער ביי דער לוויה? און פאַרוואָס לאָזט מען אים נישט זאָגן קיין קדיש ביים קבר פון זיין איינציקן זון? און פאַרוואָס איז עס גאָר קיינעם אויפן זינען נישט געקומען, אַז דאָ דאַרף מען מאַכן אַן „אל מלא רחמים“!?

און ווען די פּראָצעסיע איז געקומען צום הויף פון שול און איז געגאַנגען ווייטער, גלייך ווי עס וואָלט דאָ חלילה קיין שול נישט געווען, אָדער גלייך ווי דער מת וואָלט גאָר קיינמאָל קיין שייכות נישט געהאַט מיטן דאָזיקן מקום קדוש — האָט שוין דאָס מעסטל פון איסרס יסורים זיך אויסגעפולט. זיינע קנעכלען האָבן זיך אויפגעהערט צו באַוועגן... אַ שווייגעוודיקער האָט ער זיך אַדורכגעשלייכט צווישן די שרענגעס פון פרעמדע באַגלייטער און מיט די לעצטע כוחות איז ער אַריינגעפאַלן אין דער ליידיקער שול. ער האָט אָנגעלענט זיינע צוויי עלנבויגנס אין דעם פענצטער־ביישטיבל פון זיין מערב־וואַנט און איז אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מ'האָט געזען איסר דעם וואַסערטרעגער וויינענדיק אויפן קול אין סאַמע מיטן בית־המדרש...

# א מלחמה דער מלחמה

(מיין ערשטער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס)

דער ערשטער קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אויף וועלכן איך בין געווען עד ראיה — איז פאַקטיש געווען דער לעצטער קאָנגרעס וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אויף אים באַוויזן צו פאַרייניקן די פאַרשטייער פון אַלע אירע גייסטיקע שטרעמונגען און שיטות אָן אויסנאַם. אַלע סאָציאַליסטישע און קאָמוניס־טישע ווי אויך „צוויי און אַ האַלב"־קאָנגרעסן, וואָס די באַוועגונג האָט אָפּגעהאַלטן פון דעמאָלט ביז היינט — זענען שוין געווען קאָנגרעסן פון איין אָרעם אין דער באַוועגונג וואָס איז צעשפּאָלטן געוואָרן — מיטן אויסנאַם פון איין בערלינער באַראַטונג, פון אַלע דריי אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמען, וועלכע האָט אגב מער אונטערגעשראָכן די צעטיילונג ווי זי האָט דעמאָנסטרירט די פאַרייניקטקייט. יענער קאָנגרעס איז געווען דער לעצ־טער קאָנגרעס פונעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט אים פאַרגעשטעלט אין זיין גאַנצקייט. נאָך אים האָט זיך צעברעקלט דער פעלדז, אויף וועלכן עס האָט זיך געזאָלט אויפהייבן דער „צוקונפטס־היכל" פון דער אויסגע־לייזטער מענטשהייט.

ס'איז געווען אין דעצעמבער—יאַנואַר פון יאָר 1912—1913. די וועלט האָט זיך שוין געהאַט אָנגעצונדן אינעם מלחמה־פייער וואָס האָט זיך קוים איינגעשטילט אויפן באַלקאַן און האָט געדראָעט זיך צו באַנייען פון אַלע זייטן. די שנאה־פונאַנדערפלאַקערער זענען שוין געזעסן ביי דער געבורט־שטול. די קערנדלעך פון דער העץ־אידעאָלאָגיע זענען שוין געזייט געוואָרן

דורך געניטע הענט אין פֿאַרשידענע לענדער. די מומחים איבער די קריגס־כּלים אין די גענעראַל־שטאַבן אָדער אין די וואָפֿן־פֿאַבריקן, האָבן שוין פֿאַרלוירן דאָס געדולד און דער שפּיל מיט הרוגים האָט געטריבט זייער געמיט. די צייכנס פֿון דער נאָענטער וועלט־שׂרפֿה, וואָס האָט באַלד דערנאָך אויסגעבראָכן אין אויגוסט 1914 און פֿאַרברענט מיליאָנען נפֿשות גאַנצע פֿיר יאָר נאָכאַנאַנד, זענען שוין געזען געוואָרן פֿון יעדן זעעוודיקנס אויגן. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דערפֿאַר באַשלאָסן זיך צו שטעלן אויף דער וואַך און אַ סוף מאַכן צו די בייזע כּוונות פֿון די צוגרייטער פֿון דער וועלט־קאַטאַסטראָפֿע.

„אינטערנאַציאָנאַליזם", וואָס האָט אַריינגענומען אַלע לענדער, איז דאַן פֿאַררעכנט געוואָרן ביי די פֿירער פֿון אינטערנאַציאָנאַל און זיינע אָנהענגער ווי אַן אייזערנער פּרינציפּ — גענוי ווי דער סאָציאַליזם גופֿא. עס איז זיך גאָרנישט מעגלעך געווען פֿאַרצושטעלן, סיי אין דער טעאָריע און סיי אין דער פּראָפּאַגאַנדע, אַז מען קען אָפּטיילן איינס פֿון דאָס צווייטע. ווער עס רופֿט צו בלוטיקע מלחמות צווישן פֿעלקער איז גענוי אַזוי ווי דער וואָס רופֿט צו פֿאַרגעסן דעם קאַמף צווישן קלאַסן — און ביידע צוזאַמען זענען די ערגסטע שונאים פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט דערפֿאַר געזען אַלס זיין צענטראַלע אויפֿגאַבע תּיכּף צו דערקלערן זיי אַן עפֿנטלעכן קאַמף. איז טאַקע געשען: ווי נאָר די סכּנה האָט זיך גאָר שטאַרק דערנענטערט און די שונאים האָבן זיך באַוויזן ביי די טירען, האָט דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל צונויפֿגערופֿן אַן אויסעראָרדנטלעכן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין באַזעל. דער דאָזיקער קאָנגרעס האָט זיך געדאַרפֿט פֿאַרנעמען מיט איין הויפּט־אויפֿגאַבע, וועלכע ער האָט געזען אין דער דאָזיקער שטורעמדיקער שעה ווי דעם חוב איבער אַלע חובֿות: אָנצוזאָגן אַ קריג דעם קריג. דאָס איז געווען די לאָזונג וואָס האָט געפֿלאַטערט איבערן באַזעלער „מינסטער" (קירכע), ווו דער קאָנגרעס איז פֿאָרגעקומען — און אַלע באַראַטונגען און רעדעס אויפֿן קאָנגרעס זענען געווידמעט געוואָרן דער דאָזיקער אויפֿגאַבע. אַהין זענען איילעוודיק צונויפֿגעקומען די דעלעגאַטן פֿון אַלע לענדער, מיט די ניואַנסירטע גרופּירונגען אינערהאַלב יעדן לאַנד באַזונדער, צוזאַמען מיט זייערע שענסטע פּערזענלעכקייטן און רעדנערס; עס זענען צווישן

זיי געווען וועטעראַנען פון דער באַוועגונג, וועלכע זענען הויך געשעצט געוואָרן אין די פּאַרטייען פון אַלע לענדער און עס האָבן נישט געפעלט אויך יונגע, באַגאַבטע פירער וואָס האָבן נאָר־וואָס אָנגעהויבן אויסצופירן זייער ראָל. מ׳האָט באַשלאָסן צו קעמפן דורך אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק, דורך אויפרודערן די עפנטלעכע מיינונג און אויב מ׳וועט באַדאַרפן — אויך מיטן באַנוצן געווער...

איך בין דאַן געווען אַן אָנפאַנגער־סטודענט אין דער דייטשער אוניווערזיטעט פון פרייבורג אין ברייזגאַאו, אין דער באַדענער פּראָווינץ, צוויי שעה רייזע פון באַזעל, ווו דער דאָזיקער געוואַגטער און רוישיקער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען. אמת, עס זענען ערשט אַריבער דריי חדשים זינט איך בין געקומען אין דער פרעמדער שטאָט און דאָס געלט־קניפּל וואָס כ׳האָב זיך צוגעגרייט (פון שרייבן היסטאָרישע אַרטיקלען אין דער ייִדיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע) איז שוין אַ היפּש ביסל אויסגעליידיקט געוואָרן. אויך אונדזער פּאַרטיי פּועלי ציון איז דעמאָלט נישט געווען איינגעגלידערט אינעם אינטערנאַציאָנאַל — און איך האָב קיין שום האָפענונג נישט געהאַט צו באַקומען אַן אַריינגאַנגס־קאַרטע ווי אַ מיטגליד — דאָך בין איך געפאָרן קיין באַזעל. אין דער לעצטער מינוט האָט מיך אַן אוניווערזיטעט־סטודענט געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט אַ ייִדישער וואַרשעווער צייטונג — האָב איך פון איר באַקומען אַ טעלעגראַפישע באַפולמעכטיקונג אַלס איר קאָרעספּאָנדענט — און איך בין גליקלעך באַשטעטיקט געוואָרן.

דער פּאַקטישער אָרגאַניזאַטאָר פונעם קאָנגרעס איז געווען וויקטאָר אַדלער, דער פירער און פּאַטראָן פון דער עסטרייכישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער האָט עס טאַקע געפירט דערצו אַז זיין פּאַרטיי זאָל ווערן אַזוי שטאַרק, איניק, גאַנץ, גרויס און געוואַגט. ער האָט געלענקט מיט איר גורל, דערצויגן אירע פירער און דינער צווישן דער אינטעליגענץ אַרום אים (על פּי רוב: ייִדישע אינטעליגענץ), זיי אָנגעצייכנט פאָרויס, יעדן פון זיי, זייערע לעבנס־אויפגאַבן לויט זייערע פעיִקייטן און לויט די באַדערפעניש פון אַזאַ פּאַרטיי, וואָס גרייט זיך אָנצופירן מיט מאַסן און איבערצונעמען די מאַכט. ער האָט נישט בלויז זיין זון פרידריך דערצויגן פאַר דער באַוועגונג, נאָר אויך זיין זונס חבר אָטטאָ באַוער און זיין שפּעטערדיקן קעגנער קאַרל רענער, דעם פּאַרטיי־זשורנאַליסט און פּראַקטישן אָרגאַני־

זאַטאַר עלנבויגן, דעם מאַרקסיסטישן עקאָנאָמיסט הילפערדינג (וואָס ער האָט אים דערנאָך געראָטן אַריבערצופאָרן קיין דייטשלאַנד) און דעם פילאָ־זאָף מאַקס אַדלער, וועלכן ער האָט באַשטימט פאַר פּראָפעסאָר אין דער אוניווערזיטעט. שוין זינט לאַנגע יאָרן האָט ער זיך אויסגעצייכנט ווי דער דיריגענט פון דער פּאַרטיי אין עסטרייך און פון די פּאַרטייען אין די נאָענטע דייטש־רעדנדיקע לענדער, ווי אויך אַלס דער וואָס זוכט אויס די באַגאַבסטע פון דער באַוועגונג און טיילט זיי צו דאָס פּירנדיקע אָרט וואָס איז פאַר זיי פּאַסיק. איצט, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים אָוונט פון זיין לעבן, האָט ער איבערגענומען אין זיין האַנט די רעזשי פון דעם פּאַרביק־פּאַרשידנאַרטיקן קאָנגרעס, וואָס זיין דערציִערישע ראָל כלפּי פנים איז געווען נישט ווייניקער וויכטיק ווי דאָס דעמאָנסטראַטיווע כלפּי חוץ — און זיין גאַנצער כּוח איז געווען אָפּהענגיק פון זיין דערפּאָלגרייכער אָרגאַניזירונג.

זענען טאַקע געקומען אַהין דאָס בעסטע פונעם בעסטן. יעדער נאָמען וואָס איז אויפגעטרעטן האָט פאַר אונדז פאָרגעשטעלט אַ רייכע טראַדיציע פון מחשבה און מעשים. פאַר מיר, דעם יונגן, זענען אַלע צוזאַמען געווען די העכסטע געזעלשאַפטלעכע הויך צו וועלכער מען קען זיך נאָר אַרויפ־רייסן.

די צוויי עלטערע וועטעראַנען וואָס האָבן מיט זייער בלויזן זיין דער־מאָנט די פּראַכט „פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל" און זיי האָבן נאָך גע־גלאַנצט מיט דער טראַדיציע פון קאַרל מאַרקס' צייטן איבערן קאָנגרעס, און אַלע דעלעגאַטן האָבן געפינען פאַר זייער חוב אויסצודריקן זייערע ליבשאַפטס־געפילן צו זיי: דאָס זענען געווען ביידע אַלטע קעגנער, קאַרל קאַאוטסקי און עדואַרד בערנשטיין. די אָפּקלאַנגען פון דער מחלוקה צווישן זיי — צווישן דעם אָרטאָדאָקסישן מאַרקסיזם און דעם סאָציאַליסטישן רעוויזיאָניזם — האָבן געשוועבט אין דער לופט זינט 1898. די פּאָלעמיק צווישן זיי האָט זיך נאָך איצט געצויגן אויף די שפּאַלטן פון די פּאַרטיי־אָרגאַנען — די „נייע צייט" פון קאַאוטסקין און די „סאָציאַליסטישע מאָ־נאַטסהעפטע" פון בערנשטיין און בלאָך — דאָ אויפן קאָנגרעס איז אַדלער גליקלעך געווען אָוועקצוזעצן זיי ביידע ביי איין פּרעזידיום־טיש. ער האָט געשטראַלט פון צופרידנקייט וואָס אים איז געלונגען אַז זיי ביידע זאָלן

דאָ דעמאָנסטרירן זייער בשותפותדיקן צאָרן קעגן די פּייער־צינדער און זייערע געמיינזאַמע מאַנונגען ביי דער אַרבעטערשאַפט אין דער גאַנצער וועלט, נישט צו דערלאָזן אַז „דאָס פאַרברעכן זאָל געשען". קאַאוטסקי איז געווען עלטער פאַר בערנשטיינען, זיין קול איז שוין געווען שוואַכער, און זיין קורץ בערדל איז שוין גרוי געווען. זיין פרוי און טייערע העלפערין, עלזאַ קאַאוטסקי האָט זיך פון אים נישט אָוועקגערירט אויף אַ טריט און ער אַליין האָט מיט זיין אויספירלעכער אַנאַליטישקייט גערעדט באַהאַוונט וועגן אַלע ענינים פון יעדן לאַנד באַזונדער, אַזוי ווי איינער רעדט וועגן די ענינים פון זיין אייגן לאַנד. עדואַרד בערנשטיינס פּנים האָט מיר אויס־געזען אַזוי ווי פון אַ ליטווישן רב, רייך אין געדאַנק און באַלאָדן מיט אַ סך יחוס. זיין גאָר לאַנגע באָרד איז נאָך נישט געווען פולשטענדיק ווייס. ער האָט גערעדט געלאַסן, מיט אַ שמייכל ווי איינער וואָס פאַרשטייט אויך זיין קעגנער. זיין צוגאַנג איז געווען פון אַ היסטאָריקער, וואָס האָט ליב צו פאַרגלייכן איין זאַך צו דער צווייטער, אויסגעפינען דעם צד השווה צווישן זיי און דאָס וואָס עס טיילט זיי פונאַנדער. ערשט ווען ער איז צוגעקומען צום שילדערן דאָס צוקונפטיקע אומגליק וואָס קען אַרויס־קומען פון קריג און ווי אַזוי דאָס וועט מוזן ווערן דער חורבן פון דער מענטשלעכער קולטור — האָט זיין קול גענומען דונערן ווי די שטים פון אַ יונגן פּרעדיקער.

שפּעטער, ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה, ווען ס'איז מיר אויסגעקומען אָפטער צו טרעפן זיך מיט אים אין דייטשלאַנד, דאַן האָט ער שוין אָנגעהויבן אויפטרעטן אויך אויף אונדזערע אַרבעטער־ציוניסטישע טריבונעס ווי אַ געטרייער פריינט פון אונדזער ווערק און שטרעבונגען, בין איך נאָך טיפער געוואָרן באַאיינדרוקט פון זיין אָריגינעל־יידישער געשטאַלט און ער איז מיר געוואָרן באַליבט. ווי דער שטאַרקסטער דייטשער רעדנער האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון אויגוסט בעבעל. ער איז געווען זייער איינפאַך מיט זיין איבערצייגנדיקער לאָגיק און מיט זיינע אידעלע מאַניערן. אויף זיינע בראָשורן אין רוסישער איבערזעצונג איז די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד דערצויגן געוואָרן. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך איבערגעזעצט זיינס אַ בראָשור אין יידיש (וועגן אַלגעמיינעם שטרייק) און זיין זאָג איבערן אַנטיסעמיטיזם ווי אַ „טפשות

פון דייטשן מיכעל וואָס כאַפּט זיך אָן פאַרן אַנטיסעמיטיזם ווי אין אַן ערזאַץ פון סאָציאַליזם" — איז שוין לאַנג געוואָרן אַ געפליגלטע מליצה אין אונדזער מחנה. נישט איינמאָל האָבן מיר זי באַנוצט בעת אונדזערע דיסקוסיעס מיטן „בונד". מיט גרויס הנאה האָב איך געזוכט אַריינצודרינגען אינעם באַדייט פון זיינע רייד און אין די טיפע כוונות וואָס שטעקן אין יעדער אויפטרעטונג זיינער. געווען דאָרט אויך זיינס אַ סך יינגערער חבר, וועלכער האָט דאָן נאָך די גאַנצע צוקונפט געהאַט פאַר זיך, הוגאָ האַאַזע, וועלכער האָט פאַרמאָגט הייסן טעמפּעראַמענט צוזאַמען מיט שאַרפער לאָגיק. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד איז געווען רעפּרעזענטירט דורך נאָסקען און פ. שיידעמאַנען, האָט דאָס האַרץ אומזיסט געזוכט די יורשים פון די וואָס האָבן פאַרטרעטן די דייטשע פּאַרטיי אין באַזעל — געזוכט און זיי נישט געקענט געפינען...

פון רוסלאַנד איז געקומען דער גאַנצער דעמאָלטיקער סאָציאַליסטישער רעגנבויגן מיט אַלע זיינע פאַרבן. ס'איז געקומען פּלעכאַנאָוו, וואָס זיינע רייד — בעלטאָווס רייד וועגן „דער מאָניסטישער אָנשויונג אויף דער היסטאָריע" — זענען פאַר אונדז געווען תורת אמת. ס'איז געקומען אַלעקסינסקי, וואָס זיינע רעדעס אין דער דומע קעגן דער צאַרישער טיראַניי האָבן מיר געשלונגען ווי דורשטיקע. ס'איז געקומען מאַרטאָוו־צעדערבוים, וועלכער איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער פאַרשטייער פון דער לינקער שטרעמונג אין דער באַוועגונג. פון די עס־ערן זענען געקומען רובאַנאָוויטש און וויקטאָר טשערנאָוו, וועלכער האָט נאָך געהאַט אַ שוואַרצע באָרד און איז געווען אין זיינע בעסטע יאָרן. מיט זיי איז געקומען גאָר אַן אַלטיטשקער, יעגאָר יעגאָראָוויטש לאַזאַריוו, וואָס האָט מיט זיין פּקחות־דיקער פאַלקסטימלעכקייט דערמאָנט דעם „וואַנדער־חכם" פון גאָרקיס „נאַ דניע". פון די פּוילישע סאָציאַליסטן זענען געקומען: דאַשינסקי און דיאַמאַנט פון דער „פּעפּעעס" און ראָזאַ לוקסעמבורג פון דער „פּעעסדע". איז נאָך עמעצער געווען פון „בונד"? דאַכט זיך אַז אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז געקומען אין נאָמען פון דער רוסישער פּאַרטיי. די גרוזינער האָבן געשיקט אַ גאַנצע דעלעגאַציע.

די רוסן זענען שטאַרק געווען פאַרנומען מיט די זיצונגען פון זייערע

פּראַקציעס, געאייניקטע און שותּפותדיקע, אָבער פון דער טריבונע האָט מען זיי כמעט נישט געהערט. אויפן אינטערנאַציאָנאַל האָט מען דאַן נאָך קיין רוסיש נישט גערעדט. דערפאַר האָט שוין אַ סך געלאָזט פון זיך הערן אויף דער טריבונע — און זיינע רייד האָט מען אויסגעהערט מיט אַ סך דרך ארץ און אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט — דער ענגלישער זקן קיר האַרדי, וועלכער האָט באַצירט יעדע פייערלעכע זיצונג. יעדער אַרויסטריט זיינער — און ער האָט גערעדט אַ סך מאָל — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשעעניש פאַר די דעלעגאַטן און קאָרעספּאָנדענטן, פון וועלכער מען האָט געשמועסט אין די קולואַרן. ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ געוויסנס־מענטש און דיפּלאָמאַטישער חכם צוזאַמען. אַזוי ווי שפּינוועבס האָט ער צעריסן פאַר אַלעמענס אויגן די ליגנס וואָס ווערן פאַרשפּרייט אין דער עפנטלעכקייט און וואָס דאַרפן שאַפן דעם איינדרוק אַז די פעלקער־מאַסן זענען אינטערעסירט אין אַ וועלט־שחיטה. אַלס זיין עדות און עכאָ איז געוואָרן דער צווייטער גרויסער רעדנער אין ענגליש, דער אַמעריקאַנער מאָריס הילקוויט. ער האָט גערעדט ווי אַ קלוגער אַד־וואָקאַט — און הגם ער האָט אויסערלעך אויסגעזען גאָר אַנדערש — האָט ער מיר זייער שטאַרק דערמאָנט אָן דעם פּעטערבורגער מ. ווינאַווער. עס איז דאָרט אויך געווען אַן עס־דעק פון פּראַג וואָס זיין נאָמען איז דווקא געווען נעמעץ און אַ דייטשער עס־דעק פון טשעכן וואָס זיין נאָמען איז אַזוי ווי צולהכעיס געווען טשעך...

זייערע אַלעמענס רעדעס, וועלכע כ׳האָב פּונקט ווי אַ סך אַנדערע נישט פאַרשטאַנען אין אָריגינאַל, האָב איך אויפגענומען פון דער איבער־זעצונג. אָבער די צווייטע האַנט, פון וועלכער מיר האָבן זיי באַקומען, איז געווען אַזוי פולקאָם און טאַלאַנטפול, אַזוי חנעוודיק און באַצויבערנדיק־וווּנדערלעך — אַז מיר האָבן קיין צער נישט געהאַט וואָס מיר הערן נישט די רעפּעראַטן אין אָריגינאַל נאָר איבערגעזעצט. די אויסערגעוויינט־לעך־פולקאָמע איבערזעצונג איז דעמאָלט געמאַכט געוואָרן דורך אַנזשעליקע באַלאַבאַנאָוואַ. די דאָזיקע קליינע, ברענענדיקע פרוי איז געוואָרן דער ליבלינג פון גאַנצן קאָנגרעס. זי איז נאָך לגמרי נישט אַלט געווען, און האָט באַהערשט אַלע שפּראַכן אַזוי ווי איר מוטערשפּראַך און זי האָט איבערגעזעצט פון איטאַליעניש אויף פראַנצויזיש, פון פראַנצויזיש אויף

ענגליש און פון אַלע דריי אויף דייטש — אַזיו ווי אַ כשופמאַכערן. זי האָט דערביי געמאַכט איר אַרבעט מיט אַ יוגנטלעכן ברען וואָס קען גאָרנישט מיד ווערן און מיט אַזאַ שפּראַכלעכער רייכקייט וואָס ווייסט נישט פון קיין גרענעצן.

עס זענען דאָרט געווען נאָך צוויי פרויען, וועמענס נעמען זענען געווען זייער פּאָפּולער און זייער פּראָטעסט, אין נאָמען פון אַלע מאַמעס אין דער וועלט האָט נישט געלאָזן רוען: לילי בראַאון און קלאַראַ צעטקין.

אָבער די אַלע רעדעס און דעקלאַראַציעס פון די קאָנגרעס־אָנטייל־נעמער צוזאַמען האָבן זיך נישט געקענט פאַרגלייכן מיטן רושם וואָס האָט זיך נישט געלאָזן אָפּמעקן מיט דער איינמאָליקער אַנטפּלעקערישקייט, וואָס האָט געמאַכט אויפברויזן און דערהייבן. דאָס איז געווען דער אַרויסטריט פון זשאַן זשאָרעס, וועלכער האָט גאָר קיין גלייכן נישט געהאַט... איך האָב נישט פאַרשטאַנען זיין פראַנצויזישע שפּראַך, אָבער דאָס מאָל האָב איך נישט געדאַרפט וואַרטן אויף דער באַלאַבאַנאָוואַס איבערזעצונג, ווייל איך האָב ממש געשפּירט דעם זין פון דאָס געזאָגטע. ער האָט נישט גערעדט מיטן מויל, נאָר מיט זיינע ביידע הענט און ביידע פיס, מיט זיינע עלנבויגנס און מיט זיינע קני און מיט זיין גאַנצן קערפּער, וואָס האָט זיך געהויבן און געבויגן, געוואָרפן און געשפּרונגען — מאַכנדיק פול מיט זיך דעם גאַנצן חלל פון דער טריבונע. „אַלע זיינע ביינער האָבן גערעדט"... גערעדט האָבן זיי? געשריגן, געצאָרנט, געוואָרנט, געדראָעט, באַשווירן. זיי האָבן געקריגט גאָטס קריג. איך האָב דאַן דערשפּירט אַז איך האָב געזען דעם נביא פונעם סאָציאַליזם רעדנדיק.

און ווען די באַלאַבאַנאָוואַ איז צוגעטרעטן צו דער איבערזעצונג, איז זי געווען אויפגערודערט און זי האָט זיך שטאַרק פאַרענטפערט דערויף, וואָס זי פאַרמעסט זיך איבערצוגעבן מיט איר אָרעמער מענטשלעכער שפּראַך אַזאַ מין וויזיאָנערישן פאָרטראַג. און מיט אַ רייכן, בילדלעכן דייטש האָט זי אונדז אויסגעטייטשט דעם אינהאַלט פון זשאָרעסעס רעדע. האָב איך פון איר געהערט דעם „פּשט" פון דער רעדע, אָבער דעם „סוד" האָב איך שוין לאַנג אַרויסגעפּילט פונעם צויבערערס מויל אַליין, און כ'האָב נאָך בעסער פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט מיך אַזוי אויפגעטרייסלט. ער האָט גערעדט וועגן דער אַלטער קריסטלעכער קירכע, וואָס לכבוד דעם קאָנגרעס

האָט מען פון איר אַרויסגענומען אַלע הייליקע בילדער און אויף זייער אָרט אַריינגעבראַכט די רויטע פענער; וועגן דער גרויסער הבטחה וואָס דאָס קריסטנטום האָט אַמאָל צוגעזאָגט דער ליידנדיקער מענטשהייט; וועגן דער ביטערער אַנטוישונג וואָס די קריסטלעכע הערשער האָבן געבראַכט זינט אַלע צייטן ביז היינט; וועגן די הייליקייטן פון מענטשלעכער אויסלייזונג, וואָס אין זייער נאָמען האָט דאָס קריסטנטום דערצבערט זיין אָרט אין די הערצער פון די מאַסן און איצט גייען זיי ווערן פאַרניכטעט דורך די וואָס טראָגן דאָס קריסטנטום אויף זייערע ליפּן; וועגן דער מאָראַלישער רעכט פונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם וואָס קעמפט פאַר פעלקער־פרידן, צו פאַרנעמען מיט זיינע פאָנען דאָס אָרט פון די הייליקע קריסטלעכע בילדער, וועלכע עס האָבן פאַרראַטן די אַלע וועלכע האָבן צוגעזאָגט, נאָר האָבן אַנטוישט; וועגן דער היסטאָרישער התחייבות וואָס אַזאַ מאָראַליש רעכט לייגט אַרויף אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג... זשאָרעס האָט געוואָרנט די וועלט, געשילדערט די גרויזאַמקייט פון דער קאַטאַסטראָפע, אַלאַרמירט די געטרייע פון סאָציאַליזם זיך אַוועקצושטעלן ווי אַ געפּאַנצערטע מויער קעגן דעם חורבן און די חרוב־מאַכער: „זאָל אונדזער בלוט זיין אַ גאַראַנטיע, אַז נאָר איבער אונדזערע קערפּערס וועלן די וועלט־רשעים אַריבערשפּרייזן צו דער פאַרברעכערישער שחיטה!“...

דער גאַנצער קאָנגרעס איז אָנגעצונדן געוואָרן מיט זיין פלאַם. ספּאָנטאַן איז דער קאָנגרעס אויפגעשפּרונגען און זיך געגעבן אַ נדר דאָס אַלץ מקיים צו זיין, וואָס ער האָט געפאָדערט. עס איז פאַרגעלייגט געוואָרן אַז מען זאָל זיך פאַרפליכטן נישט צו שטימען פאַר מלחמה־בודזשעטן — און ס׳איז אָנגענומען געוואָרן; ס׳איז פאַרגעלייגט געוואָרן צו פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק אויף דער גאַנצער וועלט אויב ס׳וועט אויסברעכן מלחמה — און אויך דער פאַרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן. דאָס מעכטיקע געזאַנג פונעם „אינטערנאַציאָנאַל“ האָט אָנגעפולט דעם רוים פון אַלטן, דערהויבענעם מינסטער.

...צום דאַזיקן קאָנגרעס בין איך געפאָרן צוזאַמען מיט משה ביילינסאָנען, וועלכער האָט דאַן אויך שטודירט אין דער אוניווערזיטעט־שטאָט פרייבורג. דאָס זענען געווען די ערשטע חדשים וואָס מיר האָבן זיך געקענט. איך האָב נאָרוואָס אָנגעהויבן צו שטודירן געשיכטע און ער האָט

שוין געהאַלטן ביים ענדיקן שטודירן מעדיצין. אונדזער געמיינזאַמע רייזע קיין באַזעל איז געווען אפשר דער ערשטער שריט פון אונדזער שפּעטערדיקער בשותפותדיקער אַרבעט... ער האָט גלייך מיט מיר געהערט זשאָרעסן און זייער שטאַרק געליבט זשאָרעסעס אַרויסטריט. נאָר עפּעס אַ באַהאַלטענער וואַקלען איז געלעגן אויף ביילינסאָנס שיינעם פּנים און כ׳האָב נישט געוווּסט די סיבה.

ווען מיר זענען געפאָרן צוזאַמען אין צוג צוריק קיין פרייבורג האָט מיר ביילינסאָן געזאָגט אומגעפּער אַזוי:

— און דו גלויבסט זיי טאַקע? גלויב זיי נישט! זיי וועלן פאַרגעסן זייער אָפּגעגעבענעם נדר, אַזוי ווי עס טוען פאַררעטער. זאָל מען נאָר פּראָקלאַמירן די מלחמה, וועלן זיי אַלע קריכן צו דער שחיטה. ס׳איז היינט נישטאָ קיין שום אמתע גאַראַנטיע — און די מענטשהייט איז געבליבן אומגליקלעך. מיר זענען געוואָרן הפקר. אויב מען וויל שאַפן אַן אמתן אָנלען איז נייטיק אַלץ אָנצוהייבן פון דאָס ניי...

אויף יענער צוריקרייזע האָט מיר ביילינסאָן אָנגעהויבן דערציילן דאָס וואָס ער האָט שפּעטער ממשיך געווען אין מיין צימער, אויפן בוידעמשטיבל פון גרינצינגשטראַסע. ער האָט דערציילט וועגן זיין אַמאָליקער ליבע צו די מענטשן פון דער רוסישער דעוואָלוציע; וועגן דעם שטאַרקן גלויבן וואָס ער האָט געגלויבט אין זיי און אין דער ערנסטקייט זייערער צו וועלן מקיים זיין זייער שטרעבן — און ווי אַזוי ער האָט זיך שפּעטער איבערגעצייגט אַז די פּאַרטיי וויל גאָרנישט דינען אַלס אַ כלי פאַר די דאָזיקע ווערטן, צו וועלכע די גאַנצע וויזיע איז געווידמעט. ס׳האָט נישט געהאַט קיין זין מיט אים צו דיסקוטירן אויפן דאָזיקן פּונקט, ווייל זיין יאושדיקער ווייטיק איז אַדורכגעדרונגען ביזן תהום. שוין דאַן האָט זיך געלאָזט אַרויספּילן, ווי גרויס די ברכה וועט זיין, אויב עס וועט פאַר אים געעפנט ווערן דער וועג „אָנצוהייבן אַלץ פונדאָסניי״ ביי אונדזער ווערק אין ארץ ישראל...

ס׳איז נישט אַוועק קיין צוואַנציק חדשים און דער נדר, וועלכער איז אַזוי פייערלעך אָפּגעגעבן געוואָרן דורך די דעלעגאַטן אויפן באַזעלער סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, איז צערינען געוואָרן... כמעט דורך אַלעמענס

## שטערן פאַרטאָג

הענט איז ער צערונען געוואָרן, ווי פאַרגעסן. נאָר זשאַן זשאָרעס האָט נישט פאַרגעסן און נישט אַנטוישט. די בלוטדורשטיקע וועלט האָט גוט געוווּסט אַז אַזאַ מענטש ווי ער וועט נישט פעלשן. האָט די דאָזיקע וועלט נישט געקענט אַריבערגיין צו דער בלוטיקער שחיטה, סיידן זי זאָל מיט אַ טאָג פריִער פאַרגיסן דאָס ריינע בלוט זיינס.

און אויך ביילינסאָן האָט נישט פאַרגעסן. ער איז געקומען קיין ארץ ישראל און האָט „אָנגעהויבן אַלצדינג פון דאָסניי״.

# מײַן זיידנס מתנה

ווער איז נאָך געווען אַזאַ שאַרפער קעגנער מײַנער, אַל־די יאָרן פון מײַן יוגנט, ווי מײַן פרומער זיידע? דער הייסער חב״דנער חסיד, וואָס האָט נישט אָפגעטאָן זײַן שטרענגע השגחה פון מיר און פון אַלע מײַנע נײַע און פאַרפלאָנטערטע וועגן, הגם ער האָט געוווינט אין אַ שטעטל, וואָס איז געווען פופצן וויאָרסט ווײַט פון אונדז. אפילו נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט מוחל זײַן זײַנע אייניקלעך אַ סך זאַכן — האָט ער מיר נישט געוואָלט פאַרגעבן מײַן נײַגונג צום ציוניזם און מײַן ווילן זיך מישן אין היינטיקע ענינים. און האָט נישט אויפגעהערט מאַכן אַלץ נײַע פרוון מיך מחזיר למוטב צו זײַן. אָבער פונדעסטוועגן, ווער איז מיר נאָך דעמאָלט געווען שוין אַזוי נאָענט און טײַער ווי אָט דער האַרציקער זיידע מײַנער? די לויכטנדיקע רוחניות, וואָס האָט אַראָפּגעשײַנט פון זײַן הויכן שטערן, בשעת ער איז געזעסן בײַ אונדזער טיש אויבנאָן, האָט שוין דעמאָלט אָנגעפילט מײַן האַרץ מיט טיפער באַוווּנדערונג. זײַן תורה איז עס געווען וואָס האָט אויסגעפילט מײַן גײַסט, זײַנע ניגונים האָבן זיך עס שטענדיק געטראָגן אין חלל פון אונדזער שטוב און זײַן התלה־בותדיקער פײַער איז עס וואָס האָט זיך נישט אָפגעטאָן פון מיר אַלע יאָרן, אויף אַלע מײַנע שטעגן און וועגן.

כל זמן איך בין נאָך געזעסן אין מײַן יוגנט־שטעטל און דער זיידע האָט געוווינט ווײַט פון מיר בערך אַ מהלך פון צוויי שעה פאָרן מיט אַ גוטן בעל־עגלה, פלעגט זיך סײַ די מחלוקת צווישן אונדז און סײַ די פאַרליבטקייט אונדזערע שטענדיק דערנערן נאָר פון די באַזוכן וואָס מיר פלעגן אָפט מאַכן איינער בײַם אַנדערן. צוויי מאָל אַ יאָר פלעגט ער

רעגלמעסיק פאָרן צום רבין קיין ליאַדי — אויף שבועות און אויף ראש־השנה — און פלעגט שטענדיק אונטערוועגנס זיך אָפּשטעלן ביי אונדז, אַהין־פאָרנדיק און צוריק־קומענדיק. אויסער דעם פלעגט ער אויך קומען זומער־צייט, אויסצורוען זיך מיט אונדז אויף דער דאַטשע — און טיילמאָל פלעגט ער סתם קומען צוליב אַ פאַסירונג אין דער משפחה. אויך מיר פלעגן פון צייט צו צייט אַרויספאָרן צו אים אין שטעטל. דאָס האָט גע־טראָפן דאָס רוב אין די טעג פון חול־המועד, סוכות און פסח, אין דעם יאָרטאָג פון דער באָבען אָדער צום י״ט כסליו, דעם טאָג ווען ליובאַווי־טשער חסידים פראַווען דעם אָנדענק פונעם אַלטן רבינס באַפרייונג פון תפיסה. פון אַ יעדן באַזוך אַזאַ פלעגט זיך אַלץ מער שפּייזן און צעוואַקסן סיי אונדזער כסדרדיקע פאַרליבטקייט און סיי די אַלץ שטייגנדיקע קעג־נערשאַפט.

אָבער זינט איך בין געוואָרן רייפער און בין אַוועק פון מיין היימיש־נעסט אין מיינע ווייטע און נייע תורה־ערטער, איז דער זיידע פון מיר גאָר ווי דערווייטערט געוואָרן און איז געבליבן כמעט אַ בלאַסלעכער אָנדענק אין האַרץ. זיין קנאות האָט מיך שוין מער נישט געשראָקן, אָבער אויך זיין ליכט האָט מיר אויפגעהערט צו וואַרעמען. איך האָב אפילו נישט גענוי געוווּסט, אויב ער אינטערעסירט זיך נאָך באמת מיט מיינע לימודים און מעשים. מיין מאַמע, די עלטסטע טאָכטער זיינע, האָט מיר דערציילט אַז די פטירה פון זיין רבין האָט אים זייער נידערגעשלאָגן און אַז ער וואָלט שטאַרק וועלן פאָרן קיין חברון, ווו ס׳איז פאַראַן די אַלטע עדה פון חב״דניקעס אין ארץ ישראל; אַהין זענען מיט יאָרן צוריק אַוועקגעפאָרן זיינע צוויי ברידער אויף די עלטערע יאָרן — דער רייכער פעטער ר׳ הערשע פון האָמליע און דער פעטער בערע פון דערמיר — און דערפאַר האָט ער זיך אויך אַזוי שטאַרק געצויגן אַהין. איז מיין זיידנס פלאַן גע־וואָרן די הויפּט־טעמע פאַר דער קאָרעספּאָנדענץ צווישן מיין מאַמען און איר יינגערן ברודער, מיין ציוניסטישן פעטער.

דעריבער טאַקע — ווען עס איז מיר געלונגען צו דערגרייכן מיין עליה — אין תמוז תרע״א, 1911 — האָב איך געמאַכט מיין וועג פון פעטערבורג קיין ארץ ישראל דורך מיין יוגנט־שטעטל. אויפן לעצטן שבת בין איך געפאָרן צום זיידן קיין מיר, כדי מיט אים זיך צו געזעגענען פאַרן

אַוועקפאָרן. איז דאָס טאַקע געווען דער לעצטער שבת, וואָס דער זיידע האָט פאַרבראַכט מיט איינעם פון אונדזער משפּחה. אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט מיך דערשלאָגן די ידיעה אַז מיין זיידע איז שוין מער נישטאָ...

אין יענעם שבת האָט מיך שטאַרק באַאומרויִקט דעם זיידנס איינזאַמקייט. ער האָט זיך טאַקע געפונען אין די גרענעצן פון זיין אייגן שטעטל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און ווו ער האָט אָפּגעלעבט זיין גאַנצן לעבן. אָבער דאָס שטעטל אַליין איז אַזוי ווי אַוועק פון אירע אַלטע גרענעצן, האָט זיך ווי אָפּגערוקט פון אָרט — און דער זיידע איז געבליבן אין זיין אייגענער שטאָט עלנט ווי אַ בוים אין דער וויסטע; ווי אַ לעצטער מאהיקאַנער פון אַ דור מיט ריזן, ווי אַ לויכטנדיקער שפּור פון אַן אויסגייענדיקער לעגענדע... דערביי איז דעם זיידנס שטאָט געווען די אַלטע, מיוחסדיקע, איינגעוואָרצלטע דערמיר. דאָס שטעטל איז געווען באַרימט איבער דער ייִדישער וועלט מיט איר גרויסער ישיבֿה וואָס איז אַמאָל געווען איינע פון די שטאַרקסטע פעסטונגען פון ליטווישער לומדות. זי האָט געהאַט אַ שם אַלס דאָס צווייטע וואָלאָזשין און אַלס אַ לייבלעכע שוועסטער פון איישישאָק. מיט קיין רייכע פּרנסה־מקורות האָט זיך די שטאָט טאַקע קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט, אָבער דער תורה־קוואַל האָט זיך דאָרט נישט פאַרשטאָפּט אויך אין די ירידה־יאָרן. איך האָב נאָך אָנגעטראָפן דאַן די ישיבה, ווען עס האָט דאָרט געברומט דער קול פון תורה בייטאָג און ביינאַכט. עס האָבן זיך נאָך געצויגן אַהין בחורים, צווישן זיי עילויים און מתמידים, פון ווי ווייט — אפילו פון די נייסטע און ווייטסטע גלותן. אָבער דאָס שטעטל אַליין, אויסער די ישיבה־ווענט, איז שוין געווען פּוסט און וויסט. מיט יעדער נייער שׂרפה וואָס איז אויסגעבראָכן אין שטעטל, פלעגן די יונגע מענטשן פון די איינגעפעסטיקטע משפּחות אַוועק אין די גרעסערע און נייערע שטעט פון דער געגנט. זענען בלויז געבליבן די עלטערע, וואָס זענען עפּעס ווי מיט איינמאָל פלוצלינג געוואָרן גרייזע זקנים. פון אונדזער משפּחה איז שוין געהאַט אַוועק יעדער פאַרמעגלעכער און ייִנגערער מענטש. ווי אַ שטילער עדות צו דער דאָזיקער טרויעריקער פאַרוויסטונג איז געלעגן די לאַנגע שורה פון אונדזערע ליידיקע פאַמיליע־פּלעצער נעבן דער ישיבה. אָבער אויך די, וואָס זענען געבליבן טריי דעם שטעטל האָבן זיך ווי איינציקווייז אויסגענומען, זיינט

מיין לעצטן באַזוך דאָרטן אין מיינע קינדער־יאָרן. דער עלטערער ברודער דעם זיידנס, דער האָמעלער גביר און מחותן פון לאַדיער רבין (דאָס איז דער, וועגן וועלכן מען האָט זיך דערציילט, אַז שבת טראָגט ער אַ זיידענע שייד אויף דער באָרד, כדי קיין האָר זאָל נישט אַראָפּפאַלן און ער זאָל אַזוי אַרום ניט עובר זיין אויף טראָגן אום שבת; און אַז זיין זונס טאָכטער, שפּעטער די פרוי פון ד״ר זאַלקינד, איז אַוועק אין גימנאַזיע, האָט ער זיך געהייסן זעצן שבעה) האָט געהאַט אַוועקגעשיקט זיין רייכע ספרים־ביבליאָטעק קיין חברון און איצט איז ער שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע... דעם זיידנס יינגערער ברודער וואָס פלעגט פאָרן צוליב מסחר קיין קעניגסבערג און האָט זיך דערפאַר געדעכנט אין דער משפחה פאַר אַ „דייטש"; ער האָט זיך מתיר געמאַכט צו דאַוונען אפילו ימים־נוראים נישט אין קיין זיידענער קאַפּאָטע, נאָר אין אַ לאַנגן ראָק פון שוואַרצן טוך. שבת האָט ער שוין געטראָגן אַ צילינדער און פלעגט זאָגן דעם דייטשן „יאַ" אָנשטאָט דעם ליטווישן „יע"... אָבער אויך ער איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע!... אפילו דעם זיידנס עלטערער פּלימעניק — אַ ייִד אין זיינע יאָרן און אַזאַ הייסער חבדניק ווי ער — וואָס איז געווען טויב און הייזעריק, אָבער פלעגט זינגען „בני היכלא" מיט מוראדיקער התפּע־לות; אויך אים האָב איך שוין מער נישט אָנגעטראָפן... עלנט און אַליין פון דער גאַנצער משפחה איז דער זיידע געבליבן אין שטעטל, אַזוי ווי אַן איינזאַמער פעלדז ביים ראַנד פון אַ טייך ווערט אויסגעטרוקנט אים צופוסנס.

און פונקט ווי עס האָבן זיך אויסגענומען די משפחה־קרובים פונעם זיידן — אַזוי האָבן זיך אויך אויסגעלאָזן זיינע מענטשן וואָס האָבן אויס־געמאַכט די סביבה אין וועלכער ער איז אויפגעוואַקסן, מיט איר זיך מתוכח געווען און פון איר אַרויסגעשפּראָצט. דער ראש ישיבה האָט זיך דערבייי נאָך גענומען פאַר אַן איידעם דעם זון פון דעם באַרימטן „מוסרניקעס"־מנהיג — איז דאָס לערנען פון סלאָבאָדקער „מוסר" אַריינ־געדרונגען אין די ווענט פון דער אַלטער, באַרימטער ישיבה. צוליב דעם איז נאָך גרעסער געוואָרן די אַלטע דערווייטערונג צווישן דער ישיבה און דעם הייפל חסידים אין שטאָט. איז דעם זיידנס עלנט נאָך בולטער געוואָרן. אויך דאָס חסידישע קרייזל גופא איז געוואָרן פאַרקלענערט און

האָט זיך געביטן, ביז נישט צום דערקענען. ווו איז אַהינגעקומען ר׳ ברוך כאַשעס, דער הויכער און דאַרער בעל־תפילה, וועלכער פלעגט צו די ימים־נוראים אַרויספאָרן דאַוועגען פאַרן עמוד אין די נאָענטע ישובים — און האָט מיט זיין לייבן־קול אויפגעשטורעמט די וועלדער אַרום? אויף אים פלעגן זיינע ברויט־געבער, די ישובניקעס, דערציילן מיט שטאָלץ: אַז ווען ר׳ ברוך גיטאַ זאָגט „ועוז בידך״ — שפּירט מען ממש ווי אַזוי ער נעמט אָן די ציג ביי די הערנער... (אָן עם־הארצותדיקער וואָרט־שפּיל, צוליב דער ליטוויש־יידישער פאָנעטיק: אין יענער געגנט זאָגט מען דעם חולם ווי אין אַנדערע ערטער אַ צירי. עס קומט דערפאַר אויס פאַרן צוהערער, ביים זאָגן די תפילה ׳עוז בידך וגבורה בימינך״ אַזוי ווי דער בעל־תפילה וואָלט געזאָגט ועז — און די ציג... איבערז׳) און ווו איז דער ניעסוויעזשער דיין, דער אַלטיטשקער סגי נהור, וואָס איז געווען גלייכ־צייטיק סיי אַ הייסער חסיד און סיי אַ טיפער ליטווישער למדן? אַמאָל איז ער באַקאַנט געווען ווי אַ געוואַלטיקער בורר אין פאַרפּלאָנטערטע עסקים — ווו איז ער? און וווהין איז עס נעלם געוואָרן יאָשע דער עסיג־מאַכער, דער ברודער פון מיין רבין, ר׳ יעקב מאיר דער משולח? דאָס איז יענער סלאָנימער חסיד, וועלכן כ׳האָב איינמאָל געזען אַריינ־שפּרינגען אין זיידנס סוכה דורכן פענצטער... ווען איך האָב אים געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג: ר׳ יאָשע, פאַרוואָס גייט איר נישט אַריין דורך דער אָפענער טיר? האָט ער מיר בייז אָפּגעענטפערט: וואָס, בין איך עפּעס אַ מתנגד, אַז איך זאָל גיין דורך דער טיר? — — און ווו איז ערגעץ וועלוול דער שמש און דער בעל־שחרית, שמערל דעם מלמדס ברודער, וואָס פלעגט מיר יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק צערייסן דאָס האַרץ מיט זיין טרויעריקן תפילה־זיפץ: אחינו כל בית ישראל, הנתונים בצרה ובשביה, העומדים בין הים ובין היבשה (אונדזערע ברידער, דאָס גאַנצע הויז פון ישראל, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער נויט און דער געפאַנגענשאַפט; סיי אויפן ים און סיי אויף דער יבשה...) — — — ווו איז ער היינט? ווו זענען זיי אַלע? ווי אַזוי זענען זיי דאָס נעלם געוואָרן אין משך פון געציילטע יאָרן?

אַז ס׳איז געקומען פאַרנאַכט און כ׳בין געגאַנגען מיטן זיידן מקבל שבת זיין אין שטיבל אַריין, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס שטיבל אַליין

איז שוין אויך נישטאָ; ס'איז אַוועק מיטן פייער בעת דער לעצטער שרפה. אַצינד האָבן די געבליבענע חב"דער חסידים געדאַווענט אין נישט־פאַר־ענדיקטן הויז פון אַן אָרעמען סטאָלער און געטרייען חסיד. אין דעם דאָזיקן יאָ־הויז און נישט־הויז האָט מען נאָך אפילו נישט געהאַט אַוועק־גענומען די רושטאָוואַניעס. עס האָבן זיך נאָך דאָרט געוואַלגערט שפּענער און סטרוזשקעס און אַ וואָכעדיקע אָרעמקייט האָט געיאָגט פון אַלע זייטן. די מתפּללים דאָרט האָבן אויסגעזען אַזוי ווי צופעליק איבערגעבליבענע נאָך עפּעס אַ מהומה... נישט צוגעפּאַסט איינער צום אַנדערן און אָן קיין שום אייגענעם סטיל. בלויז דעם זיידנס געשטאַלט האָט זיך אַרויסגעהויבן מיט נאָך מער וווּנדערלעכער יום־טובדיקייט און מיט פייערלעכער עקשנות, וואָס איז איינציק אין איר מין.

ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג וועל איך געדענקען דעם זיידנס קבלת שבת פון יענעם פרייטיק צונאַכט. דער זיידע איז געשטאַנען אַ הויכער און אַ דאַרער און דער דינער גאַרטל איבער דער לאַנגער זיידענער, שוואַרצער קאַפּאָטע האָט צוגעגעבן נאָך מער אויסגעצויגנקייט צו זיין גראָדער געשטאַלט, וואָס האָט אינגאַנצן געצויגן אין די הייכן. אַזוי ווי אויף די שפּיץ־פינגער איז דער געוויקסיקער זיידע געשטאַנען און זיינע באַוועגונגען ווי זיינע צעזונגענע ווערטער האָבן זיך געריסן אַלץ העכער און העכער; אפילו זיין גרויע שפּיציקע באָרד האָט העל אַרויפגעשיינט און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען ווי אַ גרויס אָנגעצונדן, וואַקסן ליכט ערב יום־כפּור... אין דער דאָזיקער גליענדיקער תּפילה, וואָס איז געווען איין שטיק איינגעהאַלטן פייער, און האָט זיך געטראָגן פון די נפש־טיפענישן פון האַרצן גלייך צום מקור פון אַלדע טרייסט — איז פאַר אונדזער אַלעמענס אויגן, און קודם־כּל פאַר מיינע דורשטיקע אויגן וואָס האָבן זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון אים, פאַרגעקומען די איבערבעטונג פון שטרענגן זיידן מיט מיר, זיין ייִנגלשן קעגנער פון אַלע יאָרן. און פאַר־געקומען איז דאָס איבערבעטן אָן קיין שום דבורים, בלויז מיטן כּוח פון זיין געהויבענער תּפילה און מיט דער מאַכט פון מיין אינערלעכער שותפות צו אים — אָן רייד און אָן וויכּוחים.

מעשה שטן זענען די באַדינגונגען פון מיין באַזוך געווען אַזעלכע, אַז זיי האָבן געקענט שווערער מאַכן און פאַרפּלאָנטערן אונדזערע באַציונגען!

מיינע חברים אין שטעטל האָבן זיך דערוווּסט אַז איך בין דאָ און אַז איך פאָר קיין ארץ ישראל, האָבן זיי איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג לכבוד מיר, מודיע געווען וועגן דעם אין פּלאַקאַטן און מיין נאָמען האָט זיך אַראָפּגעזען פון אַלע ווענט. האָט דאָס נישט געקענט בלייבן קיין סוד פאַר מיין זיידנס אויגן און פאַר די אויגן פון זיינע גוטע פריינט. האָב איך געציטערט אַז מיין באַזוך זאָל חלילה נישט נאָך מער פאַרשאַרפן די דערווייטערונג צווישן אונדז. אָבער די דאָזיקע טיפע תפילה און מיין שטיל איינהערן זיך אין איר האָבן אַזוי ווי אָפּגעשטויסן יעטווערן תהום. איך האָב פון איר אַרויסגעהערט דעם זיידנס ווײ־געשריי איבער זיין גרויזאַמער איינזאַמקייט, איבער דער טייערער וועלט וואָס גייט אומברחמנותדיק אונטער און זיין טיפן וויטיק וואָס אַזעלכע נאָענט־צונויפגעוועפטע קרובים זענען צווישן זיך אַזוי דערווייטערט... איך האָב אָבער אויך אַרויסגעהערט פון איר זיין שטאָלץ קלאַמערן זיך אין דער לויטערקייט וואָס קען נישט אויסגעטוישט ווערן; אויף דער בשותפותדיקייט וואָס לאָזט זיך נישט צעטיילן און ער האָט מיט איר אויך אָפּגעגעבן זיין ברוייזיקן דאַנק פאַרן גרויסן גליק, וואָס איז פאַר אים אויפגעהיטן געוואָרן מיטן דירעקטן קשר צווישן זיין נשמה און דעם מקור פון ברכה... זיין גאַנץ דאַווענען האָט געפּלאַקערט פון גליק איבערן נצח ישראל, וואָס קען זיך נישט צעברעקלען צווישן די דורות — און ער איז געווען פול מיט שמחה דערויף, וואָס מיין נפש איז נאָך דערפאַר אַלץ געקנופּט מיט זיינעם... זינגט נאָך־היינט אין מיר דאָס געזאַנג, אַזוי ווי איך האָב עס געהערט אין יענעם ערב שבת פון דיין מויל, טייערער און אומפאַרגעסלעכער זיידע! דו האָסט אויסגעגאָסן דיין האַרץ פאַרן פאָטער דיינעם אין הימל און עס האָט אויך אָפּגעקלינגען אין די אויערן פון דיין אייניקל אויף דער ערד:

„— — — מקדש מלך — עיר מלוכה\
קומי צאי מתוך ההפכה —\
רב לך שבת בעמק הבכא —\
והוא יחמול עליך המלה — —\
— — — לא תבושי ולא תכלמי —\
מה תשתוחחי ומה תהמי\
בך יחסו עניי עמי\
ונבנתה עיר על תלה — — —

נאָך די דאָזיקע טרייסט־ווערטער, וועלכע לאָזן נישט אַריינזינקען אין דער פאַרצווייפלונג — און זאָגן צו אַז אַלץ וועט נאָך גוט ווערן — איז ער אַריין אין אַ פולשטענדיקער פרידנהאַפטיקייט אַריין. מיט אַן אויבער־שטער פאַרשטענדעניש און אַנטשלאָסענער איבערגעבענקייט האָט דער זיידע אויסגעבראָכן מיט אַ דאַנק־זמר, וואָס האָט זיך האַרציק־ריטמיש געקייטלט מיט פאַרווונדערטער דאַנקבאַרקייט:

„...ווייל דו האָסט מיך דערפרייט, גאָט מיט דיינע ווערק,
פאַר דער טואונג פון דיינע הענט וועל איך זינגען.
ווי גרויס זענען דיינע מעשים, גאָט!
ווי טיף זענען דיינע טראַכטונגען!
אַ מענטש וואָס איז אויסגעליידיקט — ווייסט עס נישט —
און אַ נאַר וועט עס נישט פאַרשטיין — — —".

זיידע ווונדערלעכער! צי ווייסטו דען וואָס דו האָסט מיר ירושה געלאָזט מיט דיין מתנהדיקער תפילה — בעת זי האָט אַראָפּגענידערט ביז די האַרץ־טיפענישן פון דיין אויפגערודערט איינִיקל, צום אייביקן אָנדענק?!

...און נאָך אַ מתנה האָט מיר דער זיידע געשענקט בעת מיר האָבן זיך צעשיידט. די דאָזיקע מתנה, וואָס לאָזט זיך גאַרנישט אָפּשאַצן, האָט ער מיר דערלאַנגט ממש אין די לעצטע מינוטן, איידער דאָס וועגעלע מיינס האָט גערירט פון אָרט. דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג און מוצאי שבת — אויף וויפל מיינע חברים האָבן מיך צורו געלאָזט — האָב איך זיך פון אים נישט אָוועקגערירט. ווי ווייט איך געדענק, האָבן מיר גערעדט וועגן פאַמיליע־זאַכן און נישט באַרירט די פונקטן, ביי וועלכע מיר זאָלן זיך דאַרפן מתווכח זיין. מיר זענען ביידע צופרידן געווען וואָס איך קען נאָך באַווייזן צו זיין אַ מיטשמועסער זיינער, הגם איך בין געווען מער צוהער־רער ווי שמועסער. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן מיט אַ זיכערער קלאָר־קייט: סיי ווען ער רעדט פון לומדישער „נגלה", סיי ווען ער שמועסט מיט די שטיבל־מתפללים, סיי ווען ער רעדט אין לערנען מיט די ישיבה־בחורים וואָס זענען געקומען צו אים אַהיים און סיי ווען ער זינגט פאַר זיין באַשעפער זמירות — צילט ער מיט די אַלע רייד אומדירעקט צו מיר. דאָס גיט ער זיי אַן אויפגאַבע אַריינצודרינגען אין מיין האַרץ מיט זייער גאַנצן פאַרנעם און ריח... האָב איך טאַקע צעעפנט מיין גאַנץ האַרץ פאַר זיי אין דער גאַנצער ברייט.

זונטיק אין דער פרי, ווען דער בעל־עגלה איז געקומען נעמען מיין וואַליזע, האָט דער זיידע אָנגעטאָן זיין זומער־מאַנטל (ס׳איז געווען אַ הייסער, תמוזדיקער פרימאָרגן) געעפנט זיין זון־שירעם און ער איז אַרויסגעגאַנגען מיך באַגלייטן צופוס ביז הינטער דער שטאָט. אויפן וועג, נאָך עטלעכע אָפּשטעלונגען און שהיות, האָט ער צו מיר געזאָגט אומגעפּער אַזוי:

— מיין קינד, דעם ניגון פון דעם „אַלטן" רבין קענסטו דאָך גוט? וועל איך דיר דערציילן וואָס איך האָב געהערט יינגלווייז פון אַלטע חסידים, וואָס זענען געווען איינגייער ביי אים אין שטוב, וועגן דער באַזונדערער אייגנשאַפט פונעם דאָזיקן ניגון:

עס טרעפט אַז אַ מענטש וויל זיך דערמאָנען אין אַ ניגון, וואָס אין פלוג קען ער אים געענדי און ווי געהעריק. נאָר דער ניגון באַהאַלט זיך אויס פון אים און ער קען אים נישט צוריקברענגען אין זכרון, כאָטש ער שטרענגט זיך דערביי גאָר שטאַרק אָן. עס טרעפט אָבער אויך אַז אַ געוויסער ניגון פאַרכאַפּט אַ מענטש און ער הערט אים נישט אויף אונטערצוברומען אין זיין געדאַנק, אפילו דאַן ווען ער זוכט אים נישט, האָט אים נישט אין זינען און ער האָט פון דעם ניגון נישט קיין הנאה. איןביידע פאַלן באַווייזט עס, אַז דער דאָזיקער ניגון — ווי ווערטפּול ער זאָל פאַר זיך אַליין נישט זיין — איז ער נישט פון זעלבן נשמה־שורש וואָס זיין זינגער. דער מענטש געהערט צו אַ באַזונדערער וועלט און דער ניגון איז ווידער אַ וועלט פאַר זיך. עס מאַכט זיך אָבער אַמאָל, אַז דער ניגון קומט תיכף אין יעדער צייט וואָס דער מענטש רופט אים אַרויס. דערביי פאַרשאַפט ער הנאה דעם מענטש יעדעס מאָל וואָס דער ניגון קומט צו אים. דאָס איז אַ צייכן אַז דער ניגון איז זיינער און זיין נשמה־שורש איז גענומען פון זעלבן מקור, פון וועלכן עס ציט זיך דער וואָרצל פון באַגערטן ניגון...

און דער זיידע האָט צוגעגעבן דערצו:

„און איצט זאָלסטו וויסן: מיר האָבן אַ חזקה אין אונדזערע הענט אַז דער ניגון פונעם „אַלטן" רבין איז פון יענעם נשמה־שורש, פון וועלכן עס שטאַמען אַלע נשמות פון די חב״דער חסידים; אַזוי זיי און אַזוי זייערע

אייניקלעך און אור־אייניקלעך ביזן סוף פון אַלע דורות. ווען עס טרעפט אָבער, אַז אַן ערלעכער חסיד אָדער זיין קינד ווילן זיך דערמאָנען אינעם ניגון און דער הייליקער ניגון באַהאַלט זיך פון אים אויס; ער זוכט אים נאָך אויף אַלע שטעגן פון זיין מוח און דער ניגון ווידערשפּעניקט און מאַכט אומזיסט זיין זוכן — איז אַ סימן, אַז אין דער מינוט זענען זיינע וועגן פון לעבן פאַרדרייט געוואָרן... דאַרף ער מפשפש במעשים זיין און תשובה טאָן... נישט אומזיסט, מיין קינד, ווערט דער דאָזיקער ניגון פאַרגעסן פון האַרץ! ער איז פאַר אונדז אַ מתנה און אַ פּרווו־שטיין. געדענק דאָס גוט, מיין זון! — — —

און בכדי מקיים צו זיין דעם מאמר „הנפטר מחברו אל יפטר ממנו אלא מתוך דבר הלכה" האָט ער מיך ראַפּטום אַ פרעג געטאָן — זעענדיק ווי דער בעל־עגלה איילט מיך אונטער — אַ האַרבע קשיא אינעם ענין תרומה פון ארץ־ישראל פירות. דערנאָך האָט ער פאַרענטפערט די קשיא מיט אַ רמב"ם, וואָס ער האָט ערשט די היינטיקע וואָך דערזען. דאַן האָט ער מיר אַ קוש געגעבן אין מויל און — דער וואָגן האָט אַ ריר געטאָן — — —

אַ סך יאָרן — און שטורעמדיקע — זענען פון יענער צייט אַן אַדורך. אָבער דעם זיידנס געשטאַלט, ווי ער שטייט אין מיטן אַ תמוזדיקן טאָג אונטער אַ זון־שירעם אויפן מיטן וועג, נאָך דעם ווי ער האָט זיך איבערגעבעטן מיט זיין צעקריגט אייניקל, זע איך נאָך איצט. איך זע ווי זיינע ליפּן פּרעפּלען נאָך די געזעגענונגס־ברכה, זיינע פייכטע אויגן קוקן גלאַנציק אין דער זייט פונעם וואָגן, וואָס דערווייטערט זיך פון אים אויפן וועג צום לאַנד פון זיינע גלוסטעניש און פון זיין גאַנצן פאָלקס בענקשאַפטן — דאָס איינציקע פאָלק וואָס איז סיי זיינס און סיי זיין אייניקלס... לויכט נאָך זיין לויטער, העל געשטאַלט אין מיין האַרץ כל זמן דאָס האַרץ וועט נאָר האָבן כוח אויסצוטראָגן ליכטיקייט אין זיך...

און זיין וווּנדערלעכע מתנה — איז פאַר מיר אַ מתנה ביזן היינ־טיקן טאָג.

ווייל יעדעס מאָל, אין מיטן מיינע לעבנס־פּלאָנטערן און די אַנדערש־

קייטן פון מיינע טעג, ווען איך וויל זיך דערמאָנען אינעם ניגון פון אַלטן רבין — און דער ניגון איז אַזוי גוט מיר צו ענטפערן און ער קומט צו מיר מניה וביה — אַנטלויפט באַלד מיין צעטומלעניש און עס באַהערשט מיך אַן אינערלעכע זיכערקייט. האָב איך באַלד אַ צייכן אַז מיין וועג איז אַ גלייכער — גיי איך ווייטער אויף מיין באַשטימטן וועג מיט מער מוט... און אין מיין נשמה ווערט דאַן אויסערגעווײנטלעך רויק...

# דאָס ליכט וואָס זי האָט פאַרזייט

„ליל ירח אחד ואורו זרוע...״
רחל

## א. די פּאַסטושקע אין פרימאָרגן

פופצן יאָר זענען אַוועק זינט יענער נאַכט, ווען מ׳האָט מיר טעלעפאָנירט פון „הדסה״־שפּיטאָל אין תל־אביב, אַז די דיכטערין רחל איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אייביק — און ווען איך וואָלט גאַנצע פופצן יאָר נאָכאַנאַנד נישט געוווּסט אויף געוויס, אַז רחל איז באמת נישטאָ מער מיט אונדז, וואָלט איך זיכער געווען, אַז היינט ביינאַכט האָט זי מיך באַזוכט אין „הדסה״־שפּיטאָל, וואָס אין ירושלים, איז געזעסן אָט־דאָ לעבן מיין בעט, אין וויג־שטול וואָס אַנטקעגן מיר, און האָט געהאַלטן מיין האַנט צווישן אירע הענט.

איצט מוז איך מיך איבערצייגן, אַז דאָס האָט נאָר מיין פאָרשטעלונג מיך פאַרפירט און אַרויסגעצויבערט די דאָזיקע לעצטע באַגערטע טרעפונג אונדזערע. אָבער אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז אָפּגעהיט אין מיין זכרון מיט אַ ליכטיקער קלאָרקייט און אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן וועל איך טראָגן אין מיין האַרצן אַלע אירע פּרטים.

ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב זיך דערוווּסט — אַ סך יאָרן שפּעטער — אַז אויך זי האָט אָפּגעהיט אין איר האַרצן, ווי אַ ליכטיקע דערינערונג, אַלע קלייניקייטן פון יענער קורצער, ווונדערבאַרער טרעפונג. און בשעת מעשה אין יענעם שבת בין איך דאָך אַזוי זיכער געווען, אַז זי האָט איר גאַנצע שטורמישע אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען

די אַנדערע חברים אַרום, אַזוי אַז זי האָט כלל נישט באַוויזן צו האָבן אַ פרייע מינוט אויך פאַר מיר, דעם נייעם און יונגן, וואָס איז ערשט נעכטן דערשינענען און צומאַרגנס איז ער פאַרשווּונדן. איך בין דאַן געווען איבערגעצייגט, אַז זי האָט מיך כמעט ווי נישט באַמערקט. דאָס דאָזיקע געפיל האָט מיר דעמאָלט פאַרשאַפט אַ סך ליידן, כאָטש נישט צוליב איר בין איך דאַן אַרויף אין דער פאַרם כנרת און הגם איך האָב גאָרנישט געוווּסט וועגן איר, ווען איך האָב זיך אַהינצו געלאָזט גיין. איך בין אַהינגעגאַנגען כדי זיך צו טרעפן מיט בערלען. אַ סך האָפענונגען האָב איך געלייגט אויף יענעם געשפּרעך — מיין ערשטער — מיט בערל כצנלסון. און געקראָגן האָב איך פון יענעם געשפּרעך אַ סך מער ווי איך האָב דערוואַרט.

עס האָט אָבער אַזוי פּאַסירט, אַז רחלען האָב איך אין יענעם פרייטיק באַגעגנט נאָך איידער איך האָב באַגעגנט בערלען. און עס האָט זיך אויך געמאַכט, אַז צומאָרגנס נאָך מיין לאַנגן שמועס מיט בערלען, ווען ער האָט צוגעגרייט אונדזער שבתדיקע נסיעה אין אַ לאָדקע איבערן ים כנרת כדי מיר צו ווייזן די בערג פון גולן, איז אויך רחל געווען מיט אונדז אין דער לאָדקע און דעם גאַנצן שבת איז זי געווען מיט אונדז: ווען מיר זענען אַרויפגעשטיגן אויף יענע וויסטע אוראַלטע בערג, וואָס אויף דער אַנדערער זייט כנרת. און ווען מיר האָבן זיך צוזאַמען געשיפט אין יענער לבנה־נאַכט איבער די וואַסערן פון ים כנרת, אויפן וועג צוריק אין דער פאַרם.

ווי דערשטוינט בין איך געווען צו הערן, ווי קלאָר רחל האָט גע־דענקט יענע לאָדקע, יענע בערג און דעם „בונד פון עכאָ", וואָס די אַלע פאַרלאָפענע טעג האָבן אים נישט געקענט בייקומען. אָבער אויך זי וואָלט אוודאי געווען איבערראַשט, ווען זי וואָלט געהערט אַז נאָך פאַר יענער לאָדקע האָב איך זי שוין געהאַט געזען, נאָך איידער איך האָב געוווּסט ווער זי איז און וואָס זי איז. נאָך פאַר דעם „עכאָ" איז דער בונד גע־שלאָסן געוואָרן.

ס'איז געווען אין אַ באַגינען פון אַ הייסן זומערדיקן טאָג, סוף אב (תרע"א), ערב יענעם שבת. אַרום און אַרום בין איך דאַן געווען אין לאַנד ביי דריי וואָכן. פאַר דער צייט האָב איך נאָר באַוויזן זיך אַרומ־

צוקוקן איין טאָג איבער יפו, האַלטן שבת אין ראשון לציון, אַרומצורייזן איבער די מושבות פון יהודה און אָפריכטן תשעה באב ביים כותל המערבי; עטלעכע טעג האָב איך זיך פאַרזאַמט אין דער רעדאַקציע פון „אחדות" אין ירושלים, ווו ברענער האָט געשמייכלט איבער מיין „דבקות", און צוזאַמען מיט כאַשין, זרובבל און רחל ינאית האָבן מיר זיך דערמאָנט אָן די ווילנער טעג, וואָס שוין דעמאָלט זענען זיי אונדז פאָרגעקומען אַזוי וויַיט־וויַיט.

און אָט לאָז איך זיך צוזאַמען מיט יצחק אחדותי אין גליל אַרויף. יצחקן האָב איך איבערגעלאָזן אין מרחביה. קורץ נאָכדעם האָט ער דאָרט געפונען אויף אַ טראַגישן אופן זיין אייביקע רו. מרחביה איז באַשטימט געוואָרן אויך אַלס מיין אַרבעט־פּלאַץ. אָבער איידער איך האָב זיך געשטעלט אַרבעטן, בין איך אַוועק איינער אַליין קיין צפון, כדי זיך צו זען מיט בערלען אין כנרת.

אין לאַנד זענען געשטאַנען הייסע טעג. אַזוי ווי איך בין נישט געוווינט געווען צו דער שווערער היץ — כ'בין דאַן געקומען פונעם צפון־לאַנד, פון דער הויפּטשטאָט וואָס אויף דער ניעוואַ — האָבן מיינע חברים מיך געראָטן צו גיין אין די נעכט און אין די באַגינענס. איך בין דאַנקבאַר געווען מיינע חברים פאַר דער דאָזיקער גוטער עצה. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט דאָס לאַנד זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט מיט דער גאַנצער סודותדיקייט פון זיין שיינקייט און מיט יעדן טריט וואָס איך האָב געשטעלט אין די קילע פאַרטאָגן איבער די וויסטע שטעגלעך איז אַריינגעקריצט געוואָרן אַ נייער אות אין יענעם בונד פון לעבן, — אין דעם אוראַלטן בונד, וואָס איז באַנייט געוואָרן צווישן לאַנד פון די אבות און איינעם פון זייערע זין, אַ יונגן בחור, וואָס איז צוריקגעקומען פון דערווייטנס, פון עפּעס אַ פאַרהונגערטן פראָנט, פול מיט פּלאָנטערן און קאָמפּליקאַציעס איז ער צוריקגעקומען, מיט אַ שאַרפן דורשט נאָך טריישאַפט אין האַרצן, מיט אַ תפילה אויף די ליפּן, אַז ער זאָל טאָן דאָס געהעריקע און ריכטיקע, און מיט אַ ציטערנדיקער דערוואַרטונג אויפן נס, וואָס האָט דאָ געדאַרפט געשען.

ווער איך דען ווען־נישט־איז פאַרגעסן ווי איך בין אַרויפגעשטיגן בייַנאַכט אויפן באַרג תבור? די פאָריקע נאַכט בין איך אַרומגעגאַנגען צו־

זאַמען מיט יוסף נחמני אַרום דער מויער פון ימה. איין מאָל און נאָך אַמאָל האָבן מיר בודק געווען יעדע פּאַרטקע אין הויף און יעדע לאָך אין פּאַרקאַן. ווי אַ רעקרוט, טאַקע גאָר ווי אַן אַמאַטאָר, בין איך אין משך פון איין נאַכט, מעשה טוריסט, געווען זיין שותף אויף „שמירה״. צומאָרגנס בין איך געשלאָפן דעם גאַנצן טאָג און ביינאַכט בין איך אַרויפגעשטיגן אויפן תבור.

אַרויפגעשטיגן בין איך? אויף אַלע פיר בין איך געקראָכן. אַלע מיינע יונגע כוחות האָב איך אָנגעשטרענגט אין געראַנגל מיט דעם דאָזיקן באַרג, ביז איך בין אים ביגעקומען. פון אונטן זעט דער תבור אויס גלאַט און קיילעכדיק. אָבער ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן קלעטערן אַזוי איז די שלווהדיקע אומשולד פון קופּאָל געוואָרן פאַרפּירעריש און אָפּנאַ־רעריש. ווו מיר גאַנצקייט, וואָס מיר שלווה — נאָר שפּאַלטן און לעכער, בערג און טאָלן און היילן, אַ באַרג קעגן אַ באַרג און אַ באַרג איבער אַ באַרג און נאָך יעדן באַרג ווידער אַ באַרג. און די סטעזשקעס זענען שמאָלע, זיי שלענגלען זיך, קלעטערן אין דער הויך, לאָזן זיך אַרונטער און פאַרלירן זיך אין דער בלאַסער שיין פון דער לבנה. אין מיינע אויגן איז דער אויפשטייג איצט געוואָרן ווי אַן אויפגאַבע, ווי אַ מוז, ווי נאָר צוליב דעם בין איך אַהערצו געקומען און ווי די גאַנצע ישועה וואָלט דאָרט אויבן געוואַרט אויף מיר. כ׳האָב זיך נישט אויפגעהערט צו ראַנגלען און ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, בין איך געווען אויפן סאַמע שפּיץ באַרג. און ווי גרויס און ביטער איז געווען מיין אַנטוישונג, ווען איך האָב אויפן שפּיץ באַרג געטראָפן נאָר... אַ פּראַוואָסלאַווענעם פּאָפּ מיט אַ גרויסן צלם אויפן האַלדז — — —

צומאָרגנס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ לייכטער ברוי־קירטער וועג, וואָס פירט צום שפּיץ באַרג, און אַז איך האָב מיר געקענט איינשפּאָרן מיין גאַנצע מי. און אַ סך יאָרן בין איך דאַנקבאַר געווען דעם צופאַל, וואָס איך האָב נישט געוווּסט פון יענעם לייכטן אויסברוקירטן וועג און וואָס איך האָב געמוזט דעראָבערן דעם תבור אויף מיין אייגענעם דרך, מיט דעם שווייס פון מיין אָנגעזיכט — און זינט דעמאָלט ביז צום היינטיקן טאָג איז פאַר מיר נישטאָ אַזאַ באַרג ווי דער באַרג תבור.

די צענטראַלע פּונקטן, וואָס אונדזער דור האָט געהאַט איבערן לאַנד,

האָבן זיך אָפּט געביטן. אין יענער צייט איז דער פּונקט פון אַלע פּונקטן געוועזן אין מיינע אויגן — כנרת. ס׳איז דאָרט אָקאָרשט פאַרענדיקט גע־וואָרן בערמאַנס שטרייק און די זעלבסטשטענדיקע קבוצה איז אויפגע־שטעלט געוואָרן; חנה מייזלס לערן־פאַרם האָט זיך דאָרט דעמאָלט גע־פונען; אַהינצו איז עולה געווען מיין חבר יוסף זאַלצמאַן, דער אַלטער פּועלי־ציוניסט, אַן אַרעסטאַנט פון סיביר, וואָס אַנטלויפנדיק פון געפענ־גענישׁ איז ער אויפן וועג אָפּגעטראָטן אין ווילנע און האָט מיט מיר צוזאַמען איבערגענעכטיקט אין מיין בעט — צומאָרגנס האָבן מיר אים געהיימערהייט אַרויסבאַגלייט קיין ארץ ישראל; און דאָרט איז אויך גע־ווען בערל. מיט בערלען האָב איך זיך נאָך פּערזענלעך נישט געקענט, כ׳האָב אָבער אַ סך געהערט וועגן אים. עס האָבן מיר דערציילט וועגן אים מענטשן פון באָברויסק, אונדזערע געמיינזאַמע נאָענטע פריינט און איך האָב געוווסט, אַז אויך ער האָט געהערט וועגן מיר. איך האָב גע־ווּסט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַן עסעסאָוויעץ און אַז ער איז אַצינד אַ ציוניסט, אַז ער האָט זיין אייגענע תורה וועגן קבוצה־לעבן, אַז ער קרי־טיקירט אַ סך און אַז ער פירט זייער שאַרפע וויכוחים מיט מענטשן, וואָס זענען מיר ליב און טייער. כ׳האָב אויך געוווסט וועגן דעם שווערן טיפוס, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פאַר זיין עליה, און אַז מען האָט געזאָגט, אַז די דאָזיקע קראַנקהייט האָט אים „אינגאַנצן אויסגעלייטערט פון זיין גלותיזם״; וועגן זיין נייעם לעבנס־שטייגער — דאָס לעבן פון אַן ערד־אַרבעטער אין אַ קבוצה — אַ וועג וואָס ער אַליין גייט אויף אים און אויף וועלכן ער פירט אַנדערע. אין האַרצן האָב איך עס אַ נאָמען געגעבן: דער דרך פון כנרת.

מיט אַ ציטער אין האַרצן האָב איך זיך געלאָזט גיין אין דער נאַכט, דעם וועג אַנטקעגן.

און לענגאויס דעם וועג — דעם ברעג פון ים כנרת. איך בין נאָך דאַן זייער נאָענט געווען צו ספרים און ביכער, כ׳בין אָקאָרשט אַרויס פון דער סביבה פון די חכמי ישראל. אַ ביסל האָב איך זיך באַשעפטיקט מיט דער געשיכטע פון בית שני און אויך עפּעס פון דער עוואַנגעליע־קריטיק האָב איך געהאַט געלייענט. די געשטאַלטן פון דער פאַרגאַנגענ־הייט האָבן געלעבט אין מיין נשמה און דעריבער האָב איך אין יענער

נאַכט אַזוי גוט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון דעם כנרת און דעם געמורמל פון זיינע וואַסערן, און די שאַטנס וואָס האָבן מיך באַגלייט אויפן וועג, זענען מיר פאָרגעקומען ווי אַלטע באַקאַנטע, וואָס טויכן אויף פון די נעפּלען פון פאַרצייטנס און באַלייכטן, ווי פאַקלען, די פינצטערניש פון דער נאַכט.

עס האָט שוין געגרויט אויף באַגינען, ווען אויבן, אויף אַ בערגל, האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט דער הויף פון דער פאַרם כנרת. איך האָב זיך געלאָזט אַהינצו און וואָס מער איך בין אויפגעשטיגן אויפן בערגל אַלץ מער האָט דער כנרת זיך אויסגעברייטערט אונטן אין טאָל און געשיינט מיט דער לויטערער שלווהדיקייט פון זיינע בלויע וואַסערן. דער הויף פון דער קבוצה איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פאַרקאַן. מיינע אויגן האָבן געזוכט דעם טויער פון אַריינגאַנג. אָבער איידער איך האָב נאָך באַוויזן צוצוגיין צום צוים, האָט עמעצער פון אינעווייניק אויפגעמאַכט דעם ריגל פון טויער און אַ לעבהאַפטער, קוואַקענדיקער טומל האָט אַ שטראָם געטאָן פון הויף. און דאָס ערשטע וואָס מיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט איז געווען אַ וווּנדערלעכער כאָר פון גראַגערנדיקע עופות, וואָס ווערט דיריגירט דורך אַ קלינגענדיקן קלאָרן העברעיִש. די מענטשלעכע באַפעלערישע שטימע האָט ווי באַצויבערט. אַ פאַרגאַפטער בין איך שטיין געבליבן און זיך צוגעהערט.

און אָט האָט זיך צעעפנט דער טויער און אַ סטאַדע ווייסע קאַטשקעס האָט זיך אַרויסגעלאָזן אין אַ לאַנגער שערענגע און מיט אַ גראַגערנדיקן ליאַרעם זיך צעשאָטן איבערן בערגל. און הינטער דער סטאַדע האָט געשפּאַנט אַ שלאַנקע, בלוי־אויגיקע פאַסטושקע אין אַ ווייסן קלייד. לייכט האָט זי געשפּרייזט ווי אַ קינד און שיין איז זי געווען ווי די כנרת. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ פאַלמען־צווייג. מיט אַ זינגעוודיקן העברעיִש האָט זי מיטן אויפלעבן פון באַגינען אַרויסגעפירט די סטאַדע קאַטשקעס פון דער כנרת־פאַרם אויף פאַשע. מיט דעם גרינעם סצעפּטער אין איר האַנט, מיט איר וואַרעמער יונגער שטימע און מיט דער עלאַסטישקייט פון איר פלאַטערנדיקן גוף האָט זי צאַרט און קרעפטיק באַהערשט דעם ליאַרעם, וואָס האָט איצט אָפּגעהילכט אין אַלע זייטן.

מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן הינטער דעם פאַרקאַן, ביז די גאַנצע ווייסע קאַראַוואַנע איז פאַרבייגעגאַנגען.

די דאָזיקע פאַסטושקע איז געווען די דיכטערין רחל — — —

## ב. דער בונד פון עכּאָ

און ווי ס׳האָט זיך מיר דעמאָלט אויסגעדאַכט האָב איך געהאַט גענוג גרונט צו האַלטן, אַז זי שענקט מיר כּלל קיין אויפמערקזאַמקייט נישט — נישט ווען מיר זענען אין יענעם שבת געווען אויף די בערג וואָס פון דער אַנדערער זייט פון די וואַסערן פון כּנרת און נישט ווען מיר האָבן זיך אין יענער לבנה־נאַכט צוזאַמען געשיפט אויף דער לאָדקע, צוריק אין דער פאָרם אַרייַן. דער איינדרוק, אַז אירע געדאַנקען זענען דער עיקרשט פאַרנומען מיט ב. כּ., האָט מיר כּלל נישט געשטערט. פאַרקערט, אין אַ געוויסן זין האָט ער אונדז אפילו דערנענטערט. מיר זענען ווי געוואָרן קינדער פון איין קליינער עדה, וואָס די ברכה פונעם עלטערן ברודער — אַ ברודער און גלייכצייטיק אַ לערער — שוועבט איבער איר, באַווירקט זי און האַלט זי צוזאַמען.

עס זענען אָבער געווען מיט אונדז אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרלאַנגט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. צוזאַמען מיט מיר, אויף דער זעגלבער שיף, איז געקומען אויף אַ באַזוך אין לאַנד איינער אַ יונגערמאַן, ז. מ., אויך אַ פּעטערבורגער, וועלכער איז געווען דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון דעם רוסישן חודש־זשורנאַל פאַר דערציִונג, וואָס די „חברה מפיצי השכלה בישראל״ האָט אַרויסגעגעבן. ווי איך האָב געהערט, איז ער אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרבליבן אין ראַטנפאַרבאַנד און איז געוואָרן איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער גרויסער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע. דעמאָלט, ווען מיר זענען געפאָרן קיין ארץ ישראל, האָבן מיר זיך באַפריינדעט און איך האָב אים זייער גערן געהאַט. בעת אונדזערע לאַנגע שמועסן אויפן דעק פון שיף האָט ער מערערע מאָל אַ זאָג געטאָן, אַז אויב זיין האַרץ וועט אין גאַנצן פאַרכאַפּט ווערן, וועט ער איבעררייסן זיינע פאַרבינדונגען מיט רוסלאַנד און וועט זיך באַזעצן אין ארץ ישראל. פון יענע געשפּרעכן האָב איך זיך דערוווסט, אַז ער

האָט אין לאַנד אַ פריינדין, וואָס שטאַמט פון זיין היים־שטאָט, אַ זייער באַגאַבטע מיידל, וואָס שוין מערערע יאָרן ווי ער האָט זי נישט געזען און אפילו גאָרנישט געהערט וועגן איר. אָבער איצט וועט ער זי אויפזוכן און געפינען — האָט ער געזאָגט.

ביים לאַנדן אין יפו האָבן אונדזערע וועגן זיך צעשיידט און אין משך פון מיינע ערשטע וואָכן אין לאַנד האָב איך אים מער נישט באַגעגנט. אין יענעם שבת האָב איך אים געטראָפן אין כנרת און ער האָט מיר דערציילט, אַז די באַקאַנטע, וואָס ער האָט געזוכט, איז נישט קיין אַנדערע ווי רחל.

און געווען איז מיט אונדז יענעם שבת אין די בערג אויך יוסף זאַלצ־מאַן, מיין „סיבירער" פריינט פון ווילנע, וועלכער האָט שוין באַוויזן זיך איינגאַנצן צו „אַסימילירן" אין לאַנד. אַ שומר איז ער פאַר דער צייט געוואָרן, אָבער טאַקע אַ שומר פון שומרים־לאַנד: וואָס רייט אין גאַלאָפּ אויף אַ פערד און טראָגט אַ גאַרטל מיט אַמוניציע אַרום די לענדן. פון דער נאַטור אַ העל־הויטיקער, האָט די ארץ ישראל זון אים אָפּגעברוינט. אַ שלאַנקער און פעסט־געבויטער קערפּערלעך און גייסטיק אַ שטאָלצער, אַ סענסיטיווער און פאַרטרוימטער איז ער געווען אַ שטיק פּראַכט. רחלס צויבער האָט געפאַנגען זיין האַרץ און ער איז נאָכגעלאָפן איר שאָטן — טאַקע ממש נאָכגעלאָפן, ווייל פּלוצלינג האָט רחל זיך באַ־האַלטן צווישן די פעלדזן און ער — דער געטרייער — האָט זיך אַזוי דערשראָקן טאָמער האָט זי פאַרבלאָנדזשעט צווישן די פרעמדע בערג, אַז ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין פערד און זאָגנדיק קיין וואָרט האָט ער אַוועקגאַלאָפּירט זי צו זוכן צווישן די פאַרריסענע פעלדזן. איבער צוויי שעה האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין דער שטיינערנער וויסטעניש, כדי צו זוכן אירע טריט. און זי איז דאָ דערווייַלע געזעסן מיט אונדז, ווי זי וואָלט גאָרנישט פאַרדעכטיקט. איך האָב דעמאָלט נישט געקענט פאַרשטיין די דאָזיקע ווילדונגערישקייט פון זיך רייצן מיט אַ גוטן פריינט און אים אַרויספירן פון די כלים.

און אָט האָט אויך יוסף זאַלצמאַן געפונען זיין רו — די מנוחה פון אַ שומר — אויף דעם אָרט וווּ ער איז דערמאָרדעט געוואָרן, נישט ווייט פון איר קבר.

אָבער דער הויפּט־„קאָנקורענט“, וואָס האָט איר גאַנצע נשמה אויפֿגעטרייסלט און האָט כמעט נישט געלאָזן קיין שטיקל אָרט פֿאַר „עפּעס“ אַנדערש, איז נישט געווען קיין איינער פֿון דער דאָזיקער גרופּע. געווען איז עס דער צויבער פֿון גליל און דער וווּנדערלעכער גייסט פֿון פֿאַרצייטנס — דער הערלעכער גייסט פֿון ישראלס קינדהייט — וואָס פּילט נאָך אָן די וויסטענישן פֿון יענע בערג, אויף דער אַנדערער זייט כנרת. זי אַליין, רחל, האָט אַכט יאָר שפּעטער, אין איר רוסישער נאָטיץ אין דער אָדעסער „יעווריעיסקאַיאַ מיסל“ געשריבן די פֿאָלגנדיקע דערהויבענע ווערטער וועגן יענעם אויספֿלוג:

מיר האָבן געשפּאַנט איבער דער ערד, וואָס היט נאָך אויף די פֿוסטריט פֿון אברהם אָבינו און מיר האָבן זיך צוגעהערט צום עכאָ פֿון גאָטס רייד אין די פֿאַרצייטיקע יאָרן: ‚ואגדלה את שמך‘, און איך וועל גרויס מאַכן דיין נאָמען (לויט ב. כ״ס. העברעיִשער איבערזעצונג אין „שירת רחל“, זייט קצ״ה).

וויסט און אָנגעוואָרפֿן הייבן זיך די בערג. זייערע שיפּועים פֿאַלן אַראָפּ ווי גלאַטע פֿעלדזן. זינט אייביקייטן האָט דאָ די זון אויסגעטראָטן יעדן פֿלאַנץ. אָרום און אַרום — קיין געוויקס, קיין בלום; נאָר געלע גרודעס, פֿאַרשרפֿטע אין דער היץ, און אייביקע פֿעלדזן, מיט פֿאַררייסענע שפּיצן צום הימל.

און אָט האָט בערל געפֿונען אין זאַמד אַ געטאָקטן קיילעכדיקן שטיין, וואָס האָט געהאַט אַ לאָך אין מיטן, ווי דער לויפֿער פֿון די וואַסער־מילשטיינער. האָט זיך בערל אָנועקגעשטעלט, האָט באַטראַכט דעם שטיין, אים אַרומגעריבן, אים געגנוי געפּאָרשט און בודק געווען און ער האָט אונדז אויספֿירלעך דערקלערט, אַז דער דאָזיקער שטיין איז אַ רינגעלע פֿון אַן אוראַלטער וואַסער־רער, וואָס מען פֿלעגט צוזאַמענשטעלן פֿון אַזעלכע שטיינערנע קלעפּקעס. יעדער איינער פֿון זיי איז גוט אַרומגעטאָקט געוואָרן ביים ראַנד, כדי עס זאָל גוט אַריינפּאַסן אינעם פֿאָלגנדיקן רינגעלע און זאָל זיך ווי געהעריק שליסן. אין דער אוראַלטער געשיכטע פֿון גליל זענען אַזעלכע רערן גוט באַקאַנט. און אָט זעט מען נאָך די סימנים פֿון ראַנד אויך אויף אונדזער געפֿונענעם שטיין. דאָס אַלץ איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז אויך דאָ, אין די בערג פֿון גולן, איז אַמאָל געווען אַ

באַוואַסערונגס־סיסטעם, אַז ס׳איז דאָ אַמאָל געווען אַ מענטשלעכער ישוב און אַז אַ ישוב קען דאָ אויפגעשטעלט ווערן.

אַמשטאַרקסטן האָט מיך באַאיינדרוקט דער געוואַלטיקער אונטער־שיד צווישן די בערגיקע הויכענישן און דעם טאָל צופוסנס. ער איז מיר פאָרגעקומען ווי אַ ווונדער פון דער נאַטור. אויבן, אויף די פעלדזיקע שיפועים ברענט דער טאָג ווי אַ קאַלך־אויוון, וואָס פאַרברענט און פאַר־טיליקט, און אונטן — אַ שפע פון לעבן, פייגל אוןביימער, קילע שאָטנס און בלומען. אַ קרישטאָלן טייכל שטראָמט אין וואדי און אַ לייכט ווינטל בלאָזט און דערפרישט; נאָר אַלטע באָקסער־ביימער — פאַרצווייגטע זקנים — רייסן זיך אויך אויבן אַרויס פון די בערג־שיפועים. זיי וואַקסן אָבער קרום, די באָקסער־ביימער, נישט אויבן־אַרויף וואַקסן זיי נאָר נאָך אונטן־צו, ווי אויך זיי וואָלטן קאָקעטירט מיט דעם טאָל און מיט דעם וואדי און געבויגן זייערע אוראַלטע קעפּ כדי אויפצוכאַפּן די שטיפערישע ברכה פון דער צעגרינטער וועלט וואָס צופוסנס.

דער געאָגראַפישער מרחק צווישן די דאָזיקע צוויי פאַרשידענע וועלטן איז זייער אַ קליינער. אָט האָט זיך רחל געפעדערט, איז אַרויפגעקלעטערט און האָט זיך אויסגעצויגן אויפן שטאָם פון אַלטן באָקסער־בוים וואָס אויפן סאַמע שפּיץ באַרג און פון דאָרטן — אָנגעטאָן אין ווייסן און באַגאָסן מיט ליכט — האָט זי זיך פונאַנדערגעזונגען. איר געזאַנג האָט אַ שטראָם געטאָן צו אונדז, צו דער קאָמפּאַניע, וואָס איז פאַרבליבן אין וואדי. און מיר האָבן יעדן קלאַנג געהערט, ווי זי וואָלט געשטאַנען נעבן אונדז. און נישט נאָר איר שאַלנדיק געזאַנג האָבן מיר געהערט — צו אונדזערע אויערן האָט זיך דערטראָגן דער מעכטיקער עכאָ, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין דער גאַנצער אַרומיקער וועלט. באַרג און טאָל האָבן אָפּגעענטפערט אין אַ פאַרצייטיקן ספרדישן העברעיִש, וואָס האָט זיך דאָ אויפגעהיט אין זיין גאַנצער ריינקייט.

מיר איז פאָרגעקומען ווי אונדזערע קדמונים, די פאַרצייטיקע פאַס־טוכער פון יהודה און די בתולות פון ישראל, וואָס פלעגן אַרויסגיין אין די בערג אין טעג פון טרויער און פרייד — ווי יענע יידישע יונגעלייט וואָלטן פאַר אונדז באַהאַלטן די אוצרות פון די העברעיִשע קלאַנגען מיט זייער קלאָרער שיינקייט און פינקטלעכער אויסשפּראַך אין די היילן פון

## שטערן פאַרטאָג

די פעלדזן ביז דער טאָג וועט קומען. און אַט האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָג. אַט רופט זיי רחל פון שפּיץ־באַרג און זיי פליִען אַלע אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און טראָגן זיך צו איר, קלאָרע ווי אין דעם טאָג ווען מ׳האָט זיי באַהאַלטן און פולע מיט פרייד ווי אין די פרילינגס־טעג פון פאָלק.

דער עכאָ האָט מיך באַרוישט ווי אַ שטאַרקער וויין. און ווי דער־שטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב זיבעצן יאָר שפּעטער געלייענט, אַז אויך רחל טראָגט נאָך אין האַרצן דעם זכר פון יענעם ווונדער:

„הד הרים צלול ועז<br>...הד הרים עתה כאז<br>זכר אזכר״.

און אין יאָר תרפ״ח האָט רחל געדענקט צו זאָגן עדות:

„הוא אומר לך ׳קולך כמקדם<br>קול רועים בהרי יהודה׳ ״<br>קול רועים בהרי יהודה׳ ״.

און אין מיין פּנקס פון יאָר תרע״ב האָב איך געפונען פאַרצייכנט:

„ועד ההד, השירה תעיד<br>כי יפעתה נשמרה,<br>מאז שולמית אל הידיד<br>פה בהרים שרה — —״.

איז דען אַ ווונדער וואָס אין האַרצן האָט זיך אויסגעוועבט אַ לע־גענדע וואָס נישט דער שטראָם פון דער צייט און אפילו נישט די מאַכט פון טויט האָבן זי נישט געקענט בייקומען?

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאָבאָקסבלאָט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה) (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגעניש‌ן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן
54) יצחק פערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56) שלום אַש — פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אַש — וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש — מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנ־גרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקא — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (**אויספאַרקויפט**)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (**אויספאַרקויפט**)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)
73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען (**אויספאַרקויפט**)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (**אויספאַרקויפט**)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (**זכרונות**)

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

**ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
**פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

## עס גרייט זיך צום דרוק:

**ב. מיכאַלעוויטש** — זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
**ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע דערציילונגען
**מנשה אונגער** — חסידות אין פּוילן און גאַליציע
**יוסף רייך** — זכרונות פון אַ פּאַרטיזאַן
**ד״ר יעקב וויגאָדסקי** — זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
**ד״ר גרשון לעווין** — דאָס בוך פון מיין לעבן
**ז. סעגאַלאָוויטש** — פּופּציק בריוו
**קאַדיע מאָלאָדאָווסקי** — אַמאָל איז געווען
**הערשעלע** — שבת אויפן טראַקט
**אברהם לעוו** — אַ ליד נאָך אייך
**משה זאַנשיין** — „יידיש וואַרשע״
**מיכאל מ. באָרוויטש** — אָרישע פּאַפּירן
**ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע—לאָדזש (**זכרונות**)
**י. הירשהויט** — נאַפט־מאַגנאַטן
**דניאל טשאַרני** — אַ ליטוואַק אין פּוילן
**אליהו דיזשור** — יידן לויפן פון פּוילן (**זכרונות**)

## פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

**משה גראָסמאַן** שרייבט וועגן יעקב לעשצינסקיס בוך „ערב חורבן״ („דאָס וואָרט״, תל־אביב, 20סטער יוני 1952):

דער קראַנקער קרעכצט און דער דאָקטאָר באַטראַכט, פאָרשט. אונ־דזער באַציִונג צום חורבן איז ווי פון אבלים. מ׳דאַרף אָבער פאָרשן די סיבות, כדי — זיי צו פאַרמיידן אויף להבא.

דער סאָציאָלאָג, פּובליציסט און שרייבער יעקב לעשצינסקי איז דער סייסמאָגראַף פון ייִדישן לעבן, זיין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מצב. ער האָט פאַרצייכנט די ערד־ציטער־נישן אין ייִדישן לעבן אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן. ממילא איז דאָס געווען אַ וואָרענונג, אַן אַלאַרם. אָבער וויפל קראַנקע הערן זיך צו צו די וואָרענישן פונעם דאָקטאָר?

„מען קען נישט פאַרשטיין די וואָרצלען פון דער גרויסער קאַטאַ־סטראָפע אָן אַ גרינטלעכער פאָר־שונג פון דער ערב־קאַטאַסטראָפע״. און דאָס פירט דורך יעקב לעש־צינסקי כמעט בלויז פּובליציסטיש, דערציילנדיק וועגן די פּאָגראָמען אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, באַגרינדעט אויף פאַקטן און מיט ציפערן. פאַר־וואָס האָט היטלער אויסגעקליבן פאַר דעם צענטראַלן ייִדישן קבר — דווקא פּוילן? אין 21 אייראָפּעיִשע לענדער איז געווען טעטיק די היטלערישע מאָרד־מאַשין, אָבער פּוילן, דער




ערגסטער שונא דייטשלאַנדס, איז דווקא געוואָרן דער ייִדישער מאַסן קבר. דער ייִדישער מאַסן־קבר איז געווען די שלום־טעריטאָריע, וואָס האָט פאַרייניקט ביידע פיינטלעכע פעלקער, די מערדער און די גע־

מאָרדעטע, וועלכע האָבן בײדע צוזאַמען געמאָרדעט — דעם ייִד.

אין פאָרוואָרט, זאָגט לעשצינסקי:

„מיר זאָלן זיך נישט אײַנרעדן אַז דאָס אַלץ איז עבר.. דער איצטיקער שטילער איבערפלאַך נאַרט אונדז שטאַרק אָפּ. נאַרט אונדז אָפּ און קען אונדז ביז גאָר טײַער קאָסטן״.

אויב מען מיינט אַז אַן עקאָנאָמיסט שרײַבט געוויינלעך טרוקן, קען מען זען אַז עס איז נישט אַזוי בלויז כאָטש פון דעם איינעם זאַץ:

„קול המון כקול שדי — און אַמאָל נישט כקול שדי, נאָר כקול שד אָן אַ „יוד״. דער פוילישער קול המון איז געווען אַזאַ קלאָר און אויסגעשפּראָכענער קול שד״.

יעקב לעשצינסקי איז אַן אַלטער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויסט, אין דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג. אַן אַקטיוויסט ווי אַ דענקער, פירער, רעדנער. שוין העכער 50 יאָר איז ער טעטיק ליטעראַריש. פאַראַיאָרן איז געפײַערט געוואָרן זײַן 75טער געבוירנטאָג. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געווען אין לאַנד ווי אַ גאַסט בײַ דער ירושלימער אוניווערזיטעט.

מיר איז אַ וווּנדער וואָס לעשצינסקי האָט געלאָזן אין זײַנע אַרבעטן נאָך אַזאַ מין שטעלע (זייט 29): „אין די פּאָגראָם־כוואַליעס פון איצטיקן פוילן (יאָרן 1936—1937) איז די צענטראַלע טרײַבקראַפט די אומ־מיטלבאַרע עקאָנאָמישע קאָנקורענץ״.

דאָס וואָרט „עקאָנאָמישע״ אונטערגעשטראָכן פון מחבר. איך מיין אַז וויפל ס'איז נישט געלעגן עקאָנאָמישער הינטערגרונט אין די אַנטי־ייִדישע עקסצעסן — איז אַלעמאָל געווען די פּשוטע, גוייִשע, שנאה וואָס איז אַזוי יאָרן געוואָרן אַרײַנגעטריפט אין זײַנע דמים, אין זײַן מוח. אָט די פוילישע, קריסטלעכע שנאה צום ייִד. אויף זייט 244 דערמאָנט לעשצינסקי דעם פאַקט וואָס פוילישע סאָציאַליסטן האָבן אין לאָדזש געשטימט קעגן אָננעמען ייִדישע סעזאָן־אַרבעטער לויט אַ פּראָצענט. זיי האָבן געשטימט צוזאַמען מיט די ענדעקעס, און די בונדיסטן האָבן געשטימט צוזאַמען מיט די בירגערלעכע ייִדישע ראַטמענער.

אויב פּערזענלעכער זכרון פון אַן אומגליק איז אַמאָל אַ שטערונג צום ווײַטערדיקן פרייען לעבן און געניסן, אַזוי איז נאַציאָנאַלער זכרון אַן אָבליגאַטאָרישע נויטיקייט. נישט פאַרגעסן וואָס עס איז געווען, זעען און געדענקען אין די סיבות, וואָס עס הייסט ממילא אויך קוקן גוט אויף די פינגער דער צוקונפט — בנוגע דעם גורל פון די ייִדן אין דער וועלט. און אין דערין העלפט צו יעקב לעשצינסקיס בוך „ערב חורבן״.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by:
**ZALMAN SHAZAR, JERUSALEM**

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA CINCO DE DICIEMBRE DE 1952, EN LOS TALLERES GRAFICOS ZLOTOPIORO HNOS. GASCON 1231 — BUENOS AIRES — . REPUBLICA ARGENTINA

ZALMEN SHAZAR

# LUCEROS DEL AMANECER

(SHTERN FARTOG)

Traducción del Hebreo por:
**MORDECHAI STRIGLER**

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA
EN LA ARGENTINA
BUENOS AIRES - 1952